STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10414

# ALE VERK

## Sholem Aleichem

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַלע ווערק פון שלום-עליכם

## קליינע מענשעלעך מיט קליינע השגות

שלום-עליכם פאָלקספאָנד אויסגאַבע—ניו-יאָרק, 1927

Copyright 1918 by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

# קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות

# אינהאלט


די שטאָדט פון די קליינע מענשעלעך . . . . . . . . 7
איין אָנגעלעגטער ברית . . . . . . . . . . . . 19
נחת פון קינדער . . . . . . . . . . . . . . . . 31
אַ פערשטעהרטע חתונה . . . . . . . . . . . . . . 41
נישט פאַר קיין אידען געדאַכט . . . . . . . . . . . 51
דרייפוס אין כתרילעווקע . . . . . . . . . . . . . 59
קיין עין־הרע ניט . . . . . . . . . . . . . . . 69
איהם מעג מען מקנא זיין . . . . . . . . . . . . 77
צוויי שלח־מנות'ען . . . . . . . . . . . . . . 85
נישטאָ קיין מתים . . . . . . . . . . . . . . . 105
פערבענגט אַהיים . . . . . . . . . . . . . . . 113
ווען איך בין רויטשילד . . . . . . . . . . . . 127
די יורשים . . . . . . . . . . . . . . . . . 135
די גרויסע בהלה פון די קליינע מענשעלעך . . . . . . 155
אויסגעטרייסעלט . . . . . . . . . . . . . . . 211
די גאָלדשפינערם . . . . . . . . . . . . . . . 223
בערעל־אייזיק . . . . . . . . . . . . . . . . 245

די שטאָדט פון די
קליינע מענשעלעך

נעשריבען אין יאהר 1901.

# די שטאָדט פון די קליינע מענשעלעך

די שטאָדט פון די ק ל י י נ ע  מ ע נ ש ע ל ע ך, וואָס איך פיהר דיך אהין אריין, פריינד לעזער, געפינט זיך פונקט אין דער מיט פון'ם געבענשטען „תחום", וואו מע האָט אוועקגעזעצט אידען קאָפּ אויף קאָפּ, ווי הערינג אין א פעסעל, און אָנגעזאָגט, זיי זאָלען זיך פרוכפּערען און מעהרען — און דער נאָמען פון דער דאָזיגער בעריהמטער שטאָדט איז  כ ת ר י ל ע ו ו ק ע.

פון וואנען נעמט זיך דער נאָמען כתרילעווקע? אָט פון וואנען:

ביי אונז איין אָרעמאן, דאָס ווייסט יעדערער, האָט יתרו'ס נעמען: פאַרהאַן א געמיינער מאן, און איין אָרעמאן, און נעבאָך איין אָרעמאן, און א גרויסער אָרעמאן, און א געפאלענער, א מקבל, א קבצן, א דלות, א דלפן, איין עני, און איין עני ואביון. איטליכער פון די דאָזיגע אויסגערעכענטע נעמען ווערד ארויסגערעדט מיט איין אנדער מין ניגון... און פאַרהאַן נאָך א נאָמען: א  כ ת ר י א ל, אָדער א  כ ת ר י ל י ק. דער דאָזיגער נאָמען ווערד ארויסגערעדט שוין גאָר מיט איין אנדער מין ניגון, למשל: „אוי, בין איך, קיין עין־הרע, א כתריליק!"... כתריליק — דאָס איז שוין נישט גלאַט אזוי א קבצן, א שלים־מזל: דאָס איז שוין, פערשטעהט איהר מיך, אזא מין אָרעמאן, וואָס פאַלט נישט, חס־ושלום, אראָפּ ביי זיך מיט זיין אָרעמקייט: אדרבה,

ס'איז גאָר אַ גדולה! אויף אונזער לשון הייסט עס „איין אָרעמס און אַ פּריילּיכס"...

פערשטעקט אין אַ ווינקעלע, העט־ווייט, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער אַרומיגער וועלט, שטעהט זיך אָט די שטאָדט עפּיס ווי פער'יתומ'ט, פער'חלומ'ט, פער'כשופ'ט און פערטיעפט אין זיך זעלבסט, גלייך ווי מיט איהר געהער זיך גאָר ניט אָן אָט דער גאַנצער טאַרעראַם מיט'ן האַרמידער, מיט'ן לויפעניש, יאָ־געניש, העצעניש, פרעסעניש איינס דאָס אַנדערע מיט די אַלע איבעריגע גוטע זאַכען, וואָס מענשען האָבען זיך מטריח געווען צו בעשאַפען און צוגעטראַכט צו דעם פערשיעדענע נעמען, ווי: „קולטור", „פּראָגרעס", „ציוויליזאַציע" וכדומה אַזעלכע שענע ווערטער, פאַר וועלכע אַ רעכטער מענש נעמט אַראָפּ דאָס היטעל מיט גרויס דרך־ארץ. קליינע, קליינע מענשעלעך!... ניט נאָר פון אויטאָמאָבילען, פון לופטשווימעריי און אַוויאַטיקאַ — זיי האָבען אַ לאַנגע צייט פון אונזער אַלטער געוויינליכער אייזענ־באַהן ניט געוואָלט הערען און נישט געוואָלט גלויבען אַפילו, צי ס'איז גאָר פאַרהאַן ערגיץ אַ באַהן אויף דער וועלט. „ווייס איך וואָס, — האָבען זיי געזאָגט, — חלומות, נעכטיגע טעג, אויפ'ן הימעל אַ יאַריד, אַ קוה איז געפלויגען איבער'ן דאַך" — וכדומה אַזעלכע שאַרפע ווערטער. ביז עס האָט זיך געטראָפען אַ מעשה. איינער אַ כתרילעווקער בעל־הבית האָט בעדאַרפט האָבען קיין מאָסקווע, איז ער געפאָהרען און געקומען צוריק און געשוואָרען מיט כל השבועות, אַז ער אַליין איז געפאָהרען ביז סאַמע מאָסקווע מיט דער באַהן דריי פערטעל שעה... האָט מען דאָך מסתמא געמאַכט איהם אויסצודרעהען: ווי שווערט דאָס אַ איד אַ בעל־הבית אויף אַזאַ האַרטען ליגען? לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז מע האָט איהם ניט גוט פערשטאַנען: ער איז טאַקי מעהר נישט געפאָהרען מיט דער באַהן ווי דריי פערטעל שעה; דאָס איבע־ריגע איז ער שוין געגאַנגען צו־פוס. ווי די מעשה איז — דער פאַקט מיט דער באַהן איז אַ פאַקט, וואָס מע קאָן קעגען איהם

גאָרניט זאָגען: אַ איד אַ בעל־הבית שווערט זיך מיט אַזעלכע שבועות, וועט ער מן הסתם פונ׳ם פינגער ניט אויסזויגען. ובפרט, ער האָט זיי געגעבען צו פערשטעהן מיט׳ן שכל דעם כח פון אייזענבאהן און אויסגעמאָהלט אויף פּאַפּיער, ווי אַזוי די רעדער דרעהען זיך, און דער קוימען פייפט, און דער וואַגאָן פליהט, און אידען פאָהרען קיין מאָסקווע... האָבען איהם די קליינע מענשעלעך אויסגעהערט — אויסגעהערט, כלומרשט צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ און אינווענינ אין האַרצען גוט געלאַכט און געזאָגט: „וואָס קומט ארויס — די רעדער דרעהען זיך, דער קוימען פייפט, דער וואַגאָן פליהט, אידען פאָהרען קיין מאָסקווע — און קומען צוריק"...

אָט אַזוי, ווי איהר זעהט, זענען זיי אַלע, די קליינע מענשעלעך, נישט קיין בעלי־מרה־שחורה, קיין פערזאָרגטע בעלי־בית׳לעך. אדרבה, זיי האָבען אַ שם אויף דער וועלט פאַר גרויסע בעלי־המצאות, ווערטעלזאָגערס, לעבעדיגע פריילּיכע נשמות. אָרעמע, נאָר פריילּיכע. עס איז שווער צו זאָגען, וואָס איז, איינענטליך, מיט זיי די גדולה? גאָרניט, חי־געלעבט!... געלעבט? אנו, פרעגט זיי, למשל: „פון וואַנען לעבט איהר?" — וועלען זיי אייך ענטפערען: „פון וואַנען מיר לעבען? אָט זעהט איהר דאָך, חאַ־חאַ, מע לעבט"... און מערקווירדיג! ווען איהר זאָלט זיי ניט בעגעגענען, לויפען זיי ווי די פער׳סמ׳טע מייז, דער אַהער, דער אהין, און האָבען קיינמאָל קיין צייט ניט. „וואוהין לויפט איהר?" — „וואוהין מיר לויפען? אָט זעהט איהר דאָך, חאַ־חאַ, מע לויפט. מע מיינט, טאָמער וועט מען עפּיס חאַפּען, פערדיענען אויף שבת"...

פערדיענען אויף שבת — דאָס איז זייער אידעאַל. אַ גאַנצע וואָך וועלען זיי אייך אַרבייטען, מיט בלוטיגען שוויים האָרעווען, פערשוואַרצט ווערען, קייען די ערד, עסען מכות, טרינקען קדחת, אבי ס׳זאָל זיין אויף שבת. און באמת, קומט דער ליעבער הייליגער שבת — איז אַ כפּרה יעהופּעץ, אַ כפּרה אדעס, אַ כפּרה

אפילו פאריז! מע זאגט, — און דאס זאל זיין א פאקט, — אז זינט כתרילעווקע איז א שטאדט האט זיך נאך נישט געטראפען, אז א איד זאל דארפען שבת חלילה הונגערען. וואָרום ווי געשיקט זיך עס, אז א איד זאל ניט האבען קיין פיש אויף שבת? האט ער ניט קיין פיש, האט ער פלייש; האט ער ניט קיין פלייש, האט ער הערינג; האט ער ניט קיין הערינג, האט ער חלה; האט ער ניט קיין חלה, האט ער ברויט מיט ציבעלע; האט ער ניט קיין ברויט מיט ציבעלע, לייהט ער ביי'ם שכן; איבערמארגען שבת וועט דער שכן לייהען ביי איהם— „די וועלט איז א רעדעל און עס דרעהט זיך"... אזוי זאגט ער אייך א גלייכווערטעל און בעווייזט מיט דער האנד, ווי דאס רעדעל דרעהט זיך... ביי די קליינע מענ־שעלעך, אז עס קומט צו א גלייכווערטעל, איז גאר ניט שייך. פאר א גלייכווערטעל וועלען זיי אייך אוועקגעבען, ווי מע זאגט, דעם טאטען מיט דער מאמע. די וועלט דערצעהלט זיך אז פון זיי אזעלכע מעשיות, וואס זעהען אוים ווי אנעקדאטען, נאר מע קאן זיכער ערב זיין, אז דאס זענען לויטער פאקטען.

למשל, מע דערצעהלט פון איינעם א כתרילעווקער בעל־הבית, וואס ס'איז איהם נמאס געווארען צו הונגערען אין כתרילעווקע, האט ער זיך אוועקגעלאזט וואנדערען איבער דער וועלט זוכען גליק, געווארען איין עמיגראנט, און האט פערבלאנזעט אזש קיין פאריז. האט ער מסתמא זעהר חשק געהאט זיך דער־שלאגען צו רויטשילד'ען. וואָרום ווי איז דאס א איד אין פאריז און מע זעהט זיך ניט מיט רויטשילד'ען? איז אבער א חסרון — מע לאזט נישט צו. „וואס איז די מעשה?" „א צעריסענע קאפאטע". „חכמים איהר זייט! — טענה'ט דער איד. — איך זאל האבען א גאנצע קאפאטע, וועלכע גוטע יאהר וואלט איך געפאהרען קיין פאריז?" הקיצור — ס'איז נישט גוט. א כתרילעווקער איד אבער פאלט ביי זיך ניט אראפ און גיט זיך איין עצה. ער איז זיך מיישב און רופט זיך אן צום שומר, וואס

ביי דער טהיר: „געה זאָג דעם פּריץ, אַז צו איהם איז געקומען חלילה ניט קיין שנאָרער, נאָר אַ איד אַ סוחר, וואָס האָט איהם געבראַכט צו פיהרען אַזאַ מין אַרטיקעל, וואָס מע קריגט דאָס ניט דאָ אין פּאַריז פאַר כל הון דעלמא".

דערהערט אַזעלכע דבורים, הייסט רויטשילד, מע זאָל איהם אַריינפיהרען אויף אַ ציקאָוועסט דעם דאָזיגען סוחר. „שלום עליכם". „עליכם שלום". „זיצט. פון וואַנען איז אַ איד?" „פון כתרילעווקע". וואָס וועט איהר זאָגען גוטס?" „וואָס זאָל איך אייך זאָגען, פּאַני רויטשילד? די מעשה דערפון איז אַזוי: אויף אייך שמועסט מען ביי אונז, אַז איהר זענט, קיין עין־הרע, נישקשה'דיג אין מעמד, אויף מיר געזאָגט געוואָרען האָטש האַלב, האָטש אַ דריטהלק איז אויך גענוג. נו, און כבוד מסתמא זענט איהר אודאי אויך ניט זשעדנע; וואָרום ווער עס האָט די מאות, זאָגט מען, דער האָט די דעות. הכלל, וואָס פעהלט אייך? איין זאַך: ד אָ ס א י י ב י ג ע ל ע ב ע ן. האָב איך עס אייך געבראַכט צו פיהרען אויף צו פערקויפען".

דערהערט „דאָס אייביגע לעבען", מאַכט צו איהם רויטשילד: „מה יקר — וואָס וועט דאָס קאָסטען?" „עס וועט אייך קאָסטען, פּאַני, אַזוי גרויס (דאָ האָט זיך דער איד פערטראַכט) — אַזוי גרויס ווי דריי הונדערטער". „אפשר וועלען מיר זיך דינגען?" „ניין, פּאַני רויטשילד, ס'וועט ניט געהן. איך זאָל האָבען די ברכות, וואָס איך וואָלט אייך געקאָנט זאָגען מעהר פון דריי־הונדערט. נאָר גאַרנישט, געזאָגט — איז פאַרפאַלען". אַזוי מאַכט צו איהם דער איד, און רויטשילד נעמט מסתמא און צעהלט איהם אויס דריי הונדערטער מזומנים, אחת ואחת. מיין איד קודם־כל לאָזט אַראָפּ דאָס ביסעל מזומנ'ס אין קעשענע און רופט זיך אָן צו רויטשילד'ען בזה הלשון: „ווילט איהר לעבען אייביג, איז עצתי, איהר זאָלט אוועקוואַרפען אָט דאָס טומעלדיגע פּאַריז און אַריבערפּעקלען זיך בעסער צו אונז קיין כתרילעווקע, וועט

איהר קיינמאָל ניט שטאַרבען, וואָרום זינט כתרילעווקע איז אַ שטאָדט, איז ביי אונז נאָך קיין גביר קיינמאָל ניט געשטאָרבען"...

און נאָך אַ מעשה האָט זיך געטראָפען, איינער האָט אָנ־געשפּאַרט אַזש קיין אַמעריקא... נאָר איך זאָל האַלטען ביי דער־צעהלען מעשיות, איינפאַלען און המצאות פון די קליינע מענשע־לעך, וואָלט איך בעדאַרפט זיצען מיט אייך דריי טעג מיט דריי נעכט און דערצעהלען און דערצעהלען. לאָמיר בעסער אַריבערגעהן צו די בעשרייבונגען פון דער שטאָדט גופא.

איהר ווילט אודאי וויסען, ווי אַזוי זעהט אויס כתרילעווקע? שען, אַזוי ווי גאָלד. און ווער שמועסט, פון דער ווייטענס! פון דער ווייטענס האַפּט דאָס דעם אַנבליק פון... אַ וואָס זאָל איך אייך, אַשטייגער, זאָגען? פון אַ סאָנישניק, וואָס איז געדיכט אָנגעזעצט מיט סעמיטשקעס, אָדער פון אַ לאָקשענברעט מיט פאַרפעל אַ סך. ווי אויף אַ טעלער, ליגט פאַר אייך די שטאָדט, און איהר קאָנט זי זעהען פאַר אַ מייל מיט אַלע איהרע אַנטיקלעך. וואָרום די שטאָדט גופא, פערשטעהט איהר מיך, שטעהט אויף אַ בארג, דאָס הייסט, אויף דער שטאָדט האָט זיך אָנגערוקט אַ בארג, און אונטער'ן בארג שטעהען הייזלעך אַ סך, איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי קברים אויף איין אַלטען בית־עלמין, ווי אַלטע שווארצע איינגעבויגענע מצבות. קיין גאַסען איז ניט שייך צו זאָגען, מחמת די הייזער געהען נישט געבויעט, אויסגערעכענט און אויסגעמאָסטען נאָכ'ן צירקול, און קיין סך פּלאַץ צווישען די הייזער איז אויך נישטאָ; למאי זאָל שטעהן אומזיסט־אומ־נישט אַ לעדיגער פּלאַץ, אַז מע קאָן דערויף אָנידערשטעלען אַ שטוב? סע שטעהט אין פּסוק: „לשבת יצרה" — איז דער פשט: די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען אויף ישוב, אויף צו זיצען, נישט אויף צו קוקען. וואָס פאַר אַ קוקען?...

פון דעסטוועגען, האָט קיין יסורים ניט, פאַרהאַן גאַסען אויך, גרויסע גאַסען און קליינע געסלעך, און שמאָלע געסלעך, און הינטערגעסלעך. איי וואָס, ס'איז נישט עפּים אַזוי גלייך, אַ

ביסעל געדרעהט באָרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף — און פּלוצים נאָט אייך אַ שטוב, אָדער אַ קעלער, אָדער גלאַט אַ גרוב? וועט איהר אַ ברירה האָבען נישט געהן איינער אַליין ביינאַכט אָהן אַ לאַנ־טערנע! פּאַר די קליינע מענשעלעך זאָלט איהר זיך ניט זאָרגען: אַ כתרילעווקער אין כתריליעווקע צווישען כתרילעווקער וועט ניט פערבלאָנזעט ווערען קיינמאָל; איטליכער טרעפט צו זיך אַהיים, צו זיין אייגען ווייב און קינדער, ווי אַ פויגעלע צו זיך אין נעסט אַריין...

און ווייטער איז פאַרהאַן אין מיטען שטאָדט אַ ברייטער האַלב־קיילעכיגער, און אפשר אַ פיערעקעכיגער פּלאַץ, וואָס דאָרטען זענען די קלייטען, די געוועלבען, די יאַטקעס, טישלעך און שטעלכעלעך, און דאָרטען שטעלט זיך אויס דער מאַרק אַלע פריהמאָרגען, וואו עס פאָהרען זיך צענויף אַ סך גויים מיט אַ סך גויעס מיט אַלערליי מינים סחורות און עסענוואַרג, פיש מיט ציי־בעלעס, מיט חריין, מיט פעטרעשקע און מיט שאַר ירקות. דאָס ביסעל שאַר ירקות פערקויפט מען און מע קויפט ביי די אידען אַנדערע בעדערפעגישען, און דערפון ציהען דאָס די אידען פרנסה, אפילו ניט אזוי ברייט, נאָר פּאַרט פרנסה. בעסער פון גאָרניט איז דאָך עס... און דאָרטען, טאַקי אויף דעם זעלביגען פּלאַץ, ליגען אויסגעצויגען בייטאָג אַלע ציגען פון שטאָדט און וואָרע־מען זיך קעגען דער זון, און דאָרטען טאַקי זענען, להבדיל, די בתי־מדרשים מיט די שוהלען מיט די קלייזלעך מיט די חדרים פון שטאָדט, וואו אידישע קינדער לערנען תורה, דאַווענען, לייענען און שרייבען; די רבי׳ס מיט די תלמידים זינגען און שרייען אויף קולי־קולות, אַז מע קאָן טויב ווערען... און אויך דאָס מרחץ, וואו ווייבער באָדען זיך, און אויך דער „הקדש“, וואו אידען שטאַרבען, און אַלע איבעריגע גוטע ערטער, וואָס לאָזען זיך הערען פון דערווייטען... ניין, כתרילעווקע ווייסט נאָך ניט פון קיין „קאַנאַליזאַציע“, וואַסערלייטונג, עלעקטריציטעט און נאָך אַזעלכע לוקסוס־זאַכען; נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? „מע שטאַרבט,

הערט איהר, אומעדום מיט אַלץ איין טוידט, און מע לעגט אַריין, הערט איהר, אומעדום אין אַלץ איין ערד אַריין, און מע קלאַפּט־צו אומעדום, הערט איהר, מיט דער אייגענער לאָפּעטע!" — אַזוי פלעגט זאָגען אַלע מאָל מיין רבי רב ישראל מלאך אויף אַ שמחה, דוקא דעמאָלט, ווען ער איז געווען רעכט פריילוך, גוט אונטער'ן גלעזעל און שוין פאַרטיג צו פערקאַטשען די קאַפּאָטע און געהן אַ „דייטש", אָדער האַפּען אַ „קאַזאַק"...

מיט וואָס בתרילעווקע מעג זיך יאָ בערימען — דאָס איז מיט איהרע בית־עולם'ס. צוויי רייכע בית־עולם'ס פערמאָגט די דאָזיגע געבענשטע שטאָדט: איין אַ ל ט ע ן בית־עולם און אַ נ י י ע ם בית־עולם. דאָס הייסט, דער נייער בית־עולם איז, מאָהלט אייך, אויך גענוג אַלט און גענוג רייך אין קברים. עס וועט שוין באַלד ניט זיין וואו צו „לעגען", טאָמער חלילה אַ פּאָגראָם, אַ חלירע אָדער אַזוי עפּיס איין אומגליק פון די היינטיגע אומגליקען.

איבערהויפּט, נעמען זיך איבער די בתרילעווקער קליינע מענ־שעלעך מיט'ן אַלטען בית־עולם. דאָס אַלטע בית־עולם זייערס, האָטש ס'איז שוין פערוואַכסען מיט גראָז און מיט בוימלעך און כמעט אָהן איין גאַנצע מצבה, האַלטען זיי דאָס פון דעסטוועגען פאַר אַ ציערונג, אַ שיינדעלע, אַ רייכטהום, און היטען דאָס אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פונ'ם אויג. וואָרום אחוץ וואָס דאָרטען ליגען זייערע אבות־אבותיהם, רבנים, צדיקים, לומדים, מפורסמים, גרויסע לייט, — איז אַ סברה, אַז דאָרט געפינען זיך אַ היבש ביסעל קדושים נאָך פון דער היידאַמאַטשינע, פון חמעלניצקי'ס צייטען... אַט דאָס „הייליגע אָרט" — דאָס איז זייער איינציג שטיקעל אייגענס אויף דער וועלט, וואו זיי זענען די איינציגע בעלי־בתים, זייער איינציג שטיקעל ערד, זייער איינציג שטיקעל פעלד, וואו עס שפּראָצט אַ גרעזעל און עס וואַכסט אַ בוימעל און די לופט איז פריש און עס אָטהעמט זיך פריי...

איהר זאָלט זעהען, וואָס דאַרטען טהוט זיך אָפּ, אַז עס קומט סוף זומער, אַרום ראש־חודש אלול, די „וויינענדיגע טעג" — איי־אַיי־אַיי! אידען און ווייבער — דערהויפּט, ווייבער — אויף און אָפּ, סע ווימעלט און סע שווימעלט — אַ ווערטעלע „קבר־אָבות"! פון דער גאַרער וועלט קומט מען אהער אַ ביסעל זיך אויסוויינען און אויסגיסען דאָס ביטערע הארץ אויף די הייליגע קברים. הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? אין ערגיץ וויינט זיך ניט אַזוי גוט און אַזוי געשמאַק, ווי אין כתרילעווקע „אויפ'ן פעלד". דאָס הייסט, אין די שוהלען דאַרטען וויינט זיך אפילו אויך גאַנץ נישקשה'דיג. נאַר ווי קומט דאָס צו קבר־אָבות? דאָס „קבר־אָבות" איז אַ שטיק פּרנסה פאַר די כתרילעווקער שטיינשניידערס, בעלי־אכסניות, חזנים און שמשים, און דער ראש־חודש־אלול איז פאַר די דאָרטיגע אָרעמע לייט, ווייבער און קאַליקעס די אמת'ע „שניט־צייט".

„זענט איהר שוין געוועזן ביי אונז אויפ'ן פעלד?" — וועט אייך פרעגען אַ כתרילעווקער מיט גדלות, גלייך ווי ער וואָלט אייך, אַשטייגער, פרעגען, צי זענט איהר געוועזן ביי זיין טאַטען אין ווייננאַרטען? אויב איהר זענט נאָך ניט געוועזן, טהוט איהם צוליעב און געהט זיך דורך צו זיי „אויפ'ן פעלד", לייענט איבער די אַלטע שטאַרק־אָפּגעריבענע אויפשריפטען אויף די האַלב־איינגעפאַלענע מצבות, וועט איהר געפינען אין זיי אַ שטיק געשיכטע פון אַ גאַנץ פאָלק... און אויב איהר זענט אַ מענש פון התפּעלות און בעגייסטערונג, וועט איהר, בעטראַכטענדיג די דאָזיגע אָרעמע שטאָדט מיט איהרע רייכע בית־עולם'ס, זיך ניט קאָנען איינהאַלטען און איבער'חזר'ען דעם אַלטען פּסוק: מ ה ־ ט ו ב ו — ווי גוט זענען דיינע געצעלטען, יעקב! דיינע רוהע־ערטער, ישראל!...

## אין אָנגעלעגטער ברית

נעשריבען אין יאהר 1901.

# אײן אָנגעלעגטער ברית

— שלים־מזל! װען קומט איהר אױם געהן צו־קינד? ערב יום־טוב!

— קוים דערלעבט אַ נחת!

— אַז מיר װעלען װערט זײן בײ גאָט, װעט נאָך זײן אַ יונגעל אױך. אַט װעט איהר זעהען!

— זי מוז געבוירען משיח'ן, ניט אנדערש!

אזעלכע וכדומה אזעלכע װערטלעך זענען געפלױגען דעם גאַנצען טאָג בײ הענדיך דעם סטאָליר אין שטוב, און רײזעל האָט זיך געקנײטשט, געװאָקעט, זיך קײן אָרט נישט געקאָנט געפינען.

עס זענען געװען מינוטען אזעלכע, װאָס זי האָט זיך בע־האַלטען אין אַ װינקעלע, זיך געקנײפּט דאָס פּנים, געריסען פון זיך שטיקער פלײש און געבעטען אויף זיך דעם טוידט.

— רבונו של עולם! זיסער פאָטער, הארציגער, געטרײיהער, העלף מיר שטאַרבען!...

רײזעל איז געגאַנגען צו־קינד נאָך פון גאַנץ פּריה אַן, נאָר זי האָט זיך בעהאַלטען, קײנער זאָל ניט װיסען. אַרום פּאַרנאַכט, אַז עס האָבען זי אַ חאַפּ געטהאָן די רעכטע „װעהען", איז זי אַרײנגעפאַלען אין בעט אַרײן, אָנגעהױבען ברעכען די הענד, צענויפגעקרעמפּעװעט די צײהן, געװאָרען ברױן און בלוי און האָט אױסגעשריען נישט מיט איהר קול:

— מאמעניו! געב מיר כח, איך זאָל קאָנען שטאַרבען!!

שרה־רחל די באָבע, וואָס איז געשטאַנען איבער איהר בעט, האָט שוין, נישקשה, געזעהען אַזעלכע זאַכען. זי האָט זיך אָנגעבויגען צו איהר מיט פערקאַטשעטע אַרבעל ביז די שפּיצעכיגע שוואַרצע עלענבויגענס און האָט זי געטרייסט:

— שריי, שריי, מיין קינד! אַ געווינעריין באַדאַרף שרייען. נאָך איין געשריי, וועסט דו, אם ירצה השם, איבערקומען געזונטערהייד. די מאַמע דיינע פון יענער וועלט טהוט זיך פאַר דיר איצטערט מיהען. דער טאַטע דיינער שטעהט אַצינדערט פאַר'ן בית־דין־של־מעלה און טהוט טהון בעטען פאַר דיר. דו וועסט, אם ירצה השם, איבערקומען געזונטערהייד און וועסט האָבען אַ זוהן, אַ טרייסט צו דיינע צרות...

די „וועהען“ געהען־איבער, און רייזעל בלייבט ליגען, ווי אַ פריטשמעליטע, אַ פער'שכור'טע, און עס קלינגט איהר אין די אויהערען, און זי שלאָפט ניט, נאָר זי איז פערטומעלט. זי ווייסט ניט, וואו זי איז אין דער וועלט. עפּיס טהוט זיך מיט איהר. עפּיס וועט מיט איהר זיין. אפשר איז דאָס איין עק צו איהרע צרות? אפשר שטאַרבט זי? רייזעל וויל ניט שטאַרבען. ניין! זי האָט נאָך אַ האָפענונג אויף דעם וואָס לעבט אייביג. אַז איהר זעטעל וועט קומען, קומען צו פאָהרען פונ'ם ווייטען אַמעריקאַ, און זי וועט נאָך וויסען פון אַ לעבען מיט איהר ליעבען טהייערען זעטלען.

וואו איז זעטעל?

זעטעל דער שניידער האָט זיך עטליכע חדשים נאָך דער חתונה אַוועקגעלאָזט זוכען פּרנסה. קיין אַמעריקאַ איז ער אַוועקגעפאָהרען. אַלע פאָהרען איצט קיין אַמעריקאַ. אַוועקגעפאָהרען זעטעל — און ניטאָ, ווי אין וואַסער אריין.

„געוויס איז ער דאָרט אַ חתן געוואָרען, גענומען פריש נדן, אויסקרענקען זאָל ער דאָס דאָרטען, רבונו של עולם!“

אזוי האָט מען געשמועסט װעגן איהם אין בתרילעװקע, בײ העניך דעם סטאָליר אין שטוב, אַלע — אַ חוץ רײזלען.

רײזעל האָט אַ נ ד ע ר ש געקלערט װעגן איהר זעטלען. זי האָט איהם געקענט בעסער פון אַלעמען, חאָטש זי איז געװען מיט איהם אינאײנעם נישט מעהר װי פיער חדשים.

רײזעל האָט אַרויסגעקוקט אויף איהם אַלע מינוט, אַלע רגע; אויב ער לעבט נאָר און איז געזונד, װעט ער געװיס קומען, אָדער חאָטש שרײבען אַ בריװעל, שרײבען אַ בריװעל און צושיקען איהר זײן „פּאָטרעט“. אוי, װען גאָט העלפט איהר, עס קומט איהר אָן דאָס גוטע בריװעל מיט'ן „פּאָטרעט“, װער איז צו איהר דעמאָלט גלײך?

אַ סך טעג האָט רײזעל אָט אַזוי אַרויסגעקוקט. אַ סך נעכט איז זי ניט געשלאָפען. אַ סך טרערען האָט זי אויסגעגאָסען שטילערהײד, בעגראָבען דעם קאָפּ אין קישען, לײט זאָלען ניט זעהען, גוטע פרײנד זאָלען ניט האָבען קײן יסורים, שונאים זאָלען זיך ניט פרײהען אויף איהרע צרות.

און איהרע צרות זענען געװען גענוג גרויס, װאָרום זי האָט דערפיהלט, אַז זי בעדאַרף װערען אַ מוטער... װעה און װינד, װאָס װעט זי טהון? װאוהין װעט זי זיך קעהרען און װענדען? זי זאָל ניט מורא האָבען פאַר גאָט און פאַר'ן גיהנם, װאָלט זי זיך נאָר אַ מעשה אָנגעטהאָן!

ס'איז אַ סברה, אַז אײנמאָל איז זי געװען בײ'ם טײך, געװאַשען גרעט, האָט זי זיך געװאָלט אַרײנװאַרפען אין װאַסער אַרײן. האָט זי זיך דערמאָנט אָן יענער װעלט, האָט זי געכאַפּט דאָס פּעקעל גרעט און האָט זיך געלאָזט, ניט טוידט, ניט לעבעדיג, לויפען אהײם. אַזוי װי זי לויפט, בעגעגענט זי זיך מיט שרה־רחל'ען די באָבע.

— װאָס לויפסט דו אַזוי, טאָכטער מײנע? — פרעגט זי שרה־רחל.

האט זיך רייזעל צעוויינט, ווי א קליין קינד, און שרה־רחל, וואס האט געהאט א „געניט אויג", האט באלד פערשטאנען וואס דא איז, און זי האט איהר גענומען אויסרעדען דאס הארץ, ווי וויט זי האט געקאנט.

— ס'איז א גאטס־זאך, — האט איהר שרה־רחל געזאגט — ס'איז פון גאט. א קשיה, אפשר אין דעם זכות וועט קומען זעטעל?...

דערהערט דעם נאמען זעטעל, האט זי דערפיהלט, אז דאס גאנצע בלוט איז איהר צוגעטרעטען צום פנים — אוןביידע ווייבער האבען זיך אוועקגעזעצט אויף א פרעמדער פריזבע, זיך געשושקעט־געשושקעט, געדעכענט אויף די פינגער און צעגאנ־גען זיך.

וויפיעל רייזעל האט געקאנט האט זי דעם סוד געהאלטען טיעף ביי זיך פערבארגען, ביז עס איז איינמאל אין א שענעם פריהמארגען ארויסגעשפרונגען און ס'איז געווארען אוים סוד, און פון דעמאלט אן איז העניך דעם סטאליר'ס שטוב געווארען פאר איהר א גיהנם. עס האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז אלע קוקען אויף איהר, אלע רעדען פון איהר, און מעהר פון אלץ האט זי נישט געקאנט אריבערטראגען דאס, וואס מע שעלט איהר זעטלען. ווער עס האט גאט אין הארצען באדט זיך אין זיין בלוט.

מעהר פון אלעמען איז איהר דערגאנגען די יאהרען לאה די בעקערין. לאה די בעקערין האט אויף איהר שטארק רחמנות געהאט, פלעגט זי איהר אונטערטראגען אפטמאל א פריש שטיקעל בולקע, א ברויטעל, א „ווישקראבעק" און זאגען בשעת מעשה:

— נא, רייזעל, פארזוך דאס געבעקס, ווארגען זאל ער זיך דארטען אין אמעריקע, דער שארלאטאן דיינער, מיט'ן ערשטען ביסען, זיסער גאט!

— ער זאל האטש וויסען דארטען, אז אט־אט ווערד ער א טאטע, דער רוח זאל איהם נעמען! — העלפט איהר אונטער פרומע די מלמד'קע.

— און אז ער וועט וויסען, וועט ער זיך צעקראַצען דאָרטען, דער שניידערוק, פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען! — לעגט־צו אַ קנויטעל אַסנה די קורעלאַפּניטשקע.

די דאָזיגע ווייבער — דאָס זענען אַלץ שכנים, וואָס זיצען מיט רייזלען ביי הענטיך דעם סטאָליר אין שטוב. איטליכע פון זיי האָט זיך איהר אַלקירעל, איהר בעל־הבתישקייט, איהר בעט־געוואַנט, איהר מאַן און איהרע קינדערלעך. און קינדערלעך זענען דוקא ביי זיי, ברוך השם, גענוג. ס'איז דאָרטען שטענדיג אַ הו־האַ, אַ געשריי, אַ געפּילדער: די קינדער צווישען זיך רייסען זיך; די בעל־הבית'טעס קאָכען און באַקען אַלע ביי איין אויווען, פיהרען צווישען זיך רכילות, רעדען איינע אויף דער אַנדערער לשון־הרע, קריעגען זיך און בעטען זיך איבער, לייהען און פערלייהען איינע דער אַנדערער, אַבי ס'איז נאָר פאַרהאַן וואָס, פרייהען זיך אַלע אינאיינעם אויף איין שמחה און לעבען כמעט ווי איין משפחה.

רייזעל האָט זיך אויפגעהאַפּט ווי פונ'ם שלאָף מיט אַ נייעם מין געשריי:

— גאָט! גאָט! גאָט!...

— אַט אַזוי, אַט אַזוי, טאָכטער! — האָט זי שרה־רחל געטרייסט. — אַצינדערט געהען ערשט די רעכטע „וועהען“. נאָך איינע צוויי־דריי גוטע געשרייען וועסט דו, אם ירצה השם, אי־בערקומען געזונטערהייד... אַט אַזוי, אַט אַזוי... מזל טוב דיר, טאָכטער, האָסט געהאַט אַ יונגעל!

---

אז ס'איז געבאָרען געוואָרען ביי רייזלען דאָס יונגעל, איז דאָס ערשטע געווען אויסבאָדען דאָס קינד, איבערוויקלען און בעטראַכטען אין ווענען איז דאָס געראָטען — און אַלע דריי ווייבער האָבען אויסגעשריגען אין איין קול:

— אַ וועהטיג איהם אין פּנים! איינגאַנצען „ער“ מיט די ביינער!

נאכדעם האט מען אנגעהויבען שמועסען מכח א יכעל פאר דער קימפעטורין. האט איינע אויסגעוואָרפען דער אנדערער, פאר וואס מע האט נישט פערזאָרגט די קימפעטורין האטש מיט איין עוף. די גאנצע באד האט מען ארויפגעלעגט, געוויינטליך, אויף אסנה די קורעלאפניטשקע.

— איהר זענט א אידינע, וואס קאטארי איהר האנדעלט מיט עופות, זענט איהר ניט קליין געווען פריהער מיט צוויי וואכען אוועקזעצען איין עוף פון רייזעל'ס וועגען! ? פראסטע וואלטען מיר שוין אליין געקויפט, און שחיטה־געלט וואלטען מיר גענומען אויף זיך.

לאה די בעקערין האט פערקאטשעט די ארבעל און האט זיך אוועקגעשטעלט מאכען פוטערגעבעקס פאר דער קימפעטורין, און פרומע די רביצין איז אוועקגעלאפען צו איהר מאן, רב חיים־חנא דער מלמד, און האט ביי איהם גע'פועל'ט, ער זאל באלד אנשרייבען שיר־המעלות'ען פאר דער געווינערין.

האט חיים־חנא דער מלמד פערקאטשעט די ארבעל און האט אנגעשריבען שיר־המעלות'ען, וואס ביי דער רייכסטער גע־ווינערין האט מען אזעלכע נישט געזעהן. אין מיטען איז געשטא־נען אויסגעמאהלט א געצאצקעטע פיראמידע:



ביי די זייטען איז געשטאַנען דער געוויסער פּסוק:

מכשפה לא תחיה
לא מכשפה תחיה
תחיה מכשפה לא

און אונטען, מיט גאַנץ גרויסע אותיות:

ס י נ י  ו ס נ ס י נ י  ו ס מ נ ג ל ף

די געוויסע פערבאַרגענע ווערטער, וואָס זענען אַ סגולה צו אַ „גוט־אויג“ און צו אַלע צרות. הכלל, עס איז בעשאַפען געוואָרען אַלסדינג, וואָס מע בעדאַרף.

די קימפּעטורין איז געלעגען און האָט נאָר בעטראַכט די דאָזיגע ווייבער:

— גאָט זאָל זיי צאָהלען! פאַר וואָס קומט דאָס מיר? פאַר וועלכע מעשים טובים?...

אַז די מאַנסבילען האָבען זיך אַביסעל אָפּגעפּאַרטיגט מיט אַלע ארבייט, האָבען זיי געמאַכט אַ שמועס מכח פּראַוועון אַ ברית.

העניך דער סטאַליר, האָטש ער איז אַ איד ניט קיין גביר און קיין יונגלעך איז ער ניט זשעדנע ביי זיך, פון דעסטוועגען האָט ער געזאָגט, אַז ווי באַלד די שמחה איז ביי איהם אין שטוב, וויל ע ר די מצוה און נעמט דעם ברית אויף זיך. האָט זיך דער איבעריגער עולם געפונען ווי בעלעדיגט:

— פאַר וואָס קומט איהם איינעם אַליין אַזאַ מצוה? ער האָט זעהר שען גע׳דרש׳עט? דער ברית איז א ל ע מ ע נ ס ברית!

אַז ס׳איז געקומען צו די כבודים אויסטיילען, איז געוואָרען אַ שטיקעל סכסוך.

העניך דער סטאַליר האָט גערעכענט, אַזוי ווי ער איז בעל־הבית, וועט מען איהם מסתמא געוויס אָפּגעבען סנדק, — האָט ער אָבער געהאַט אַ מיאוס׳ען טעות. סנדק, האָבען אַלע געזאָגט, קומט רב חיים־חנא דעם מלמד, מחמת רב חיים־חנא דער מלמד איז אַ איד, וואָס קאָן, פערשטעהט איהר מיך, לערנען. האָט שוין

העניך דער סטאָליר געמוזט נאָכשטופּען די קאַרעטע און זאָגען, אַז ער האָט אַליין אויך גאָר אַנדערש ניט גערעכענט... דערפאַר האָט מען איהם מכבד געווען מיט כסא־של־אליהו, און מציצה האָט מען געמוזט אַוועקגעבען אַסנה דער קורעלאַפּניטשקעס מאַן, מחמת אַסנה דער קורעלאַפּניטשקעס מאַן איז אַ בייזער איד. ער קאָן מאַכען אַ סקאַנדאַל!

הקיצור, מע האָט זיך מיט די כבודים ווי עס איז איינגעטיילט.

איז געבליבען נאָך איין זאַך, סאַמע דאָס בעסטע: וואו וועט מען נעמען משקה?

— משקה? — רופט זיך אָן שרה־רחל די באָבע. — איהר זאָלט שוין אַזאַ דאגה האָבען מיט אַלדאָס גוטס, ווי איהר האָט אַ דאגה מיט משקה!

און שרה־רחל האָט געחאַפּט אויף זיך דעם קעצענעם בורנוס און איז אַוועק צו איהר איידעם יודעל דעם ווייגער, וואָס מאַכט די זיסע בראָנפענס, און האָט איהם געבראַכט צו פיהרען אויפ'ן ברית מיט צוויי פלעשלעך רויטען בראָנפען, וואָס מע רופט דאָס „קראַמבאַמבולי". און אַז דער עולם האָט נאָך די פיש גענומען צו גלעזלעך „קראַמבאַמבולי", איז מען באַלד געוואָרען לעבעדיג, פריי־ליך, און עס האָבען אָנגעהויבען פליהען לחיים'ס.

— לחיים! — האָט געזאָגט דער „סנדקא", רב חיים־חנא דער מלמד, אַ איד מיט איין אויסגעפליקטער באָרד פון איין זייט און מיט אַ שוואַרצער גלאַנצענדיגער פעטשיילע אויפ'ן האַלז. — לחיים! לאָז גאָט העלפען, מיר זאָלען דערלעבען טרינקען אויף זיין בר־מצוה.

— לחיים! — האָט געזאָגט „כסא־של־אליהו", העניך דער סטאָליר. — לחיים! לאָז גאָט געבען, מיר זאָלען דערלעבען טרינקען אויף זיין חתונה!

און דער „בעל־מציצה", אַסנה דער קורעלאַפּניטשקעס מאַן, איין אויסגעדיענטער ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט מיט גראָבע שוואַרצע

ליפּען, האָט ארײנגעהאַקט דרײ כוסות מיט אַ מאָל און איז אװעק מיט זײן װינשעװאַניע נאָך װײטער:

— לחיים! לאָז גאָט געבען, מיר זאָלען דערלעבען טררדרינקען אויף ברית'ען, אויף בר־מצוה'ס און אויף חתונות בײ איהם, און בײ זײנע קינדער, און בײ זײנע אײניקלעך, און בײ זײנע אור־אור־אײניקלעך!

און די װײבער האָבען אויך גענומען צו קאָפּעטשקעלעך, און זענען געװאָרען רויטפּאָרביג און שטאַרק בערעדעװדיג, און האָבען גערעדט אַלע אינאײנעם, װי די גענז.

נאָכדעם האָבען די מאַנסבילען ארויסגעטראָגען די טישען מיט די בענקלעך, אראָפּגעװאָרפען, מחילה, די קאַפּאָטעס און האָבען געחאַפּט אַ טענצעל, מחילה, אין די תחתונים, װי, להבדיל, שמחת־תורה.

און אויפ'ן בעטעל, פערהאַנגען מיט אײן אַלטען צעריסענעם לײליך, ארומגעשטעקט פון אויבען ביז אראָפּ מיט שיר־המעלות'ען, איז געזעסען רײזעל די קימפּעטורין מיט אַ ברעקעלע קינד אויף די הענד, געװיקעלט אין שמאַטעס, צוגעטולעט צו דער ברוסט. זי האָט געקוקט אויף די דאָזיגע גוטע מענשען, װאָס האָבען גע־װאונשען איהר אַזוי פיעל גוטס, זי װײסט ניט פאַר װאָס און פאַר װען, און האָט געקוקט אויף איהר קינד, איהר טרײסט:

— אינגאַנצען ע ר! ע ר מיט די בײנער!

און צװײ טרערען האָבען אראָפּגעקאַפּעט פון איהרע שענע בלויע טיעפע אויגען, געקװיקעלט זיך איבער איהר בלאַס אויס־געמוטשעט פּנים און אראָפּגעפאַלען אויף דער װײסער יונגער ברוסט.

# נחת פון קינדער

מאנאלאג.

געשריבען אין יאהר 1901.

# נחת פון קינדער

(מאָנאָלאָג).

— קיין נגיד, הערט איהר, בין איך ניט. ווייט פון א נגיד. גאָרנישט. א בעל־הבית מיט א דירה איין אייגענע. האָטש וואָס האָט מען, משטיינס געזאָגט, ביי אונז פון א דירה? מכות! — נאָר נחת פון קינדער, קאָן איך מיך באַריהמען, האָב איך, ברוך־השם, מעהר פונ'ם גרעסטען גביר אין כתרילעווקע! ביי מיר, הערט איהר, אז עס קומט א יום־טוב און עס קומען זיך צענויף אַלע קינדער, קיין עין־הרע, זיהן און טעכטער, שניר און איידעמס מיט אַלע אייניקלעך — ווער איז צו מיר גלייך?

למשל, נעמט פורים צו דער סעודה.

וואָס פאַר א טעם, פרעגט איך אייך, האָט א סעודה, אז מע זעצט זיך צום טיש איינער אַליין מיט'ן ווייב און מע עסט?

נו, שטעלט אייך פאָר, אז איך האָב שוין אָפּגעגעסען די פיש מיט דער יויך, לאָקשען, צימעס, דאָס, יענץ — נו וואָס? בלאָטע שבבלאָטע! א פערד, להבדיל, עסט אויך. א מענטש איז דאָך אָבער נישט קיין פערד. ובפרט א איד. ובפרט יום־טוב. ובפרט אזא יום־טוב, ווי פורים צו דער סעודה!

קודם כל — די קינדער, קיין עין־הרע.

אכט האָב איך, זאָלען געזונט זיין, אַלע אויסגעגעבענע. (געווען צוועלף — פיער זענען, די צו לענגערע יאָהר, אוועקגעגאַנגען). האַלב זענען זיהן, האַלב זענען טעכטער; פיער איידעמס

און פיער שניר; האָט איהר שוין, קיין עין־הרע, א קיימאַ־לן פון זעכצעהן.

היינט אייניקלעך, לעבען זאָלען זיי!

נישט צו פארזינדיגען. וואָרום אלע טעכטער און אלע שניר קינדלען, ברוך־השם, אלע יאָהר; ביי וועמען ס'איז פארהאן עלף, ביי וועמען — נייען, ביי וועמען זיבען. קיין עקרות, אזעלכע, הייסט דאָס, וואָס זאָלען חלילה נישט האָבען גאָר נישט, איז ביי מיר נישט פארהאן.

נאָר מיט איין זוהן, מיט'ן מיטעלסטען, האָב איך געהאַט אביסעל צו טהון: מיין שנור האָט א צייט קיין קינדער נישט געהאַט. נישטאָ און נישטאָ — און גענוג!

האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה: דאָקטוירים, דער רבי, להבדיל דער טאַטער — עס העלפט נישט.

קיצור־הדבר, ס'איז געבליבען — גט'ען זיך.

מילא, גט'ען זיך — גט'ען זיך. ס'איז געקומען צום גט'ען זיך — ווער? וואָס? זי וויל ניט!

וואָס הייסט, זי וויל ניט? זי האָט איהם, זאָגט זי, ליעב. טפש איינער! וואָס הערסט דו זי, זאָג איך, וואָס זי האָט דיך ליעב? זאָגט ער: איך האָב זי אויך ליעב. וואָס זאָגט איהר אויף דעם חכם? איך זאָג איהם „קינדער“ — זאָגט ער „ליעב“!...
וואָס זאָגט איהר אויף אזא לעקיש?

קיצור־הדבר, זיי האָבען זיך נ י ש ט גע'גט. און גאָט האָט געהאָלפען — שוין א יאָהר זעכס, אז זי האָט אָנגעהויבען צו קינדלען, קינדעלט זי וואָס א יאָהר, וואָס א יאָהר; שיט מיך אָפּ מיט אייניקלעך!

איהר זאָלט זעהען ביי מיר אייניקלעך — אלע געראָטענע, איינס שענער פון'ם אנדערען, אין זייערע פנים'ער נישט אריינ־צוקוקען! איך זאָג אייך — אנטיקלעך!

היינט ווי אזוי לערנען זיי! טאָמער ווילט איהר א בלאַט גמרא — איז א בלאַט גמרא אויסוועניג. פון חומש מיט רש"י, מיט

תנ"ך, מיט דקדוק, מיט די אַלע איבעריגע היינטיגע שאַלעמויזען שמועסט מען ניט. זייער לייענען און זייער שרייבען אידיש און רוסיש און דייטש און פראַנצויזיש, און און און...

אז איך באַדאַרף אַמאָל אַ בריוועל איבערלייענען, איין אַד־רעס אַנשרייבען, צי וואָס, — ווערד אַ מלחמה: „זיידעניו, אַט וועל איך! זיידעניו, אַט וועל איך!"

אַי וואָס, איהר ווערט פרעגען „פּרנסה"? עט, פאַרהאַן אַ גרויסער גאָט! ער פיהרט אויס. אַ מאָל אַזוי, אַ מאָל אַזוי. אַ מאָל בעסער, אַ מאָל ערגער. מאַהלט אייך, מעהר ערגער ווי בע־סער — מע מוטשעט זיך און מע קומט דורך מיט'ן יאָהר, אַבי געזונט, ווי זאָגט איהר.

מיין עלטערען זוהן איז געגאַנגען ניט שלעכט. ער איז גע־זעסען אין אַ דאָרף, אין זלאַדיעווקע איז ער געזעסען, און געהאַט גאַנץ פיין פּרנסה; נאָר אַז ס'איז אַרויס דער אוקאַז פונ'ם דריטען מאַי, האָט מען איהם געבעטען מחילה; האָט ער דאָך מסתמא גע'בריה'ט זיך, געוואָלט אויסוויייזען, אַז ער איז ניט קיין „פּאָ־סעליוושייסיאַ", געבראַכט פּאַפּיערען, אַז ער זיצט דאָרטען נאָך פון ששת ימי בראשית, דערלאַנגט אין סענאַט. בקיצור, ס'האָט ניט געהאָלפען קיין שמע־ישראל, מע האָט איהם אַרויסגעטריבען, און ער קאָן נאָך עד היום צו זיך ניט קומען... זיצט ער ביי מיר מיט ווייב און קינדער. אַ ברירה האָט מען?

און דעם אַנדערען זוהן מיינעם געהט נעבאך גלאַט נישט. וואָס ער זאָל ניט טהון — איז שלים־שלים־מזל, ווי זאָגט איהר, „מיט דער פוטער אַראָפּ". קויפט ער תבואה, ווערד אַ זול. האַנ־דעלט ער איין אָכסען, פּגר'ען זיי. ריהרט ער זיך צו צו וואַלד, איז אַ וואַרעמער ווינטער — אַ בר־מזל! ער זאָל אַ קוק טהון אין טייך, וואָלטען גע'פּגר'ט אַלע פיש... האָב איך מיך מיישב געווען און זאָג איהם: „ווייסט דו וואָס? פּעקעל זיך אַריבער מיט ווייב און קינדער צו מיר. ממה נפשך!"...

דעם דריטען זוהן מיינעם איז יא געווען נישקשה, איז ער אין דער גרויסער שרפה, ניט היינט געדאכט, אפגעברענט געווארען, ארויס ווי די מאמע האט איהם געהאט, און האט נאך געהאט אויף זיך א גוט פעקעל מיט א מסירה'לע, מיט א סלעדראוואטעל, מיט צרות, מיט א פריזיוו — פרעגט ניט — ס'איז גוט!... היינט זיצט ער ביי מיר מיט דער גאנצער חאליאסטרע. וואס דענן?...

נאר איין קלענערען זוהן מיינעם איז, קיין עין־הרע, גאנץ נישקשה'דיג. שייך זאגען נישקשה'דיג? קיין געלט האט ער ניט. נאר ער האט א רייכען שוועהר. דאס הייסט, ער איז ניט אזוי רייך, ווי א בעל־פרנסה, האט געשעפטען א סך, א גרויסער דרעהער, א „קרוטין", זאל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין! ער דרעהט אזוי לאנג, ביז ער פארדרעהט אי זיך, אי יענעם. נאר וואס דענן? ער דרעהט זיך אלע מאל אויס, דער הונט. ער האט שוין ניט איין מאל גע'פטר'ט אי זיין געלט, אי די קינדער'ס געלט. זאג איך צו איהם: „וואס האט איהר געהאט צו מיין זוהן'ס געלט?" זאגט ער: „איהר האט עפיס אריינגעלעגט א סך פוטער?"... זאג איך: מיין זוהן איז מיר דערוויילע א קינד". זאגט ער: „און מיין טאכטער איז ביי מיר ניט קיין קינד?" זאג איך: „עט!" זאגט ער: „בע!" זאג איך: „מילא!" זאגט ער: „בקיצור!" א ווארט פאר א ווארט — האב איך אוועקגערופען מיין שמויגער און זאג צו איהם: „טהו א שפיי, זאג איך, אויף דיין שוועהר דעם נגיד, דעם דרעהער, און זעץ דיך אוועק ביי מיר — וואס גאט וועט גע־בען, אבי אינאיינעם"...

זעהט איהר, צו איידעמס האב איך גאר קיין גליק נישט. אבער טאקי לחלוטין ניט! דאס הייסט, איך האב צו זיי קיין טענות ניט, און שעם זיך חלילה נישט מיט זיי, ווארום איך האב, מעגט איהר מיר גלויבען, אזעלכע איידעמס, וואס דער גרעסטער גביר פארמאגט זיי ניט. פיינע קינדער, מיוחסים, פארשווינע, קעפמענטשען!

איינעם האָב איך איין איידעם פון גאָר א גרויסען יחוס, אַ צאַצקעלע, אַ זיידען קינד, אַ געראַטענער מיט אַלע מעלות און אַ גרויסער למדן, זיצט און לערענט. איך האַלט איהם ביי זיך אויף קעסט פון נאָך דער חתונה אַן, וואָרום ווען איהר זאָלט איהם קענען, וואָלט איהר אַליין געזאָגט, אַז ס'איז גאָר איין עבירה ארויסצולאָזען אזעלכם אויף דער וועלט — וואָס וועט פון איהם ווערען?

דעם אַנדערען איידעם האָב איך שוין נישט אזא יחוס, נאָר דאָס קרן איז אָבער איין אַנטיק, דהיינו: וואָס ווילט איהר? שרייבען, און לייענען, און חשבונ'ען, און זינגען, און טאַנצען, און וואָס ניט? היינט שפּיעלט ער אין שאָך — אַז מע שמוסט, ער יכול'ט! פון דעסטוועגען, הערט איהר, אַז ס'איז ניט באַשערט, ווי זאָגט שלמה המלך: לא לחכמים לחם — אַלע קענערס געהען אהן שטיוועל. איך האָב איהם שוין געפּרובט אויף אַלע זייטען: ער איז שוין געווען אַ פּאַסעסער, און אַ קרעמער, און אַ מלמד, און אַ שדכן — עס געהט נישט, האַטש צעריים זיך! זיצט ער איצט ביי מיר מיט די קינדער. איך וועל דאָך מיין טאָכטער אויף דער גאַס ניט אַרויסוואַרפען!

נאָך איין איידעם האָב איך, שוין נישט אזא גרויסער קענער, נאָר אויך נישט קיין אבי־ווער. דער גוטער קאָפּ מיט דער שענער האַנד, מיט דעם בלאַט גמרא, מיט'ן שענעם פּיסק — אַז ער רעדט, שיטען זיך פּערעל, אַ חיות צו הערען!

איין חסרון נאָר, וואָס ער איז צו איין איידעלער, כמעט אַ רוחניות, דאָס הייסט, ער איז נישט איבעריג געזונט. דאָס הייסט, אפילו אַז איהט וועט אַ קוק טהון אויף איהם אזוי, איז ער, דאַכט זיך, גאָר נישט... נאָר וואָס דענן? דאָס וואָס ער שוויצט. און דערצו נאָך דער הוסט! פון אַ צייט אַז ער האָט באַקומען אַ פּאַר־סקודנע הוסט מיט אַ מין קוויטש, און ס'איז איהם שווער צו כאַפּען דעם אָטהעם. דאָקטוירים הייסען איהם טרינקען מילך

און פֿאַהרען קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע. אהין פֿאַהרען, זאָגט מען, אַלע קראַנקע. דאָרטען, זאָגט מען, איז פֿאַרהאַן אַ וואַלד אַזעלכער, וואָס איז אַ רפואה צום הוסט. רעכען איך, אם ירצה השם, איבער אַ יאָהר זומער, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען, זיך דורכפֿאַהרען מיט איהם קיין בויבעריק. דערווייל, ביז ער וועט אַמאָל ווערען געזונט, ליגט ער מיט'ן ווייב און קינדער, געוויינטליך, אויף מיינע פּלייצים. עפּיס אַ תירוץ?

היינט האָב איך נאָך איין איידעם, שוין גאָר אַ פּראָסטען, נאָך אַ האַרעפּאַשנעם יונג, דאָס הייסט, חלילה נישט קיין בעל־מלאכה, נישט קיין שניידער, נישט קיין שוסטער, נאָר קיין חדר־יונגעל אויך ניט.

ער איז אַ „פּיליער" איז ער; ער האַנדעלט מיט פֿיש האַנדעלט ער. זיין טאַטע האַנדעלט מיט פֿיש, זיין זיידע האָט געהאַנדעלט מיט פֿיש, די גאַנצע משפּחה זייערע ווייסען — נאָר פֿיש און נאָר פֿיש און נאָר פֿיש!

דאָס הייסט, זיי זענען אַפּילו גאַנץ עהרליכע אידען, אָרענטליכע, נאָר פּראָסטע מענטשלעך.

וועט איהר דאָך פֿרעגען: ווי קומט צו מיר אַזאַ איידעם? מסתמא איז דרינען פֿאַרהאַן אַ מעשה, ווי זאָגט מען: אין אַ טייך ווארפֿען זיך דורך אַלערליי העכט. מסתמא איז מיין טאַכטער'ס גליק אַזוי, אַז זי באַדאַרף האָבען אַ ז אַ מאַן.

דאָס הייסט, האָבען האָב איך צו איהם גאָרניט; מיין טאָכטער לעבט פֿאַר איהם דוקא גליקליך. ווארום בטבע איז ער דוקא אַ גוט מענטשעל, אַ דימענט, צוגעלאָזט, הערט איהר, צו אונז אַלעמען ביז גאָר, וויפֿיעל ער פֿאַרדיענט גיט ער אָפּ איהר, און העלפֿט אויס יענע איידעמס מיינע און די זיהן ווי ווייט מעגליך. וואָס איז שייך זאָגען? — ער האָרעוועט כמעט איינגאַנצען אויף אונז, און האָט פֿאַר אונז אַלעמען דרך־ארץ. ווארום ער ווייסט

גאַנץ גוט, ער פיהלט, פאַרשטעהט איהר מיך, ווער ע ר איז און ווער מ י ר זענען; ער איז ער און מיר זענען פאַרט מיר! מיט דער האַנד, הערט איהר, קאָן מען דאָס ניט אוועקמאַכען.

וואָרום אז עס מאַכט זיך אַמאָל, מע קומט זיך צענויף צווי־שען מענטשען, און מיינע קינדער מאַכען אַ שמועס מכח די קליינע אותיות, עפּיס אַ דין אין שלחן־ערוך, צי אַ שאַרף שטיקעל גמרא, צי גלאַט אַ פּסוק, מוז ער נעבאַך זיצען און שטומען, וואָרום ס'איז פאַר איהם, ניט דאַ געדאַכט, אַ סוד!

אודאי מעג ער זיך איבערנעמען, וואָס ער האָט אַזוינע שוואָ־גערס, און מעג האַרעווען פון זייערטוועגען! ווי זאָגט איהר? ניט אַזוי? האַ?

אַצינד, אז איהר זענט שוין אַביסעל בעקאַנט מיט מיין גע־זינדעל, פאַרשטעהט איהר שוין וואָס פאַר אַ ש מ ח ה ביי מיר איז און וואָס פאַר אַ נחת איך האָב, אז עס קומט אַ יום־טוב, למשל, פּורים צו דער סעודה, און אַלע קינדער מיט אַלע אייניקלעך, קיין עין־הרע, זעצען זיך אויס אַרום טיש, און מע מאַכט המוציא איבער דעם שענעם גרויסען קלוגען פּורים־קוילעטש, וואָס מיט זאַפראַן און מיט ראָזינקעס אַרומגעשטעקט, מיט די גוטע געפּעפּערטע און געצוקערטע פיש מיט חריין, מיט די גוטע געלע לאַנגע לאָקשען מיט יויך, און מע נעמט צו קאַפּלעך משקה, אז גאָט העלפט אַ פלעשעל ווימאַראַזיג, איין אמת'ער אַ „קאָוועשאַנער", אָדער אַ גלעזעלע גוטען ווישניק, אַבי ס'איז נאָר דאַ, און פאַר נויט — איז אַ פּראָסט ביסעל יי"ש אויך אַ סחורה, און מע טהוט אַ זינג, איך דעם שושנת יעקב, און נאָך אַ מאָל — שושנת יעקב! און ווידער אַ מאָל — שושנת יעקב! טהוען אַ האַפּ־אונטער די קינדער:

צהלה ושמחה!

און די קליינע שקצים, די אייניקלעך, אויפ'ן דינעם קול'כעל:

אור ליהודים! אור ליהודים! אור ליהודים!

און מע געהט נאָך אַ טענצעל אויך, — דעמאָלט ווער איז צו מיר גלייך? וואָס מיר בראָצקי? ווער מיר ראָטשילד? אַ מלך, ווי איהר זעהט מיך אַ אידען, אַ מלך!

קיין נגיד, הערט איהר, בין איך ניט, נאָר נחת פון קינדער האָב איך, ברוך־השם, מעהר פון׳ם גרעסטען גביר אין כתרילעווקע!

# אַ פערשטעהרטע חתונה

געשריבען אין יאָהר 1902.

# א פערשטעהרטע חתונה

ווי אזוי זאָל זיך נח צעלניקער נישט פרייהען, אז גאָט האָט איהם געהאָלפען, ער גיט אויס דאָס לעצטע קינד, ער מאַכט חתונה די יונגסטע טאָכטער?

פאַר וועמען?

למאי נפקא־מינה — צי פאַר ברוכ'ען, צי פאַר זרח'ען, צי פאַר פייטלען, צי פאַר טרייטלען? — אויסגעגעבען, חתונה געמאַכט — און איין עק!

מיינט איהר דאָך, אז נח צעלניקער איז אזא פאָטער, וואָס פטר'ט אראָפּ א טאָכטער, א האַרב פון די פּלייצעס, גלאַט אזוי, אבי פטור געוואָרען? האָט איהר א טעות!

אזא פאָטער, ווי נח, האָט איהר ניט דעם צווייטען אין דער וועלט.

דאָס גאַנצע לעבען זיינס האָט ער מקריב געווען פון די קינדערס וועגען: געהאָרעוועט, אויסגעריסען געוואָרען, גאַנצע טעג אויף דער היטץ, גאַנצע נעכט אויפ'ן פראָסט, זיך געשלעפּט אין רעגענס און אין בלאָטעס, שוין געלעגען וויפיעל מאָל אונטער'ן וואָגען אויך, א פאַר מאָל ווינטער אין א פאָלאַנקע, זיך צוגעקיהלט די לונג, בעקומען א מאָדנע הוסט — איהר פרעגט, ווי אזוי מע ווערד פערשוואַרצט? אנו, פּרובט אויסהאַלטען א ווייב מיט קינדער פון א צעלניק־קראַם, א „גאַלאַנטעריי־געשעפט", אין כתריעלעווקע!

אז די קינדער זענען געווען קליינינטשקע, פלעגט זיך נח אליין שלאָגען מיט זיי קאָפּ אָן וואַנט: וויקלען, האָדעווען, צוואָגען — אַלסדינג.

ווערט איהר דאָך פרעגען: וואו איז געווען די מאַמע זייערע?

די מאַמע זייערע, זעלדע, איז געווען פערנומען אין געשעפט, מעהר צווישען פּריצים; ער — אין שטאָדט, זי — אין דער סביבה.

פאַר וואָס עפּיס זי, ניט ער? זי פערשטעהט די שפּראַך, קאָן רעדען מיט אַ פּריץ, איין בריה אויף אָפּזעצען אַ שטיקעל סחורה אין דער פרעמדער.

מיט דער שטאָדט קאָן זעלדע נישט האַנדלען. אַנקוקען קאָן זי ניט די כתרילעווקער קונים — זיי זענען צו קלוג! פּריצים — די זענען גאָר אַנדערע מענשען. אַ פּריץ, אַז מע זאָגט איהם „יאַק באַגאַ קאַחאַם“ — גלויבט ער, און אַ כתרילעווקער איד, איהר זאָלט פאַר איהם, שונאי־ציון, האָפּען די ערד, וועט ער אייך ענטפערען מיט אַ שמייכעלע:

— למאי זאָלט איהר זיך שווערען? איהר זענט ביי מיר באַגלויבט אָהן אַ שבועה!...

נדן גיט נח צעלניקער דער יונגסטער טאָכטער זיינער פינף און זיעבעציג; דאָס הייסט, צוזאָגען האָט ער צוגעזאָגט ק"ן, פינף און זיעבעציג בשעת תנאים, און פינף און זיעבעציג שפּעטער, „לכשירחיב“...

איז אָבער דער „לכשירחיב“ נאָך נישט געקומען.

אויף דעם „לכשירחיב“ קוקט־אַרוים גאַנץ כתרילעווקע שוין אַ שאָק מיט יאָהרען, און נישטאָ איהם.

ער וועט אַמאָל קומען, צי ניין? עס קאָן זיין! מיט וואָס איז ער ערגער פון משיח'ן? וואַרטען דענן ניט אידען אויף משיח'ן?...

קיצור־הדבר, זייט זיכער, דער שידוך וועט זיך איבער נדן נישט צעגעהן. ווארום ס'איז אַ היימישע זאַך: די מחותנים

קענען זיך און האבען זיך ליעב; די מחותנת'טעס קענען זיך און האבען זיך ליעב; חתן־כלה קענען זיך און האבען זיך לי...

איך האב מיך שיער ניט ארויסגעחאפט מיט א ווארט! אז איהר וועט מיר צוזאגען, אז עס וועט זיין בסוד, וועל איך אייך עפּיס דערצעהלען.

נאך איידער ס'איז איינגעפאלען רב שלום־שכנא דעם שדכן, ער זאל רעדען דעם דאזיגען שידוך, האבען זיך חתן־כלה שוין לאנג געקענט און געשריבען בריוועלעך, וואס זיי אליין טאקי האבען זיך איינס דאס אנדערע איבערגעגעבען.

ער האט געלערענט אין חדר, און זי איז געשטאנען אין קלייט.

איינמאל געהט ער פארביי מיט'ן תפילין־זעקעל אין בית־מדרש אריין, ראש־חודש איז דאס געווען, דערזעהט ער זי שטעהן ביי דער טיר אין א רויט סיצען קליידעל, וואס זי אליין טאקי האט דאס אויפגענייהט, מיט א ווייס געשטיקט שאלעכעל אויפ'ן קאפּ, אויך איהר אייגענע ארבייט, און איהרע שענע שווארצע גרויסע אויגען קוקען גלייך אויף איהם און שמייכלען.

האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז דאס קוקט זי אויף איהם. די זון האט געשמאלעט, און א ווארעם ווינטעל האט זיך פער'גנבה'ט, א גלעט געטהאן די פּאה, און ער האט א מורקע געטהאן: „פריי־דעל — א היבשע נקבה!“...

האט ער נאכדעם נישט געקאנט דאווענען — זי איז איהם געשטאנען פאר די אויגען.

סאמע צו הלל, צו „מן־המצר“, דערמאנט ער זיך אן דעם צעלניקער'ס טאכטער און אן איהרע שענע שווארצע גרויסע אויגען, צעשאקעלט ער זיך און שרייט דעם „מן־המצר“ אויף א קול, טאמער וועט ער פערגעסען.

ער געהט פון בית־המדרש אהיים און קוקט אהין, טאמער וועט ער דערזעהען פריידלען.

ער קומט אין חדר אריין, נעמט זיך צו דער גמרא, קוקט אריין אין תוספות — דערזעהט ער פריידלען.

ביינאַכט אין חלום זעהט ער פריידלען — אומעטום פריי־דעל!

רב שלום־שכנא דער שדכן איז געפאַלען אויף א גלייכער זאַך. ער איז געקומען צו נח צעלניקער אין קלייט אריין איהם פאַרלעגען דעם שדוך פאר זיין יונגסטער טאָכטער מיט ברוך בן־ציון'ס יונגעל דוד, און האָט אַרויסגענומען דאָס פושקעלע טאַבעקע און אָנגעהויבען אויסרעכענען, וואָס פאר אַיין אנטיק ער האָט איהם געבראַכט צו טראָגען פאַר זיין טאָכטער. האָט זיך פריידעל געמוזט אָפּקעהרען אָן אַ זייט, מע זאָל ניט זעהען, ווי זי איז רויט געוואָרען.

ביי איהר אויף'ן ווייסען האַלז, פערשטעהט איהר מיך, איז געהאַנגען אַ בענדעל, און אויפ'ן בענדעל איז געהאַנגען אַ קניפּעל, און אין דעם קניפּעל האָט זיך געפונען אַ בריוועל, און אין בריוועל איז געשטאַנען געשריבען אויף אידיש מיט זעהר אַ שענער האַנד־שריפט, מיט ציקלעך און מיט קוועטשלעך און מיט דריידלעך, די דאָזיגע ווערטער:

„טהייערסטע און ליעבסטע נשמה! מיין פריינד<br>און מיין קרוין, מיין חיות און מיין לעבען! פריידעל.<br>„געזונד זאָלסט דו זיין! ווען אונזער טייך זאָל זיין<br>„פון גאָלע טינט, און דער וואַלד זאָל זיין גאָלע פּענעס,<br>„און די גאַנצע וועלט זאָל זיין פּאַפּיער, און איך זאָל<br>„שרייבען צו דיר גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט, וואָלט<br>„איך דיר נישט געקאָנט אַרויסשרייבען קיין צעהנטוי־<br>„זענד־חלק אפילו פון דעם, וואָס מיין הארץ טהוט<br>„פיהלען צו דיר פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס איך<br>„האָב דערזעהען דיין ליכטיג פּנים, וואָס איז שענער<br>„פון דער זון, און דערהערט דיין זיס קול, וואָס איז<br>„זיסער פונ'ם זיסטען ווייִן..."

און אזוי ווייטער.

דאָס פּאָרעל האָט לאַנג־לאַנג ארויסגעקוקט אויף רב שלום שכנא דעם שדכן, ער זאָל פּאַלען אויפ'ן שדוך. און אז דער שדוך

איז געוואָרען אַ שדוך, האָט דער חתן געשיקט דער כלה אַ פּאָר גיל־דענע אויהרינגלעך פאר פופצעהן קארבען. און די כלה האָט אויס־גענייהט דעם חתן מיט זילבער אויף סאַמעט אַ נייע תפילין־זעקעל, אַ מגן־דוד מיט צוויי לייבען און מיט אַ קרוין פון אויבען. וואָס מע האָט דאָס בעדאַרפט אָנקוקען אויף חדושים!

קיין גלייכען איז נישט געווען צו דעם פּאָרעל אויף דער וועלט. שטיל, אָהן ווערטער, האָבען זיי געצעהלט די וואָכען, די טעג, די שעות, די מינוטען צו דער חופה — אויף שבת־נחמו איז אָפּ־געשטעלט געוואָרען די חתונה — און די גליקליכע צייט איז גע־קומען, אין אַ גוטער שעה, אַ מזל'דיגער שעה.

ווער עס האָט ניט געזעהען זעלדע די צעלניקערין אין'ם טאָג פון איהר פריידעל'ס חופה אַרומלויפען מיט'ן זיידענעם טיכעל, פערבונדען פון יענער זייט האַלז מיט צוויי שפּיצען, און שרייען מיט אַ הייזעריג קול: „וואו איז ערגיץ נח, וויסט איז מיר?" — דער האָט קיין שענס ניט געזעהען און דער פערשטעהט ניט, וואָס הייסט „פערטאָרעראַמט!"

— חתן־כלה פאַסטען, — האָט זי געשריגען מיט אַ קוויטש — און איהם האָט דער גוטער יאָהר! נח, וואו ביזט דו ערגיץ? גוואַלד, נח, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען, נח!

— וואו איז דער מחותן? — האָבען איהר געהאָלפען שרייען חתן'ס צד. — שוין צייט באַזעצען די כלה! וואו איז דער מחותן?

און דער „מחותן" איז געזעסען אין אַ ווינקעלע; ער האָט זיך פערקלויבען אַהין מיט אַ גוטען ברודער, רב משה־יוסי דעם רב'ס איידעם, און דערצעהלט איהם אויס זיין ביטער האַרץ, וואָס פאַר אַ פערשטעהרטע חתונה ער האָט.

אַלע טעכטער, קיין עין־הרע, חתונה געמאַכט, ווי עס געהער צו זיין; אַלע מאָל אַראָפּגעבראַכט די יעהופּעצער כלי־זמר; געקומען צו דער מיזינקע — ניטאָ קיין כלי־זמר! אַ חאָפּענדיגע חתונה! אַ פערשטעהרטע חתונה!

משה־יוסי דעם רבֿ'ס איידעם גלעט זיך דאָס בערדעל, קוקט מיט שמייכעלדיגע אויגעלעך אויף דעם נארישען מחותן און זאָגט צו איהם:

— אָט האָט איהר דאָך כלי־זמר. די היגע כלי־זמר זענען דען קיין כלי־זמר ניט?

— אויך מיר כלי־זמר! — מאַכט צו איהם נח. — אַ חתונה אָהן יעהופּעצער כלי־זמר!

ווען נח ווייסט דאָס פריהער, אַז די יעהופּעצער כלי־זמר וועלען ניט קאָנען זיין, לעגט ער אָפּ די חתונה אויף חצי אלול. שפּעטער, נאָך דער חופּה, האָט ער ווידער ניט געסטייעט.

— וואו איז נח? — שרייט כלה'ס צד.

— וואו איז דער מחותן? — שרייט חתנ'ס צד.

— דער מחותן? דער מחותן?

זעלדע געפינט איהם און גיט איהם אַ רעכטען פּסק, טהוט אַ פּלעסק בשעת מעשה מיט די הענד:

— שען מאַכסט דו חתונה די מיזינקע, וועה איז מיר!

— אָהן די יעהופּעצער כלי־זמר — מאַכט נח — איז דאָס ביי מיר אַ לויה, נישט קיין חתונה, אַ פּארשטעהרטע חתונה!

— גאָט איז מיט דיר, נח, וואָס רעדסט דו, נח? — זאָגט צו איהם זעלדע מיט פייער. — כתרילעווקער כלי־זמר זענען קיין אידען ניט? כתרילעווקער כלי־זמר האָבען קיין קינדער ניט? כתרילעווקער כלי־זמר באַדאַרפען נישט עסען? אי־פע — שע־מען מעגסט דו זיך, שעמען אין דיין ווייטען האַלז אַריין!... רב יהושע־העשיל, אַ פריילי‌כס!

און רב יהושע־העשיל דער כלי זמר, איין עלטערער איד מיט אַ וואַטאַוואַער קאַפּאָטע, מיט גראָבע פּאות און מיט אַ לאַנ־גען טלית־קטן, טהוט אַ קלאַפּ מיט'ן סמיטשיק איבער'ן פּיעדעל, און אַ וואונק צו דער חברה — און כתרילעווקער כלי־זמר בעוויי־זען, אַז זיי זענען אויך נישט קיין „יאָלדען“; זיי שפּיעלען אַ

פרייליכס, ארבייטען אויף אַלע כלים, רייסען די סטרונעס, ברומען אויפ'ן באַס, בלאָזען אין די טרומייטען, פייפען אויף די פלייטען, קלאַפּען אין די טאַצען. דער עולם פּלעסקעט צו מיט די הענד, צעשפּרייט זיך, מאַכט די ראָד גרעסער און גרעסער. די מחותנים מיט די מחותנת'טעס פון ביידע צדדים נעמען זיך פאַר די הענד און מע געהט אַ פריילּיכס.

נישט פאַר קיין
אידען געדאַכט

געשריבען אין יאָהר 1902.

# נישט פאַר קיין אידען געדאַכט

זיידעל רב שעיה׳ס איז אַ יונגערמאַן, וואָס זיצט אויף קעסט, טהוט נישט קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, זיצט און לערענט, חאָטש ער האָט שוין עטליכע קינדער. נאָר וואָס האָט ער צו דאגה׳ן, אַז ער איז אַ בן יחיד, און רב שעיה איז אַ איד אַ נגיד — איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר איז דאָס אינגאַנצען זיינס.

רב שעיה איז כל־ימיו געוועזן אַ איד אַ בעל־הלואה. זיין „קאַפּיטאַל“ איז געוועזן צעוואָרפען איבער דער גאַנצער שטאָדט. ס׳איז ניט געוועזן איין בתרי־לעווקער, וואָס זאָל ניט זיין שולדיג רב שעיה׳ן קיין געלד. און דערפאַר האָט ביי איהם אין שטוב תמיד געקאָכט, ווי אין אַ קעסעל: דער אריין, דער אַרויס, דאָרט גענומען, דאָ געגעבען.

ס׳איז ביי איהם געווען, להבדיל, אַ „קאַנטאָר“, אַ „באַנק“ — אַ באַנק, נאָר אָהן געפּאַרבטע טישען און טישלעך, אָהן מענשען אַ סך מיט ווייסע מאַנישקעס, מיט פערדרעהטע וואָנצים און מיט לאַנגע נעגעל, אָהן פענסטערלעך מיט גראַטעס, אָהן אייזערנע שאַפעס און אָהן מורא׳דיגע קאַנטאָביכער און גראָסביכער, וואָס מע קאָן מיט זיי הרג׳ענען אַ מענשען.

ביי רב שעיה׳ן אין שטוב איז געשטאַנען נאָר איין טישעל, אויפ׳ן טישעל איז געשטאַנען אַ „טינטורעל“ מיט אַ „זעמדערעל“, און איטליכס מאָל, וואָס מע האָט בעדאַרפט פערשרייבען, פלעגט מען מוזען אָנשפּייען אין „טינטורעל“, ווארום אנדערש האָט דאָס

ניט געוואָלט געבען קיין טינט. און ווייטער איז געווען אין טי־שעל א טישקעסטעל מיט צוויי רינגלעך מיט א גרויסען שלאָס. דאָרט, אין טישקעסטעל, איז געווען דאָס „קאָנטאָבוך“ מיט אלע חשבונות, וואָס רב שעיה אליין טאַקי האָט זיי געפיהרט על־פי זיין אייגענער בוכהאַלטעריע. היינו, ווי אזוי?

דאָס ביכעל איז בעשטאַנען פון צוויי און פופציג בלעטלעך, אויף יעדען בלעטעל איז געשטאַנען די סדרה פון דער וואָך, צעווירעט אויף צווייען, פון איין זייט ק ב ל ת י*, פון דער אנדערער זייט נ ת ת י ** — און דאָרט איז געווען פערשריבען אזוי:

ק ב ל ת י מר׳ גרשון פופיק על פי קוויטעל פרשה בראשית ב׳ רו"כ.

ק ב ל ת י מר׳ פייוויל שמוים על־פי קוויטעל פרשה פקודי ד׳ רו"כ.

ק ב ל ת י מר׳ שמחה לעמיש־קע א׳ רו"כ.

ל א ק ב ל ת י מר׳ גרשון פופיק על פרשה נח, לא קבלתי גם על פרשה לך־לך.

נ ת ת י לר׳ שמחה לעמעשקע על־פי קוויטעל פרשה פקודי י"ג רו"כ.

נ ת ת י עוד לר׳ גרשון פופיק ז׳ רו"כ.

ל א נ ת ת י עוד לר׳ פייוויל שמוים י"ב רו"כ כי ס׳איז פארפאלען.

ה ב ט ח ת י*** לר׳ שמחה ליתן עוד י"א רו"כ.

ווי אזוי איז דאָס רב שעיה ארויסגעקראָכען פון די דאָזיגע חשבונות — ווייסט נאָר איין גאָט! פון דעסטוועגען, וועל איך אייך בעטען, האָט קיין יסורים ניט, ס׳איז ניט געווען קיין פראָ־טעסטען, קיין פראָצעסען, קיין לאָדענישען; איטליכער האָט

* גענומען. — ** געגעבען. — *** צוגעזאָגט.

געוואוסט, אז טאָמער הערט ער אויף צו צאָהלען, ווערד ער אוים בטוח, — א פאַרפאַלענער אויף אייביג!

און אזוי האָט זיך דאָס רעדעל געדרעהט, געדרעהט א צייט מיט יאָהרען, זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף קיין מינוט, ביז...

ביז רב שעיה איז געשטאָרבען.

רב שעיה איז געשטאָרבען, און זיידעל רב שעיה'ס האָט איבערגענומען דאָס געשעפט.

דורכגעלאָזט „שלשים“, האָט זיך זיידעל קודם כל גענומען צו די חשבונות און איז אָפּגעזעסען איבער די ביכער א וואָך דריי, געזעסען און געשריבען, געשריבען און גערעכענט, און האָט געשיקט רופען די בעלי־חובות און רופט זיך אָן צו זיי:

— איהר זאָלט וויסען זיין, רבותים, אז איך בין געזעסען די גאַנצע צייט איבער אייערע חשבונות, גערעכענט און גערעכענט, און האָב אויסגערעכענט, אז עס קומט שוין מעהר פון אייך קיין געלט ניט, איהר זענט ריין.

— וואָס הייסט, עס קומט פון אונז קיין געלט ניט? וואָס הייסט, מיר זענען ריין?

— אזוי, ווארום „על פי אלגעברע“ האָט איהר באַצאָהלט פּראָצענט און פּראָצענט דפּראָצענט זיבעצעהן מאָל אזוי פיעל נאָך מיט דריי זעכצעהנטעל, וויפיעל איהר זענט שולדיג געווען. נאָט אייך אָפּ אייערע קוויטלעך.

דערהערט אזעלכע דבורים, זענען די בתרילעווקער געוואָרען אָנגעצונדען. זיי האָבען גערעכענט, אז דאָ מוז ליגען עפּים א המצאה'לע, א שמד־שטיק, ניט אַנדערש; האָבען זיי איהם א שמיץ געטהאָן די קוויטלעך צוריק אין פּנים אריין און האָבען געמאַכט א „ויצעקו“.

— ער וויל אונז קוילען! קוילען אָהן א מעסער! רב שעיה, זאָל האָבען א ליכטיגען גן עדן, האָט מיט אונז געהאַנדעלט אזוי פיעל יאָהרען; זיין קעשענע איז פאַר אונז תמיד

געוועזן אָפּען; קומט ער צו געהן איצט און וויל אונז שטעלען אין דער בלאָטע!

— נאַראָנים! — שרייט צו זיי זיידעל. — וואָס פאַר נאַראָנים, בהמות איהר זענט! מע זאָגט אייך, אז איהר זענט ריין, נישט פונ'ם קאָפּ זאָגט מען אייך, „על פּי אַלגעברע"!

— וואָס דערצעהלט ער אונז פּזמונות — „אַלבעגרע"! לאָמיר זיך פאַרלאָזען אויף מענטשען, לאָמיר פרעגען א רב.

— צום רב! צום רב! — האָבען געשריען אַלע אין איין קול, און מען איז געגאַנגען צום רב, רב יוזיפיל דעם רב.

ביי'ם רב האָט זיך צענויפגעקליבען כמעט די גאַנצע שטאָדט. ס'איז געווען א ליאַרם, א געשריי עד לב השמים.

זיידעל האָט געלאָזט אַלעמען רעדען — לאָז זיך איטליכער זאָגען וואָס ער וויל; און ערשט נאָכדעם, אז אַלע האָבען זיך גוט אויסגעשריען, האָט ער געבעטען, אז דער עולם זאָל אויף א ווײַלע ארויסגעהן, ער וויל בלייבען מיט'ן רב אַליין, ער בעדאַרף איהם עפּיס זאָגען אונטער פיער אויגען.

וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישען זיידלען מיט רב יוזיפיל דעם רב — ווייסט קיינער נישט.

מע זאָגט, אז זיי האָבען געהאַט צווישען זיך א לאַנגען וויכוח. זיידעל האָט איהם אויסגעוויזען, אז מע טאָר נישט נעמען קיין פּראָצענט, ווארום על־פּי חקירה איז פּראָצענט גזילה; א מענש, וואָס לעבט פון פּראָצענט, זאָגט ער, איז ערגער פון ערגער, עס קומט אויס, זאָגט ער, אז אַלע דאַרפען האַרעווען. וואו זשע איז יושר?

רב יוזיפיל דער רב האָט זיך אפילו געפּרובט איהם איבערשפּאַרען מיט „תקון מהר"ם ז"ל", מיט'ן „ישוב־העולם", אָהן דעם וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום ניט האָבען, און אַזוי ווייטער; האָט איהם דערויף זיידעל אָפּגעענטפערט, אז נאָך זיין שכל נאָך קומט אויס, אז דער „קיום" איז גאָר קיין קיום ניט, עס געפעהלט איהם גאָר נישט די גאַנצע וועלט, ווי אַזוי זי פיהרט זיך.

— וואס איז דאס פאר א וועלט, — פרעגט ער ביי רב יוזיפיל דעם רב — אז אויסהאפען א בייגעל פאר א גראשען, בשעת איך בין הונגעריג, הייסט גע'גזל'ט, און אפראבעווען א שטאדט מיט אלמנות מיט יתומים, צונעמען ביי זיי דעם לעצטען ביסען, הייסט דאס „געשטעלט זיך"? פאר אפהאקען א פינגער קומט „קאטערזשנע סיביר", און פאר אויסקוילען אכציג טויזענד איינגלענדער אין אפריקע, ווי אכסען, באקומט מען א גילדענעם „מענדאל" זא חראבראסט?...

— ס'איז א יושר? — מאכט ער צו רב יוזיפיל דעם רב און נעמט איהם אן ביי דער לאץ פון דער קאפאטע. — ס'איז א יושר? אט פאהרט ארום דער אלטער קריגער נעבאך. דער מלכות פון די בויערען, קלאפט אין אלע טירען, בעט רחמים. מע זאל רחמנות האבען אויף זיין ארעם לאנד; ער וויל נישט מעהר נאר א דין־תורה, ער וויל זיך פארלאזען אויף מענטשען. וואס מענטשען ועלען פסק'ענען. זאגט דער: ער וויל זיך ניט מישען, און דער זאגט: סע פאסט איהם ניט פאר יענעם... דער אזוי, יענער אזוי, — דערווייל גיסט זיך בלוט. וואו איז יושר, פרעג איך אייך, וואו איז מענטשליכקייט? און איהר זאגט מיר גאר „ישוב", „מנהג־העולם", דער „קיום" פון דער וועלט! א שענער קיום! א שענע וועלט!...

און נאך כדומה אין אזעלכע ווילדע חקירות איז זיידעל אריין מיט'ן רב, פערקראכען, ווי מע זאגט, אין „אלף־הששי", העט־העט אין די ווייטע דרכים אריין, אנגעהויבען אפלייקענען מיינס און דיינס און שותפות'דיגס, אנגעהויבען אפלאכען, רעדען, ווי מע זאגט, על ה' ועל משיחו ועל נבתקהו...

האט שוין רב יוזיפיל דער רב מעהר נישט געהאט מיט איהם וואס צו רעדען און האט שוין ווייטער נישט געוואלט הערען אפילו, זיך פערשטעלט די אויהערען מיט ביידע הענד און גע־שריגען:

— גענוג! גענוג! גענוג!

אַז זיידעל איז געגאַנגען אַהיים, האָט זיך רב יוזיפּיל דער רב אָנגערופען צום עולם מיט אַ זיפץ:

— נעבאַך אַ וואוילער יונגערמאַן און אַיין אײדעלער יונגער־מאַן און אַ ליטישער יונגערמאַן, נאָר נ י ש ט פ אַ ר ק י י ן א י ד ע ן ג ע ד אַ כ ט...

און בשעת מעשה האָט ער בעוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן שטערן, און אַלע האָבען פערשטאַנען, וואָס ער מיינט.

# דרייפוס אין כתרילעווקע

געשריבען אין יאָהר 1902.

# דרייפוס אין כתרילעווקע

איך ווייס ניט, אויב די מעשה פון דרייפוס'ען האָט נאָך ערגיץ אָנגעמאַכט אַזאַ רעש, ווי אין כתרילעווקע.

אין פּאַריז, זאָגט מען, האָט דאָס אויך געקאָכט, ווי אין אַ קעסעל. גאַזעטען האָבען געשריבען, גענעראַלען האָבען זיך געשאָסען, און ווייסע-חברה'ניקעס זענען אַרומגעלאָפען איבער די גאַסען, ווי משוגעים, געוואָרפען היטלען און געאַרבייט מעשים. דער האָט געשריגען: „וויוו דרייפוס!" און דער האָט געשריגען: „וויוו עסטערהאַזי!" און אידען האָט מען דערוויייל געשמירט, גע־מאַכט מיט דער בלאָטע, ווי געוויינטליך... נאָר אַזוי פיעל עגמת־נפש מיט אַזוי פיעל יסורים און בזיונות, ווי כתרילעווקע האָט דערפון געהאַט — דאָס וועט פאַריז ניט האָבען ביז משיח וועט קומען.

פון וואַנען איז מען אין כתרילעווקע געוואָהר געוואָרען פון דרייפוס'ען — דאָס זאָלט איהר ניט פרעגען. וואָרום לֹמאי ווייסט מען דאָרטען פון דער מלחמה, וואָס די איינגלענדער האָ־בען געפיהרט מיט די בויערען? פון וואַנען ווייסען זיי וואָס אין קיטאַיי טהוט זיך? וואָס פאַר אַ מחותן איז כתרילעווקע מיט קיטאַיי? די גרויסע מסחרים, וואָס זיי פיהרען מיט דער וועלט? טיי בעקומען זיי פון וויסאָצקי'ן פון מאָסקווע, און דאָס געלע זומערשטאָף, וואָס מען רופט דאָס „טשע־שון־טשא", טראָגט מען

נישט אין כתרילעווקע. דאָס איז נישט פאַר זייער בייטעל. דאַנ־קען גאָט, אַז מע קאָן טראָגן זומער אַ נאַקידקע חאַטש פון פּאַרוסינע: אַניט, האָט מען אַ ברירה געהן גאַר אַזוי, דאָס הייסט, מחילה, אין תחתונים און פון אויבען אַ ציצענעם אַרבע־כנפות, און מע שוויצט פון דעסטוועגן גאַנץ געשמאַק, אַבי ס'איז נאַר אַ הייסער זומער.

בלייבט דאָך אַלץ די אייגענע קשיא: פון וואַנען האָט פּאַרט כתרילעווקע אָנגעשמעקט די מעשה פון דרייפוס'ען פון זיידלען.

זיידעל רב שעיה'ס איז דער איינציגער איז שטאָדט, וואָס שרייבט־אויס דעם „צפירה", און אַלע נייעסען, וואָס טהוען זיך אָפּ אויף דער וועלט, ווערד מען געוואָהר פון איהם, דאָס הייסט, ניט פון איהם, נאַר דורך איהם. ער לייענט זיי, און זיי פּער־טייטשען; ער דערצעהלט, און זיי לערנען דעם פּשט; ער זאָגט וואָס סע שטעהט, און זיי דרינגען אָפּט פערקעהרט, וואָרום זיי פערשטעהען בעסער.

*

ויהי היום, איז געקומען זיידעל רב שעיה'ס אין בית־המדרש אריין און דערצעהלט אַ מעשה, אַז אין פּאַריז האָט מען גע'משפּט אַ אידישען קאַפּיטאַן, איינעם אַ דרייפוס, דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען נויטיגע פּאַפּיערען פון דער מלוכה. איז דאָס אין איין אויהער אַריין, פונ'ם אַנדערען אַרויס. איינער האָט זיך אַ זאָג געטהאָן פאַרבייגעהענדיג:

— וואָס טהוט ניט אַ איד צוליעב פּרנסה?

דער אַנדערער האָט געהאַט אַ נקמה:

— אַ מצוה! לאָז אַ אידעלע ניט קריכען אויבענאָן און זיך ניט מישען צווישען קיסרים!

שפּעטער, אַז זיידעל איז געקומען און האָט דערצעהלט אַ נייע מעשה, אַז די גאַנצע געשיכטע איז גאַר געווען אַ בלבול, אַז

דער אידישער קאפּיטאַן, דער דרייפוס, וואָס מע האָט איהם פערשיקט, איז גאָט די נשמה שולדיג, ס'איז גאָר אַ גאַנצע אינטריגע פון עטליכע גענעראַלען, וואָס האָבען זיך עפּיס צעאַמפּערט — דעמאָלט האָט זיך שוין דאָס שטעדטעל אַביסעל פּערזאינטערעסירט, און דרייפוס איז געוואָרען אַ כתרילעווקער, וואו צוויי איז ער געווען אַ דריטער.

— געהערט?

— געהערט.

— פאַרשיקט אויף אייביג.

— „וועטשני פּאָסעלעניע".

— אומזיסט־אומנישט!

— אַ בלבול!

נאָך שפּעטער, אַז זיידעל איז געקומען און האָט דערצעהלט, אַז ס'איז גאָר אַ סברה, אַז דער משפט זאָל נאָך אַ מאָל גע'משפט ווערען, אַז עס האָבען זיך געפונען גוטע מענשען אַזעלכע, וואָס נעמען זיך אונטער בעווייזען דער וועלט, אַז ס'איז גאָר געווען אַ טעות די גאַנצע מעשה, — האָט כתרילעווקע אָנגעהויבען זיך וויעגען גאָר אויף אַיין אַנדער אופן. ערשטענס, איז דאָך דרייפוס „אונזערער"; און, צווייטענס, ווי קומט דאָס, אַז דאָרטען אין פּאַריז זאָל פּאָרקומען אַזאַ פּאַסקודנע מעשה? פּע, עפּיס זעהר ניט שען פאר די „פראַנצעהויזענדיגע"!... עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ שפּאַרעניש און אַ וועטעניש: דער האָט געזאָגט, אַז דער משפט וועט נאָך אַ מאָל גע'משפט ווערען, און דער האָט געדרונגען, אַז ניין: איין אחר מעשה בית־דין כלום — אָפּגעמשפּט, איז פערפאַלען...

וואָס ווייטער־ווייטער האָט מען אויפגעהערט צו וואַרטען ביז זיידעל וועט זיך אַמאָל אויסקראַצען צו קומען אין בית־המדרש אריין דערצעהלען נייעס פונ'ם קאַפּיטאַן דרייפוס; מע האָט אָנגעהויבען געהן צו איהם אהיים. מע האָט נישט געהאַט מעהר קיין געדולד געהן צו איהם אהיים, און מע האָט אָנגעהויבען געהן

מיט איהם גלייך אויף דער פּאָסט אָפּנעמען דאָס בלאַט, און דאָרטען טאַקי דאָס איבערלייענען, און דאָרטען טאַקי איבערקייען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, שרייען, פּילדערען, שפּאַרען זיך און רעדען אַלע אינאיינעם, ווי געוויינטליך. ניט איין מאָל האָט זיי דער אָדון דער פּאָסטמייסטער געגעבען אָנצוהערעניש, זעהר איידעל אפילו, אַז אַ פּאָסט איז ניט קיין שוהל, להבדיל:

— טוט נע זשידיווסקאַ שקאָלאַ, זשידי פּאַרחאַטיע, טוט נע קאַהאַל שאַבערמאַכערי!...

זיי האָבען איהם אָבער געהערט, ווי המן דעם גרייגער: ער האָט זיי געזידעלט, און זיי האָבען געלייענט דעם „צפירה“ און גערעדט פון דרייפוס'ען.

און נישט נאָר פון דרייפוס'ען אַליין האָט מען גערעדט אין כתרילעווקע. עס איז צוגעקומען אַלע מאָל אַ פרישער פּאַרשוין: פריהער „עסטערהאַזי“, נאָכדעם „פּיקערט“, נאָכדעם גענעראַל „מערסי“, „פּעלי“, „גאָנזי“, און דערביי איז געזאָגט געוואָרען אַ המצאה, אַז ביי די „פראַנצעהויזענדיגע“, וויבאַלד אַ נאָמען פון אַ גענעראַל, אַזוי מוז זיך אויסלאָזען מיט אַ „י“. האָט איינער געפרעגט אַ ווידעראַנאַנד:

— נו, און מיט בודעפּערען וואָס ועסט דו טהון?

— הערסט דו? האָט ער טאַקי געהאַט אַ מפלה.

— כן יאבדו!

צוויי פּאַרשוינען זענען געווען אין כתרילעווקע, וואָס די גאַנצע שטאָדט האָט זיי ליעב געקריגען, אויסגעגאַנגען נאָך זייערע טריט. דאָס זענען געווען „עמיל זאָל“ און „לאַמבאָרי“. פאַר „עמיל זאָלען“ וואָלט זיך יעדער איינציגער מפקיר געווען. אַ ווערטעלע אויסצורעדען — „עמיל זאָל“! אַז עמיל זאָל וואָלט קומען, למשל, קיין כתרילעווקע, וואָלט די גאַנצע שטאָדט איהם אַרויסגעקומען אַקעגען מיט אַ ברוך-הבא, אויף די הענד וואָלט מען איהם גע-טראָגען.

— וואָס זאָגט איהר אויף זיינע בריוועלעך?

— פּערעל! דימענטען! בּאַרליאַנטען!

אויך פון „לאַמבּאַרי'ן" האָט מען געהאַלטען איין עולם ומלואו. דער עולם האָט געקוועלט, נתפּעל געוואָרען און געלעקט די פינגער פון זיינע דרשות. חאָטש האַרכען האָט איהם אין כתרילעווקע קיינער נישט געהאָרכט, נאָר מע האָט פערשטאַנען מיט'ן שכל, אַז ער בּעדאַרף קאָנען רעדען.

איך ווייס נישט, אויב דרייפוס'עס משפּחה אין פּאַריז האָ־בּען אַזוי אַרויסגעקוקט אויף דרייפוס'ען, ער זאָל קומען פון'ם שענעם אינזעל, ווי עס האָבען אַרויסגעקוקט דערויף די כתרי־לעווקער אידען. מע קאָן זאָגען, אַז זיי זענען געפאָהרען גלייך מיט דרייפוס'ען אַזש פון דאָרטען אויפ'ן ים, ממש געפיהלט, ווי זיי שווימען: אַט־אַט הויבּט זיך אויף אַ שטורמווינד און צע־שמייסט דעם ים אויף אַלע זייטען, די חוואַליעס פּלעסקען און וואַרפען דאָס שיף, ווי אַ שפּענדעל, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ.

— רבונו של עולם! — האָבּען זיי מתפּלל געווען בּיי זיך אין האַרצען. — זאָלסט איהם חאָטש בּרענגען בשלום אַהין, וואו דער משפּט בּעדאַרף זיין! זאָלסט חאָטש עפענען די אויגען פון די ריכטער און קלאָר מאַכען זייערע מוחות, זיי זאָלען געפינען דעם שולדיגען, און די גאַנצע וועלט זאָל אַרויסזעהן אונזער גערעכטיגקייט, אָמן סלה!...

דעם טאָג, וואָס ס'איז אָנגעקומען די גוטע בשורה, אַז דריי־פוס איז שוין דאָ, איז אין כתרילעווקע געווען אַ יום־טוב. זיי זאָלען זיך ניט שעמען, וואָלטען זיי פערשלאָסען די קלייטען.

— געהערט?

— אַ דאַנק השם יתברך!

— כ'וואָלט אַ בעל'ן געווען זעהען, ווי אַזוי איז געווען דאָס ערשטע בּאַגעגעניש מיט'ן ווייב?

— און איך וואָלט אַ בעלן געווען אָנקוקען בשעת מעשה די קינדערלעך, אַז מע האָט זיי געזאָגט: דער טאַטע איז גע־קומען.

ווייבער, וואָס זענען בעת מעשה געזעסען, האָבען בעהאַל־טען די פּנים׳ער אין די פאַרטיכער, כלומר׳שט געשנייצט די נעזער. מע זאָל נישט זעהן, אַז זיי וויינען. ווי כתרילעווקע איז איין אָרעם שטעדטעל, וואָלט יעדער אָפּגעריסען דאָס לעצטע פונ׳ם לעצטען און וואָלט זיך דורכגעפאָהרען אהין, אַ קוק טהון חאָטש פון דערווייטען.

אַז דער משפּט האָט זיך אָנגעהויבען, איז געוואָרען אַ קאַ־בעניש, גאָט זאָל שומר ומציל זיין. נישט נאָר דאָס בלאַט—זייד־לען האָט מען צעריסען אויף שטיקלעך. מע האָט זיך געוואָר־גען מיט׳ן עסען, מען איז ניט געשלאָפען קיין נעכט. מע וואָלט שוין געהרען דערלעבען מאָרגען, מאָרגען — איבער־מאָרגען, און אזוי אַלע טאָג.

מיט אַ מאָל איז געוואָרען אַ מהומה אין שטאָדט, אַ טומעל, אַ געשריי, אַ געפילדער, — חושך! חושך! דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען מע האָט געשאָסען אויף אַדוואָקאַט לאַבאָרי. די כתרילעווקער האָבען איינגעלעגט די וועלט.

— פאַר וואָס? פאַר ווען? אַזאַ רציחה! אומזיסט־אומנישט! ערגער ווי אין סדום!

דער דאָזיגער שאָס האָט זיי דעם קאָפּ אַראָפּגענומען. די דאָזיגע קויל האָט זיי געטראָפען גלייך אין האַרצען אריין. גלייך ווי ער האָט געשאָסען אויף כתרילעווקע.

— רבונו של עולם! — האָבען זיי מתפלל געווען ביי זיך אין האַרצען. — בעווייז דיינע וואונדער, דו קאָנסט דאָך, אַז דו ווילסט, טהו אַ נס, לאַמבאָרי זאָל חאָטש בלייבען לעבען.

און גאָט ברוך־הוא האָט אַ נס געטהאָן, ער איז געבליבען לעבען.

*

אז ס'איז געקומען צום לעצטען טאָג פונ'ם משפט, האָט דאָס מיט די כתרילעווקער געוואָרפען ווי אַ קדחת. זיי וואָלטען אַ בעלן געווען אַנשלאָפען ווערען אויף אַ גאַנץ מעת־לעת און אויפ־חאַפּען זיך דעמאָלט, ווען דרייפוס וועט, אם ירצה השם, שוין זיין פריי. נאָר, ווי אויף צו־להכעיס, האָט זיך ביי קיינעם דאָס אויג נישט געקאָנט צומאַכען. מע האָט זיך יענע נאַכט געקאָט־שעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, מלחמה געהאַלטען מיט די וואַנצען און אַרויסגעקוקט, עס זאָל שוין ווערען טאָג.

אז ס'איז געוואָרען טאָג, איז מען אַוועק אויף דער פּאָסט. די פּאָסט איז געווען פערשלאָסען און דער טויער אויך. בים־לעבוויזז האָט זיך דער עולם אָנגעהויבען צענויפקלויבען אַרום דער פּאָסט, און ס'איז געוואָרען פערפלייצט די גאַס. אידען זענען אַרומגעגאַנגען היין און צוריק, גענעהנעצט, געצויגען זיך, גערדרעהט די פּאה און געזונגען שטילערהייד פון הלל.

אז יאָרעמע דער סטאָראָזש האָט געעפענט דאָס טויער, האָבען אידען אַ לאָז געטהאָן זיך אַלע מיט אַ מאָל. איז יאָרעמע געוואָרען אָנגעצונדען, בעוויזען, אַז דאָ איז ע ר בעל־הבית, און האָט זיך צעלאָזט אויף זיי און, מחילה, זיי אַרויסגעטריבען מיט בזיונות פון דער פּאָסט אין דרויסען אַרויס, און דאָרטען האָבען זיי געוואַרט אויף זיידלען, אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבען זיך פּאָרט דערוואַרט. און אַז זיידעל האָט אָפּגענומען דאָס בלאַט און האָט זיי איבערגעלייענט דעם שענעם פּסק פון דרייפוס'ען, איז געוואָרען אַ געשריי, אַ ליאַרם — הימעל עפען זיך! דער געשריי איז געווען ניט אויף די ריכטער, וואָס האָבען שלעכט גע'פסק'עט, נישט אויף די גענעראַלען, וואָס האָבען געשוואָרען פאַלש, נישט אויף די „פראַנצעהויזענדיגע“, וואָס האָבען זיך אַזוי ניט שען אויסגעפיינט, — ניין! דער געשריי איז געווען אויף זיידלען.

— סע קאָן ניט זיין! — האָט כתרילעווקע געשריגען אין איין קול. — סע קאָן ניט זיין אין דער וועלט אַזא משפּט! הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אז דער אמת מוז אַרויף, ווי בוימעהל אויפ׳ן וואסער. וואָס ווערסט דו אונז דערצעהלען מעשיות?

— בהמות! — שרייט נעבאך זיידעל מיט אַלע כוחות און שטופּט זיי דאָס בלאַט גלייך אין פּנים אריין. — נאַט זעהט וואָס סע שטעהט אין בלאַט!

— בלאַט־שמאַט! — שרייט כתרילעווקע. — און אַז דו ווערסט זיך שטעלען אָט דאָ מיט איין פוס אויפ׳ן הימעל און מיט דער אַנדערער אויף דער ערד — וועלען מיר דיר גלויבען? ס׳איז אַ זאַך, וואָס עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין!

אַ סימן — ווער איז געווען גערעכט?...

# קיין עין-הרע ניט

מאָנאָלאָג.

געשריבען אין יאהר 1902.

# קיין עין־הרע ניט

(מאָנאָלאָג).

— ווי איהר זעהט מיך אָטאָ — מאַכט צו אונז אַ כתריאֵלעווקער בעל־עגלה, וואָס האָט זיך אויסגעדרעהט צו אונז אין דער בויד אריין, און די פערדלעך מיט'ן וואָגען האָט ער געלאָזט אויף גאָטס'ס בעראָטה — ווי איהר זעהט מיך אָטאָ, בין איך מיר אַ איך מיט קיין עין־הרע צוויי פערדלעך אייגענע; יענער, דער בולאַנער, איז ביי מיר שוין קיין עין־הרע דאָס אַכטע יאָהר, ווי איהר קוקט איהם אָן, אַ שווערפּיסיגער, נישט אַזאַ לויפער, נאָר אַ „נעמער" קיין עין הרע אַ גוטער, און דער קאַשטאַנעוואַטער איז אויך קיין עין־הרע אַ יאָדעריג פערדעל. מיט אַזעלכע צוויי פערדלעך, אַז גאָט שיקט צו גוטע פֿאַרשוינדלעך, און אַ סך, קאָן מען האָבען פּרנסה קיין עין־הרע מיט'ן פולען מויל, און פּרנסה — דאָס מוז מען, וואָרום אין דער היים איז פאַרהאַן אַ ווייב מיט קיין עין־הרע זעכס פּיקערס; זי קינדעלט קיין עין־הרע אַלע יאָהר, אסתר הייסט זי, און דערפאַר האָט זי טאַקי אַ פּנים פון אַ רוח. געווען אַזאַ שענע קיין עין־הרע, אַזאַ־נ־אײדעלע, אַ צורה־מלוכה, בשעת איך האָב חתונה געהאַט פאַר איהר; כ'בין נאָך דעמאָלט געווען אַ שמייסער ביי יענעם, אַ בחור קיין עין־הרע איין אייזען. וואָס מיר ווינטער? ווער מיר זומער? וואָס מיר שניי? ווער מיר בלאָטע? איבערגעקעהרט זיך דער וואָגען?

אליין גענומען אויף די פּלייצעס און אליין קיין עין־הרע אויפ־
געהויבען איהם פון דער בלאָטע, אַפילו זיך ניט פארקרימט. אַט
אַזאַ מין פּארשוין בין איך געוועזן. און זי, אסתר הייסט דאָס,
איז געוועזן אַ יתומה, און דוקא אַ בעל־הבת'יש קינד, אַ מלמד'ס
אַ טאָכטער, נאָר מחמת זי איז געוועזן ניט איינע, קיין עין־הרע
אַכט שטיק זענען זיי געוועזן, און די מוטער איז איין אָרעמע
אַלמנה, האָט זי נעבאך זעהר געוואָלט חתונה מאַכען די טאָכטער.
האָט מען איהר גערעדט שדוכים קיין עין־הרע די שענסטע, די
פיינסטע שדוכים. נאָר איין חסרון — קיין געלט איז ניט געוועזן.
און מיר זענען געזעסען אונטער איין דאַך, זענען מיר געזעסען,
רוף איך זיך אָן צו איהר איינמאָל, צו אסתר'ען הייסט דאָס,
יום־טוב איז דאָס געוועזן, אַלע זענען געוועזן אין שוהל: „אסתר,
זאָג איך, דו וועסט מיך נעמען?“ שווייגט זי. זאָג איך צו
איהר נאָך אַ מאָל: „אסתר, זאָג איך, קוק ניט, זאָג איך, וואָס
איך בין אַ שמייסער, זאָג איך, ביי יענעם, איך האָב צענויפגעש־
לאָגען, זאָג איך, מיין אייגענס קיין עין־הרע אַ קערבעל עטליכע
און דרייסיג; האָב איך נאָר חתונה, זאָג איך, אַזוי קויף איך
מיר באַלד אַ פערדעל און ווער אַליין, אם ירצה־השם, אַ בעל־עגלה,
זאָג איך, און אַ יונגעל, זאָג איך, בין איך קיין עין־הרע אַ האָרעפּאַש־
נער, האָרעוועזן קאָן איך, עס וועט דיר, זאָג איך, זיין ביי מיר קיין
עין־הרע גוט ווי די וועלט, פונ'ם שענסטען און פונ'ם בעסטען!“
שווייגט זי.

קיצור, מיר האָבען חתונה געהאַט. אַז מיר האָבען חתונה
געהאַט, האָט זי באַלד אָנגעהויבען קינדלען, קיין עין־הרע אַלע
יאָהר, אַלע יאָהר אַ קינד; און אַז זי האָט אָנגעהויבען צו קינדלען,
האָט זי אָנגעהויבען קרענקען, און אַז זי האָט אָנגעהויבען צו קרענ־
קען, האָט זי געקרענקט און געקרענקט, אַוועקגעקרענקט אַ צייט!
זאָג איך צו איהר: „אסתר, וואָס וועט זיין, זאָג איך, דער
תכלית, וואָס דו קרענקסט?“ לאַכט זי. „אסתר, זאָג איך, דו
לאַכסט און מיר טריפט זיך בלוט, קוקענדיג אויף דיר; טאַ־

מער, זאָג איך, וואָלטען מיר זיך דורכגעגאַנגען צום דאָקטאָר? אפשר, זאָג איך, וועט ער געפינען עפּיס א סגולה?"... האָבען מיר זיך אָנגעהויבען צו קלויבען צום דאָקטאָר. האָבען מיר זיך געקלויבען און געקלויבען, וואָרום ווען האָב איך צייט, משטיינס געזאָגט, אַז די גאַנצע וואָך איז מען קיין עין־הרע אין דער אַרבייט? סיידען שבת?

קיצור, מיר האָבען זיך אַרויסגעריסען איינמאָל אין אַ שבת צום דאָקטאָר. געקומען צום דאָקטאָר, פרעג איך דעם דאָקטאָר: „וואָס טהוט מען, זאָג איך, פּאַני מאַרשאַלקי, וואָס זי קרענקט?" נעמט ער און באַטראַכט זי און הערט זי אויס און רופט זיך אָן צו מיר: „דיין ווייב איז ניט געזונט". זאָג איך צו איהם: „פּאַני קאָנסוליאַרזשע, גוט וואָס איהר האָט מיר געזאָגט, אַניט, וואָלט איך ניט געוואוסט!" מאַכט ער צו מיר: „נישט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען; איך האָב דיר געוואָלט זאָגען, זאָגט ער, אַז דו באַדאַרפסט זי אָפּהיטען, היטען ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פונ'ם אויג; זי טאָר, זאָגט ער, ניט האָבען קיין קינדער מעהר, וואָרום טאָמער האָט זי נאָך אַ צוויי קינדער, זאָגט ער, וועט זי קלאַפּירען". „קלאַפּירען? — זאָג איך. — בייסט אייך אָפּ די צונג, פּאַני! זי איז ביי מיר, זאָג איך, איינע, זי איז ביי מיר טייערער פון זיך אַליין, און פון מיינע צוויי פערדלעך אפילו. און איהר רעדט גאָר פון קלאַפּירען, זאָג איך. וואָס טויג מיר; זאָג איך, אייערע עצות? איהר גיט איהר עפּיס אַ רפואה, זאָג איך, אַ סגולה, זי זאָל אויפהערען, זאָג איך, קרענקען!"... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ער האָט איהר פאַרשריבען א רפואה, פּראָש־קעס אַזעלכע, און מיר געהען אַהיים. געקומען אַהיים, זאָג איך צו איהר: „אסתר, האָסט געהאָרכט וואָס דער קלוגער דאָקטאָר האָט געזאָגט?"... לאַכט זי.

קיצור, עס געהט אַוועק נאָך אַ יאָהר און נאָך אַ יאָהר, און וואָס ווייטער ווערד זי ערגער און ערגער, און די קינדער, איהר זאָלט זעהען, דוקא קיין עין־הרע איבערגעוואַשענע קינדער, איינס

און איינס. דאָס עלטערע יונגעל שוין אַלט קיין עין־הרע דאָס דרייצעהנטע יאָהר, געגעבען איהם אין חדר, געוואָלט מאַכען פאַר אַ למדן — ווער, וואָס? אַז דער קאָפּ איז איהם גאָר ביי די פערדלעך! און אַזוי איז דער אַנדערער, און אַזוי איז דער דריטער. איך קום צו פאָהרען אַהיים און שפּאַן אוים די פערדלעך — אהאַ! מיין חברה קיין עין־הרע איז דאָ: איינער אויפ׳ן וואָגען, דער אַנדערער אונטער׳ן וואָגען, איינער אויף איין פערדעל, דער אַנדערער אויפ׳ן אַנדערען פּערדעל, און דער קלענערער זיצט גאָר רייטענדיג אויפ׳ן דישעל. „ווייסע־חברה׳ניקעס, זאָג איך, ניט גע־דאַכט זאָלט איהר ווערען! נעחיי וואָלט איהר בעסער חשק געהאַט צום סדור!"... עס פאַרדריסט מיך, סטייטש, סע קאָסט מיך בלוט, איך צאָהל שכר־למוד, ווער פאַרשוואַרצט אַ גאַנצע וואָך, פאָהר־אַרום הין און צוריק מיט׳ןביידעל, פאַרדיען טאַקי קיין עין־הרע דאָס שטיקעל ברויט, אָבער טאַקי נישט מעהר ווי דאָס שטיקעל ברויט, מחמת די גרעסטע העלפט געהט אַוועק אויף זיי, להבדיל, אויף די פערדלעך הייסט דאָס, זיי דאַרפען קיין עין־הרע היי און האָבער אַלע טאָג, דעם וואָגען שמירען דאַרף מען אויך, און אַ שטוב קיין עין־הרע אויסהאַלטען איז נישט קיין ווערטעלע, און אַליין איז מען אויך אַ מענטש, אונטערוועגענס קיין עין־הרע אַליין אַ בעל־עגלה, שוין נישט קיין שמייסער ביי יענעם, אַמאָל אַביסעל בראַנפען, אַמאָל פאַרבייסען, די נשמה אויסשפּייען קאָן מען ניט, און אין מיטען דרינען, טראַך, פאַלט גאָר אַ פערד, איז איין עק, אוים גדולה!

אַ שטיקעל גליק, הערט איהר, פאַר נאַשבראַט, וואָס גאָט האָט געשענקט אונז דאָס שטיקעל שבת — אַ מתנה פון זיין ליעבען נאָמען. קומט שבת, וועט איהר מיך ניט דערקענען. קיין עין־הרע גאָר איין אַנדער מענטש! אַז איך קום פאַרפריה פרייטאָג אַהיים, איז ראשית חכמה, פון אַלע ראשית חכמות — אין מרחץ אריין. דאַרטען פּאַרע איך מיך קיין עין־הרע אוים אויף אַלע זייטען, ווערד זוויף מיר אַ נייע פעל. איך קום אַהיים

א פרישער, א צאפּעלדיגער, טרעף איך אויפ'ן טיש די שענע צוויי אויסגעריבענע מעשענע לייכטער מיט קיין עין־הרע צוויי גרויסע קוילעטשעז, און די קלוגע פיש קיין עין־הרע לאָזען זיך הערען שוין פונ'ם אויפ'ן־אויוועז איבער דער גאַנצער שטוב, און אין שטוב איז ווארעם קיין עין־הרע, ריין און ציכטיג אין אַלע ווינקעלעך. חאָטש שפּיגעל זיך, דער טשאָלענט איז פאַררוקט, דער פּריפּעטשיק אָפּגעשמירט, די קאַץ וואַרעמט זיך, און איך להבדיל בין מעביר די סדרה קיין עין־הרע צוויי מאָל; נאָכדעם גייה איך מיר אין שוהל אַריין דאַווענען און קום אַהיים מיט'ן ברייטען גוט שבת, זאָג אָפּ די שלום־עליכם'ס, מאַך קיין עין־הרע דעם פיינעם קידוש איבער קיין עין־הרע א גוט ביסעל בראָנפען, עס־אָפּ קיין עין־הרע די גוטע וועטשערע, די אמת'ע פיש, די ריינע יויך מיט'ן צימעסדיגען צימעס, און לעג מיך רוהען. שלאָף איך אָפּ קיין עין־הרע די נאַכט ווי א מלך; און אין דערפריה גייה איך מיר אין שוהל אַריין, קיין עין־הרע ווי א גראַף, און אין דערהיים וואַרטען שוין אויף מיר קיין עין־הרע אַלע שבת'דיגע מאַכלים: דער בעל־הבתישער רעטאַך מיט די כשר'ע ציבעלים, די געהאַקטע אייער מיט'ן שענעם לעבער, די פיינע פּעטשאַ מיט'ן לייטישען קנאָבעל, די הייסע יויך מיט'ן פעטען קוגעל, וואָס רינט פון איהם קיין עין־הרע די שמאַלץ ווי פון א וואָרעטשיק. אודאי קאָן מען נאָך אזא מין סעודה קיין עין־הרע גוט שלאָפען. און אז מע שלאָפט זיך אוים נאָך אזא וואַרעמעס, וויל מען דאָך קיין עין־הרע א טרונק. און אז סע ברענט אויפ'ן האַרצען, זאָגט איהר, איז עפּעלקוואַס נישט קיין שלעכט ביסעל משקה, און באַרלעך־צימעס נישט קיין שלעכט מאַכל. און אז מע טרינקט אוים א קוואָרט עפּעלקוואַס קיין עין־הרע און מע פאַרבייסט מיט באַרלעך־צימעס, נעמט מען זיך צום תהלים און מע רייבט קיין עין־הרע געשמאַק איין קאַפּיטעל נאָכ'ן אַנדערען; זיי פליהען קיין עין־הרע, די קאַפּיטלעך, ווי די ווערסטען אויפ'ן גרויסען טראַקט, איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינס נאָך דאָס אַנדערע, אַהן א פּאָפּאָס, וואָרום

ווי איהר זעהט מיך, חאָטש אַ בעל־עגלה, גערט ביי מיר קיין עין־הרע דער תהלים, ווי אַ מזמור, הלואי וואָלטען אזוי מיינע ממזרים געקאָנט איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר נאָך טאַטע־מאַמע, אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אריין — — — טפררררו, איינגעזונקען זאָלט איהר ווערען!...

אזוי האָט אויסגעלאָזט פּלוצים דער כתרילעווקער בעל־עגלה צו זיינע פערדלעך, דעם „בולאָנעם" מיט'ן „קאַשטאַנעוואַטען" וואָס האָבען אַ נעם געגעבען דעם וואָגען באַרג־אַראָפּ און געגעבען אַ טראָג־אַוועק איהם פייל אויס'ן בויגען. און איידער מיר קוקען זיך ארום, ליגען מיר אַלע מיט'ן וואָגען אונטער'ן באַרג אין דער בלאָטע. די פאַרשוינען, וואָס זענען געזעסען „פּאַריטש", אָקעגען אונז, ליגען, מחילה, פון אונטען; און מיר, בוידפאַרשוינען — פון אויבען, אויף זיי. און דער „בולאַנער" מיט'ן „קאַשטאַנע־וואַטען", פערוואַרפען די קעפּ ארונטער, באַרבלען זיך מיט די פּיס־האַרחלען, ווילען נעבאַך ארויסקאַראַטשקען זיך — און קאָנען נישט.

— פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, הערט איהר, — אזוי מאַכט צו אונז דער כתרילעווקער בעל־עגלה, אַ פערשעמטער, נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעהויבען די פערד מיט'ן וואָגען מיט אַלע פאַרשוינען — פון זינט איך בין אַ בעל־עגלה, קיין עין־הרע שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר, טרעפט זיך מיר, איך זאָל דאָ ליגען באַרג־אַראָפּ מיט'ן וואָגען וויפיעל מאָל, מיינט איהר? — סך־הכל ד אָ ס  ד ר י ט ע  מ אָ ל, קיין עין־הרע ניט!...

# איהם מעג מען מקנא זיין

געשריבען אין יאהר 1902.

# איהם מעג מען מקנא זיין

זינט כתרילעווקע איז א שטאָדט געדענקט דאָרט קיינער ניט אזא לויה, ווי עס האָט געהאַט רב מלך דער חזן.

רב מלך דער חזן איז געווען א איד איין אָרעמאַן, איין עני ואביון, גלייך מיט אַלע כתרילעווקער בעלי־בתים, און האָט פּער־דיענט אַזא לויה נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געשטאָרבען יום־כפור צו נעילה.

אַזוי שטאַרבט א צדיק, א גרויסער צדיק.

די זון האָט שוין געהאַלטען ביי אונטערגעהן, זיך געזעגענט מיט כתרילעווקע און אַריינגעקוקט דורך די פענסטער פון'ם אַלטען בית־המדרש און בעלייכט די טוידטע אויסגעמוטשעטע פּנים'ער, די געלע טליתים מיט די ווייסע קיטלען פון די בעלי־בתים, וואָס האָבען אויסגעזעהען ווי לעבעדיגע מתים.

דאָס, וואָס ווערד אָנגערופען הונגער, האָבען שוין די דאָזיגע לעבעדיגע מתים לאַנג אויפגעהערט צו פיהלען. זיי האָבען נאָר געפיהלט, אַז עס לאָזען זיך אוים די כחות, אַז עס געהט זיי אוים דאָס חיות. זיי זענען געזעסען איבער די מחזורים, געשאָקעלט זיך, געקוויקט זיך ווער מיט „חלש־טראָפּענס" און ווער מיט א שמעק טאַבעקע, און געזונגען, אונטערגעהאָלפען רב מלך דעם חזן.

רב מלך דער חזן, א שענער איד מיט א לאַנגער באָרד, מיט א ברייטען קאָלנער, איז פון גאַנץ פריה אָן געשטאַנען פאַר'ן

עמוד אויף די פּיס; ער איז געשטאַנען פאַר׳ן רבונו־של־עולם מיט אויפגעהויבענע הענד, געדאַווענט געטריי, געשמאַק, געוויינט און געבעטען ביי איהם רחמים פאַר די בעלי־בתים, וואָס האָבען איהם געשיקט פאַר אַ שתדלן, אַ חאַדאַטאַיי, מע זאָל זיי מוחל זיין זייערע גרויסע זינד און מע זאָל זיי אַנ׳חתמ׳ענען אַ גוט קוויטעל, אַנצייכענען זיי אַ גוט יאָהר.

אויף אַזאַ אַדוואָקאַט, ווי רב מלך, האָבען זיך די בעלי־בתים פון דעם אַלטען בית־המדרש, נישקשה, געקאָנט פערלאָזען.

ערשטענס, די געמבע; אַלטע בעלי־בתים דערצעהלען, אַז אין דער יוגענד האָט ער, זאָגט מען, געהאַט אַ שאַרפע שטימע, אַ „שאגת ארי״; האָט ער געעפענט אַ מויל, האָבען געציטערט די ווענד פון׳ם בית־המדרש און עס האָבען געקלונגען די פענסטער.

היינט איז ער געווען אַ גרויסער בעל־בכי, פלעגט וויינען, גיסען, ווי אַ בערעזענע, און אויף איהם קוקענדיג — דער גאַנצער עולם.

אויף דער עלטער איז ביי איהם די שטימע געוואָרען אַביסעל צוגעלעגערט און ס׳איז איהם פערבליבען נאָר דאָס וויינען — נאָר אַזאַ וויינען, וואָס קאָן נעמען אַ וואַנד, אויפוועקען אַ טוידטען.

רב מלך הויבט אויף ביידע הענד און טענה׳ט זיך אוים מיט׳ן רבונו־של־עולם מיט׳ן געוויסען וויינענדיגען ניגון פון נעילה:

— אוי־ווענה, טאַטע! אוי־ווענה, פאָטער! אוי־ווענה, אוי־ווענה!...

און איטליכער בשעת־מעשה האָט חרטה אויף זיינע גרויסע זינד, בעט ביי גאָט, ער זאָל אָפּמעקען, מוחל זיין, פערגעסען, און שענקען זיי אַ גוט יאָהר פאַר זיי און פאַר זייערע נאַקעטע, באָר־וויסע הונגעריגע קינדערלעך.

און דערמאָנען זיי זיך אָן זייערע הונגעריגע, נאַקעטע און באָרוויסע קינדערלעך, די אומשולדיגע נפשות נעבאַך, ווערד זיי דאָס הארץ צעגאַנגען אַזוי ווי וואַכס, און זיי זענען גרייט צו פאַסטען

נאָך דריי טעג מיט נאָך דריי נעכט, אבי אויסבעטען ביי דעם וואָס לעבט אייביג א גוט יאָהר...

און רב מלך דער חזן, אביסעל אפגערוהט זיך און איבערגע־האפּט דעם אָטעם, טהוט ער זיך א קאַטשע אויפ'ן האלז, א ציקעל אויפ'ן אַלטען שטייגער:

— אַטונעם־נעם־נעם־דע־ע־עי! אַטונעם־נעם־נעם־דע־ע־עי! ע־ע־עי!... — און לאָזט אוים ווידער מיט א געבעט און מיט א געוויין:

— אוי־וועה! אוי־וועה! אוי־וועה!... אוי־וועה!...

און פּלוצים ווערד מיט א מאָל שטיל, און עס הערט זיך עפּים א פאל און א קלאַפּ און א שטופּעריי און א שושקעריי:

— ששש... שאַ... שאַ! ממ... ממ...! אי־אַ־נו! שמש! שמש!...

לויפט צו חיים דער שמש און האַפּט־אונטער רב מלך דעם חזן אונטער די הענד, און רב מלך דער חזן פערוואַרפט דעם קאָפּ ארונטער, די אויגען האַלב־אָפען, דאָס פּנים וויים ווי קאַלך, די ליפּען טוידט, און עפּים א שמייכעלע, א ביטער שמייכעלע שפּיעלט אויף זיי.

דער עולם טהוט זיך א וואָרף. מע טראָגט איהם אונטער חליש־טראָפּען צו דער נאָז, מע שפּריצט איהם אָפּ מיט וואַסער. מע קוועטשט איהם ביי די שלייפען — בלאָטע! רב מלך דער חזן איז טוידט. רב מלך דער חזן איז געשטאָרבען . . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

א וואָלף אַז עס האַפּט זיך אריין אין דער טשערעדע און פערצוקט א שעפעלע, ווערד צווישען די איבעריגע שאָף א טומעל, א מהומה אויף א ווײַלע; נאָכדעם שלאָגט מען זיך צענויף אַלע אינ־איינעם און מע הויבט אַן ציטערען מיט אַלע גליעדער.

אזוי איז געווען אינ'ם אַלטען בית־המדרש, בשעת רב מלך דער חזן איז געשטאָרבען.

עס איז געוואָרען אויף א ווײַלע א טומעל, א גערודער; פון דער ווייבערשער שוהל האָט זיך געלאָזט הערען אַ מאָדנער קוויטש — דאָס האָט צביה די חזנ'טע גע'חלש'ט, און אויף איהר קוקענדיג זענען געפאַלען חלשות נאָך עטליכע ווייבער.

האָט רב יוזיפיל דער רב א וואונק געטהאָן צו די גבאים, און די גבאים האָבען אַ פּאַטש געטהאָן אין די סטענדערס, ס'זאָל זיין שטיל. און חיים דער שמש (ער איז טאָקי געווען בעל־שחרית) איז צוגעגאַנגען צום עמוד און האָט זיך געשטעלט דאַוונען ווייטער. און דער גאַנצער עולם האָט געדאַווענט ווייטער, ביז רב ניסיל בעל־תוקע האָט געגעבען דעם לעצטען בלאָז.

נאָכדעם האָט מען געמאַכט א ברכו, זיך געשטעלט דאַוונען דעם וואָכענדיגען מעריב, און אז מע האָט אָפּגעדאַווענט דעם וואָכענ־דיגען מעריב, איז מען געגאַנגען ארויס מחדש זיין די לבנה, און אַז מע האָט מחדש געווען די לבנה, איז מען ערשט דעמאָלט גע־גאַנגען אַהיים זיך אָפּפאַסטען, ווער מיט א פּערטעל עוף פון די כפּרות און מיט א גלעזעל וואָרעמס, און ווער מיט א שטיקעל ברויט מיט הערינג און מיט גלאָט א טרונק וואַסער.

אין א שעה ארום נאָכ'ן אָפּפאַסטען זיך איז דער גאַנצער שוהל־הויף שוין געווען פערפלייצט מיט מענשען. ס'איז ניט געווען קיין שפּילקע דורכצוּוואַרפען.

אידען און ווייבער, יונגלעך און מיידלעך, קינדער פון די וויעגעלעך — אַלע זענען זיך צענויפגעקומען אויף דער לויה.

בעלי־בתים האָבען זיך אַליין מתעסק געווען אין דער מצוה, נישט צוגעלאָזט די שמשים. א קליינינקייט — אַזאַ מת!

די נאכט איז געווען אַ ליכטיגע און אַ ווארעמע. די לבנה האָט אראָפּגעשיינט אויף כתרילעווקע און האָט אַנגעקוועלט פון די אָרעמע לייט, וואָס זענען געקומען אָפּגעבען כבוד רב מלך דעם חזן פאַר זיין אַוועקגעהן אהין אין זיין ווייטען וועג אריין. און אַז מע האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דער מטה קעגען אַלטען בית־המדרש, האָט זיך רב יוזיפיל דער רב אַוועקגעשטעלט מאַכען אַ הספד, און דער גאַנצער עולם האָט געוויינט.

רב יוזיפיל דער רב האָט אויסגעוויזען מיט פסוקים און מיט מדרשים אַ סך, אַז רב מלך דעם חזנ'ס טודט איז נישט קיין געוויינטליכער טוידט פון אַ געוויינטליכען מענשען, אַז אַזוי שטאַר־בען שטאַרבט נאָר אַ צדיק, און אַ גרויסער צדיק, אַז אַזאַ צדיק געהט פון דאַנען גלייך אין גן־עדן אריין, אַזאַ צדיק בעדאַרף איטליכער מקנא זיין, און איטליכער בעדאַרף זיך ווינשען אַזאַ טוידט, וואָרום נישט איטליכער איז זוכה צו שטאַרבען יום־כפור צו נעילה ביי'ם עמוד, ווען גאָט האָט מוחל געווען אַלע זינד — און אַזאַ צדיק, אַז ער פאַהרט־אָפּ פון שטאָדט, בעדאַרף די גאַנצע שטאָדט איהם געהן בעגלייטען, און אַזאַ צדיק, אַז ער שטאַרבט־אָפּ אין שטאָדט, בעדאַרף די גאַנצע שטאָדט וויינען און קלאָגען.

— וויינט זשע, אידען, און קלאָגט אויף דעם צדיק, וואָס מיר האָבען פאַרלאָרען, און בעט איהם, ער זאָל דאָרט זיין אַ מליץ־יושר פאַר'ן כסא־הכבוד צום נייעם יאָהר, טאָמער וועט ער טאָקי אויסבעטען פאַר אונז אַלעמען אַ גוט־יאָהר, — שוין צייט גאָט זאָל רחמנות האָבען אויף כתרילעווקע און אויף איהרע אידען!...

דער גאַנצער עולם האָט געוויינט, געגאָסען מיט טרערען און געגלויבט, אַז זיי האָבען אַוועקגעשיקט פאַר זיך אַ גוטען שליח, אַ רעכטען שתדלן צום אויבערשטען.

אין דער מינוט האָט זיך איטליכער געוואונשען צו זיין אויף רב מלך דעם חזנ'ס אָרט.

און רב יוזיפיל האָט, אַפּנים, פאַרגעסן, אַז ער רעדט מיט אַ טוידטען, און האָט אויסגעלאָזט זיין הספד מיט די דאָזיגע ווערטער:

— לך לשלום — גיה געזונטערהייד און זיי מצליח!...

לאַנג־לאַנג נאָכדעם האָט מען נישט אויפגעהערט צו דער־ציילען אין כתרילעווקע פון רב מלך דעם חזנ'ס טוידט און פון דער לויה, וואָס ער האָט געהאַט, און מע האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— יאָ, **אַזוי** מעג מען מקנא זיין...

# צוויי שלח-מנות'ען

געשריבען אין יאָהר 1902.

# צוויי שלח־מנות׳ען

## א.

ס׳איז שוין לאַנג נישט געווען אין כתרילעווקע אַזאַ שענער פּורים און אַזאַ ווארעמער. עס האָט פאַרפריה געלאָזט דאָס אייז, און פונ׳ם שניי איז געוואָרען אַ טוואָך ביז׳ן גאַרטעל. די זון האָט געשיינט. עס האָט געבלאָזען אַ פויל ווינטעל. אַ נאַרישׁ קעלבעל האָט זיך אויסגעוויזען, אַז סע שמעקט מיט ווערסנע, האָט דאָס אָנגעהויבען בלעקען, פעררויסען דעם וויידעל, אַראָפּגעלאָזט די מאָרדע און אַרויסגעלאָזט אַ האַלבען „מע!“ אויף דער גאַס זענען געלאָפען שלייענגעלדיגע ריטשקעלעך אַראָפּ־באַרג, געשלעפּט מיט זיך וואו ערגיץ אַ שפּענדעל, אַ שטרוי אָדער אַ שטיקעל פּאַפּיער. אַ גליק, וואָס אין שטאָדט איז נאָך כמעט ביי קיינעם נישט געווען אויף מצות; אַניט, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ס׳איז נישט פּורים, נאָר ערב־פּסח.

סאַמע אין מיטען שטאָדט, אין דער רעכטער בלאָטע, האָבען זיך בעגעגענט צוויי מיידלעך, וואָס ביידע האָבען געהייסען נחמה, — איינע אַ שוואַרצע, אַ געזונדע, מיט געדיכטע ברעמען און מיט אַ קורצער נאָז, די אַנדערע אַ ווייסע, אַ קראַנקליכע, מיט רויטע האָר און מיט אַ שפּיצעכיג נעזעל; איינע אַ באָרוויסע, מיט גראָבע שוואַרצע פולקעס, די אַנדערע כלומרשט אין שיך, וואָס האַלטען אָפען דאָס מויל און „בעטען עסען“; שענע שיך! אַז מע געהט,

ק׳ואטשקען זיי און סע שלעפּט זיך נאָך אַ פּאַדעשווע, וואָס גיט אַלע מאָל אַ ליאַסק מיט אַ קוויטש, און אַז מע טהוט זיי אויס, וועגען זיי אַ פּוד. דאָס איז געווען אַזעלכע שיך, וואָס מע זאָגט אויף זיי: „איידער אַזעלכע שיך, איז שוין גלייכער באָרוויס"...ביידע נחמה׳ס האָבען געטראָגען שלח־מנות׳ען, איבערגעדעקט מיט אַ ווייס סערוועטעל, און צוגעהאַלטען מיט ביידע הענד אין דער הויך. דערזעהען זיך, האָבען ביידע מיידלעך זיך אָפּגעשטעלט.

— אַ! נחמה?

— אַ! נחמה?

— וואוהין געהסט דו דאָס, נחמה?

— וואָס הייסט וואוהין געה איך? איך טראָג שלח־מנות.

— צו וועמען טראָגסט דו שלח־מנות?

— צו אייך טאַקי; און וואוהין געהסט דו, נחמה?

— וואָס הייסט וואוהין געה איך? זעהסט דאָך, אַז איך טראָג שלח־מנות.

— צו וועמען טראָגסט דו שלח־מנות?

— טאַקי צו אייך.

— אַ היסטאָריע בנאמנות!

— אַ ריינע קאָמעדיע!

— אַנו, ווייז נאָר דיין שלח־מנות, נחמה?

— ווייז דיין שלח־מנות, נחמה?

און ביידע נחמה׳ס האָבען געזוכט מיט די אויגען, וואו מע קאָן זיך צוזעצען אויף אַ ווייַלע, און גאָט האָט זיי צוגעשיקט. דערזעהען אַ קלעצעל נעבען איין איינפאָהרהויז, האָבען זיי אויפ־געהויבען די פּיס אין דער לעהמיגער בלאָטע און האָבען זיך בע־זעצט אויף דעם דאָזיגען קלעצעל, אַנידערגעשטעלט די בעקענס אויף די קניהעס, אויפגעהויבען די סערוועטלעך און בעטראַכט בי שלח־מנות׳ען.

פריהער האָט נחמה די רויטע אויפגעדעקט און בעוויזען איהר שלח־מנות. זי האָט געדיענט ביי זעלדע רב יאָסי'ס, געגומען פינפטהאַלבען קערבלעך פאַר'ן ווינטער מיט קליידען און שיכען. ס'איז געווען אַ „קליידען" מיט אַ „שיכען"! מילא, דאָס קליידעל איז געווען אַ קליידעל, מיט לאַטעס אַפילו, נאָר פאַרט אַ קליידעל; די שיך אָבער זענען מאַנסבילשע שיך, פון זעלדע רב יאָסי'ס בחור מנשה, וואָס האָט אַ פוס, ווי אַ דעיזשקע, און דערצו האָט ער נאָך אַ טבע דרעהען די אָבצאַסען. שענע שיך!

דער שלח־מנות, וואָס נחמה די רויטע האָט געטראָגען, איז בעשטאַנען: פון אַ שענעם גרויסען המן־טאַש מיט מאָהן, פון צוויי קישעלעך, איינס איין אָפּענס, מיט האָניגפאַרפעל, און דאָס אַנדערע אַ קיילעכיגס, פון ביידע זייטען זעהר שען געצוויקעלט, אַ צוקערלעקאַכעל, מיט אַ ראָזינקע אַריינגעשטעקט סאַמע אין מיטען, אַ גרויס פיערעקעכיג שטיק טאָרט, אַ שען שטיקעל קור־מישברויט, צוויי קליינע מלכות־ברויטלעך און אַ היבש שטיק קאָרע־נער לעקאַך, וואָס איז ביי זעלדען היינטיגס יאָהר מעהר געראָטען ווי אַלע יאָהר: צי די מעהל איז געווען זעהר אַ גוטע מעהל, צי דער האָניג איז געווען אַ ריינער האָניג, צי דער לעקאַך האָט זיך גלאַט גוט אויסגעבאַקען, צי מע האָט איהם גוט אויסגעשלאָגען — ער איז געווען טאַקי נאָר ווי אַ געדיכטע פּעבקע קישען!

בעטראַכט נחמה דער רויטער'ס שלח־מנות, האָט נחמה די שוואַרצע אויפגעדעקט און בעוויזען איהר שלח־מנות. זי האָט גע־דיענט ביי זלאַטע רב אייזיק'ס, גענומען זעכס קערבלעך פאַר'ן ווינטער אויף איהר אייגענעם גאַנג, איז זי דערפאַר געגאַנגען באָרוויס, און זלאַטע האָט זי געשאָלטען מיט טוידטע קללות:

— ווי אַזוי געהט דאָס אַ מויד אַ גאַנצען ווינטער באָרוויס? דו ווילסט, אַפּנים, זיך פאַרקיהלען, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!...

נחמה האָט זי אָבער געהערט, ווי המן דעם גראַגער. זי האָט בע־סער געקליבען דאָס געלד אויף פסח; אויף פסח וועט זי, אם ירצה השם, זיך מאַכען אַ פּאָר שיך אויף הויכע אָבצאַסען מיט קולקעס

און א סיצען קליידעל מיט אובאַרקעלעך. קאַפּעל דער שוסטער.
וואָס שדכנ'ט זיך צו איהר, וועט איינגעמען א מיתה משונה!

דער שלח מנות, וואָס נחמה די שוואַרצע האָט געטראָגען, איז בעשטאַנען פון א פיין שטיק שטרודעל, צוויי גרויסע צוקער־לעקאַכער, א היבש האָניג־טייגעל, צוויי קישעלעך, וואָס פוןביידע זייטען איז געווען אויסגעצוויקעלט א פישעלע און אָנגעפילט מיט קליינע זיסע פאַרפעלעך, און צוויי גרויסע מאַהענדלעך, שוואַרצע, גלאַנצענדיגע, דורכגעשפּיגעוועט מיט יאָדערען פון ניסלעך, גוט איינגעפּרעגעלט אין האָניג! אויסערדעם איז אויפ'ן בעקען געלעגען און געשמייכעלט א געלער, א שמעקענדיגער מאַראַנץ, וואָס דער ריח איז זיך צעגאַנגען אין יעדען אבר.

ב.

— הערסט ד, נחמה, וואָס איך וועל דיר זאָגען? דיין שלח־מנות איז א שענערער שלח־מנות פון מיין שלח־מנות! — אזוי האָט געזאָגט נחמה די רויטע צו נחמה דער שוואַרצער מיט א קאָמפּלימענט.

— ע! דיין שלח־מנות איז אויך ניט קיין שלעכטער שלח־מנות! — האָט איהר נחמה די שוואַרצע געענטפערט מיט א קאָמפּלימענט פאַר א קאָמפּלימענט און האָט א טאַפּ געטהאָן מיט'ן פינגער דעם המן־טאַש.

— אַט א המן־טאַש!... — האָט געזאָגט נחמה די שוואַרצע און האָט זיך אַזש בעלעקט. — אַט דאָס הייסט א המן־טאַש!... איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, איך פאַרגין איהר גאָרנישט, דער בעל־הבית'טע מיינער, אזא המן־טאַש... אזא מכה זאָל זיך איהר זעצען אויפ'ן פּנים, רבונו של עולם!... הערסט דו, נחמה, וועדליג איך האָב נאָך היינטיגען טאָג אין מיין מויל נישט געהאַט, וואָלט איך א בעלן געווען פאַרזוכען פון דעם דאָזיגען המן־טאַש חאָטש א שטיקעל...

— און איך, מיינסט דו, האב היינטיגען טאג עפּים געגעסען? נישט מעהר זאלען זיי עסען ווייל זיי וועלען לעבען! — מאכט נחמה די רויטע און קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען. — נעם, פאלג מיך, נחמה, דעם המן־טאש און צעברעך איהם אויף צווייען, וועלען מיר איבערחאפּען. וואו שטעהט דאס, אז שלח־מנות מוז זיין מיט א המן־טאש? את למאי איז ביי דיר שלח־מנות אהן א המן־טאש?

— לאם איך האבען אזא יאהר, ווי דו ביזט גערעכט! — זאגט נחמה די שווארצע, צעברעכט דעם המן־טאש אויף צווייען און צעטיילט זיך מיט נחמה דער רויטער.

— הערסט דו, וואס איך וועל דיר זאגען! ס'איז דאך טעם גן־עדן, בנאמנות! א חסרון נאר, וואס סע מעהר נישטא... פאר דיין המן־טאש, נחמה'ניו, קומט דיר א שטיק לעקאך פון מיין שלח־מנות, ווארום וועדליג מיר וועלען זיך דא אננעמען פאר'ן וועג, מעג זיי זיין ווינציגער מיט א שטיקעל לעקאך און מעהר מיט א מכה... מאהל דיר, פון גאנץ פריה אן ביז איצטערטא — טרעף, וויפיעל האב איך געמאכט? קוים־קוים א גילען מיט צוויי גראשען. אי דאס — זענען די צוויי גראשען מיט א לעכעל... וויפיעל האסט דו געמאכט, נשמה מיינע?

— איך האב דאס אויך ניט געמאכט, א מכה זאל זיך זיי מאכען! — זאגט נחמה די רויטע און קייעט דעם לעקאך און שלינגט גאנצע שטיקער, ווי א גאנז. — הלואי איך זאל פאר'ן גאנצען טאג מאכען א גילען!...

— שענע נגידית'טעם, זיי מעגען זיך, נישקשה, אלע באגראבען! — זאגט נחמה די שווארצע און בעלעקט זיך נאכ'ן לעקאך. — איך קום צו געהן צו חיענע דער צעלניקערין מיט'ן שיח־מנות, נעמט זי צו ביי מיר דעם שלח־מנות, קראצט און קראצט די קעשעני און הייסט מיר קומען שפּעטער, קומען זאל אויף איהר א מיתה משונה!

— אזוי ווי איך האָב געהאַט ביי קיילי רב אהרן׳ס. — זאָגט נחמה די רויטע. — איך קום צו געהן צו איהר מיט׳ן שלח־מנות, געהט זי און שענקט מיר אַ צוקערלעקאַכעל פאַר׳ן וועג, שענקען זאָל איהר גאָט אַ נייע נשמה!

— און די אַלטע זאָל מען אַרויסוואַרפען פאַר די הינט! — לאָזט אויס פאַר איהר נחמה די שוואַרצע און נעמט איינע פון זלאַטע׳ס צוויי צוקערלעקאַכער און צעברעכט איהם אויף צווייען.— נאַ, עס, נשמה מיינע, עסען זאָלען זיי ווערעם! אז דיין בעל־הבית׳טע וועט האָבען ווינציגער מיט אַ צוקערלעקאַכעל, ביז איך ברלות!

— אוי, אַ מכה איז מיר! — האָט זיך נחמה די רויטע צום ערשטען מאָל אויפגעכאַפּט פונ׳ם אָרט און אָנגעהויבען ברעכען די הענד. — זעה, נאַר, נשמה׳ניו, וואָס ס׳איז מיר געבליבען פונ׳ם שלח־מנות!

— ווער וועט זיי געהן דערצעהלען, נאַרישע מויד? — בע־רוהיגט זי נחמה די שוואַרצע. — האָב קיין מורא ניט, ס׳איז ביי זיי היינט אַ טאָג פון שלח־מנות, זענען זיי פאַרטאַראַמט, מע וועט זיך ניט אַרומקוקען.

אוןביידע נחמה׳ס דעקען איבער די שלח־מנות׳ען מיט די ווייסע סערוועטלעך און לאָזען זיך געהן איבער דער בלאָטע, איינע אַהין, די אַנדערע אַהער, גלייך ווי ס׳איז גאָר ניט געוועזן...

ג.

זעלדע רב יאָסי׳ס, אַ אידינע מיט אַ קיילעכיגען פּנים און אַ גאַנץ שענע, איז געשטאַנען מיט אַ רויטען זיידענעם פאַרטוך מיט ווייסע שפּרינקעלעך און האָט אויסגעטיילט און צענויפגעשטעלט אַלע שלח־מנות׳ען, וואָס זי האָט בעדאַרפט שיקען יענעם און וואָס יענע האָבען געשיקט איהר.

רב יאָסי לעמעשקע (אזא צונעמעניש האָט ער געהאַט אין בתרי־לעווקע) איז געלעגען אויף דער קאַנאַפּע און האָט געחראָפּעט, און מנשה, א בחור פון אַ יאָהר אַכטצעהן מיט רויטע באַקען און מיט אַ לאַנגער ליוסטריגינער נאַקידקע, האָט ארומגעפּאַדקעוועט ארום דער מאַמע, געגאַשט אַלע מאָל אַ שטיקעל האָניגטייגעל, אַ צוויי פאַרפעלעך אָדער אַ מאַהנדעל; ער האָט זיך אַזוי אָנגע־שטאָפּט מיט די אַלע גוטע זאַכען, אַז די צייהן מיט די ליפּען זענען איהם געוועזן שוואַרץ און דער בויך האָט אָנגעהויבען „רעדען".

— מנשה, טאָמער וואָלט שוין אַמאָל געוועזן גענוג, מנשה? — זאָגט איהם זעלדע אַלע מינוט.

— גענוג, גענוג! — ענטפערט מנשה און חאַפּט אַריין אין מויל אַריין אַלע מאָל איין אַנדער שטיקעל, „דאָס לעצטע מאָל", און ווישט אויס מיט דער צונג די ליפּען.

* * *

— אַ גוט יום־טוב, די בעל־הבית'טע האָט אייך געשיקט שלח־מנות! — זאָגט נחמה די שוואַרצע און טראָגט־אונטער זעלדען דעם איבערגעדעקטען שלח־מנות.

— ביי וועמען דיענסט דו? — פרעגט זי זעלדע מיט אַ פריינד־ליך שמייכעל און נעמט־צו ביי איהר דעם שלח־מנות פון די הענד.

— ביי זלאַטע רב אייזיק בעל־בריתניק'ס. — מאַכט נחמה די שוואַרצע און וואַרט, מע זאָל ביי איהר צונעמען דעם שלח־מנות און אומקעהרען דאָס בעקעל. .

זעלדע נעמט זיך מיט איין האַנד צו דער קעשענע בעצאַהלען דעם מיידעל אַ גראָשען פאַר'ן וועג, און מיט דער אַנדערער האַנד דעקט זי אָפּ דעם שלח־מנות און בלייבט שטעהן ווי געלעהמט.

— וואָס איז דאָס? מנשה, טהו נאָר אַ קוק!...

מנשה דערזעהט דעם שלח־מנות, חאַפּט ער זיך ביי די זייטען, בויגט זיך צו ביז דער ערד און מאַכט אַזאַ געלעכטער, אַז רב יאָסי לעמעשקע פאַלט שיער אַראָפּ פון דער קאַנאַפּע אַ דערשראָקענער.

— הא? וואס? וואס איז? ווער איז דארטען?...

— זעה נאר א שלח־מנות! — מאכט צו איהם זעלדע און לעגט צענויף ביידע הענד אויפ'ן בויך. מנשה הערט נישט אויף צו לאכען, און רב יאסי לעמעשקע טהוט א שפיי, דרעהט זיך אוים מיט'ן פנים צו דער וואנד און שלאפט ווייטער.

זעלדע טהוט א שמיץ נחמה'ן דעם בעקען מיט'ן סערוועטעל און זאגט צו איהר:

— זאלסט זאגען דער בעל־הבית'טע דיינער, זי זאל דער־לעבען איבער א יאהר און זאל קיין שענערען שלח־מנות ניט פאר־מאגען!

— אמן גם אתם! — מאכט נחמה די שווארצע און נעמט צו דעם בעקען.

— מיט'ן קאפ אין דער ערד! — זאגט זעלדע מיט כעס.— א מויד איין עזות'ניצע קאן! וואס זאגסט דו אויף איהר, מנשה?...

ד.

זלאטע רב אייזיק'ס, א אידינע, וואס האט אלע יאהר א קינד און הערט נישט אויף צו דאקטערען זיך, איז שוין געווען אזוי אויסגעמיעדט פונ'ם שלח־מנות אפנעמען און ארויסגעבען, אז זי האט זיך געמוזט צוזעצען אויף א בענקעל און קאמאנדעווען מיט'ן מאן אייזיק בעל־בריתניק (אזוי האט מען איהם גערופען הינטער די אויגען, דערפאר ווייל ער פראוועט אלע יאהר א ברית).

— אייזיק, נעם אט א יענם שטיקעל טארט און לעג אוועק אהער, און דאס שטיקעל קומיש־ברויט מיט די צוויי מאהנדלעד פון דאנען לעג־צו אהין, אייזיק, און דערלאנג מיר יענם קישעלע וואס מיט די פארפעל, ניין ניט יענס, אט א יענס! נו, ריהר זיך, אייזיק! זעה נאר, ווי מע בעדארף איהם לערנען קמץ־אלף, ווי מיט א קליין קינד! און נעם יענס לעקאכעל, דאס גרעסערע, און

לעג־צו אהין, אט אזוי, און צעשנייד דאס שטיקעל טארט אויף צווייען, צו א גרויסע שטיק טארט, אייזיק, איין עבירה... אין דער ערד אריין, ממזרים, וואן!

די לאַצטע ווערטער זענען געזאגט געווארען אויף א גאנצער האפטע ווייסע־חברה׳ניקעס, וואס זענען געשטאנען ארום איהר מיט הוילע פוהקעס, געקוקט אויף די זיסע זאכען מיט זשעדנע אויגען און בעלעקט זיך.

די ווייסע־חברה׳ניקעס גנבה׳נען זיך אונטער אלע מאל פון הינטען, ווילען אוועקשלעפען א לעקאכעל פונ׳ם טיש. דערזעהט די מאמע און שענקט א פאטש אדער א סטוסאק מיט א פאטי־לעטשניק.

* * *

— א גוט יום־טוב! די בעל־הבית׳טע האט אייך געשיקט שלח־מנות! — זאגט נחמה די רויטע און טראגט אונטער זלאטען דעם איבערגעדעקטען שלח־מנות.

— ביי וועמען דיענסט דו? — פרעגט זי זלאטע מיט א פריינדליך שמייכעלע און נעמט־צו ביי איהר דעם בעקען פון די הענד.

— ביי זעלדע רב יאסי לעמעשקעס, — זאגט נחמה די רויטע און וואַרט, מע זאל ביי איהר צונעמען דעם שלח־מנות און אומ־קעהרען דעם בעקען.

זלאטע נעמט זיך מיט איין האנד צו דער קעשענע בעצאהלען דעם מיידעל א גראשען פאר׳ן וועג, און מיט דער אנדערער האנד דעקט זי אפ דעם שלח־מנות און בלייבט שיער חלשות.

— אלע בייזע וויסטע שלעכטע טוידטע פינסטערע חלומות זאל אויסגעהן צו מיינע שונאים׳ס קעפ און צו זייערע הענט און פים און צו זייער לייב און לעבען! זעה־נאר א מין שלח־מנות! אזוי ווי עפים גאר אויף א געלעכטער, א הולטייקע קאן!

— נאַ, גיב דאָס אָפּ דער בעל־הבית'טע דיינער צוריק! — זאָגט זלאַטע און טהוט אַ שמיץ נחמה דער רויטער דעם בעקעו מיט'ן סערוועטעל מיט'ן שלח־מנות צוריק אין פּנים אַריין.

## ה.

רב יאָסי לעמעשקע און רב אייזיק בעל־בריתניק זענען ביידע קרעמער אין כתרילעווקע, אַ קלייטעל נעבען אַ קלייטעל, און חאָטש זיי זענען קאָנקורענטען, הייסט דאָס, און שלעפּען איינס ביי'ם אַנדערען קונים, אָבי זיי קאָנען נאָר, פון דעסטוועגען איז מען צווישען זיך דוקא גוטע ברידער, מע האַפּט איינער ביי'ם אַנדערען אַ גמילות־חסד, מע געהט איינער צום אַנדערען אויף שמחות, יום־טוב — אויף קדוש, ווי ער געהער צו זיין צווישען נאָהענטע שכנים. זומער זיצט מען גאַנצע טעג אין קלייט און מע שפּיעלט אין ביינד־לעך, און ווינטער געהט מען אַריין איינער צום אַנדערען זיך אָנ־וואַרעמען אביסעל. אויך די ווייבער צווישען זיך לעבען גאָר פריינדליך, רעדען ביידע אָפּ פון דער גאַנצער וועלט, לייהען זיך אויס איינס דאָס אַנדערע, אַז סע פעהלט סחורה, פערטרויען זיך איינע דער אַנדערער די גרעסטע סודות, קריעגען זיך כמעט קיינ־מאָל ניט, און אפילו אז עס מאַכט זיך, זיי צעקריעגען זיך אַ מאָל איבער אַ נאַרישקייט, בעטען זיי זיך באַלד איבער... הכלל, ס'איז אַ לעבען, ווי „אונטער'ן באַד".

אויף מאָרגען נאָך פּורים, אַז רב אייזיק בעל־בריתניק איז אַרויסגעקומען עפענען די קלייט, איז שוין רב יאָסי לעמעשקע גע־שטאַנען ביי דער טיר פון זיין קלייט אָנגעבלאָזען, ווי איין אינדיק, און געוואַרט, אַז רב אייזיק זאָל צוגעהן צו איהם זאָגען אַ גוט מאָרגען, וועט ער איהם ניט ענטפערען... רב אייזיק, וואָס איז אויך געווען גוט אָנגעדרודעלט פון זיין ווייב אויף רב יאָסי'ן, האָט אויפגעשלאָסען די קלייט, זיך אָנידערגעשטעלט ביי דער טיר און געוואַרט ביז רב יאָסי וועט צוגעהן צו איהם און וועט איהם

זאגען א גוט מארגען, וועט ער איהם ניט ענטפערען... און אזוי זענען זיי געשטאנעןביידע איינם אקעגען דאם אנדערע, ווי די האהנען, און געווארט, ווער וועט אנהויבען פריהער... זיי וואלטען געקאנט אזוי אוועקשטעהן ביידע א גאנצען טאג, ווען עס זאלען ניט געוועזען אנקומען זייערע ביידע ווייבער פונ'ם מארק, ביידע מיט פלאמענדיגע פנים'ער און מיט ברענענדיגע אויגען פאר כעם.

— אייזיק, פאר וואס דאנקסט דו איהם ניט אפ פאר'ן שענעם שלח־מנות, אייזיק, וואס זיין יפהפיה האט מיר געשיקט? — רופט זיך אן זלאטע צו איהר מאן.

— יאסי, פאר וואס דערמאנסט דו איהם ניט דעם נעכטיגען שלח־מנות? — זאגט זעלדע צו איהר מאן.

— אייזיק, דו הערסט, אייזיק, זי רייצט זיך נאך! וואס שווייגסט דו איהם, אייזיק?

— וואס וועל איך געהן רעדען מיט א „לעמעשקע"? — זאגט רב אייזיק הויך אויף א קול, בכדי רב יאסי זאל דערהערען, אז ער רופט איהם „לעמעשקע".

— איך האב מורא אנהויבען זיך מיט א „בעל־בריתניק"!... — זאגט רב יאסי הויך אויף א קול, בכדי רב אייזיק זאל הערען אז ער רופט איהם „בעל־בריתניק".

דאכט זיך, אין פלוג, וואס ליגט אזעלכעס אינ'םווארט „בעל־בריתניק"? איטליכער איד, אז זיין ווייב ווערד געלעגען און האט א יונגעל, ווערד ער אויפ'ן אכטען טאג א בעל־בריתניק.

רב אייזיק אבער האט אלסדינג אויף דער וועלט געקאנט איבערטראגען, נאר נישט דעם צונעמעניש „בעל־בריתניק". דאס איז פאר איהם געווען טויזענד מאל ערגער ווי אין טאטען אריין געשאלטען! ער איז דעמאלט קאפאבעל געווען יענעם צערייסען אויף שטיק שטיקלעך!...

דאָס אײַגענע איז געװען מיט רב יאָסי'ן. איהר זאָלט איהם געבען דרײַ פּעטש, װאָלט בײַ איהם געװען מעהר ניחא, װי דאָס װאָרט „לעמעשקע".

עס איז זיך צענױפגעלאָפען דער גאַנצער מאַרק, און מע האָט זײ קױם צענומען; מע האָט געװאָלט געװאָהר װערען, פאַר װאָס און פאַר װען האָבען זיך עס צװײ נאָהענטע שכנים און גוטע פרײַנד פּלוצים פערפאָהרען אײנס דאָס אַנדערע אין די בערד אַרײַן... נאָר רב יאָסי און רב אײַזיק און זלאָטע און זעלדע האָבען גערעדט אַלע פיער אײנס איבער דאָס אַנדערע, זײ האָבען אַלע אַזױ געפילדערט און געקװיטשעט, אַז מע האָט נאָר געקאָנט הערען „שלח־מנות!" „שלח־מנות!" — און געװאַלד. װאָס „שלח־מנות"? װער „שלח־מנות"? — דאָס איז אונמעגליך געװען צו דערגרונטעװען זיך.

— אַז דו װעסט ניט אײַנגעבען צום מיראָװאָי אױף דער „לעמעשקע", זאָלסט דו זיך געזעגענען מיט'ן לעבען! — האָט זלאָטע געשריגען אױף איהר מאַן. און רב יאָסי האָט זיך אָנגערופען צום גאַנצען מאַרק:

— אידען, איהר זאָלט זײַן עדות, אַז די דאָזיגע הולטײיקע האָט מיך אָנגערופען „לעמעשקע"! אָט געה איך באַלד און געב־אײַן דעם מיראָװאָי אױף איהר און אױף איהר מאַן דעם „בעל־בריתניק" אַ פּאַפּיער.

— אידען! — האָט זיך אָנגערופען רב אײַזיק. — איהר זאָלט װיסען, אַז איך שטעל אײַך פאַר עדות בײַ'ם מיראָװאָי, אַז דער דאָזיגער... דער דאָזיגער... דער דאָזיגער... איך װיל איהם ניט אָנרופען בײַ זײַן שענעם נאָמען, האָט מיך נאַר־װאָס אָנגערופען „בעל־בריתניק"!

אין אַ שעה אַרום זענען זײ בײדע געװען בײַ יודעל דעם שרײַבער, בײדע האָבען געשטעלט עדות און בײדע האָבען אײַנגעגעבען צום מיראָװאָי.

ו.

דער כתרילעווקער מיראָוואָי, פאָן מיליניעווסקי, אַ גראָבער פריץ מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט אַ הויכען שטערן, איז שוין אַזוי לאַנג מיראָוואָי, אַז ער איז גוט בעקאַנט מיט דער גאַנצער שטאָדט, אויסגעבונדען מיט איטליכען בעזונדער, און איבערהויפּט מיט כתרילעווקער אידען; ער קען יעדען איינציגען, ווייסט יע־דענס כאַראַקטער דורך און דורך, פערשטעהט אידיש ווי אַ איד, קלוג ווי די וועלט. „טאַקי נאָר אַ אידישער קאָפּ אויף איהם!"...— זאָגט מען אין כתרילעווקע.

קומט אָסיען־צייט, ארום נאָך סכות, ווערד ער פערוואָרפען מיט פּאַפּירען, און אַלץ פון אידען זאָלען געזונד זיין, — נישט חלילה פאַר גנבות, גזילות און רציחות — ניין! נאָר פאַר פייגען און פאַר פּעטש איבער „שישי", איבער „אתה־הראית", איבער „חתן־תורה" און „חתן־בראשית". פּאָן מיליניעווסקי האָט פיינט מאַכען מיט די כתרילעווקער אידען צערעמאָניעס, אריינלאָזען זיך מיט זיי אין לאַנגע חקירות, און קיין סך רעדען לאָזט ער זיי ניט, וואָרום ס'איז אַ מעשה אָהן אַיין עק. ווילען זיי שלום, איז רעכט (פּאָן מיליניעווסקי איז אַ רודף־שלום'ניק); אַלאַ ניט, טהוט ער אָן די קייט און שניידט: „פּאָ אוקאַזו נאַ אָסנאָוואַניע טאַקאָי־טאָ אי טאַקאָי־טאָ סטאַטי פּסק'ע איך אָפּ הערשקען זאַ פּאָסען (חתן)־בראשית דריי טעג ווענזשע, און יענקלען זאַ פּאָסען (חתן)־תורה דריי טעג ווענזשע"... קיין מיוחסים, ווי איהר זעהט, איז ביי איהם גישט פאַרהאַן.

פונקט צוויי וואָכען פאַר פסח איז געווען דער משפּט פון'ם „שלח־מנות". דאָס מיראָוואָי־שטיבעל איז געווען פול אָנגעשטופּ־טען מיט אידען און ווייבער, וואָס כמעט אַלע זענען געווען עדות. ס'איז ניט געווען וואו אַ שפּילקע דורכצוואַרפען.

— אייזיק, יאָסקע, זלאַטע, זעלדע! — האָט אויסגערופען פאַן מיליניעווסקי, און עס זענען ארויסגעטראָטען פון דער ערשטער באַנק רב יאָסי לעמעשקע און רב אייזיק בעל־בריתניק מיט זייערע ווייבער; און איידער דער מיראָוואָי האָט נאָך אויסגערעדט א וואָרט, האָבען זיי אַלע פיער מיט א מאָל אָנגעהויבען רעדען, און מעהר פון אַלע און העכער פון אַלע, געוועהנליך, די ווייבער.

— גאָספאָדין מיראָוואָי! — זאָגט זעלדע, שטופּט־אָפּ דעם מאַן און בעווייזט מיט דער האַנד אויף זלאַטען. — אָנאָ עטאָ הולטייקע דאָ מיניע פּריסלאַיעט הייַנטיגען פּורים חאָראָשי שלח־מנות נאָ לייטיש געלעכטער! פּאָרשיווי שטרודעל אי אָדין צו־קערלעקאַבעל, פּראָסטאָ חוזק, סטראָם, טפו!...

— אוי! אוי! אוי! איך וועל דאָס גאָרניט אויסהאַל־טען! — שרייט זלאַטע און שלאָגט זיך אין הארצען. — דאַי באָזשע מיני טאַקיי שמאַטאָק זאָלאָטע!

— אָמן! — זאָגט זעלדע.

— שוויג, דו פּיסקאַטע! דוואָ פּאָדושיטשקי, גאָספּאָדין מיראָוואָי, דאַי באָזשע מיני טאַקיי מזל, אי קומישברויט, אי צאַר־סקי חליעב, אי צרות איהר, אי פּראָנעק! אי פּרעה'ס מכות! א האַמענע אוכע? וועה איז מיר!

— יאָקאָי האַמענע אוכע? סע הויבט זיך גאָר ניט אָן!

דער מיראָוואָ האָט געפּרובט איינשטילען די ווייבער פריהער מיט גוטען, נאָכדעם מיט בייזען, געקלונגען מיט'ן גלעקעל, און אַז ער האָט געזעהען, אַז עס העלפט ניט, ס'איז אוממעגליך זיי צו צו־מאַכען דאָס מויל, האָט ער די ווייבער אַרויסגעטריבען מחילה אין דרויסען ארויס, סע זאָל ווערען אביסעל שטילער, מע זאָל חאָטש קאָנען הערען וואָס מע רעדט, און די מאַנסבילען האָט ער געגעבען איין עצה, זיי זאָלען געהן צום רב.

— דאַ ראַבינאַ! — האָט ער זיי געזאָגט. — דאַ ראַבינאַ סוואַשים האַמענעאוכע! — און דער גאַנצער עולם איז אַוועק פון דאָרטען צום רב.

## ז.

רב יוזיפיל דער רב, וועדליג ער איז בעקאַנט אונזערע לעזער, איז ברוך־השם אַזאַ איד, וואָס קאָן איבערטראָגען אויף זיך אַלס־דינג. ער האָט ליעב אויסהערען איטליכען בעזונדער ביז׳ן סוף. רב יוזיפיל געהט מיט דעם גאַנג, אַז יעדער מענש, וויפיעל ער זאָל ניט רעדען, מוז ער אַמאָל אויפהערען, וואָרום אַ מענש, זאָגט ער, איז ניט קיין מאַשינע. דער חסרון איז נאָר געווען, וואָס איצטיגס מאָל האָבען זיי גערעדט אַלע פיער אינאיינעם, איינס איבער׳ן אַנדערען, און אויך מענשען פון דער זייט האָבען זיך אַלע מאָל אריינגעמישט. נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? אַלסדינג אויף דער וועלט מוז האָבען אַ סוף... אַז אַלע האָבען זיך גוט אָנגערעדט, אָנגעשריגען און אָנגעקריעגט, און ס׳איז געוואָרען שטיל, האָט זיך רב יוזיפיל אָנגערופען צו ביידע צדדים פּאַוואָלי, בנעימות, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ זיפצעל:

— אַך־אַך־אַך! געהט אַזאַ יום־טוב, אַזאַ הייליגער יום־טוב, פסח! אַ קלייניגקייט — פסח! אונזערע עלטערען זענען ארויסגעגאַנגען פון מצרים, אריבערגעגאַנגען דעם ים, אַזאַ ים, אין דער טריקעניש! געבלאָנזעט אין דער מדבר פערציג יאָהר, פערציג יאָהר! מקבל געווען אויפ׳ן באַרג סיני די תורה, אַזאַ תורה, וואָס דאָרט שטעהט געשריבען בפירוש: „ואהבת — און דו זאָלסט ליעב האָבען, לרעך — צו דיין חבר, כמוך — ווי זיך אַליין זאָלסט דו ליעב האָבען!“... צום סוף, אוי, צום סוף קריעגען זיך אידען, בעונותינו הרבים, רייסען זיך ביי די בערד, איבער וואָס? איבער נאַרישקייטען, שטות׳עריען... אַ חלול־השם פאַר גויים, כלעבען, אַ חלול־השם!... מע זאָל בעסער

אין זינען האָבען מעות־חטים, אָרעמע לייט נעבאך האָבען נאָך נישט קיין מצות אויף פסח; פון אייער און פון שמאַלץ און פון שאַר־ירקות שמועסט מען ניט, — מצות האַטש, גוואַלד, מצות אויף פסח! אַ קלייניגקייט — פסח! אַזאַ יום טוב! אונזערע עלטערען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אַריבערגעגאַנגען דעם ים, אַזאַ גרויסען ים, אין דער טריקעניש, געבלאָנזעט אין דער מדבר פערציג יאָהר, פערציג יאָהר! מקבל געווען אויפ׳ן באַרג סיני די תורה, אַזאַ תורה, אַזאַ תורה!... פאָלגט מיך, אידישע קינדער, זייט זיך מוחל איינער דעם אַנדערען, ווערד שלום, און געהט אַהיים געזונטערהייד און האָט בעסער אין זינען, עס געהט אַזאַ יום־טוב, אַזאַ גרויסער, אַזאַ הייליגער יום־טוב!...

איינציגווייז, איינציגווייז, האָט זיך דער עולם אָנגעהויבען אַרויסרוקען פונ׳ם רב׳ס שטוב, כלומרשט געלאַכט פון רב יוזיפיל׳ס משפט מיט אַ ווערטעל: „יאַק נע פסק, טאַ פּסאַקעץ“, ווי דער שטייגער איז פון די כתרילעווקער לצים. נאָר אינווענניג ביי זיך אין האַרצען האָט איטליכער בעזונדער געפיהלט, אַז רב יוזיפיל איז גערעכט, און מע האָט זיך געשעמט נאָך אַ מאָל איבער׳חזר׳ען די מעשה מיט׳ן שלח־מנות...

* * *

דעם ערשטען טאָג פסח אין דער פריה, נאָכ׳ן דאַווענען איז רב יאָסי לעמעשקע (ער איז יונגער) געווען ביי רב אייזיק בעל־בריתניק אויף קידוש, געלויבט דעם פסח׳דיגען וויין, אַז ער איז היינטיגס יאָהר גאָר אַ חריפות, און געלעקט די פינגער פון זלאַטע׳ס פאַלירטשיקעס; און דעם אַנדערען טאָג פסח אין דער פריה איז רב אייזיק בעל־בריתניק (ער איז עלטער) געווען ביי רב יאָסי לעמעשקע אויף קידוש, גאָר נישט געקאָנט אָפּלויבען זיך פונ׳ם פסח׳דיגען וויין פון ראָזינקעס און פון זעלדע׳ס פאַלירטשיקעס. און

בייטאָג נאָכ׳ן עסען, אַז זעלדע מיט זלאַטען זענען זיך צענויפגע־
קומען און צערעדט פונ׳ם שלח־מנות, איז דער אמת ארויף ווי בוימ־
עהל אויפ׳ן וואַסער, און ביידע דיענסטמיידלעך, נחמה די שוואַר־
צע און נחמה די רויטע, האָבען שוין געהאַט זייער עהרליך אויס־
קומעניש: תיכף נאָך פסח האָט מען זיי געגעבען דעם וועג

# נישטאָ קיין מתים

געשריבען אין יאהר 1902.

# נישטאָ קיין מתים!

ראש־חודש אלול בין איך געקומען קיין כתרילעווקע אויף קבר־אבות.

דאָס אַלטע־אַלטע כתרילעווקער בית־הקברות זעהט אויס אַ סך שענער און אַ סך לעבעדיגער פון דער שטאָדט אַליין. איהר געפינט דאָ שטיבלעך־מצבות שענערע, ווי די שענסטע הייזער אין שטאָדט. היינט וואָס איז ווערטה דאָס, וואָס ס'איז דאָ טרוקען ווי פעפער, נישטאָ יענע לעהמיגע זומפּיגע בלאָטע, וואָס אין שטאָדט? דאָ זעהט איהר פאַר זיך חאָטש גרינס, אַז עס קומט זומער־לעבען, אַ גרעזעל, אַ צוויי־דריי באַרען־בוימלעך, איהר הערט אַ פּישטשען פון פֿויגעלעך, וואָס שפּרינגען פון איין צווייגעל אויפ'ן אַנדערען און שמועסען זיך אויס אויף זייער לשון. דאָ זעהט איהר פאַר זיך אַ גרויסע קיילעכיגע בלויע יאַרמעלקע מיט אַ לויטערער וואַרעמער זון. פון דער לופט שמועסט מען ניט, אַז דאָ איז זי אין טויזענד גראַד בעסער, פרישער און געזינטער ווי אין שטאָדט. סאַי דאָ סאַי דאָרט ליגט מען דאָך אין דער ערד פיער איילען! דער חילוק איז נאָר, וואָס דאָ, אויפ'ן בית־עלמין, ליגען די מתים אויף איין אָרט, און דאָרט, אין שטאָדט, געהען זיי נאָך אַרום; דאָ רוהען זיי שוין און ווייסען נישט פון קיין צרות, און דאָרט ווערען זיי נאָך פערשוואַרצט — און מי יודע, וויפיעל ס'איז זיי נאָך בעשערט אָפּקומען און מוטשען זיך אויף דער וועלט!...

געטראָפען האָב איך דאָרטען עטליכע ווייבער ליגען אויף די קברים, וויינען און שרייען און טענה'ן זיך אויס אויף אַ קול.

איינע וועקט די מאַמע, זי זאָל אויפשטעהן און אַ קוק טהון אויף איהר איין־און־איינציגע טאָכטער, וואָס פון איהר איז געוואָרען!
— זאָלסט אויפשטעהן, מאַמעניו טהייערע מיינע, האַרציגע, געטרייהע, און אַ קוק טהון אויף דיין איין־און־איינציגע בת יחידה, אויף דיין ציטעריגער שרה־פּערעל, וואָס זי איז געוועזן ביי דיר דאָס שוואַרצאַפּעל פון'ם אויג, ווי אַזוי זי ליגט איצט אין דער ערד. אוי וועה איז מיר, וואַלגערט זיך אין שכנות מיט קליינע קינדער פּיסקליאַטעס, וואָס געהען נאַקעט, קיין העמדעלע אויפ'ן לייב. וואָרום ער קרענקט כסדר, ישראליק דיינער, פון זינט ער האָט זיך צוגעקיהלט דעמאָלט אויפ'ן ירידּ קרענקט ער און דאָקטערט זיך. מע באַדאַרף איהם געבען מילך, איז ניטאָ! און די קינדערלעך געבאָך שרייען אויך „מאַני“, און ס'איז ניטאָ! און דירה־געלט מאָנט מיך הענזיל דער שניידער, ביי איהם זיץ איך הייננט, און ס'איז ניטאָ! און פאַר הערשלען שכר־למוד, ער וועט היינטיגס יאָהר בר־מצוה, דאַרף מען צאָהלען נאָך פאַר יענעם זמן, און ס'איז ניטאָ! צו וואָס מע נעמט זיך — איז ניטאָ, ניטאָ און ניטאָ!...
די אַנדערע איז געקומען צום טאַטען אויפ'ן קבר זיך קלאָגען אויף איהר מאַן, וואָס מע האָט איהר געגעבען; מע האָט געמיינט איין אַנטיק, אַ צאַצקעלע האָט מען געזאָגט. אַלע מיידלעך האָבען איהר דענסטמאָל מקנא געווען. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ער איז גאָר אַ שאַרלאַטאַן, איין אויסברענגער, פאַרגינט זיך אוועקגעבען היינטיגען יום־טוב פאַר מפטיר פינף און פופציג „גילדוין“. און פאַר'ן ערשטען פסוק פון „אתה הראית“ איז ער אַ בעלן געווען אָפּצאָהלען פאַראיאָהרען אַ דרייערל! און וויפיעל ברענגט ער אויס אויף די ביכלעך, וואָס ער קויפט אַלע מאָל — פאַר די ביכלעך וועט ער אוועקגעבען דעם טאַטען מיט דער מאַמען, און וואָס איך קרענק און דאַר — דאָס אַהרט איהם ניט!...
די דריטע איז געקומען אָפּגעבען מזל־טוב איהר מאַן אויף יענער וועלט: זי מאַכט חתונה דאָס ערשטע קינד און האָט נישט מיט וואָס, אפילו דאָס ערשטע האַלב נדן, וואָס זי האָט צוגעזאָגט

איינלעגען, האָט זי נאָך אויך ניט איינגעלעגט. קיין העמד נישט אויפ'ן לייב, קיין פּאָר שיך אפילו, און ווער רעדט פון חתונה־הוצאות, כלי־זמר, סאַרוועס, דאָס, יענץ — וואו וועט זי דאָס נעמען?... דער קאָפּ ווערד איהר שיער ניט צעפּאַלען, טאָמער, חלילה, ווערד איהר שידוך אוים שידוך — וואָס וועט זי טהון?...

און אַזוי אַלע איבעריגע ווייבער וויינען און בעקלאָגען זיך אויף זייערע צרות, גיסען אוים זייער ביטער הארץ דורך טרערען, רעדען זיך אוים אביסעל מיט זייערע ליעבע און געטרייהע, טאָמער וועט ווערען האָטש אביסעל גרינגער אויף דער נשמה, און אַז מע וויינט זיך גוט אוים, ווערד טאַקי גרינגער...

איך דרעה מיך אַרום צווישען די אַלטע האַלב־איינגעפּאַלענע קברים, לייען די אַלטע אָפּגעריבענע אויפשריפטען פון די איינגע־בויגענע מצבות, דערזעהט מיך פון דערווייטען רב אריה דער קברות־מאַן מיט דער לאַנגער פלאַכסענער באָרד און מיט די רויטע אויגען און פרעגט מיך:

— צו וועמען דאַרפסט דו?

רב אריה איז שוין אַזוי אַלט, אַז קיינער ווייסט ניט זיינע יאָהרען, און ער אַליין אויך ניט. פון דעסטוועגען האַלט ער זיך ריין און ציכטיג, די שטיוועלעך אויסגעפּוצט, די באָרד צעקעמט, איטליכס הערעל בעזונדער, און היט זיך אָפּ, ווי אַ ציטעריגער בן־יחיד ביי דער מאַמע, עסט נאָר ווייכע זאַכען און טרינקען טרינקט ער אַלע פריהמאָרגען געקאָכטע קרייטער מיט קאַנדעלצו־קער. „ס'איז איהם גוט ווי די וועלט!" — זאָגט מען אויף איהם אין כתריל‎עווקע, און מען איז איהם באמת מקנא.

— שלום־עליכם, רב אריה, וואָס מאַכט אַ איד? — רוף איך מיך אָן און געה־צו צו איהם נאָהענט. ס'איז פאַרנאַכט. די זון האַלט ביי אונטערגעהן און בעגילט די שפּיץ קברים. רב אריה פער־שטעלט זיך מיט דער האַנד, בעטראַכט מיך מיט די רויטע אויגען, גלעט די באָרד און קוקט זיך איין.

— ווער ביזט דו? און צו וועמען דאַרפסט דו?

רב אריה איז אזוי אַלט, אַז ער מעג זיך פערגינענ צו זאָגען אַלעמען „דו“.

איך זאָג איהם, ווער איך בין און צו וועמען איך דאַרף, דער־קענט מיך רב אריה און גיט מיר אַפּ שלום־עליכם און שאָמקעט מיט די ליפּען, רעדט מיט אַ פּייף:

— אַ? ביזט דו דאָס? געקענט דעם טאַטען דיינעם און דעם זיידען רב וועוויק נאָך, געווען אַ טייערער איד, און דעם פעטער פיני, אויך געווען אַ שענער איד, און דער פעטער בערקע ליגט אויך דאָ ביי מיר, און די מוהמע חנה — אַלע געקענט, אַלע געשטאָרבען, אַלע פיינסטע מענטשען אויסגעשטאָרבען. נישט געבליבען איינער אַ רעכטער, מיינע אויך אוועקגעשטאָרבען (ער טהוט אַ זיפץ און אַ מאַך מיט דער האַנד). פריהער די קינדער באַגראָבען, אַלע קינדער באַגראָבען, נאָכדעם איז זי אַליין אוועק־געשטאָרבען, געווען אַ צדיקית, מיר צו לענגערע יאָהר, מיך גע־לאָזט אַליין, אויף דער עלטער. נישט גוט.

— נישט גוט? — פרעג איך איהם.

— נישט גוט — מאַכט ער — נישט גוט, נישטאָ קיין מתים.

— נישטאָ קיין מתים? — זאָג איך.

— נישטאָ קיין מתים. — זאָגט ער.

— מע האָט אויפגעהערט — זאָג איך — שטאַרבען ביי אייך אין כתרילעווקע?

— וואָס איך שייך שטאַרבען? — זאָגט ער. — שטאַרבען שטאַרבט מען, נאָר וואָס? קליינוואַרג, נפל'עך, אָדער קבצנים; וואָס האָט מען פון זיי, משטיינס געזאָגט! צענויפנעמען אויף תכריכים, נאָכ'ן ערשטען קדיש שענקען די יתומים אַ שטיקעל ברויט. וואָס זאָל מען טהון? אַ ברירה האָט מען? (ער טהוט מיר אַ ווייז מיט דער אויסגעטריקענטער האַנד אויף די וויינענדיגע ווייבער). אָט ליגען ווייבער אויסגעצויגען, ווי די שררה'טעס, אויף די קברים. וואָס האָט מען פון זיי? וויינען זיך אַז ווי די פויקען. וואָס אהרט דאָס זיי? עס קאָסט זיי געלט? גנה פיהר זיי, וויין זיי, וואו

ליגט דער טאַטע, וואו ליגט די מאַמע? וואו ליגט דער פעטער, וואו ליגט די מוהמע? זייער טאַטענס משרת! עס מאַכט זיך, איינע וויינט אַזוי לאַנג, ביז זי פאַלט גאָר חלשות, באַדאַרף מען זי נאָך מינטערען, געבען אַ טרונק וואַסער, און אַ מאָל — אַ שטי־קעל ברויט אויך. פון וואַנען? פון וואָס? די גרויסע מחיה?״ אַז קיין מתים איז נישטאָ, און לעבען דאַרף מען, און חתונה מאַכען איין איינציקעל אַ יתומה'לע, שוין אַ מיידעל אין די יאָהרען, דאַרף מען אויך; געווען אַ חתן, שוין כמעט געהאַלטען ביי אַ שידוך טהון, דוקא נישקשה פון אַ יונגענמאַן, אַ פאַקענטרעגער, איין אַלמן אַפילו, מיט קינדער עטליכע, נאָר אַ בעל־פרנסה, אַ שענער פאַרדיע־נער, דאָס הייסט, אַז ער לייזט, פאַרדיענט ער. חתן־כלה זיך שוין אפילו אָנגעקוקט אויך; געקומען צו עפּים, שוין געהאַלטען ביי תנאים שרייבען, זאָגט ער: „נו, און וואָס הערט זיך מכח נדן?״ זאָג איך: „וואָסער נדן?״ זאָגט ער: „מע האָט דאָך מיר גע־זאָגט, אַז איהר גיט אַ פופציגער נדן״. זאָג איך: „אַלע בייזע חלומות אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! אַ פופציגער? ווי קומט צו מיר פופציגערס? איך וועל געהן גנב'ענען, צי אויסגראָבען פרעמדע תכריכים ביי מיר פון די קברים און פאַרקויפען?״... הקיצור הדבר, דער שדוך איז געוואָרען אוים שדוך. און געה רעד מיט זיי, מיט די כתרילעווקער בעלי־בתים, זענען זיי נאָך גערעכט: זיי זאָגען: „רב אריה, איהר זינדיגט, איהר האָט, קיין עין־הרע, אַ פרנסה אין האַנט״... אַ שענע פרנסה! אַז וואו ס'איז געווען ערגיץ אַ לייטישער מת, אַ פיינער מענטש, אַ שטיקעל נגיד, איז ער שוין לאַנג געשטאָרבען, און קיין פרישע קומען נישט צו, נישטאָ קיין מתים! נישטאָ!

# פערבענגט אהיים

געשריבען אין יאהר 1902.

# פערבענגט אַהיים

נישטאָ איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס מע זאָל דערפון נישט ווייסען אין כתרילעווקע; נישטאָ איין נייעס אויף דער וועלט, וואָס מע זאָל דערפון נישט געוואָהר ווערען ביי די קליינע מענשעלעך.

אמת, אַז עס קומט אַן אַהין, קומט דאָס אָן שוין אַביסעל שפּעטליך און נישט פון דער ערשטער האַנד — נו, וואָס זשע איז? איין אומגליק אַ גרויסער? אַדרבה, מיר דאַכט, אַז ס'איז גאָר אַ מעלה, די גרעסטע מעלה.

וואָרום, צווישען אונז רעדענדיג, וואָס האָבען, אַשטייגער, די כתרילעווקער אידען צו פערלירען, אַז זיי וועלען געוואָהר ווערען די היינטיגע נייעסען, די בשורות טובות, ישועות ונחמות, וואָס לאָזען זיך הערען אויף דער וועלט, חלילה וחס, שפּעטער מיט אַ חודש אָדער מיט צוויי, און אפילו מיט אַ יאָהר שפּעטער? — אַ גרויסער אומגליק!

הקיצור, די כתרילעווקער קליינע מענשעלעך זענען געוואָהרע געוואָרען, — אפילו אַביסעל שפּעטליך — אַז ס'איז דאָ אַ וואָרט, וואָס הייסט צ י ו נ י ז ם.

תחילת האָט ניט יעדער פערשטאַנען אַקוראַט וואָס איז די טייטש „ציוניזם". שפּעטער, אַז מע האָט אָנגעשמעקט אין כתרילעווקע דעם פּשט פון „ציוניזם", אַז עס נעמט זיך פון „ציון" וואָס אין סדור, און אַז ציוניסטען איז אַזאַ מין חברה, וואָס האָבען חשק איבערפּעקלען אַלע אידען קיין ארץ־ישראל, איז גע־

ווארעז אין שטאדט, וואס זאל איך אייך זאגעז? — חוכא וטלולא! מע האט זיך געהאלטעז ביי די זייטעז. זייערע געלעכטערעז. מיין איך, האט מען בעדארפט הערעז פאר א מייל, און די גלייכ־ווערטלעך, וואס זענען געפלויגען אויף רב הערצל דעם דאקטאר. אויף דעם דאקטאר נארדען און אויף אלע איבעריגע דאקטוי־רים, וואלט כדאי געווען, כלעבען, מע זאל זיי צענויפזאמלען, פערשרייבען און ארויסגעבען בעזונדער אין א ביכעל; איך בין אייך ערב, אז עס געפינט זיך אין זיי א סך מעהר זאלץ און א סך מעהר פעפער, ווי אין יענע לאקריץ־זיסע ווערטער און קלוגע רעד, וואס מע דרוקט זיי אלע יאהר אין די לוחות אויף דער צווייטער זייט...

א מעלה האבען די כתרילעווקער לייט, אז כל־זמן זיי לא־כען — לאכען זיי, נאר אז זיי לאכען זיך גוט אן, הויבען זיי ערשט דעמאלט אן צעקייען די זאך נאך א מאל און נאך א מאל און הויבען אן צו פערשטעהן. אזוי איז געווען אויך מיט'ן ציוניזם. פריהער האט מען געלאכט, געמאכט חוזק, געזאגט ווערטלעך; נאכדעם האט מען אנגעהויבען זיך צוהערען, וואס מע רעדט און וואס מע שרייבט אויף די בלעטער, איבער'חזר'ען און איבער־קייען „נאך א מאל דאס אייגענע ווידער צוריק", און שפעטער. אז מע האט דערהערט שמועסען עפים פון א באנק, א אידישע באנק מיט אידישע אקציעס, און וויבאלד אקציעס, איז דאך, אפנים, די משמעות, אז מע רעדט עסק, „געשעפט". „לשון געלד", — און מיט געלד וואס קאן מען היינטיגע יאהרען נישט אויספיהרען אויף דער וועלט? ובפרט נאך ביי'ם טערק מיט דער רויטער יארמעלקע, וואס איז אליין אויך א גוטער כתריליק גלייך מיט אלע כתרילעווקער? און פון דעמאלט אן האט מען זיך גע־נומען אין כתרילעווקע צום ציוניזם גאנץ געשמאק. די כתרילעווקער זענען, ברוך השם, אזעלכע לייט, וואס איהר פועל'ט ביי זיי וואס איהר ווילט. דאס, וואס נעכטען האט זיך זיי געדאכט קרום ווי א קאטשערע און שווער כקריעת ים־סוף, איז ביי זיי היינט

גלייך, וואָס גלייכער קאָן שוין גאָר ניט זיין, און גרינג ווי אויפ־עסען אַ בייגעל, אָדער אויסרויכערען אַ פּאַפּיראָס. אָפּקויפען ביי'ם טערק ארץ־ישראל — וואָס קאָן נאָך זיין גרינגער דערפון? וואָרום לאָמיר זיך ניט נאַרען, אין וואָס קאָן דאָ זיין די מניעה? געלד איז דאָך ניט שייך צו זאָגען; וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיעלט ביי אונז געלד? איין רויטשילד (ער זאָל נאָר וועלען) קאָן ער דאָך אָפּקויפען גאַנץ ארץ־ישראל מיט סטאַמבול און מיט'ן טערק אינאיינעם. פאַר'ן מקח איז אודאי נישטאָ וואָס צו זאָרגען זיך. ס'איז דאָך עפּיס אַ געשעפט, וועט מען זיך דינגען: ממה־נפשך. אַ רענדעל אַראָפּ, אַ רענדעל אַרויף. בלייבט איבער נאָר איין זאַך: באשר וואָס? טאָמער וויל ער ניט פערקויפען? עט, נאַריש־קייטען! פאַר וואָס זאָל ער ניט וועלען? והשנית, מיר זאָלען וועלען זיך גוט אויסרעכענען, זענען מיר דאָך מיט איהם שטיקלעך אייגענע גאָר — נייז, טאַקי גאַנץ נאָהענטע קרובים, אמת'ע שני שבשלישים, אידען און טערקען, יצחק און ישמעאל...

קיצור הדבר, מע האָט געמאַכט איין אסיפה און די אַנדערע און די דריטע — ס'איז געוואָרען מיט גאָט'ס הילף אַ „חברה", און מע האָט געקליבען „טשלענעס", אויסגעוועהלט אַ פּרעזידענט, אַ וויצעפּרעזידענט, אַ קאַזנאַטשיי און אַ סעקרעטאַר און אַ קאָ־רעספּאָנדענט, גלייך ווי אין אַלע לייטישע שטעדט; און איטלי־כער האָט זיך פערשריבען שקל־געלד, ווער אַ קאָפּיקע און ווער צוויי קאָפּיקעס אַ וואָך. יונגע לייט האָבען געהאַלטען פלאַם־פייערדיגע „רעדעס", געזאָגט זעהר שענע דרשות. די ווערטער „ציון", „ציוניזם", „ציוניסטען" האָבען זיך געלאָזט הערען העכער און העכער. די נעמען „דאָקטאָר הערצל", „דאָק־טאָר נאָרדוי" און די איבעריגע דאָקטוירים האָבען זיך געלאָזט הערען אָפטער און אָפטער. „טשלענעס" זענען געוואָרען וואָס ווייטער מעהרער און מעהרער, און געלד האָט זיך אויך צענויפ־געקליבען אַהיבשע פּויטיקע, — האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אסיפה און מע האָט זיך אוועקגעזעצט בעקלערען, וואָס טהוט

מען מיט׳ן געלד: צי מע זאָל דאָס קאַפּיטאַל דערווייל איבער־לאָזען דאָ אויפ׳ן אָרט, מאַכען אַ בעזונדערען „פאָנד“ פאַר די כתרילעווקער ציוניסטען, צי מע זאָל דאָס אָפּשיקען אין צענטער אריין, צי מע זאָל נאָך אַביסעל צו־וואַרטען, ביז עס וועט זיך צענויפקלויבען אַ היבשע סומע, און די שטאָדט וועט ווערען איין אַקציאָנער פון דער אידישער באַנק.

די דאָזיגע אַסיפה איז געווען, קאָן מען זאָגען, איינע פון די הייסע שטורעמדיגע אַסיפות אין כתרילעווקע. די דעות האָבען זיך צעטיילט: אַ סך זענען געשטאַנען פאַר׳ן „צענטער“. געזאָגט: מיר זענען מחויב אונטערצוהאַלטען דעם „צענטער“. וואָרום אַז מיר וועלען ניט אונטערהאַלטען דעם „צענטער“, און איהר וועט ניט אונטערהאַלטען דעם „צענטער“, — פון וואַנען זשע וועט ער ציהען חיונה?... אַנדערע האָבען געדרונגען פערקעהרט, אַז דער „צענטער“ וועט זיך בעגעהן אָהן כתרילעווקע: „מיר זענען נישט מחויב פאַרזאָרגען די גאַנצע וועלט; עמיצער זאָרגט זיך דען פאַר כתרילעווקע? לאָז זיך יעדער אין זינען האָבען זיך — וועט אויך זיין געגנוג“...

איז אויפגעשטאַנען דער פּרעזידענט, נח רב יוסילע׳ס, אַ נגיד׳ס איין איידעם און אַ יונגערמאַן אַ משכיל, נאָך גאָר אָהן אַ באָרד, און האָט געזאָגט עטליכע וואַרעמע ווערטער:

— „פיער טויזענד יאָהר — אַזוי האָט נח דער פּרעזידענט אָנגעהויבען און האָט גענומען אַביסעל צו אַ הויכען טאָן — פיער טויזענד יאָהר, אַז מע קוקט אויף אייך פון דער הויך פון די דאָזיגע פּיראַמידען!“ מיט די דאָזיגע ווערטער האָט זיך אַמאָל געווענדעט דער גרויסער נאַפּאָלעאָן צו זיין גוואַרדיע, בשעת ער איז געגאַנגען איינעמען מצרים. כמעט מיט די דאָזיגע ווערטער ווילט זיך מיר אָנהויבען מיין היינטיגע רעדע צו אייך, נאָר אַביסעלע אַנדערש: שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, ברידער, אַז מיר געפינען זיך... נישט אויף דער הויך פון די פּיראַמידען, נאָר טיעף, נייען איילען אין דער ערד. שוין באַלד צוויי טויזענד

יאָהר, אז מיר קוקען אַרויס... נישט אויף אונזער „גוואַרדיע", נאָר אויף משיח'ן, ער זאָל קומען אונז אויסלייזען פון גלות און אונז ברענגען אהין, אינ'ם לאַנד פון אונזערע אָבות, קיין ארץ־ישראל... שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, אז מיר פאַסטען אַלע שבעה עשר בתמוז, עסען נישט קיין פלייש אין די נייען טעג, און קומט תשעה־באב, זעצען מיר זיך אין די זאָקען אויף דער ערד, וויינען און קלאָגען אויף חורבן בית־המקדש... שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, אז מיר דערמאָנען זיעבען און זיעבעציג מאָל א טאָג ציון און ירושלים — און פרעגט: וואָס האָבען מיר געטהאָן פון ציונ'ס וועגען און פון ירושלים'ס וועגען?

איין עבירה, כלעבען, וואָס ס'איז אין כתרילעווקע נישטאָ קיין סטענאָגראַף, וואָס זאָל געווען קאָנען זיין אויף יענער אסיפה און פערשרייבען די אויסגעצייכענטע רעדע פון נח דעם פרעזידענט אות באות, ווי עס פיהרט זיך אין לייטישע שטעדט. מיר מוזען זיך דעריבער בעגניגענען נאָר מיט די עטליכע ווערטער, וואָס מיר האָבען געבראַכט על־פי זכרון, און ברענגען דעם סוף פון דער דאָזיגער טאַלאַנטפולער רעדע אין קורצען:

— אצינד — אזוי האָט נח דער פרעזידענט אויסגעלאָזט זיין דרשה, און דער שוויים האָט גערונגען פון איהם טייכענווייז — אצינד, אז מיר האָבען זוכה געווען צו דערלעבען אזא צייט, אז דער אַלטער קראַנקער ישראליק האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פונ'ם שלאָף, ער גלייכט זיך אויס די אויסגעמוטשעטע ביינער זיינע, קוקט זיך ארום וואו ער איז אין דער וועלט, און זאָגט „בית־יעקב לכו ונלכה — קומט, קינדער, לאָמיר געהן!" — באַדאַרפען מיר, רבותי, זיך נישט פאַרלאָזען אויף קיינעם, נישט ארויסקוקען אויף קיין נסים און נישט פאַרלאָזען זיך אויף אונזערע גרויסע, וואָרום אז איהר וועט זיך פאַרלאָזען אויף די גרויסע, וועט איהר מעגען וואַרטען. ס'איז א סך גרינגער צו גע'הרג'עט ווערען פון א דונער, איידער אויסרייסען ביי א גביר א קערבעל אויף ציון. אַליין, אַליין באַדאַרפען מיר אָנהויבען צו בויען אונזער גרויסען בנין. אם אין אני

לי — יוי לי ?... אודאי מעגען מיר זיך איבערנעמען, אז מיר האבען דערלעבט אזא צייט, אז אידען זאלען גאר האבען א השגה צו רעדען פון איין אייגענער אידישער באנק! אודאי בּאדארפען מיר זעהען, אז כתרילעווקע זאל ניט אפּשטעהן פון אנדערע שטעדט און כתרילעווקער אידען זאלען אויך האבען א חלק אין אונזער „אייגענער אידישער באנק“! איך מוז אייך אבער זאגען, רבותים, אז לויט די חשבונות, וואס אונזער קאזנאטשיי וועט אונז דא באלד פארשטעלען, האבען מיר נאך נישט די גאנצע סומע אויף צו בעצאהלען אפילו פאר איין אקציע. עס פעהלט אונז נאך כמעט העכער האלב, דאס הייסט, א פינף־זעכס קארבען. לכן איז א יושר, ברידער, איהר זאלט זיך אנטהון א כח טאקי דא אויפ׳ן ארט און טאקי באלד צע־נויפלעגען זיך, איטליכער וויפיעל ער קאן, און זעהען, סע זאל ווערען די גאנצע סומע, צעהן רובעל, גאר אהן א שום תירוץ!... און לאזען אונזערע ברידער אויף דער גאנצער וועלט וויסען, אז אין כתרילעווקע זענען אויך פארהאן ציוניסטען, וואס סע ברענט אין זיי דאס הייליגע פייערעל פון ציון, און לאז דער דאקטאר הערצל זעהען, אז זיין הארעוואניע פון אונזערטוועגען איז חאטש ניט אומזיסט!...

* * *

פליעסקען מיט די הענד און שרייען „בראוואָ“ — דערפון ווייסט מען נאך נישט אין כתרילעווקע — און דאנקען גאט, וואס מע ווייסט נאך נישט. דער געפילדער מיט׳ן געשריי איז אזוי אויך געווען גרויס; מע זאל נאך דערצו דארפען פאטשען מיט די הענד און שרייען „בראוואָ“, וואלט מען גאר טויב גע־ווארען, צו אלדי שווארצע יאהר. דארטען, אז עס געפעלט עמי־צענס א ווארט, געהט מען צו און מע גיט איהם איבער דער פלייצע.

— וואס זאגט איהר אויף אונזער פרעזידענט? הא?

— א פיסק — דער רוח זאל איהם נעמען!

— און א קענער! ער האט דאך אויסגעמישט קאשע מיט בארשט, גמרא און ספרים און אלע ביכער...

— מע באדארף האבען א קאפ פון א קלויסטער, מע זאל דאס אלסדינגג געדענקען אויסוועניג!

— בהמה! יענער זיצט טאג ווי נאכט און קוקט אין די ביכער אריין!

בקיצור, ס'איז געבליבען, מע זאל אויסשרייבען איין אקציע. נאר ס'איז גרינג צו זאגען „אויסשרייבען איין אקציע". ווי קומט די קאץ איבער'ן וואסער, אז אידען ליגען ערגיץ פערשטעקט אין א לאך, אין כתרילעווקע, און די אידישע באנק איז ערגיץ ווייס איך וואו, אין לאנדאן? האט זיך אנגעהויבען א חתונה: ברייוולעך; ברייוולעך אהין, ברייוולעך אהער. שמעיה דער סעקרעטאר און דער קארעספאנדענט פון די כתרילעווקער ציוניסטען האט זיך אפגעשריבען, ווי מע זאגט, אלע פינגער, ביז ער האט בעקומען א קלארע ידיעה, וואוהין און ווי אזוי מע בעדארף שיקען דאס געלד. נאכדעם, אז ער האט שוין גוט געוואוסט וואוהין און ווי אזוי מע בעדארף שיקען דאס געלד, האט ער געהאט אויף זיך א נייעם אומגליק — דעם כתרילעווקער פאסטמייסטער. דער בעקאנטער כתרילעווקער פאסטמייסטער, א גראבער פריץ, און א גרויסער מפונק, קאן נישט איבערטראגען דעם ריח פון קנאבעל (האטש קנאבעל ביי'ם עסען האט ער אליין ליעב דאס חיות!). אז עס קומען אריין צוויי איבעריגע אידען אויף דער פאסט, האלט ער זיך ביי דער נאז, שרייבט און לייענט:

— שלום... שליאמקא... טשעסנאק...

אז שמעיה האט איהם דערלאנגט דעם פאקעט, האט ער איהם א שמיץ געטהאן צוריק אין פנים אריין: ס'איז ניט אזוי געשריבען דער קאנווערט, ווי מע בעדארף. דאס אנדערע מאל האט ער איהם א שמיץ געטהאן אין פנים אריין: ער זאל געהן ברענגען טריוואכס. דאס דריטע מאל האט ער שוין ניט געהאט צו וואס זיך צו טשעפען, האט ער בעטראכט דעם פאקעט פון אלע

זייטען, גענומען שמעלצען דעם טריעף און לעגען חתימות. און בשעת מעשה א פרעג געטהאן שמעיה'ן, נישט קוקענדיג איהם גלייך אין פנים אריין: „וואס פאר געשעפטען האט ער מיט לאנדאן, וואס ער שיקט אהין געלד?“ האט זיך אונזער שמעיה קארעספאנדענט, אפנים, ארויסגעהאפט, צי אפשר האט ער געוואלט זיך בעריהמען פאר'ן פאסטמייסטער (אלע קארעס־פאנדענטען זענען גרויסע בעריהמער!):

— דאס געלד — מאכט ער — געהט גלייך אין אונזער אייגענער אידישער באנק אריין...

האט דער פאסטמייסטער א קוק געטהאן אויף שמעיה'ן, ווי פער'חדוש'ט:

— זשידאווסקע באנק? ווי קומט צו אידען א באנק?

איז זיך מיישב שמעיה: אז דו ביזט יא אזא צורר היהודים, וועל איך דיר ווייזען וואס הייסט „זשידאווסקא באנק“! און געהט און דערצעהלט איהם פזמונות מיט גוזמאות (אלע קארעס־פאנדענטען האבען ליעב מגזם זיין!), אז די אידישע באנק איז די ערשטע באנק אין דער וועלט. זי פערמאגט צוויי הונדערט טויזענד מיליאן פונט שטערלינג ריין גאלד. אויף אונזער געלד איז דאס אזא סומע, וואס ס'איז שווער אויסצורעכענען, מחמת א פונט שטערלינג בעטרעפט אויף אונזער געלד כמעט א הונ־דערטער...

רופט זיך אן צו איהם דער פאסטמייסטער, און טהוט א לעק די חתימה מיט דער צונג און א קוועטש איבער'ן צעלאזטען טריעף:

— מאהל דיר, דאס לייגסט דו שוין, ווי א הונט! א פונט שטערלינג איז קוים צעהן קערבלעך.

— דאס איז א פראסטער פונט שטערלינג, — וויל זיך שמעיה פערענטפערען — און א גילדענער פונט באטרעפט א סך מעהר!

— פשאל וואן, דוראק! — זאגט צו איהם דער פאסט־מייסטער מיט א געלעכטער. — וועמען דערצעהלסט דו מעשיות?

א איד מוז דיר זיין א מאשעניק! א איד מוז עמיצען אפנארען! ס׳זאל זיין איין אנדערער אויף מיין ארט. וואלט ער דיר מכות צוגענומען דיין פאקעט! דו ווייסט, אז איך האב רעכט ארעס־טירען דיין פאקעט מיט דיר און מיט אייער גאנץ „קהל“ אינאיינעם דערפאר, איהר זאלט ניט אריבערשיקען אונזער געלד קיין לאנ־דאן? מיר וועלען הארעווען, אקערען מיט דער נאז די ערד, און די אידעלעך וועלען קומען צו געהן אויפ׳ן גרייטען, פרעסען און זויפען און נאך נעמען און אריבערפעקלען אונזער גאלד דער שווארץ יאהר ווייסט וואוהין, אין א „זשידאווסקע באנק“!...

שמעיה האט שוין געזעהן, אז ער האט אנגעארבייט א גוטע חתונה. האט ער אנגענומען א פולע מויל און האט אפגעשוויגען. ווי א קעצעלע. ער וואלט אפגעגעבען איצטער מי יודע וויפיעל, ער זאל קאנען נעמען צוריק די ווערטער, — ס׳איז שוין אבער געווען צו שפעטליך (א סך קארעספאנדענטען וואלטען אפשר וועלען צו־ריקנעמען זייערע ווערטער מיט זייערע קארעספאנדענציעס, וואס זענען פול מיט שקרים וכזבים, נאר בלאטע! צוריק האפט מען נישט!). אונזער כתרילעווקער קארעספאנדענט איז געהרען גע־ווען, אז ער האט אפגענומען דעם „רעצעפיס“ און איז אוועק פון דער פאסט, ווי איין אפגעשמיסענער.

אוועקגעשיקט דאס געלד, האבען די כתרילעווקער ציוניסטען אנגעהויבען ארויסקוקען אויף דער אקציע פון טאג אויף טאג. ס׳איז אוועקגעגאנגען א חודש און צוויי חדשים און דריי חדשים און פיער חדשים — נישטא נישט קיין געלד, נישט קיין סחורה! האט מען זיך א נעם געטהאן צום סעקרעטאר, צום קארעספאנ־דענט הייסט דאס, טאמער האט ער ניט אהין געשיקט דאס געלד, וואו מע בעדארף, אדער טאמער האט ער ניט אזוי געשריבען דעם אדרעס, ווי עס געהער צו זיין — שמעיה האט נעבאך געהאט צו זינגען און צו זאגען; לא־די ער האט נישט אויפגעהערט צו שרייבען בריוולעך אין קאמיטעט, אין צענטער און אין לאנדאן, האט ער נאך בעדארפט אויסשטעהן די טענות פון די כתרילעווקער

ליט מיט זייערע ווערטלעך, וואָס האָבן איהם געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ... פאַר די מתנגדים, דאָס הייסט, פאַר די עהרליכע, פרומע אידען און די חסידים, וואָס האַלטען נישט מיט'ן ציוניזם, איז דאָס דערווייל געווען אַ שטיקעל עסק: — „מיר האָבען דען נישט געוואוסט פריהער, אַז עס וועט אַזוי זיין? — האָבען זיי געזאָגט און גערייצט זיך מיט די ציוניסטען. — מיר האָבען אייך דען ניט געזאָגט, אַז מע וועט נאָר אויסנאַרען די עטליכע גילדען, און געה לאָז מיך צום ונתנה־תוקף?"...

האָט גאָט רחמנות געהאַט אויף אונזער קאָרעספּאָנדענט און ס'איז איהם אָנגעקומען איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען אַ בריעף פון לאָנדאָן, אַז די אַקציע, וואָס ער האָט אויסגעשריבען, איז שוין דאָ, דאָס הייסט, נישט דאָ, אין כתריל־עווקע, נאָר אויף דער גרעניץ; מע בעדאַרף זי נור אָפּשטעמפּלען.

עס איז ווייטער אַוועקגעגאַנגען אַ חודש און צוויי חדשים און דריי חדשים און פיער חדשים — נישטאָ קיין אַקציע! האָבען חברה גענומען עסען דעם סעקרעטאַר: וואו איז דיין אַקציע? נאָך שטעמפּעלט מען זי?... און האָבען איהם ניט געזשאַלעוועט קיין שטעכווערטלעך, ווי דער שטייגער איז. איהם נעבאָך איז דאָס שטעמפּלען גוט געלעגען אין האַרצען, נאָך מעהר ווי די אַקציע אַליין; ער האָט פון'ם שטעמפּלען שיער געשפּיגען מיט בלוט. האָט ער פערקאַטשעט די אַרבעל און האָט זיך גענומען איבער־אַנייעס שרייבען בריוולעך בכל תפוצות ישראל. „היתכן? — האָט ער געשריבען. — הישמע כזאת? מע זאָל אַזוי לאַנג האַל־טען איין אַקציע און שטעמפּלען זי? מע זאָל זי, דאַכט מיר, בעדאַרפען אָפּשטעמפּלען מיט צעהנטויזענד שטעמפּלען, וואָלט זי שוין אויך בעדאַרפט זיין לאַנג אָפּגעשטעמפּעלט!"... און דער חברה ציוניסטען האָט ער געזאָגט אַלע טאָג:

— ממה נפשך, איהר האָט געוואַרט אַזוי פיעל, וועט איהר וואַרטען נאָך אַביסעל; אַזוי לאַנג, ווי עס האָט געדויערט, וועט שוין געווים ניט געדויערען...

און כך הוה: עס האט נישט געדויערט קיין נייען חדשים אפילו, איז אנגעקומען א פאקעט אויף רב יוזיפיל דעם רב'ס נאמען (אונזער קארעספאנדענט האט נישט געוואלט האבן צו טהון מיט'ן פאסטמייסטער). און אז ס'איז אנגעקומען דער פאקעט, האט מען צענויפגערופען איין אסיפה פון אלע טשלענעס טאקי ביי רב יוזיפיל דעם רב אין שטוב, און אזוי ווי אלע אידען, און כתרילעווקער אידען אודאי און אודאי, האבען אומעטום און אלע מאל קיין צייט נים און איטליכער וויל תמיד זיין דער ערשטער, איז קיין חדוש ניט, וואס מע האט זיך געשטופט און געקוועטשט איינס דאס אנדערע, געקראכען איינער דעם אנדערען אויף די קעפ, געריסען איינער ביי'ם אנדערען פון די הענד און בעטראכט די אידישע אקציע פון „אונזער אייגענער אידישער באנק".

לאנג־לאנג האבען די כתרילעווקער ציוניסטען זיך געשפיע־געלט אין דער אידישער אקציע פון „אונזער אייגענער אידישער באנק", תחילת געזיפצט און נאכדעם געזאגט איטליכער בעזונדער איין אנדער המצאה; ס'איז געווארען עפים אביסעל פרייליכער, עפים לעבעדיגער, ליכטיגער אויף דער נשמה, ווי איינער וואס וואל־גערט זיך אין דער פרעמד, בענגט אהיים, קוקט ארוים אויף א ידיעה, און פלוצים נעמט ער אפ זעהר, זעהר א גוטען גרוס פון דער היים. ס'איז אי פרייליך, אי עס ציהט דאס הארץ; עס גלוסט זיך געהן טאנצען, און טאקי אביסעל זיך אויסוויינען אין איינוועגס...

שפעטער, אז דער עולם האט זיך גוט אנגעקוקט, האט רב יוזיפיל דער רב, וואס האט פיינט שטופען זיך אויבען־אן, חאטש ער איז רב, א זאג געטהאן:

— אנו, ווייזט נאר אהער?

און ער האט זיך אנגעזאטעלט מיט א פאר ברילען, געקוקט, געקוקט, פאוואלינקע בעטראכט פון אלע זייטען די „אידישע אקציע פון אונזער אייגענער באנק", און דערזעהען אידישע אותיות, גע־דרוקט אויף לשון־הקודש, האט ער אנגעטהאן דאס שבת'דיגע היטעל, געמאכט א ברכה „שהחיינו", און ווידער א מאל געקוקט

און געקוקט אין דער אַקציע אריין, און דאָס פּנים האָט איהם אָנ־געהויבען ווערען עפּיס ווי מרה־שחורה'דיג, און מע וואָלט געמעגט שווערען, אַז עס האָבען זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען.

— רבי! וואָס זאָרגט איהר זיך? — האָט מען איהם אַ פרעג געטהאָן. — מע באַדאַרף זיך פרייהען, טאַנצען באַדאַרף מען געהן, צום סוף... ווי קומט דאָס צו אייך?...

רב יוזיפּיל דער רב האָט נישט באַלד געענטפערט. ער האָט אַרויסבעקומען ערגיץ פון אַ קעשענע, וואָס הינטען אין דער קאַפּאָ־טע, כמעט ביי די פּאָלעס, אַ משונה־מאָדנע פּעטשיילע, האָט אויס־געשנייצט כלומרשט די נאָז, נאָר אין אמת'ען מיין איך, אַז ער האָט אַ וויש געטהאָן די אויגען, און אַ זאָג געטהאָן מיט אַ זיפץ און מיט זעהר, זעהר איין אָנגעבראָכען קול:

— כ'האָ' מיך פאַרבענגט אהיים...

# ווען איך בין רויטשילד

אַ מאָנאָלאָג פון אַ כתרילעווקער מלמד.

געשריבען אין יאָהר 1902.

# ווען איך בין ראָטשילד

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ כתרילעווקער מלמד).

— ווען איך בין ראָטשילד, — האָט זיך צעלאָזט אַ כתרי־לעווקער מלמד איינמאָל אין אַ דאָנערשטאָג, בעת די רבי'צין האָט איהם געמאָנט אויף שבת און ער האָט ניט געהאַט, — אוי, ווען איך זאָל זיין ראָטשילד! טרעפט, וואָס איך טהו? ראשית חכמה, פיהר איך איין אַ מנהג, אַז אַ ווייב זאָל תמיד האָבען ביי זיך אַ דרייערל, בכדי זי זאָל פאַרשפּאָרען דולען אַ ספּאָדיק, אַז סע קומט דער גוטער דאָנערשטאָג און ס'איז ניטאָ אויף שבת... והשנית, קויף איך אויס די שבת'דיגע קאַפּאָטע, אָדער ניין — דעם ווייב'ס קעצענעם בורנוס — לאָז זי אויפהערען פּיקען אין קאָפּ אריין, אַז ס'איז איהר קאַלט! און קויף אוועק די דאָזיגע שטוב אינגאַנצען מיט אַלע דריי חדרים, מיט דער קאַמער, מיט דער שפּיזאַרני, מיט'ן קעלער, מיט'ן בוידעם, מיט הכל בכל מכל פלע־קעל, — לאָז זי ניט זאָגען, אַז ס'איז איהר ענג; נאַ דיר אוועק צוויי חדרים, קאָך דיר, באַק דיר, וואַש דיר, בראָק דיר, און לאָז מיך צורוה, איך זאָל קאָנען קנעלען מיט מיינע תלמידים מיט אַ ריי־נעם קאָפּ! נישטאָ קיין דאגות פרנסה, מע באַדאַרף נישט קלערען. וואו נעמט מען אויף שבת — מחיה נפשות! די טעכטער אַלע חתונה געמאַכט, אראָפּ אַ האַרב פון די פּלייצעס — וואָס פעהלט מיר? הויב איך מיך אָן אַרומקוקען אַביסעל אויף דער שטאָדט. דאָס ערשטע בין איך מנדר אַ נייעם דאַך אויפ'ן אַלטען בית־

המדרש, לאָז אויפהערען קאַפּען אויפ'ן קאָפּ, בשעת אידען דאַווגען; און, להבדיל, דאָס מרחץ בוי איך איבער אויפס־ניי, וואָרום ניט היינט־מאָרגען — עס וועט דאָרט מוזען זיין איין אומגליק, חס ושלום, טאָמער פאַלט דאָס אוים אַקוראַט בשעת נשים באָדען זיך. און וויבאַלד דאָס באָד, מוז מען שוין דאָס הקדש אודאי צעוואָרפען און אַנידערשטעלען אַ „בקור־חולים", אָבער טאַקי וואָס אַ בקור־חולים הייסט, מיט בעטלעך, מיט אַ דאָקטאָר, מיט רפואות, מיט ייכלעך אַלע טאָג פאַר די חולאים, ווי עס פיהרט זיך אין לייטישע שטעדט. און אַ „מושב־זקנים" שטעל איך אַוועק, אַלטע אידען לומדים זאָלען זיך ניט וואַלגערען אין בית־המדרש ביי דער הרובע. און אַ חברה „מלביש־ערומים", אָרעמע קינדער זאָלען ניט אָרום־געהן, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט די פּופּקעס אין דרויסען. און אַ חברה „גמילות־חסדים", אַז איטליכער איד, סאַי אַ מלמד, סאַי אַ בעל־מלאכה, סאַי אַ סוחר אפילו זאָל פאַרשפּאָרען צאָהלען פּראָצענט, נישט דאַרפען פאַר'משכונ'ען דאָס העמד פונ'ם לייב. און אַ חברה „הכנסת־כלה", אַז וואו ערגיץ איין אָרעם מיידעל. נעבאַך אַ דערוואַכסענע, זאָל מען זי אויסקליידען, ווי עס געהער צו זיין, און חתונה מאַכען. און נאָך כדומה אַזעלכע חברות פיהר איך איין ביי אונז אין כתרילעווקע... נאָר וואָס איז שייך עפּים דוקא נאָר ביי אונז אין כתרילעווקע? אומעטום, וואו עס געפינען זיך נאָר אחינו בני ישראל, פיהר איך איין אַזעלכע חברות, אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט! און בכדי עס זאָל זיך פיהרען מיט אַ סדר, ווי עס געהער צו זיין — טרעפט, וואָס טהו איך? מאַך איך אויף אַלע חברות איין חברה אַ גרויסע, אַ צדקה־גדולה־חברה, וואָס גיט אַכטונג אויף אַלע חברות, אויף אַלע אידען, דאָס הייסט, אויף דעם כלל ישראל, אַז אידען זאָלען אומעטום האָבען פּרנסה און לעבען אין אַחדות און זאָלען זיצען אין די ישיבות און לערנען: חומש מיט רש"י, מיט גמרא, מיט תוספות, מיט מהרש"א, מיט אַלע שבע חכמות און מיט אַלע שבעים לשון, און אויף אַלע ישיבות זאָל זיין איין ישיבה אַ גרויסע.

א אידישע אקאדעמיע, אין דער ווילנא געוויינטליך. וואס פון דארטען זאלען ארויסגעהן די גרעסטע לומדים און חכמים אין דער וועלט, און אלסדינג זאל זיין אומזיסט, „על חשבון הגביר“. אויף מיין קעשעני, און אלסדינג זאל זיך פיהרען מיט א סדר און מיט א פלאן, עס זאל נישט זיין קיין „געב־מיר־נא־דיר־האפ־לאפ“, און אלע זאלען אין זינען האבען נאר טובת־הכלל!... און בכדי מע זאל קאנען טראגען אויפ'ן קאפ דעם „כלל“ — וואס דארף מען? דארף מען בעוואהרענען דעם „פרט“. און מיט וואס קאן מען בעוואהרענען דעם פרט? געוויינטליך, מיט פרנסה; ווארום פרנסה, הערט איהר, דאס איז דער רעכטער עיקר; אהן פרנסה קאן נישט זיין קיין אחדות; איבער'ן שטיקעל ברויט, משטיינס געזאגט, איז איינער דעם אנדערען יורד לחייו, קאפאל יענעם קוילען, סמ'ען, הענגען!... אפילו די שונאי ישראל, אונזערע המנ'ס פון דער גאנצער וועלט, מיינט איהר, וואס האבען זיי צו אונז? גארנישט. נאר צוליעב פרנסה. זיי זאלען האבען פרנסה, וואלטען זיי גאר אזוי שלעכט ניט געווען. פרנסה ברענגט צו קנאה, קנאה ברענגט צו שנאה, און דערפון, רחמנא ליצלן, נעמען זיך אלע צרות אויף דער וועלט, אלע אומגליקען, ניט דא גערעכט, מיט אלע רדיפות, מיט אלע הריגות, מיט אלע רציחות און מיט אלע מלחמות...

אוי, די מלחמות, די מלחמות! דאס איז, הערט איהר, גאר א שחיטה פאר דער וועלט! ווען איך בין רויטשילד, מאך איך אויס מלחמות, אבער טאקי לחלוטין אויס!

וועט איהר דאך פרעגען: ווי אזוי? נאר מיט געלט. דהיינו? איך וועל עס אייך געבען צו פארשטעהן מיט א שכל: למשל, צוויי מלוכות צעאמפערען זיך איבער א נארישקייט דארט, א שטיקעל ערד, וואס איז ווערטה א שמעק טאבאקע; „טערי־טאריע“ הייסט עס ביי זיי. די מלוכה זאגט, אז די טעריטאריע איז איהר טעריטאריע, און די מלוכה זאגט: „ניין, ס'איז מיין טעריטאריע“. מששת ימי בראשית, הייסט עס, האט גאט בא־

שאַפען אַט דאָס שטיקעל ערד פון איהר כבוד וועגען. קומט צו געהן אַ דריטע און זאָגט: „איהר זענט ביידע בהמות; די טער־ריטאָריע איז אַלעמענס טעריטאָריע, אַ ר ש ו ת ה ר ב י ם הייסט עס“. הקיצור, טעריטאָריע אַהער, טעריטאָריע אַהין, מע „טעריטאָריעט“ אַזוי לאַנג, ביז מע הויבט אָן שיסען פון ביקסען און האַרמאַטען, און מענטשען קוילען זיך איינס דאָס אַנדערע ווי די שאָף, און בלוט, בלוט גיסט זיך אַזוי ווי וואַסער.

אָבער אַז איך קום צו זיי לכתחילה און זאָג זיי: „שאַט, ברידערלעך, לאָזט אייך דיענען. אין וואָס געהט דאָ ביי אייך. איינגענטליך, דער גאַנצער סכסוך? מע פאַרשטעהט דענן ניט אייער מיין? איהר מיינט ניט אַזוי די הגדה, ווי די קניידלעך. טעריטאָריע איז דאָך ביי אייך נאָר איין אויסרעד; דער עיקר איז דאָך ביי אייך יענע מעשה, פעטי־מעטי, קאָנטריבוציע! און וויבאַלד לשון קאָנטריבוציע — צו ווען קומט מען אָן מיט אַ הלואה? צו מיר, צו רויטשילד’ען הייסט עס. אַמעהר, ווייסט איהר וואָס? נאַ דיר, איינגלענדער מיט די לאַנגע פיס און מיט די קעסטעלדיגע הויזען, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, נאַררישער טערק מיט דער רויטער יאַרמעלקע, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, מוהמע רייזעל, אויך אַ מיליאַרד. ממה־נפשך, גאָט וועט אייך העלפען, וועט איהר מיר אָפּצאָהלען מיט פּראָצענט, ניט חלילה קיין גרויסען פּראָצענט, פיער אָדער פינף לשנה, איך וויל אויף אייך ניט רייך ווערען“...

פאַרשטעהט איהר שוין? אי איך האָב געמאַכט אַ געשעפט, אי מענטשען הערען אויף צו קוילען איינס דאָס אַנדערע, ווי די אָכסען, אומזיסט און אומנישט. און וויבאַלד אוים מלחמות, היינט צו וואָס באַדאַרף מען דאָס כלי־זיין, מיט’ן חיל, מיט אַלע זיבע־צעהן זאַכען, מיט’ן גאַנצען טאַרעראַם? אויף תשעה נייענציג כפּרות! און וויבאַלד אוים כלי־זין, אוים חיל, אוים טאַרעראַם, איז דאָך אוים שנאה, אוים קנאָה, אוים טערק, אוים איינגלענדער, אוים פראַנצויז, אוים ציגיינער, אוים איד, להבדיל — די גאַנצע וועלט

באַקומט גאָר דעמאָלט איין אַנדער פּנים, ווי אין פּסוק שטעהט ביי אונז געשריבען: „והיה, און עס וועט זיין, ביום ההוא, דאָס הייסט, אז משיח וועט קומען!"... (שטעלט זיך אָפּ).

און אפשר, הא?... ווען איך בין רויטשילד, קאָן זיין, אַז איך בין גאָר מבטל דאָס געלט. אויס געלט! וואָרום, לאָמיר זיך ניט נאַררען, וואָס איז דענן געלט? — געלט איז דאָך, אייגענטליך, נאָר אַ הסכם, איין איינגערעדטע זאַך. מע האָט גענומען אַ שטיקעל פּאַפּיער, אַוועקגעשטעלט אַ צאַצקע און אָנגעשריבען: „טרי רובליאַ סערעבראָם". געלט, זאָג איך אייך, איז נישט מעהר ווי אַ יצר־הרע, אַ תאוה אַזעלכע, איינע פון די גרעסטע תאוות, וואָס אַלע ווילען דאָס און קיינער האָט דאָס ניט... אָבער אַז סע זאָל לחלוטין גאָר ניט זיין קיין שום געלט אויף דער וועלט, וואָלט דאָך דער יצר־הרע ניט געהאַט וואָס צו טהון, און די תאוה וואָלט ניט געווען קיין תאוה. איהר פאַרשטעהט, צי ניין? איי וואָס? איז דאָך די קשיא, וואו וואָלטען דעמאָלט נעמען אידען אויף שבת? (פערטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע). איז דער תירוץ: למאי וואו וועל איך איצטער נעמען אויף שבת?...

# די יורשים

געשריבען אין יאהר 1902.

# די יורשים

### א.

„די מאירם מיט די שניאורם"... אייגענטליך, זענען דאָס געווען נאָר א י י ן מאיר און נאָר א י י ן שניאור, און געווען זענען זיי א צווילינג, און אזוי שטארק עהנליך איינם מיט דאָס אנדערע, אז עס זענען געווען צייטען, וואָס ס'איז במעט אונ־מעגליך געווען צו טרעפען, ווער פון די צוויי איז דאָ מאיר און ווער איז דאָ שניאור.

קינדווייז, דערצעהלט מען, האָט זיך געטראָפען מיט זיי א מעשה, מע האָט זיי שיער ניט פערביטען, און אפשר קאָן זיין, אז מע האָט זיי טאַקי פערביטען. ומעשה שהיה כך היה.

זייער מוטער איז געווען, דאַרפט איהר וויסען, א אידינע א קליינינטשקע, נעבאך ניט קיין געזונדע, נאָר זעהר א קינדערלדיגע, דאָס הייסט, זי האָט אויף איהר לעבען שטארק געקינדעלט; אלע יאָהר, אלע יאָהר האָט זי געהאָט א קינד. דאָס קינד האָט אָבער ניט מעהר געמוטשעט זיך ווי א יאָהר און איז, נישט פאר אייך געדאַכט, אוועקגעקומען. אזוי לאַנג, ביז זי האָט אויפגעהערט צו קינדלען און האָט געמיינט, ס'איז איין עק. צום סוף — דעם אויבערשטענס נסים! — האָט זי גאָט בעגליקט, אויף דער עלטער שויז, און דוקא מיט א פּאָרעל! איז איהר אָבער שווער געווען אליין אויסזויגעןביידע קינדער, האָט זי נעבאך געמוזט דינגען א צוזויגערין. א ברירה האָט זי געהאָט? א כתרילעווקער איד, ער

מעג זיין ווי אָרעם, וועט ער אויף דער גאַס קיין קינד נישט ארויס־וואַרפען און אויף פרעמדע הענד דאַס נישט אַוועקגעבען, סיידען חלילה א יתום...

בעשטעלט אַ צוזויגערין, האָט די מוטער גענומען זיך מאיר'ען (מאיר איז געווען עלטער פון שניאור'ען אויף אַ גוטע האַלבע שעה), און שניאור'ען האָט זי אַוועקגעגעבען דער אַם. נאַר אַזוי ווי די אַם איז אויך געווען, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ אידינע נישט קיין געזונדע, האָבען ביידע, אי מאיר אי שניאור, געהאַט מכות נישט קיין מילך, און זיי זענען ביידע נעבאַך אויסגעגאַנגען פון הונגער, געשריגען גאַנצע נעכט, זיך געריסען אויף די גלייכע ווענד.

ויהי היום, האָט מען גענומען איינמאָל די קינדער באָדען. געוויינטליך, אין איין מולטער. אויסגעטהאָן זיי די העמדלעך און אריינגעלעגט זיי ביידען אין היים וואַסער אריין, זענען ביידע ברעקלעך געוואָרען רויט און אָנגעבלאָזען, ווי פּאַחירלעך: עס ווייזט אויס, אז זיי האָבען פון דעם באַד משונה הנאה געהאַט — אַ איד האָט ליעב אַ באַד... ביידע זויגערינס זענען געשטאַנען איבער דער מולטער און האָבען אונטערגעגאָסען אַלע מאָל פריש וואַסער, און די קינדער האָבען אַנגעקוואַלען, געמאַכט מיט די הענטלעך און מיט די פיסלעך, ווי אַ זשוקעל, האָט איהר געזעהען אַמאָל, אז מע קעהרט איהם איבער מיט'ן בייכעל ארויף. אָפּגע־באָדען, האָט מען דאַס פּאָרעל ארויסגענומען, איינגעהילט אין אַ ליילעך (איין ליילעך) און אריינגעלעגט אין בעט אריין (אין איין בעט אריין), זיי זאָלען זיך אָביסעל אָפּטריקענען. און אַז ס'איז געקומען צום אָנטהון זיי צוריק די העמדלעך, האָט מען נישט גע־קאָנט שוין דערקענען, ווער פון די צוויי איז מאיר און ווער איז שניאור? און ס'איז אַוועק אַ שפּאַרעניש צווישען דער מאַמען און די זויגערין:

— זעה נאַר, זעה, כ'וואָלט געמעגט שווערען, אַז דאַס איז גאָר מאיר און יענץ איז שניאור!

— ווייס איך וואָס איהר רעדט! דאָס איז שניאור און יענץ איז מאיר! איהר זעהט דען נישט?

— וואָס ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר! ביזט משוגע, צי חסר־דעה?

— אַך, רבונו־של־עולם! איהר זעהט נישט נאָך די אויגען, אַז דאָס איז שניאור און יענץ איז מאיר? זעהט נאָר צוויי אויגען!

— ס'אַ גוטער משל! פאַרשטעהט זיך, צוויי אויגען, ניט קיין דריי.

בקיצור, איינע שרייט אויף מאיר'ען, אַז ס'איז שניאור, און אויף שניאור'ען, אַז מאיר, און די אַנדערע — אַז שניאור איז מאיר און מאיר איז שניאור. זענען די מאַנסבילען געפאַלען אויף איין עצה. פאַרט מאַנסבילען!

— ווייסט איהר וואָס? אַט פּרובט זיי געבען זויגען, וועלען מיר זעהען: דער וואָס וועט אַננעמען ביי דער מוטער, איז אַ סימן, אַז ס'איז מאיר, און דער וואָס וועט אַננעמען ביי דער אַם, איז אַ סימן, אַז ס'איז שניאור. אַ פּראָסטער שכל!

כך הוה.ביידע ברעקלעך, מע האָט זיי נאָר צוגעטוליעט צו דער ברוסט, האָבען זיי זיך צוגעחאַפּט ווי נאָך אַ תענית, געצויגען ווי פּיאווקעס, געסמאַקעט מיט די ליפּען, בשעת מעשה געדריגעט מיט די פיסלעך און אונטערגעוואָרטשעט, ווי הונגעריגע הינטלעך.

— גאָט'ס נסים! זעהט, ווי דער אויבערשטער האָט באַשאַפען די וועלט!...

אזוי האָבען געזאָגט די מאַנסבילען מיט טרערען אין די אויגען און זענען אַ בעלן געווען אויף טשיקאַוועס פּרובען איבערבייטען די ברוסט, זעהן וואָס דאָ וועט זיין? און מע האָט די קינדערלעך נעבאַך אָפּגעריסען פון דער ברוסט, און מע האָט זיי איבערגעלעגט: שניאור'ען אויף מאיר'ס אָרט און מאיר'ען אויף שניאור'ס אָרט — וואָס, מיינט איהר, איז געווען? איהר מיינט אודאי, אַז זיי האָבען נישט געזויגען? נאָך אַ מין זויגען!...

פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך שוין מיאש געווען פון זיי און מע האָט שוין אויפגעהערט צו אונטערשיידען: ווער איז מאיר און ווער איז שניאור. לאָז זיין מאיר־שניאור און שניאור־מאיר. און מע האָט זיי אַ נאָמען געגעבען: „די מאירס מיט די שניאורס". גלייך ווי עס וואָלט געווען צוויי מאירס און צוויי שניאורס, דאָס הייסט, יעדער פון די צוויי איז געווען פאַר זיך אַ מאיר מיט אַ שניאור... נישט איין מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז מע האָט אין חדר אָפּגעשמיסען מאיר'ען, ווען מע האָט בעדאַרפט שמייסען שניאור'ען, אָדער פערקעהרט, מע האָט אַריינגעצימבעלט שניאור'ען, דעמאָלט ווען די שמיץ איז געקומען מאיר'ען. און בכדי עס זאָל נישט זיין נאָכדעם קיין פערדראָס, פלעגט דער רבי פּאַלען אויף איין עצה (וואו תורה, דאָרט איז חכמה!):

— ווייסט איהר וואָס, קינדערלעך? לעגט זיך אַקאָרשט אוועק ביידע, וועט ניט זיין קיין קנאָה, מיך געשמיסען, דיך גע־שמיסען, אַ שענע ריינע כפּרה, צווישען דער משפּחה וועט דאָס בלייבען...

ערשט העט־שפּעטער, נאָך דער בר־מצוה, אַז די מאירס מיט די שניאורס האָבען זיך אויפגעהאָפּט אויף די פּיס, איז מיט אַ מאָל געוואָרען צווישען זיי אַ חילוק, אַז מע האָט זיי שוין געקאָנט דערקענען ביינאַכט פאַר אַ מייל. גאָט'ס וואונדער! עס האָט זיך אָנגעהויבען שיטען ביי זיי אַ בערדעל (זיי האָבען, אַפּנים, ביידע צו־פריה אָנגעהויבען רויכערען ציגאַרען?), און ביי מאיר'ען האָט זיך בעוויזען אויף די בעקלעך און אויף דער אויבערשטער ליפּ שוואַרצע הערלעך (אָבער שוואַרץ ווי טינט!), און ביי שניאור'ען — רויטע הערלעך (אָבער רויטע אַזוי ווי פייער!). די דאָזיגע בערד זענען געוואַכסען ביי זיי ווי מיט רוחות (זיי האָבען, אַפּנים, ביידע צו־שטאַרק געראויכערט ציגאַרען), אַזוי, אַז צו דער חופּה האָבען זיי געטראָגען צוויי בערד, וואָס זאָג איך בערד? — בעזעמער! איינער אַ שוואַרצען בעזעם, און דער אַנדערער אַ רויטען בעזעם, און אויס־געזעהען האָט עס, ווי עמיצער האָט זיי די בעזעמער אָנגעהאָנגען.

גרויס זענען די ווערק פון גאָט און זיינע וואונדער האָבען נישט קיין ברעג! וואָרום ווער ווייסט וואָס דאָ וואָלט געקאָנט אַרויס, ווען, למשל, נאָך דער חתונה פערבייטען זיי זיך חלילה מיט די ווייבער — מיין איך פערקעהרט: די ווייבער פערבייטען זיך מיט די מאַנען. איך ווייס ניט, ווי אַזוי ביי אייך, אין די גרויסע שטעדט; ביי אונז אין כתרילעווקע האָט זיך לעת־עתה אַזאַ מעשׂה נאָך נישט געטראָפען, מע זאָל זיך פערבייטען מיט די יוצרות. ממה נפשך: בין איך דיין ווייב, ביזט דו מיין מאַן, און ביזט דו מיין מאַן, בין איך דיין ווייב; אלא וואָס דען? ביזט יענער'ס מאַן, בין איך יענעמ'ס ווייב; בין איך יענעמ'ס ווייב, ביזט דו יענער'ס מאַן. אַ קשיא, טאָמער איז געמאָהלט, אַז מיין מאַן זאָל זיך מיישב זיין און זאָגען, אַז עס מאַכט איהם נישט אויס יענעמ'ס ווייב אויך — וואָס הייסט? נו, און וואו בין איך? איך וועל איהם שווייגען?? !!

הקיצור, נישט דאָס איז דער עיקר, וואָס איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען. די רעכטע מעשׂה הויבט זיך ערשט אָן.

ב.

ביז אַהער האָבען מיר זיך בעשעפטיגט נאָר מיט די מאירס און שניאורס, דאָס הייסט, מיט מאיר'ען און מיט שניאור'ען, און אַביסעל בעקענט זיך מיט זייער מוטער און מיט דער זויגעריןׄ. און האָבען נישט גערעדט קיין וואָרט נאָך פון זייער פאָטער, גלייך ווי זיי וואָלטען חלילה קיינמאָל נישט געהאַט קיין טאַטען... לאָז גאָט היטען! אַזאַ זאַך קאָן זיך טרעפען נאָר ביי זיי, נישט ביי אונז. ביי אונז איז נישטאָ, ברוך־השם, קיין פינדעל־הויז, וואו קינדער זאָלען וואַכסען אָהן אַ טאַטע־מאַמע; ביי אונז האָט זיך נאָך נישט געטראָפען, אַז אַ קינד זאָל אויפוואַכסען און ניט וויסען, ווער איז זיין ריכטיגער טאַטע; און אויב ס'זאָל אַמאָל דורכגעפאַלען ביי אונז אַזאַ מעשׂה, האָט זיך עס געוויס געטראָפען ערגיץ אין אָדעס, אין פאַריז, אָדער אין דעם ווייטען אַמעריקאַ... פאַר כתרילעווקע

בין איך אייך ערב, אז דאָרט האָט זיך אַזאַ מעשה נישט געטראָפֿען קיינמאָל, און אויב ס'האָט זיך געטראָפֿען, האָט זיך עס געטראָפֿען ערגיץ ווייס איך מיט ווען, מיט אַ דיענסטמיידעל, אָדער אַזוי מיט אַ אידישער טאָכטער נעבאַך, וואָס איז פֿערפֿיהרט געוואָרען דורך אַ צופֿאַל, געפֿאַלען אַ קרבן פֿאַר פֿרעמדע זינד...

הקיצור, די מאירס מיט די שניאורס האָבען געהאַט אַ טאָ־טען, און נאָך אַ שענעם טאַטען דערצו, און געהייסען האָט ער רב שמשון, אַ איד איין עהרליכער, און געהאַט האָט דער רב שמשון אַ באָרד, אַ גרויסע, אַ רייכע, אַ שענע באָרד, אַ „זקנה“! מע קאָן זאָגען, אַז ביי רב שמשונ'ען איז געווען מעהר באָרד ווי פּנים. איבער דער דאָזיגער באָרד האָט מען כמעט נישט ארויסגעזעהען דאָס פּנים, און דערפֿאַר טאַקי האָט ער אין כתרילעווקע נישט גע־האַט קיין אַנדער נאָמען, ווי רב שמשון באָרד.

און געווען איז דער רב שמשון באָרד... לאָמיך אַזוי וויסען ביין, וואָס ער איז געווען. ער איז געווען אַ איד, וואָס האָט כל ימיו געמוטשעט זיך, געפּלאָגט זיך איבער'ן שטיקעל ברויט, מלחמה געהאַלטען מיט'ן דלות; אַ מאָל האָט ער ביינגעקומען דעם דלות, אַ מאָל — דער דלות איהם, ווי דער שטייגער איז פֿון די כתרי־לעווקער אידען, וואָס האָבען קיין מורא נישט פֿאַר'ן דלות, שטעלען איהם אוים דריי פֿייגען...

און געלעבט האָט דער רב שמשון באָרד אַזוי לאַנג, ביז ער איז געשטאָרבען. און אַז ער איז געשטאָרבען, האָט מען איהם בעהאַלטען מיט גרוים כבוד, כמעט די גאַנצע שטאָדט איז נאָכגע־גאַנגען נאָך דער לויה.

— ווער איז געשטאָרבען?

— רב שמשון.

— וואָסער רב שמשון?

— רב שמשון באָרד.

— אַי־וואַ! איז שוין, הייסט דאָס, רב שמשון באָרד אויך אוועקגעקומען? ברוך דיין אמת!

אזוי האָט מען געשמועסט אין כתריל׳עווקע און בעדויערט נישט אזוי רב שמשונ׳ען אליין, ווי דאָס, וואָס אין שטאָדט ווערד ווינציגער אַלע מאָל מיט א אידען. משונה־מאָדנע ברואים אָט די כתרילעווקער אידען: לאָ־די זיי זענען אזעלכע אָרעמע לייט, וואָס זענען קיינמאָל נישט זאַט, וואָלטען זיי נאָך אַ בעלן געווען, אַז קיינער זאָל ביי זיי נישט שטאַרבען. זייער איינציגער טרייסט איז, וואָס שטאַרבען שטאַרבט מען אומעטום, אפילו אין פּאַריז, און וואָס אויסקויפען זיך פון׳ם טוידט קויפט זיך נישט אוים קיי־נער, און אפילו רויטשילד אַליין, וואָס איז כמעט גרעסער פון׳ם מלכות, פון דעסטוועגען, אַז עס קומט די צייט פון שטאַרבען, בעט מען איהם מחילה, ער זאָל זיך מטריח זיין אהינצוצו — און ער מוז געהן!

אַצינד קעהרען מיר זיך אום צוריק צו די מאירס מיט די שניאורס. כל זמן רב שמשון באַרד האָט געלעבט, זענען די מאירס מיט די שניאורס געווען, קאָן מען זאָגען, נפש אחת, געלעבט איין זעל, איין נשמה. און אז רב שמשון באַרד איז געשטאָרבען, זענען זיי געוואָרען פייער מיט וואסער, גרייט געווען אַלע מינוט אַרויפ־פאַלען איינס אויף דאָס אַנדערע און אויסרייסען זיך די בערד. איהר ווילט וויסען, איבער וואָס? אדרבה, זאָגט איהר, איבער וואָס קריעגען זיך קינדער נאָכ׳ן טאַטענ׳ס טוידט? פערשטעהט זיך, איבער ירושה. אמת, רב שמשון האָט נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין פעלדער, קיין וועלדער, נחלאות, הייזער, רענטעס, און מזומן געלד אודאי נישט. און קיין ציערונג, זילבער און כלי־בית האָט ער אויך נישט איבערגעלאָזט פאַר די קינדערס ווענען, נישט מחמת שלעכטיגקייט אָדער קאַרגשאַפט, נאָר פּשוט, ווייל ער האָט נישט געהאַט. דאָך זאָלט איהר ניט מיינען, אז רב שמשון האָט חלילה ניט איבערגעלאָזט זיינע קינדער גאָרנישט. רב שמשון האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך א מאַיאָנטעק, אַ מין שוה־כסף, וואָס מע קאָן צו יעדער צייט מאַכען פון דעם געלד, מע קאָן דאָס פער־זעצען אין משכון, פערדינגען אָדער פערקויפען. דאָס איז געווען

איין אייגענע שטאָדט אינ'ם אַלטען כתרילעווקער בית־המדרש. אויבען־אָן אין מזרח, סאַמע די צווייטע שטאָדט פון רב יוזיפיל דעם רב, די אַנדערע, הייסט דאָס, פונ'ם אָרון־קודש. אמת, די כתרילעווקער חכמים זאָגען אפילו אַ גלייכווערטעל, אַז ס'איז גלייכער איין אייגען דאָרף אין דרויסען איידער איין אייגענע שטאָדט אין שוהל; דאָס איז אָבער נישט מעהר ווי אַ גלייכווערטעל, און אַז גאָט העלפט, מע האָט זיך טאַקי איין אייגענע שטאָדט, און נאָך אין מזרח־וואַנד דערצו, איז טאַקי נישט שלעכט. און בעסער פון גאָרנישט איז דאָס אוודאי!

בקיצור, רב שמשון באָרד האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שטיקעל נחלה, איין אייגענע שטאָדט אין אַלטען כתרילעווקער בית־המדרש. נאָר ער האָט פערגעסען אַ קלייניגקייט — אָנזאָגען, וועמען ער לאָזט איבער בירושה די דאָזיגע שטאָדט: מאיר'ען, צי שניאור'ען?

אפנים, רב שמשון, זאָל ער מיר מוחל זיין, האָט זיך גאָר ניט גערעכנט צו שטאַרבען? ער האָט פערגעסען, אַז דער מלאך־המות שטעהט תמיד הינטער די פּלייצעס און היט אונז די טריט, אַניט, וואָלט ער זיכער געשריבען אַ צוואה, אָדער אַזוי אָנגעזאָגט פאַר עדות, וועמען פון די צוויי זיהן לאָזט ער איבער זיין מאַיאָנטעק.

וואָס זאָלט איהר קלערען? אודאי איז דעם ערשטען שבת וואָס נאָך שלשים שוין אַרויסגעשפּרונגען אַ מחלוקת צווישען די צוויי ברידער. מאיר, פערשטעהט איהר מיך, האָט גע'טענה'ט, אַז על־פּי דין קומט דעם טאַטענ'ס שטאָדט א י ה ם, ווארום ער איז דאָך דער עלטערער (אויף אַ גוטע האַלבע שעה!). און שניאור האָט גע'טענה'ט צוויי טענות מיט אַ מאָל: ערשטענס, ווייסט מען ניט, ווער איז פון זיי דער עלטערער, וואָרום ווערליג די מאַמע דערצעהלט, אַז מע האָט זיי קינדווייז פערביטען, קאָן דאָך גע־מאָהלט זיין, אַז ער, שניאור הייסט דאָס, איז מאיר, און מאיר איז שניאור. והשנית, האָט מאיר אַ שוועהר אַ נגיד, וואָס האָט אויך

אַיין אייגענע שטאָדט אינ'ם בית־המדרש אין מזרח־וואַנד, און קיין זוהן האָט ער נישט. וועט דאָך די שטאָדט איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אם ירצה השם, אַריבערגעהן צו מאיר'ען. וועט אויסקומען, אַז מאיר וועט האָבען צוויי שטעדט אין מזרח־וואַנד, און שניאור — אַפילו אַ האַלבע נישט! פרעגט זיך אַ קשיא: וואו איז יושר? וואו איז מענשליכקייט?

דערהערט אַזאַ טענה, האָט זיך אַריינגעמישט מאיר'ס שוועהר, אַ איד אַ נגיד, אַיין אויפגעקומענער, און איז אַרוים מיט אַ פייער: „אַביסעל אַיין עזות! איך בין נאָך ניט אַלט קיין פערציג יאָהר אפילו און האָב נאָך, ערשטענס, בדעה צו לעבען און לעבען, — צום סוף טיילען זיי זיך מיט מיין ירושה! והשנית, פון וואַנען ווייסט מען, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט האָבען קיין יונגעל? אמת, איך וועל טאַקי נישט האָבען, אָבער מיין ווייב קאָן נאָך האָבען אַ יונגעל, און נישט איין יונגעל, נאָר עטליכע יונגלעך! אַביסעל אַיין עזות פון אַ שייגעץ!"

האָבען זיך מענשען אַריינגעלעגט אין אַ שלום, געוואָלט מאַכען אַ שטיקעל פשרה, „יאַק נע פסק טאָ פסאַקעץ", מע זאָל אָפּשאַצען די שטאָדט, וויפיעל זי איז ווערטה, און איין ברודער דעם אַנדערען זאָל אויסצאָהלען. דאַכט זיך, אַ גלייכע פשרה? איאָ? איז דער חסרון, וואָס ביידע ברידער האָבען נישט געוואָלט הערען פון אַרויסצאָהלען. ס'איז זיי נישט געגאַנגען אין געלד — געלד איז בלאָטע; ס'איז געגאַנגען אינ'ם עקשנות, אינ'ם צו־להכעיס: פאַר וואָס זאָל אַ ברודער זיין אַזאַ איינגעשפּאַרטע זאַך און נישט צולאָזען דעם צווייטען ברודער? און פאַר וואָס זאָלסט דו זיצען אויפ'ן טאַטענס אָרט און איך ניט? עס איז זיי שוין ניט געגאַנגען אַזוי אין זיך, ווי אין יענעם, איינער האָט נישט פערגונען דעם אַנדערען, ווי זאָגט מען דאָס: ג ם ל י ג ם ל ך — נישט מיר, נישט דיר... און די מאירם מיט די שניאורם האָבען גענומען קריעגען זיך און טהון איינער דעם אַנדערען אויף צו־להכעים. אַ קליינינקייט — נצחון?

דעם ערשטען שבת איז מאיר געקומען אביסעל פריהער און האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם טאַטענ'ס שטאָדט, און שניאור איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אויף די פיס. דעם צווייטען שבת איז שניאור געקומען פריהער און האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם טאַטענס אָרט, און מאיר איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אויף די פיס. דעם דריטען שבת האָט זיך מיישב געווען מאיר און האָט זיך געפּעדערט גאַנץ פריה, האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דער שטאָדט, איבערגעדעקט זיך מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ—און טהו מיר עפּיס! האָט זיך מיישב געווען שניאור דעם פערטען שבת און פּעדערט זיך נאָך פריהער און זעצט זיך אָוועק אויף דער שטאָדט און דעקט זיך איבער מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ — און רוף מיך קנאַקניסעל! האָט זיך מיישב געווען מאיר דעם פינפטען שבת און פּעדערט זיך נאָך פריהער... אזוי לאַנג האָבען זיך די מאירס מיט די שניאורס געפּעדערט, ביז זיי זענען איינמאָל אין א שענעם שבת־הגדול געקומען צו געהןביידע אין איין צייט, ס'איז נאָך ניט געווען רעכט ליכטיג אין דרויסען, און האָבען זיך אָוועקגעשטעלט ביידע ביי דער טהיר פונ'ם בית־המדרש (דאָס בית־המדרש איז נאָך געווען צו), און מע האָט זיך גענומען קוקען אַהן ווערטער. נאָר מלא גזלן איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי די העהנער, וואָס זע־נען גרייט אָט־אָט ארייַנשפּרינגען איינס דאָס אַנדערע אין פּנים אריין און אויספּיקען זיך די אויגען... אזוי, דאַרפען מיר רע־בענען, זענען אמאָל געשטאַנען די ערשטע צוויי ברידער, די ערשטע צוויי שונאים אויף דער וועלט, קין און הבל, איינע אַליין אין פעלד, אונטער גאָט'ס הימעל, מלא רציחה, גרייט אויף צו דורס זיין, אויפפרעסען איינס דאָס אַנדערע, פערגיסען אומשולדיג בלוט...

### ג.

האָבען מיר, הייסט דאָס, איבערגעלאָזט די מאירס מיט די שניאורס ביי דער שוהל שבת אין דער פריה שטעהן איינס אַקעגען דאָס אַנדערע אַנגעדרודעלט, ווי די העהנער, און גרייט אָרער אַנ־

האפען זיך ביי די בערד, אדער אריינפאהרען איינער דעם אנדערען אין די אויגען אריין. מע דארף אבער נישט פערגעסען, אז די מאירם מיט די שניאורס זענען געוועז טאטענס קינדער, אנשטענ־דיגע יונגע־לייט, חלילה נישט קיין הפקר־יונגלעך, וואס זאלען אנפאלען איינס אויף דאס אנדערע, אזוי ווי די גויים, להבדיל. זיי האבען אפגעווארט ביז עס וועט קומען עזריאל דער שמש און וועט אויפעפענען די טהיר פונ'ם בית־המדרש, וועט מען שוין דעמאלט זעהען, ווער עס וועט פריהער פערהאפען דעם טאטענ'ס שטאדט: צי מאיר, צי שניאור?

צעהן יאהר האבען זיך געצויגען ביי זיי די מינוטען. קוים דערלעבט זעהן עזריאל'ען מיט די שליסעל. און אז עזריאל מיט דער קאלטענעוואטער בארד איז אנגעקומען, האט ער נישט געקאנט צוקומען מיט'ן שליסעל צום שלאס בשום אופן, ווייל ביידע ברידער האבען זיך צוגעשפארט מיט די פיס צו דער טהיר, איינער מיט דעם רעכטען פוס, דער אנדערער מיט דעם לינקען פוס, נישט גע־וואלט אפטרעטען בשום אופן ואופן.

— וואס־זשע וועט זיין דערפון? — האט זיי עזריאל א זאג געטהאן און גענומען בשעת מעשה א שמעק טאבאק. — מילא, אז איהר וועט אזוי שטעהן ביידע אנגעשפארט, ווי די צאפעס, וועל איך נישט קאנען עפענען די טהיר, און דאס בית־המדרש וועט שטעהן אזוי צוגעשלאסען א גאנצען טאג. ס'איז עפיס א תכלית? נו, אדרבה, זאגט שוין איהר אליין!

עס ווייזט אויס, אז די דאזיגע ווערטער האבען געהאט א ווירקונג, מחמת די מאירם מיט די שניאורם האבען זיך ביידע גע־געבען א רוק צוריק, איינער רעכטס, דער אנדערער לינקס, גע־מאכט איין ארט פון עזריאל'ס וועגען, ער זאל קאנען צוטרעטען מיט'ן שליסעל צו דער טהיר און אויפשליסען דעם רוקער. און אז דער רוקער האט זיך געגעבען א רוק און די טהיר האט זיך געגעבען איין עפען־אויף, האבען זיך די מאירם מיט די שניאורם געגעבען ביידע א לאז־אריין.

— פּאוואָלי, אַט וואַלגערט איהר אום אַ אידען! — האָט אויסגעשריען עזריאל דער שמש, און איידער ער האָט געקאָנט אויסרעדען נאָך איין וואָרט, איז ער שוין געלעגען געבאָך אַ צע־טראָטענער אונטער זייערע פיס און געשריגען ניט מיט זיין קול:

— פּאוואָלי, אַט צעטרעט איהר אַ אידען, אַ טאַטען פון קינ־דער!...

די מאירס מיט די שניאורס האָבען אָבער אין זינען געהאַט עזריאל דעם שמש מיט זיינע קינדער אין דער לינקער פּאָה. זיי איז געלעגען אין זינען די שטאָדט, דעם טאַטענ'ס שטאָדט. — און האָבען זיך ביידע געגעבען אַ לאָז אהין, אויבען־אָן, צו מזרח צו, געגעבען אַ שפּרונג־איבער איבער אַלע בענק און שטענדערס, און געקומען צו דער שטאָדט, האָבען זיי זיך ביידע געגעבען אַ זעץ־אַנידער און אַ שפּאַר־אריין מיט די פּלייצעס אין וואַנד אריין און מיט די פיס אין דער פּאָדלאָגע, און פון גרוים שפּאַרעניש זענען זיי אַרויף איינס אויף דאָס אַנדערע און אָנגענומען זיך ביי די בערד און געפּינעט און געקריצט מיט די צייהן און גע־האָרחעלט:

— מכות ווערסט דו זיצען אויף דער שטאָדט!

אין דער דאָזיגער צייט האָט זיך עזריאל דער שמש דערוויילן אויסגעגלייכט די ביינער און צוגעגאַנגען צו די מאירס מיט די שניאורס און דערזעהען ווי זיי ליגען ביידע און האַלטען איינס דאָס אַנדערע ביי די בערד, האָט ער אַ פּרוב געטהאָן פריהער מיט גוטען, אזוי צו זאָגען:

— אי־פע, שעמען מעגט איהר זיך! צוויי ברידער, צוויי לייבליכע ברידער פון איין טאַטע־מאַמע, זאָלען זיך האַלטען ביי די בערד! און נאָך אין אַ מקום קדוש דערצו! אי־פע!...

עזריאל דער שמש האָט אָבער ארויסגעזעהען, אז איז דעם מאָמענט גראָדע איז זיין מוסר גאַנץ אומזיסט, ארויסגעוואָרפען אויפ'ן ווינד; אדרבה, ער האָט מיט זיינע רעד, קאָן מען זאָגען, אונ־טערגעגעבען נאָך מעהר היטץ, און די צוויי ברידער פון איין טאַטע־

מאמע זענען אזוי ווייט אריין אין דער רציחה, אז ביי איינעם אין האנד איז געווען א זשמוט מיט שווארצע האר (פון מאיר'ס בארד) און ביי'ם צווייטען אין האנד איז געווען א זשמוט מיט רויטע האר (פון שניאור'ס בארד), און אויך פלעקען בלויע האבען זיך בעוויזען ביי זיי אויף די פנים'ער, און ביי איינעם פון זיי האט זיך געטהאן א לאז בלוט פון דער נאז.

כל זמן עס האט נאר געהאלטען ביי בערד אליין מיט פעטש, קלעפ, בוכענצים וכדומה אזעלכע מינים זאכען, האט עזריאל דער שמש נאך געקאנט רעדען א פאר ווערטער, זאגען אביסעל מוסר. דערזעהען אבער, ווי עס גיסט זיך שוין בלוט, האט עזריאל מעהר נישט געקאנט איינשטעהן, ווארום בלוט — עס מעג זיין אפילו פון א נאז — איז זעהר א מיאוסע זאך, וואס פאסט פאר גויים, נישט פאר אידען. פע, חולשי חלשות!... און עזריאל דער שמש האט נישט לאנג געטראכט, האט זיך געגעבען א לאז־אוועק אין פאליש אריין, געחאפט איין עמער וואסער און געגעבען א גאס־אויס אויף ביידע ברידער.

קאלט וואסער איז פון תמיד אן, זינט די וועלט שטעהט, דאס בעסטע מיטעל אויף אויפצומונטערען א מענשען; א מענש, ער מעג זיך זיין אין גרעסטען כעס, אין ערגסטען גרימצארן, אז ער בעקומט א קאלטע באד, אזוי ווערד ער אויפגעפרישט, אפגע־קיהלט און קומט צו זיינע געדאנקען... פון דעם דאזיגען אומ־געריכטען קאלטען באד, וואס עזריאל האט זיי מכבד געווען, האבען די מאירס מיט די שניאורס ווי אויפגעוואכט פון שלאף, האבען זיך א קוק געטהאן איינס דאס אנדערע אין די אויגען אריין און האבען זיך פערשעמט, ווי אדם מיט חוה'ן בשעת זיי האבען פער־זוכט פונ'ם עץ־הדעת און דערזעהען, אז זיי זענען נאקעט... און טאקי דעם זעלבען שבת־צו־נאכטס זענען די מאירס מיט די שניאורס געגאנגען מיט נאך מענשען צו רב יוזיפיל דעם רב, זיך פערלאזען אויף מענשען, וואס מענשען וועלען געפינען.

ד.

דאָס כתרילעווקע זאָל נישט זיין אַזאַ העק און ס'זאָל נישט ליגן פערוואָרפען אַזוי ווייט פון דער גרויסער וועלט, און דאָרטען זאָלען, למשל, ערשיינען גאַזעטען, צייטונגען און זשורנאַלען, וואָלט די וועלט געוויס געהאַט צו טהון מיט רב יוזיפיל דעם רב. אַלע בלעטער וואָלטען געווען פול מיט איהם און מיט זיין חכמה. חכמים, גרויסע געלעהרטע, בעריהמטע לייט פון דער וועלט וואָלטען זיך געלאָזט צו איהם, זעהען איהם בעשיינפערליך און הערען פון זיין מויל אַלע קלוגע דבורים. פאָטאָגראַפען און צייכנער וואָלטען אַראָפּגענומען זיין בילד און וואָלטען עס פערשפּרייט אין אַלע עקען פון דער וועלט. אינטערוויוערס וואָלטען איהם גערולט דעם קאָפּ, נישט געלאָזט לעבען. זיי וואָלטען וועלען וויסען אַלסדינג. וואָס ביי איהם טהוט זיך. וואָסערע מאכלים ער האָט ליעב? וויפיעל שעה אין טאָג שלאָפט ער? צי גלויבט ער אין השארת־הנפש? וואָס פאַר אַ מיינונג איז ער וועגען רויכערען סיגאַרע־טען, און צי האַלט ער פון פאָהרען אויף אַ וועלאָסיפּעד, וכדומה? נאָר אַזוי ווי כתרילעווקע איז אַ העק און עס ליגט פערוואָרפען ווייט פון דער גרויסער וועלט, און דאָרטען ערשיינען נישט קיין גאַזעטען, צייטונגען און זשורנאַלען, האָט די וועלט קיין שום ידיעה נישט פון רב יוזיפיל דעם רב. די בלעטער דערמאָנען נישט אַ מאָל זיין נאָמען. חכמים, גרויסע געלעהרטע און בעריהמטע לייט פאָהרען נישט צו איהם. פאָטאָגראַפען און צייכנער נעמען נישט אַראָפּ זיין בילד. אינטערוויוערס לאָזען איהם צורוה. און רב יוזיפיל לעבט זיך אָפּ זיין וועלט שטיל, בעשיידען, אָהן געפילדער, אָהן טאַרראַם. קיינער ווייסט נישט פון איהם צו זאָגען, אויסער די שטאָדט כתרילעווקע, וואָס בעוואונדערט איהם, האַלט פון איהם איין עולם ומלואו און גיט איהם אָפּ פיעל־פיעל כבוד (קיין געלד איז אין כתרילעווקע נישטאָ, אָבער כבוד — וויפיעל איהר ווילט!...). זיי זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַ נסתר, אַ פער־

באַרגענער חכם, וואָס בעווייזט זיך נישט אַרויס מיט זיין חכמה, נאָר אַז מע קומט צו איהם מיט אַ משפּט, זעהט מען ערשט דעמאָלט אַרויס, ווי עמוק ער איז, ווי טיעף, ווי שאַרף, טאַקי נאָך חכמת שלמה!

אָפּגעמאַכט הבדלה און אָפּגעזאָגט המבדיל, זענען די מאירים מיט די שניאורים געקומען צום רב רב יוזיפּיל אויף אַ דין־תורה און האָבען געטראָפען דאָרטען שוין אַ פולע שטוב מיט מענשען. די שטאָדט איז נייגיעריג געווען צו הערען, ווי אַזוי וועט עס דאָ רב יוזיפּיל פּסק'ענען? ווי אַזוי וועט ער דאָ איינטהיילען איין־און־איינציגע שטאָדט צווישען צוויי ברידער? קודם כל האָט רב יוזיפּיל געלאָזט די צדדים, זיי זאָלען זיך אַביסעל אויס'טענה'ן. רב יוזיפּיל געהט מיט דעם גאַנג, אַז פאַר'ן משפּט בעדאַרף מען די צדדים לאָזען טענה'ן, וואָרום נאָכ'ן משפּט וואָס וועט זיי העלפען דאָס טענה'ן? נאָכדעם האָט ער געלאָזט אויך עזריאל דעם שמש, ער זאָל רעדען וויפיעל ער וויל. עזריאל איז דאָך דאָ דער רעכטער עדות. און גלאָט בעלי־בתים האָבען גערעדט. ווער עס האָט געהאָט גאָט אין האַרצען — דער האָט זיך אַריינגעמישט מיט אַ וואָרט, און נישט מיט איין וואָרט, נאָר מיט אַ סך ווערטער. רב יוזיפּיל איז אַ מענש, ברוך־השם, וואָס לאָזט רעדען אַלעמען. איך האָב שוין לאַנג בעמערקט, אַז רב יוזיפּיל איז אַ שטיקעל פילאָזאָף: ער געהט מיט דעם גאַנג, אַז וויפיעל אַ מענש זאָל נישט רעדען, מוז ער אַמאָל אויפהערען.

כך הוה. די גאַנצע שטאָדט האָט גערעדט און גערעדט — און האָט אויפגעהערט צו רעדען. און אַז דער עולם האָט אויפגעהערט צו רעדען, האָט זיך רב יוזיפּיל אָנגערופען צו די מאירים און שניאורים לאַנגזאַם, שטיל און בנעימות, ווי זיין שטייגער איז, בזה הלשון:

— שמעו נא, רבותים, הערט זשע צו, אידען, די מעשה דערפון איז אַזוי. וועדליג איך האָב אויסגעהערט דאָ אייערע ביידענס טענות און די אַלע טענות פון אַלע איבעריגע בעלי־בתים, זעה איך, אַז איהר

זענט נעבאך ביידע זעהר גערעכט. איהר האט נעבאך ביידע גע־האט איין טאטען — און א שענעם טאטען, לאז ער האבען א ליכטי־גען גן־עדן. דער חסרון איז נאר, וואס ער האט אייך נעבאך ביי־דען איבערגעלאזט סך־הכל איין שטאדט. אודאי איז ביי אייך ביידען טהייער דעם טאטענ'ס שטאדט, פארט איין אייגענע שטאדט אין מזרח־וואנט, אינ'ם אלטען, אלטען כתרילעווקער בית־המדרש. מיט דער האנט אוועקמאכען קאן מען דאס נישט. נאר וואס דען? כשם ווי ס'איז אונמעגליך, אז איין מענטש זאל קאנען פארנעמען צוויי שטעדט, אזוי איז אונמעגליך, אז צוויי מענטשען זאלען זיך באנוגענען מיט איין שטאדט. אדרבה, מיר דאכט זיך, אז ס'איז א סך לייכטער, אז איין מענטש זאל פארנעמען צוויי שטעדט, איידער אויף איין שטאדט זאלען זיצען צוויי מענטשען; ווארום אז איין מענטש זאל, למשל, האבען צוויי שטעדט, זעצט ער זיך אנידער א מאל אויף דער שטאדט, און א מאל אויף יענער, אבער אז צוויי מענטשען זאלען זיך פרובען אין איין צייט זעצען אויף דעם זעלביגען ארט — קאן דאס ניט זיין. למשל, אט האלט איך די רעכטע האנד אט־דא אויף דעם ספר. לאם איך, אשטייגער, וועלען אין דער אייגענער צייט האלטען די לינקע האנט אויפ'ן זעלביגען ארט, וואו איך האלט די רעכטע האנט — קאן איך נישט. פאר וואס? ווייל דער אויבערשטער האט אזוי באַ־שאפען די וועלט, און א מענטשענס פארשטאנד קאן דאס מיט'ן שכל נישט משיג זיין. נישט מעהר, בלייבט דאך איבער די קשיא: וואס טהוט מען נעבאך מיט צוויי ברידער, אז זיי האבען פארט געהאט נעבאך נאר איין טאטען, וואס האט זיי איבערגעלאזט סך־הכל איין שטאדט? איטליכען ווילט זיך — פארט איין אייגענע שטאדט אין מזרח־וואנט, אינ'ם אלטען, אלטען כתרילעווקער בית־המדרש. מיט דער האנט אוועקמאכען קאן מען דאס נישט! קומט אויס: י ח ל ו ק ו, אז מע זאל זיך טהיילען. ווי אזוי זשע טהיילט מען א שטאדט? א שטאדט איז דאך נישט קיין... קיין... עפעל, וואס מע צעשניידט איהם אויף דער העלפט און מע זאגט: נא דיר

א האלבע שטאָדט און נאָ דיר א האלבע שטאָדט. איז פאַרהאַן אָבער איין עצה, אז איהר זאָלטביידע זיצען אין מזרח־וואַנט, א שטאָדט נעבען א שטאָדט. דאָס האָב איך שוין דערקלערט, ברוך־השם, מיט מיין אייגענעם שכל. דהיינו, ווי אזוי? אזוי ווי אייער טאַטענ׳ס שטאָדט און מיין שטאָדט זענען צוויי שטעדט, א שטאָדט נעבען א שטאָדט, זעצט איהר זיך, ברידער־לעך, אויף די ביידע שטעדט, וועט איהר זיך זיצען געזונטערהייד ביידע, א שטאָדט נעבען א שטאָדט, און וועט זיך פאַרשפּאָרען קריעגען. אי וואָס? די קשיא: וואָס וועל איך טהון אָהן א שטאָדט? איז דער תירוץ: וואו שטעהט דאָס געשריבען, אז א רב אָדער גלאַט א איד מוז דוקא האָבען איין אייגענע שטאָדט, און דוקא אין מזרח־וואַנט, און דוקא אינ׳ם אַלטען בית־המדרש? וואָרום, לאָמיר זיך גוט באַטראַכטען: וואָס איז א בית־המדרש? א מקום קדוש. וואָס געהען מיר אין בית־המדרש אריין? תפלה טהון. צו וועמען? צום אויבערשטען. וואו געפינט ער זיך? אומעטום, ס׳איז מ ל א כ ל ה א ר ץ כ ב ו ד ו — פול די גאַנצע וועלט! ווי באַלד אזוי, היינט וואָס איז דאָ שייך מזרח, צפון, דרום, גאַנץ אויבען־אַן, אָדער גאָר ביי דער טהיר? אבי א מקום קדוש און אבי געדאַווענט! מ ש ל ל מ ה ה ד ב ר ד ו מ ה — צו וואָס איז דאָס געגליכען? צו א מלך, וואָס זיינע צוויי קנעכט זענען געקומען צו איהם אין פּאַלאַץ אריין בעטען ביי איהם א טובה. פלוצים האָבען זיך די קנעכט צעאמפּערט צווישען זיך און זענען פאַר׳ן מלך אין די אויגען אריינגעפאָהרען איינער דעם אַנדערען אין די בערד אריין און האָבען גאָר פאַרגעסען, צוליעב וואָס זיי זענען געקומען און פאַר וועמען זיי שטעהען; האָט זיי דער מלך מסתמא גוט מכבד געווען און האָט באַפוילען, מע זאָל זיי מחילה ארויספיהרען: ממה נפשך, איהר ווילט זיך רייסען ביי די בערד, געהט אייך געזונטערהייד אין דרויסען ארוים און רייסט אייך דאַרטען וויפיעל אייער הארץ געלוסט! וואָס האָט איהר צו קריכען צום קייזער אין פּאַלאַץ אריין,

אז איהר ווייסט ניט, ווי אזוי צו האלטען זיך?... דאס איז דער משל, און דער נמשל זענט איהר. געהט זשע אייך, קינדערלעך, אהיים און לעבט אייך אין פריעדען, און לאז אייער פאטער זיין דארטען א מליץ־יושר פאר אייך און פאר אונז און פאר כלל ישראל.

אזוי האט גע'פסק'עט רב יוזיפיל דעם משפט, און דער עולם איז זיך צעגאנגען אהיים.

אויף איבעראכטאג שבת זענען די מאירס מיט די שניאורס געקומען אין בית־המדרש און האבען זיך אוועקגעשטעלט דאווגען ביי דער טהיר. וויפיעל מע האט זיי ניט געבעטען, עזריאל דער שמש פון איין זייט און רב יוזיפיל דער רב פון דער אנדערער זייט — זיי האבען נישט געוואלט זיך זעצען אין מזרח־זייט בשום אופן ואופן.

ווער ס'איז א בעלן אויף איין אייגענער שטאדט אין מזרח־וואנד, אינ'ם אלטען כתרילעווקער בית־המדרש, די אנדערע שטאדט פון רב יוזיפיל דעם רב, אין גלייכען געלד, זאל ער זיך ווענדען קיין כתרילעווקע צו רב שמשונ'ס קינדער, צו מאיר'ען אדער צו שניאור'ען — ס'איז אלץ איינס: מע וועט זי אייך פערקויפען בזיל הזול, ווארום קיינער זיצט נישט אויף איהר, נישט מאיר און נישט שניאור. עס שטעהט א לעדיגע שטאדט — איין עבירה פאר גאט!

# די גרויסע בהלה פון
# די קליינע מענשעלעך

אַ פּאָעמע.

געשריבען אין יאָהר 1904.

# די גרויסע בהלה פון די קליינע מענשעלעך

## קאפיטעל א.

### וואו דער מחבר שמועסט זיך אוים אביסעל מיט זיינע אידען.

אפנים, אז כתרילעווקע איז שוין אנגעצייכענט געווארען מן השמים, אז די דארטיגע אידען בעדארפען האבען מעהר צרות פון דער גאנצער וועלט. וואו ערגיץ א מכה, וואו ערגיץ א שלאק, א פורעניות, איין אומגליק, איין אנשיקעניש, א בייז בעגעגעניש, — בעדארף עס זיי ניט אויספעהלען, און פון איטליכער זאך בעדאר־פען זיי זיך נעמען צום הארצען מעהר פון דער גאנצער וועלט. מילא, פון דרייפוס'ען, אויב איהר געדענקט, איז קיין חדוש ניט. וואס כתרילעווקע האט אזוי געליטען: פארט א אונזעריגער, איין אייגענער; אייגענס איז, ווי זאגט איהר, ניט קיין פרעמדס. וואס־זשע פאר א תירוץ וועט איהר מיר אויסזוכען אויף די בורען. וואס די ענגלענדער האבען זיי איינגענומען און געמאכט פון זיי א תל? קארג האט זיך געטהאן דעמאלט אין כתרילעווקע? וועה־ווער, קארג איז דעמאלט בלוט פערגאסען געווארען אינ'ם אלטען כתרילעווקער בית־המדרש איבער דעם? שאט, שרעקט זיך ניט, איהר מיינט טאקי בלוט ממש? חס וחלילה! די כתרילעווקער זענען ווייט פון בלוט; א כתרילעווקער, אז ער דערזעהט פון דער ווייטען א שניט פון א פינגער, פאלט ער חלשות. מיינען מיינט מען גאר עפים אנדערש; מיינען מיינט מען יסורים.

הארצוועהטיג, בזיונות. און איבער וואָס, מיינט איהר? נאָר איבער דעם, וואָס מענשען קאָנען זיך ניט אויסגלייכען מיט די דעות; זאָגט דער אַזוי, זאָגט דער: טאָמער פאַרקעהרט? האַלט דער מיט די בורען און נעמט זיך אָן זייער קריוודע: סטייטש, וואָס האָט מען געבאַד צו איין אָרעם פאָלק, וואָס טשעפּעט קיינעם ניט, וואָס וויל זיך זיצען שטיל און רוהיג אַרבייטען די ערד? קומט דער אַנדערער און ווערד אַ שתדלן פאַר'ן ענגלענדער, בעווייזט־אויס מיט ראיות, אַז די ענגלענדער זענען די ערשטע געבילדעטע לייט אויף דער וועלט. „ממזר! וואָס מיר געבילדעטע, אַז מע בראָקט מענטשען, אַזוי ווי קרויט!" — „ווער איז אייך שולדיג, אַז איהר זענט אַ בהמה?" — „אַ בהמה זענט איהר גאָר אַליין בצורת פערד!"... בקיצור — פעטש, ערות, פּאַפּיערען, כּיראָוואַי, אַלדי חלשות! דאַכט זיך, אין פּלוג, וואָס קעהר זיך אָן מיט אייך, קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים, דלותים, שלעפּערס, אַ לאַנד, וואָס ליגט ערגיץ פערשטעקט אין אַלדי שווארצע יאָהר, אין אַפריקאַ? צי אַשטייגער, אייך דאַרף טאַקי דאַרען דער קאָפּ פאַר סערביע, וואָס עטליכע אַפּיצירען האָבען זיך מיישב געווען און האָבען איינמאַל אין מיטען בייננאַכט זיך אויפגעכאַפּט, אַנגעפאַלען און גע'הרג'עט דעם קיסר אַלכּסנדר און די קיסרינע דראַגע און אַרויסגעוואָרפען זיי דורכ'ן פענסטער אין דרויסען אַרוים? סטייטש, זאָגט איהר, אַנפאַלען אויף יענעם בשעת ער שלאָפט און מאַכען איהם די קץ, דאָס פּאַסט, זאָגט איהר, פאַר פּראַים, ווילדע מענשענפרעסער, דאָרטען ערגיץ, אין די מדבריות? איך פרעג אייך אָבער איין אַנדער זאַך: וואָס געהט דאָס אייך אָן מעהר פון אַלעמען? איהר האָט שוין טאַקי מעהר קיין שום דאגות ניט? חתונה געמאַכט און פערזאָרגט אַלע קינדער — און איין עק? איך פרעג אייך, למאי זאָלט איהר האָבען אַ טבע אריינשטעקען אומעטום די נאָז אייערע? גלויבט מיר, די וועלט וועט זיך בעגעהן אָהן אייך, און איטליכער וועט זיך מסתמא בעשטעהן זיין שטעדטעל!...

דער מחבר בעט דעם לעזער, ער זאָל קיין פּאַראיבעל ניט האָבען, וואָס ער רעדט אַזעלכע הארבע ווערטער מיט זיינע כתרילעווקער לייט! איך בין, פערשטעהסט דו מיך, ליעבער פריינד, אַליין אַ כתרילעווקער. דאָרט בין איך געבאָרען, דאָרט בין איך אויפגעוואַכסען, דורכגעגאַנגען אַלע זייערע חדרים און שקאָלעס, דאָרט האָב איך חתונה געהאַט למזל און זיך אַוועקגעלאָזט נאָכדעם מיט מיין קליין שיפעל אויף דעם גרויסען בריטען רעש'דיגען ים, וואָס מע רופט איהם „לעבען“ און וואָס די חוואַליעס זיינע וואַרפען העכער הייזער, און חאָטש מען איז שטענדיג אינ'ם דאָזיגען טומעל פערטאָרעראַמט און פערטראַסקעט, פון דעסטוועגען האָב איך נאָך אויף קיין מינוט ניט פערגעסען מיין זיסע ליעבע היים כתרילעווקע זאָל מאַריך ימים זיין, מיט מיינע ליעבע זיסע ברידער, די כתרילעווקער אידען, זאָלען זיך פרוכפּערען און מעהרען; און אַלע מאָל, ווען עס טרעפט זיך דאָ ביי אונז עפּיס איין אויסגאַס, אַ צרה, אַ בראַנד, איין אומגליק, טראַכט איך מיר בשעת מעשה: וואָס טהוט זיך אַצינד ד א ר ט ע ן, אין מיין פאָטערלאַנד?... כתרילעווקע, דאַרפט איהר וויסען, ווי קליין און אָרעם און עלענד און פערוואָרפען דאָס זאָל ניט זיין, איז דאָך געבונדען מיט דער גאַנצער איבעריגער וועלט, ווי מיט אַ מין דראָט אַזעלכען, וואָס אַז מע גיט אַ קלאַפּ אין איין עק, גיט זיך עס אָפּ באַלד אינ'ם אַנדערען עק! אָדער איך קאָן זאָגען אַזוי: כתרילעווקע איז געגליכען צום קליינעם קינד אין דער מאַמעס בויך, וואָס איז געבונדען, צענויפגעוואַכסען מיט דער מוטער דורכ'ן נאָפּעל און פיהלט אַלסדינג גלייך מיט דער מוטער: טהוט וועה דער מאַמען — טהוט וועה דעם קינד; טהוט וועה דעם קינד — טהוט וועה דער מאַמען. אַ חדוש איז מיר נאָר אויף איין זאַך: פאַר וואָס פיהלט כתרילעווקע אַלעמענס צרות מיט אַלעמענס וועהטיגען פון דער גאַנצער וועלט, און קיינער, קיינער פיהלט ניט דעם וועהטיג פון כתרילעווקע; קיינער, קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט די כתרילעווקער? דאָס כתרילעווקע

איז עפּיס אַ מין שטיפקינד ביי דער וועלט, וואָס ביי איין אומגליק חלילה, ביי אַ חולה מסוכן איז שטוב דערפיהלט עס פריהער פון אַלעמען, ווערד אויסגעריסען מעהר פון אַלעמען, טאַנצט־אַרום, שלאָפט ניט קיין נעכט, קריכט אין דער ערד אריין, שונאי־ציון! און זאָל דאָס שטיפקינד פאַלען פון די פיס און אַליין קראַנק ווערען, מעג זיך עס ליגען, נישקשה, אַליין ערגיץ אין דער קרענק, אין אַ ווינקעלע, גליהען ווי איין אויווען, אויסגעהן פון הונגער, חלש'ען אַ טרונק וואַסער — קיינער, זייט זיכער, וועט זיך אויף דעם נישט ארומקוקען...

## קאַפּיטעל ב.

### אַ קליין בריוועל און אַ גרויסער רעש.

נאָך אַזאַ מין הקדמה וועט שוין איטליכער גרינג פערשטעהן און זיך קאָנען פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ קאַכעניש ס'איז געווען אין כתרילעווקע דעמאָלט, נאָך דער שענער חתונה, וואָס האָט זיך געטראָפען דעם גוטען פּסח, ניט היינט געדאַכט... נאָך איידער ס'איז אָנגעקומען צו זיידלען דאָס „בלאַט" און מע האָט נאָך נישט געוואוסט פון גאָרניט, האָט איינער אַ שוחט בעקומען פון זיינעם איין איידעם אַ בריוועל, וואָס מיר געבען דאָס איבער וואָרט אין וואָרט, מיט דעם לשון, ווי ס'איז געשריבען געוואָרען, איבערגע־זעצט אויף פּראָסט זשאַרגאָן, בכדי אַלע זאָלען דאָס פערשטעהן.

„לכבוד צו מיין געליעבטען טייערען שוועהר דעם בעריהמטען חכם, וואָס זיין נאָמען לאָזט זיך הערען אין אַלע עקען פון דער וועלט, און צו מיין געליעבטער טייערער שוויעגער די עהרליכע און די קלוגע און די פרומע, ווי די שטערען זאָלען זייערע נעמען טהון שיינען ביז'ן עק וועלט אריין, פריעד זאָל זיין צו זיי און פריעד צו זייער הויזגעזינד און צו אַלע ישראל, אמן.

„מיט ציטערדיגע הענד און מיט געשטרויבעלטע קניען טהו איך צו אייך שרייבען די דאָזיגע ווערטער. הנה זייט וויסען, אַז

די פּאַגאַדע האָט זיך ביי אונז שטאַרק געביטען, א האַנד פון א מענשען און א בלייענע פעדער איז גאָר ניט אימשטאַנד דאָס צו בעשרייבען... רק מיר זענען אַלע, ברוך השם, געזונד און שטאַרק, איך און זוגתי מרת דבורה'ל זאָל לעבען און אַלע קינדערלעך זאָלען געזונד זיין, יוסילע און פייגעלע און עזריאַליקעל און חנה'לע און גנענדיל, א חוץ נאָר, וואָס מען איז אַנגעשראָקען זעהר שטאַרק פונ'ם האָגעל און פונ'ם שטורמווינט, וואָס דאָ איז געווען, נאָר דאַנקען גאָט, ס'איז אַלץ איבערגעגאַנגען און מע האָט שוין קיין מורא ניט מעהר פאַר קיינעם, ווי אַלע מענשען, און מיר בעטען אייך, איך און זוגתי דבורה'ל, איהר זאָלט חלילה גאָר ניט איבער־טראַכטען, מיר און אַלע קינדערלעך יוסילע און פייגעלע און עזרי־אַליקעל און חנה'לע און גנענדיל זענען ברוך השם אַלע געזונד, און איהר זאָלט אונז למען השם באַלד אויסשרייבען אַלסדינג, וואָס הערט זיך ביי אייך, ווי אַזוי איז ביי אייך די פּאַגאַדע, און צו איהר זענט געזונד, און למען השם פון אַלסדינג באריכות!"

* * *

שוין לאַנג האָבען קלוגע מענשען בעמערקט אין זייערע בע־שרייבונגען, אַז אַזעלכע בריה'ם אויף צו לייענען צווישען די שורות, ווי אידען, געפינט איהר ניט אויף דער גאַנצער וועלט. בעווייזט זיי א פינגער — ווערען זיי אייך טרעפען וואָס איהר מיינט. זאָגט זיי א וואָרט — וועלען זיי אייך באַלד זאָגען אַנדערע צוויי. נישטאָ פאַר זיי קיין פערשטעלטע שווערע זאַך, נישטאָ פאַר זיי קיין פערבאָרגענע רעטעניש.

דעם שוחט'ס איידעמ'ס בריוועל איז געגאַנגען מיד ליד, און דעם שוחט'ס איידעם אַליין איז נישט אַרויס ביי זיי פון מויל אויף קיין מינוט, און אַלע האָבען דערצעהלט איינס דאָס אַנדערע שרעק־ליכע מעשיות מיט אַלע פּישטשעווקעס, גלייך ווי זיי זענען אַליין געווען דערביי, און א שוואַרצער שאָטען, א ביטערע מרה־שחורה האָט זיך אויסגעצויגען איבער זייערע פּנימ'ער; צוגענומען גע־

ווארען ביי זיי מיט א מאָל די פריילּיכקייט אויף שטענדיג. איין שטיקעל נחמה, איין שטיקעל האָפנונג איז געווען ביי זיי: טאָמער איז דאָס א דמיון, א ליגען — א קשיא אויף א מעשה, דעם שוחט'ס איידעם, א יונגערמאַן א משכיל און א שענער שרייבער א בעל־לשון־קודש, אפשר צוליעב דער שענער מליצה איז ער פערקראָכען דער רוח ווייסט וואוהין? וויים איך — פּזמונות, סע קאָן ניט זיין! און בכדי צו שטאַרקען איינער דעם אַנדערען און צעטרייבען די מרה־שחורה, האָט מען גענומען דערצעהלען שענע מעשיות פון די היינטיגע יונגע לייט די משכילים מיט זייער מליצה־שרייבען, וואָס איין אַנדערס מאָל האָט מען זיך בעדאַרפט האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס אַצינד האָט קיינער ניט געלאַכט. עס האָט זיי נישט גענומען קיינעם קיין געלעכטער. עפּיס א משונה־מאָדנער אומעט האָט זיך אויסגעגאָסען אויף אַלעמען, און דאָס האַרץ האָט איטליכען געזאָגט, אַז ד אַ ר ט האָט בעדאַרפט פּאַרקומען עפּיס זעהר א מיאוסע מעשה, און דער עולם איז אַוועק צו זיידלען.

זיידעל, אונזער אַלטער בעקאַנטער זיידעל, דער איינציגער, וואָס שרייבט־אויס דאָס בלאַט, איז נאַר־וואָס געקומען פון דער פּאָסט א צעקאָכטער, א צעטראָגענער, דאָס פּנים פינסטער ווי די ערד און ווי אָנגע'ברוגז'ט אויף דער גאַנצער וועלט. און מע האָט זיך דערוואוסט, אַז די מעשה איז טאַקי איין אמת.

„א גליק, וואָס חאָטש דאָ אין כתרילעווקע קאָן אַזא חתונה ניט פּאַרקומען, וואָס דאָ קאָן אַזא־נ־אומגליק ניט געשעהן!“

אַזוי האָבען זיי זיך געטרייסט איינס דאָס אַנדערע, נאָר אין האַרצען האָבען זיי זיך געטראַכט: א קשיא אויף א מעשה — ביי גרויסע ווינטען קאָן פון איין פונק אויך ווערען א שרפה, זיך אויסלאָזען מיט א העליש פייער. און די כתרילעווקער אידען האָבען זיך אָנגעהויבען פּאַוואָלינקע ארומקוקען, וואו האַלטען זיי אָקאָרשט מיט זייערע שכנים, מיט די „אַנדערע פעלקער“...

## קאפיטעל ג.

רעדט פון חוועדאר דעם שבת־גוי און פון ערלים בכלל.

אויב חוועדאר דער שבת־גוי, וואס פערלעשט די ליכט פרייטאג־צו־נאכטס פאר גאנץ כתרילעווקע, און האפקע די געשטופעלטע, וואס שמירט די הייזער און מעלקט די ציעגען פון דער גאנצער שטאדט, וכדומה נאך א סך אזעלכע ערלים קאן מען אנרופען מיט׳ן נאמען „אנדערע פעלקער", מוזען מיר קומען דערצו, אז כתרילעווקע האט כלל וכלל נישט געהאט וואס מורא צו האבען, און די דארטיגע אידען וואלטען זיך געקאנט זיצען רוהיג ביז משיח וועט קומען, ווארום זיי לעבען פון קדמונים מיט די דאזיגע „פעלקער" אזוי גוט, וואס בעסער קאן שוין, דאכט זיך, גאר ניט זיין. חוועדאר ווייסט וואויל, אז חאטש דער מיוחס, דער תושב אין כתרילעווקע איז ער, פון דעסטוועגען מוז ער הייצען שבת ביי די אידען די הרובעס, פערלעשען זיי די ליכט און ארויסטראגען די פאמעניצע וכדומה אזעלכע גראבע ארבייט, וואס ער איז צו זיי געוואהנט געווארען פון כמה וכמה יאהרען. און אויב איהר מיינט, אז עס פערדריסט איהם אפשר אויף אידען, האט איהר א טעות: ער פערשטעהט גאנץ גוט, אז ער איז ער און זיי זענען זיי; די גאנצע וועלט קאן ניט בעשטעהן פון סאמע גענעראלען, עס מוזען זיין אויך פראסטע סאלדאטען. אמת, א סך גענעראלען, דאס הייסט כתרילעווקער אידען, וואלטען זיך אפשר געביטען מיט חוועדאר דעם פראסטען סאלדאט; נאר צוריק, אז מע וויל שמועסען דאס אייגענע פערקעהרט, מוז מען האבען גענעראלען אויך, פון סאמע סאלדאטען קאן די וועלט קיין קיום ניט האבען — אוןביידע צדדים זענען צופריעדען: זיי, די גענעראלען פון כתרילעווקע, וואס האבען ווער ס׳זאל זיי בעדיענען, אז ס׳קומט שבת, און ער, דער סאלדאט, וואס האט וועמען צו בעדיענען און חאפען ביי וועמען א שטיקעל קוילעטש און ביי וועמען א טרונק בראנפען.

— אחאַדי נאַ סיודי, חוועדאָר סערדצע! נאַ פּיי טשאַרקאַ לחיים, אַ סיבה דיר אין פּנים! — זאָגט מען צו איהם שבת נאָכ'ן קידוש, און חוועדאָר טהוט אויס דאָס היטעל, האַלט דאָס גלעזעל מיט צוויי פינגער, בויגט זיך און ווינשעוועט אַלעמען אַ גוט יאָהר.

— דאַי באָזשע זדראַווסטוואָוואַט! — און ער קעהרט איבער דאָס גלעזעל מיט'ן קאָפּ אינאַיינעם און פערקרימט זיך שטאַרק־שטאַרק, מאַכט אַזאַ תנועה'לע, גלייך ווי ער טרינקט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען אַזאַ ביטערע משקה:

— דוזשע הירקע, נעחיי יאָמו סטאַ טשערטיוו אי אָדנאַ ווידמאַ!*

— נאַ, זאַקוסי מיט אַ קרענק דיר אין די ביינער אריין, שמאַטאָק שבת'קאָווע בולקע! — זאָגט מען איהם און מען איז איהם מכבד מיט אַ שטיקעל קוילעטש.

ווערליג די כתרילעווקער אידען שעלטען חוועדאָר'ען מיט טוידטע קללות, קאָנט איהר אפשר איבערקלערען, אַז מע מיינט דאָס חלילה ערנסט? זאָל אייך גאָט היטען פון אַזאַ געדאַנק! זיי וועלען אייך פאַר חוועדאָר'ען ניט אוועקגעבען קיין זאַק באָרשטש, דערפאַר וואָס ער איז איין איין ערל איין עהרליכער; גאָלד מעג ליגען — וועט ער זיך ניט צוריהרען, און טהון וועט ער אייך פאַר צעהן רוחות: אויסהייצען די הרובע, אַרויסגיסען די פּאָמע־ניצע, צוהאַלטען די ציעג ביז האַפּקע וועט זי אויסמעלקען, אריינ־טראָגען שפּענער, אָנגיסען וואַסער אַ פאַס, איבערשוויינקען דאָס געפעס, ווי אַ רעכטע בעל־הבית'טע, און אונטער אַ נויט — זיך שטעלען צו־וויעגען דאָס קינד אויך. קיינער קאָן ניט אַזוי פער־שלעפערען אַ קינד, ווי חוועדאָר; קיינער קאָן ניט אַזוי זאַבאַווען, פערשפּיעלען אַ קינד, ווי חוועדאָר, קנאַקען מיט דער צונג, פייפען מיט די ליפּען, קלאַפּען מיט די פינגער, חאַרחלען מיט'ן האַלז און חריוקען ווי אַ חזיר וכדומה אַזעלכע שטיק. און דערפאַר האָבען

* שטאַרק ביטער, האָב דעם זיעבען שדים מיט איין מכשפה!

די כתרילעווקער אידישע קינדער ליעב דוקא חוועדאָר׳ס שוואַרצע שטשעטינעדיגע מאָרדע און דוקא חוועדאָר׳ס גראָבע שטעכעדיגע סוויטקע, און ווילען ניט אראָפּ פון זיינע הענד. די כתרילעווקער בעל־הבית׳טעס זענען דערפון דוקא ווינציג וואָס צופריעדען, ווייל עס מאַכט זיך גאַנץ אָפט, אַז די קינדער ווילען עסען, און ס׳איז ניטאָ וואָס, קאָן זיי אונטערקוקען חוועאָר בסוד אַ שטיקעל ברויט פון טאָרבע מיט עפּיס נאָך און אָנהאָדעווען זיי, חס וחלילה, מיט מי יודע וואָס... נאָר ס׳איז אַ טעות, חוועדאָר וועט אַזאַ זאַך נישט טהון: ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס, וואָס זיי עסען — מעג ער, חוועדאָר, אויך עסען, און דאָס וואָס ער, חוועדאָר, עסט — טאָרען זיי ניט עסען. פאַר וואָס? — דאָס איז שוין ניט זיין עסק. למאַי אַ בלאָז טהון דאָס ליכט אים שבת פון דער גרינג, אָדער אָנריהרען זיך ביי׳ם לייכטער, אָדער אָפּטראָגען דעם סדור אין שוהל אריין, וכדומה אַזעלכע גרינגע ארבייט, איז ער — מעג, און זיי — ניט? קיין חקירות דערביי איז ניט שייך, און איטליכער בעדאַרף זיך האַלטען ביי זיינעם. און טאָמער מאַכט זיך אַ מאָל, חוועדאָר קאָן ניט איינהאַלטען זיך און טהוט אַ לאַך, למשל, פּסח פון דער טרוקענער מצה: „דוזשע טרעשטשיט, נעחיי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָדנאָ ווידמאָ!“ — האַקט מען איהם אָפּ די פליגעל און מע ענטפערט איהם: „אַ טוואָיאַ סוויניאַ, חזיר, לוטשע?“ — און חוועדאָר בלייבט שטיל.

חוועדאָר איז אָבער שטיל נאָר דעמאָלט, ווען ער איז ניכטער, ביז ער פערטרינקט זיך ניט אַזוי ווייט, אַז ער פערגעסט, ווי אַזוי מע רופט איהם. דאָס טרעפט זיך מיט חוועדאָר׳ען זעהר זעל־טען. נאָר אַז סע טרעפט זיך שוין מיט איהם, איז דעמאָלט — חיות ניט זיכער! דעמאָלט הויבט ער אָן זיך שלאָגען מיט די הענד אין הארצען אריין, וויינען מיט ביטערע טרערען און שרייען: וואָס האָט מען צו איהם? פאַר וואָס זויגט מען זיין בלוט, פאַר וואָס עסט מען זיין פלייש? אָט געהט ער און מאַכט אַ תל־עולם פון גאַנץ כתרילעווקע!...

— זשידי נעבריסטי, נעחיי יאָמו סטאַ טשערטיוו אי אַדנאַ ווידמאַ! ... — ער שרייט אַזוי לאַנג, ביז ער ווערד אַנשלאָפּען. און אַז ער שלאָפט זיך גוט אויס און שטעהט־אויף, קומט ער צוריק צו די אידען און איז ווידער דער אייגענער שטילער, עהרליכער „חוועדאָר־סערדצע“, וואָס פריהער, גלייך ווי גאָר ניט געוועזן.

— אדע טוואָי טשאַביטע, אַ קרענק דיר אין פּנים? — פרעגט מען איהם און מע הויבט איהם אָן זאָגען מוסר און שעל־טען בשעת מעשה מיט טוידטע קללות, ווי געוויינטליך: — „שאַ טי סובי דומאַיעש, דו באַסיאַק איינער? דו וועסט דאָך פּגר'ען ערגיץ, בודעש זדאָכניט אונטער אַ פּלויט, האָב דיר אַכציג שוואַרצע יאָהר, די כּפּרה שאַב טי באָוו פאַר כּל ישראל, רבונו־של־עולם!“

חוועדאָר שטעהט און קראַצט זיך אין דער פּאַטיליצע און שווייגט; ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיי זענען גערעכט און ער איז אומגערעכט. ער קוקט אַראָפּ צו זיך אויף די באָרוויסע פיס און טראַכט זיך: וועז האָט ער געקאָנט פערקויפען די שטיוועל, נעחיי יאָמו סטאַ טשערטיוו אי אַדנאַ ווידמאַ?!

אָט אַזאַ מין נפש איז חוועדאָר.

אויך די אַלע איבעריגע נפשות, וואָס אין כתרילעווקע, האָבען שטענדיג אַ פערקעהר מיט אידען, ווייסען וואָהל, אַז מששת ימי בראשית זענען די אידען בעשאַפען געוואָרען, זיי זאָלען זיין קרע־מער, סוחרים און איבערקויפערם; וואָרום קיינער קאָן אַזוי ניט האַנדלען, דרעהען מיט'ן קאָפּ, ווי אַ איד, כי לכך נוצרת, אויף זייער לשון קומט דאָס אויס: „נאַ טאָ וואָני זשידי, שאָב האַנד־ליאַוואַלי“... און מע בעגעגענט זיך גאַנץ אָפט אויפ'ן מאַרק, און מע קען זיך איינס דאָס אַנדערע זעהר גוט ביי די נעמען, און מע גיט זיך אָפּ כבוד איינס דאָס אַנדערע: הריצקאָ זאָגט הערשקען „מאַשעניק“, און הערשקע זאָגט הריצקען „זלאָדי“, און דוקא אין גוטען מוטה, און אַז מע צעקריעגט זיך שוין גאָר שטאַרק,

געהט מעןביידע „דאַ ראבינאַ“, און רב יוזיפיל דער רב, וואָס איז שטאַרק געחאַפּט אין דעם לשון, פּסק'עט אַלע מאָל אויף דער האַלב: „נעחאַי באולאַ פּאַלאָווינע“ — אַבי נישט דערלאָזען צו אַ חלול השם.

## קאַפּיטעל ד.

### האַפּקע אַ אידישע נשמה און מאַקאַר אַ שונא־ישראל.

האָבען מיר גערעדט ביז אַהער פון ערלים. אַצינד וועלען מיר אַביסעל שמועסען וועגען האַפּקע די געשטופּעלטע.

האַפּקע רעדט אידיש, ווי אַ אידיש קינד; אין איהר שפּראַך וואַרפען זיך דורך אַ גוזמא לשון־קודש־ווערטער, למשל: „מירטשען, נאַכטייסע, קענאַרע ניט, לאַסאַטע, לאַוודל, גוטיאַנטע, מאַחריינ־וואַסער“ און נאָך אַ סך אַזעלכע ווערטער; און חוועדאַר הינטער די אויגען האָט ביי איהר קיין אַנדער נאָמען ניט, אַ חוץ „כפּרה'ניק“. האַפּקע איז אַזוי צענויפגעוואַכסען מיט די כתרילעווקער ווייבער, אַז ס'איז פאַרהאַן צייטען, וואָס סאַי זי, סאַי זי אַליין פערגעסען זיך וואָס זי איז און ווער זי איז, און מע שאַפט זיך מיט איהר אַזעלכע ארבייט, וואָס געהערען זיך אַן צו לויטער אידישקייט. למשל: געהן צום רב מיט אַשאלה, העלפען אויסזאַלצען פלייש, כשר מאַכען די עופות, העלפען אריינשלעפען דעם פּסח אין שטוב אריין וכדומה אַזעלכע זאַכען, וואָס האַפּקע איז אין דעם געהיט מעהר ווי איין אַנדער אידיש קינד. זי ציטערט פאַר מילכיגס מיט פליישיגס אימת מות און היט זיך פאַר חמץ אַלע זיעבען טעג פּסח, עסט גלייך מיט אַלע אידישע קינדער מצה, רייבט דעם מרור אויף וואָס די וועלט שטעהט, און האָט דערפון הנאה, ממש ווי אַ אידישע טאָכטער. אַ לאַנגע צייט האָט דער כתרילעווקער פּריי־סטאַוו ניט געוואָלט גלויבען, אַז האַפּקע איז נישט קיין אידישקע, ביז ס'האָט זיך געטראָפען מיט איהר אַ מעשה, זעהר ניט קיין שענע... האָט מען זי געפּאַקט און געוואָלט פערשיקען ווייט־ווייט, איז געוועזען איהר גליק, וואָס אין דער מעשה איז געווען פערמישט

א זייטיגער פאַרשוין, דער שרייבער פון דער מעשטשאַנסקע אופּראַ־ווע, מאַקאַר חאַלאַדנע, אַ גרויסער שונא־ישראל, איין אמת'ער צורר־היהודים, איינער פון די גרעסטע אינטעליגענטע אַנטיסעמי־טען אין כתרילעווקע. ווען ניט דער רחמנות פון האַפּקען, וואָלטען די דאָרטיגע אידען דערלעבט אַ נקמה אין דעם המנ'ען, נאָר מחמת מיט מאַקאַר'ס מפּלה וואָלט בעדאַרפט אומגליקליך ווערען אויך האַפּקע, האָבען די אידישע עדות זיך א נעם געטהאָן צוריק און געזאָגט פאַר'ן סלעדאָוואַטעל, אַז דאָס, וואָס זיי האָבען גערעדט, האָבען זיי געבילט — און דער עסק איז צעריבען געוואָרען... פון דעמאָלט אָן וואָלט, דאַכט זיך, מאַקאַר חאַלאָדנע בעדאַרפט שלום ווערען מיט די אידען און ווערען זיי דער בעסטער גוטער פריינד; נאָר ווי עפּיס דורך אַ מין קאַפּריז פון דער נאַטור איז ער, אַדרבה, געוואָרען נאָך מעהר שונא ישראל, נאָך מעהר צורר־היהודים, נאָך מעהר אַנטיסעמיט, ווי פריהער.

מאַקאַר האָט פון קינדווייז אָן, קאָן מען זאָגען, געליטען צרות פון אידישען פאָלק און געטראָגען אַ שנאה טיעף אין האַרצען תחילת אויף די כתרילעווקער אידען אליין, און נאָכדעם — אויף אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט. נאָך בשעת ער איז געווען גאָר אַ קליינער, געטריבען אַ באָרוויסער דעם טאַטענ'ס גענז אויף דער פּאַשע, פלעגט ער ניט איין מאָל בעגעגענען זיך מיט אידישע קינדער געהן פונ'ם חדר, און אָנשטאָט אַ „גוט מאָרגען" פלעגט ער זיי, אויף קאַטאָוועס, געוויינטליך, איבערקרימען ווי זיי רעדען „טאַטעלי־מאַמעלי", טרייסלען בשעת מעשה מיט אַ פּאָלע, נישט צו מיינען דערביי חלילה עמיצען בעלעדיגען, נאָר גלאַט אַזוי אין גוטען מוטה. אידישע קינדער אָבער, צאן־קדשים, יעקב'ס אייניקלעך, וואָס לערנען חומש מיט רש"י, האָבען זיך דוקא גע־פונען פאַר אַזאַ זאַך בעלעדיגט און האָבען איהם אָפּגעענטפערט מיט אַ אידיש ליעדעל, וואָס חאָטש מאַקאַר האָט די ווערטער ניט געקאָנט פערשטעהן, נאָר פונ'ם נוסח און פון זייער לאַכען האָט ער גאַנץ גוט אַרויסגעזעהען, אַז דאָס מיינט מען איהם דער־

לאנגען ביז'ן ביין אריין, און מאקאר האט קיין טעות ניט געהאט. אט האט איהר דאס ליעדעל אליין:

קישקעס קאכען
אין דער וואכען!
מיר א ברויט,
דיר א טוידט!
מיר א וואגען,
דיך באגראבען!
מיר א שליטען,
דיך באשיטען!

נארישע קינדער! ערשטענס, איז די מעשה פונקט קאפויר: ברויט האט מאקאר, ניט זיי; אויף א שליטען פאהרט מאקאר, ניט זיי! און צווייטענס, ווי אזוי שטעלען זיך דאס איין אידישע קינדער, זיי מעגען זיין א גאנצער מנין, זאטשעפען זיך מיט מאקארען, ער מעג זיין איינער? מאקאר האט, נישקשה, א פאר ידים, וואס קאן בעשטעהן פאר צעהן גוטע שארפע שפיציגע קעפעלעך פון די בעסטע צעהן אידישע חדר־יונגלעך. מאקאר האט זיי דעמאלט נאך, אוי־אוי, געגעבען צו פערשטעהן דעם פשט פונ'ם פסוק, וואס זיי האבען געלערענט אין חדר: „ה ק ו ל ק ו ל י ע ק ב ו ה י ד י ם י ד י ע ש ו"...

שפעטער, אז מאקאר האט געשטודירט אין „פריחאדסקאיע", האט ער געהאט מיט זיי בעגעגענישען זומער אין פעלד, הינטער דער שטאדט, און ווינטער אויפ'ן אייז, בשעת'ן גליטשען זיך, און אלע מאל האט געמוזט ארויס עפיס א מחלוקת צווישעןביידע צדדים. אויף דעם נאמען „זשיד", וואס, אייגענטליך, איז דאך עס גאר א געוויינטליךווארט, ווי למשל „פארד", האבען זיי איהם גראב געענטפערט: „סוויניא", און אויף זייערע איינגעגעסענע ליצנות האט ער זיי געענטפערט מיט קלעפ און האט זיי גאנץ אפענטליך בעוויזען, ווי אזוי די קינדער ישראל אנטלויפען פאר די פלשתים, און ווי אזוי די פלשתים יאגען זיי נאך פון הינטען

מיט שטעקענס און מיט שטיינער, הוקען און טיוקען און פייפען און סווישטשען:

„אַ טיו — טיו, זשידי, היי!
טער — טער — טער!...“

## קאַפּיטעל ה.

בעווייזט, ווי אַזוי עס ווערד פון איין אַנטיסעמיט אַ פילאָזאָף.

ווייטער פון דער „פּריחאָדסקאָיע“ איז מאַקאַר נישט גע־גאַנגען; ער איז געבליבען, ניט דאָ געדאַכט, אַ יתום, גע'ירש'עט פון די עלטערען אַ קליין שטיבעל מיט אַ שטיקעל גאָרטען, און אַ יודע־ספר איז ער דאָך געווען, האָט ער זיך באַלד אַ וואָרף געטהאָן צו דער „סלוזשבע“, זיך גענומען צו דער פּען, בעקומען איין אויס־געשריבען הענטעל און געוואָרען איין דער כתרילעווקער מעשטשאַנ־סקע אופּראַוועס שרייבער, און נאָכדעם סעקרעטאַר, און נאָכדעם כל ולך — און דאָרט האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען זיינע בענגעענישען מיט זיין רעכט בעקאַנט־ווערען מיט די כתרילעווקער אידען...

די סטיטשקעס, וואָס ער האָט מיט זיי געהאַט, זענען תחילת געווען אפילו ניט אַזוי געפעהרליך. ביידע צדדים האָבען זיך בע־נוגענט נאָר מיט שאַרפע אָנצוהערעניש, מיט שטעכווערטלעך און מיט ליצנות איינס אויף דאָס אַנדערע. ער זיי: „איצקאָ, בערקאָ, אַי ווע, שבת, קוגעל!“ און זיי איהם: „וואַשע־בלאַהאָראָדי“ מיט אַ שנעל איבער'ן קאָלנער און מיט איין אָנצוהערעניש, אַז דאָרט קריכט עפּיס אַרום...

עס מאַכט זיך אַמאָל, הערט איהר, איין אָנצוהערעניש, וואָס איז ערגער צעהן מאָל ווי אין טאַטען אַריין געשאָלטען, און פאַרהאַן ווערטער, וואָס זענען ערגער טויזענד מאָל פון פּעטש. און אויף ווערטער זענען דאָך די כתרילעווקער אידען די ערשטע בריות, די גרעסטע מזיקים אין דער וועלט! פּאָר אַ גלייכוואָרט וועט אייך

אַ כתרילעווקער, ווי עס איז שוין בעוואוסט אויף דער גאַנצער וועלט, ניט זשאַלעווען געהן צעהן מייל צופוס, ריזיקירען מיט פּרנסה, איינשטעלען כמעט דאָס לעבען. אַ כתרילעווקער עני, אַ מקבל, דער וואָס געהט איבער די הייזער, אַז ער קומט נאָך אַ נדבה און מע גיט איהם ניט, בעט ער, מע זאָל איהם חאָטש לאָזען זאָגען אַ משל, און סע מאַכט זיך אָפּטמאָל, אַז ער בעקומט פאַר אַזאַ משל אַ מיאוסען פּסק; ער עפּענט טאַקי מיט'ן קאָפּ די טהיר, ס'איז אָבער אַלץ כדאי — אַבי אויסגעבראַכט אַ גלייכ־ווערטעל. אַט אַזעלכע לייט זענען מיינע כתרילעווקער. און איהר האָט אַ טעות, אויב איהר רעכענט, אַז מע וועט זיי איבערמאַכען, און אויב איהר מיינט, אַז איך טהו מיך מיט זיי שעמען... נאָר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער מאַקאַר.

אומזיסט־אומנישט האָבען זיך די כתרילעווקער אידען גע־קויפט אַ מסוכנ'עם שונא. זיי האָבען זיך פּערגעסען אינ'ם פּסוק: ה ז ה ר ב ג ו י ק ט ן. זיי האָבען געמיינט, אַז מאַקאַר וועט אייביג זיין אַ שרייבערעל אין דער מעשטשאַנסקע אופּראַווע. זיי האָבען פערגעסען, אַז ער איז אַ „טאַטענס אַ קינד" און שניידט זיך אויף אַ טשין. און מערקווירדיג! זיי האָבען גאָר קיין צייט ניט געהאַט זיך אַרומקוקען, איז שוין מאַקאַר אויסגעוואַכסען אַ גרויסער, אַ געזונדער, מיט געדיכטע שוואַרצע וואָנסעס, מיט אַ רויטען אָקאָלעשעק און מיט אַ קנעפּעל אויפ'ן קאַשקעט! און. קוים האָט ער אָנגעטהאָן דאָס קנעפּעל, אַזוי האָט ער זיך באַלד אויסגעבויגען, אַרויסגעשטעלט דעם בויך, געוואָרען העכער און גרעבער ווי ער איז געווען, בעקומען אַ פּאָר ברייטע אַכסלען מיט אַ מאָדנעם שפּאַן — גאָר נישט דער מאַקאַר! ער הייסט שוין גאָר אַ נייעם נאָמען — מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, און איז אַ גוטער ברודער מיט אַלע פּריצים אין שטאָדט: מיט'ן וועטערינאַר, מיט'ן פעלדשער און מיט'ן פּאָסט־מייסטער, און מיט אַלע.

די גוט־ברודערשאַפט זיינע מיט'ן פּאָסט־מייסטער איז איהם מעהר צונוץ געקומען, ווי אַלע אַנדערע בעקאַנטשאַפטען, מחמת דאָ,

אויף דער פּאָסט, איז געווען אַ קוואַל, פון וואַנען ער האָט געשעפּט זיין השכלה און אַלע וויסענשאַפטען פון דער איינציגער גאַזעט „די פּאָהן“, וואָס פריהער האָט זי דורכגעקוקט, געוויינטליך, דער פּאָסט־מייסטער אַליין, נאָכדעם מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, און נאָכדעם שוין דער אַבאָנענט פון דער גאַזעט, אַ פּריצ'על פון זלאַדיעווקע, ניט ווייט פון כתרילעווקע, וואָס איז ניט קראַנק געווען צו לייענען די נייעסען שפּעטער מיט עטליכע טעג, דער רוח וועט איהם ניט נעמען, ער שפּיעלט סאַי ווי סאַי טאָג ווי נאַכט אין סטורקעלקע און בענעמט די שכנים אַלע אָרום און וואו זיי האָבען ערגיץ אַ גראָשען. אַזוי האָט געזאָגט דער פּאָסט־מייסטער אַליין, און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש האָט דערווייל געהאַט וואָס צו לייענען און פון וואָס צו רעדען. און מחמת „די פּאָהן“, ווי ס'איז בעוואוסט, איז דאָך אַ אידישע צייטונג, זי טראָגט שטאַרק אויפ'ן קאָפּ די אידען, זאָרגט זיך פון זייערטוועגען, זוכט מיטלען ווי אַרום מע זאָל זייערער פּטור ווערען, פערשטעהט זיך, טאַקי פון זייער טובה וועגען, האָט דאָס געגעבען אונזער מאַקאַר'ען שטאָף אויף צו בעקענען זיך גוט מיט אידען אַרום און אַרום פון אַלע זייטען, און ער איז געוואָרען מיט גאָט'ס הילף אַ חריף אַ געזונדער אין אידישע ענינים, אַ גאון־עולם אין תלמוד און אין שלחן־ערוך און אין אַלע אידישע דינים און מנהגים: מכח פּראָצענט נעמען, מכח אָפּנאַרען און אויסנאַרען, און אפילו מכח בענוצען כריסטליך בלוט אויף פּסח. די אַלע זאַכען האָבען אונזער פילאָזאָף מאַקאַר אַזוי שטאַרק פּעראינטערעסירט, אַז ער האָט דאָס געוואָלט דערגעהן טאַקי פונ'ם מקור, פונ'ם שורש, טאַקי ביי די כתרילעווקער אידען אַליין, וואָס חאָטש ער האָט זיי פיינט, ווי אַ איד חזיר, פון דעסטוועגען האָט ער צווישען זיי גוטע פריינד, וואָס ער לעבט מיט זיי נאָך עד היום גאָר קיין מעשה ניט.

## קאפיטעל ז.

### מרדכי־נתן דער נגיד און טעמע־בוילה זיין „פרוי“.

איינער פון די ערשטע גוטע פריינד מאקאר׳ם אין כתרי־לעווקע איז מרדכי־נתן דער נגיד און דער חשוב אין שטאדט, וואס איז שקול כנגד א סך, א סך אנדערע בעלי־בתים.

דער נגיד מרדכי־נתן, ווי געוויינטליך א נגיד, האלט די שטאדט ביי זיך אין בוזעם, טהוט מיט איהר וואס ער וויל, ווארום ער איז בעל־טאקסע, ער איז גבאי, ער איז ראש וראשון, ער איז דער רעדעלפיהרער, ער איז אלץ — מיט איינעם ווארט, ער איז דער נגיד. האטש, אז מע וויל שמועסען אין תוך אריין: אין וואס בעשטעהט זיין נגידות׳שאפט — דאס ווייסט קיינער נישט. למשל, אז איהר וועט אנחאפען א כתרילעווקער און א פרעג טהון איהם: וויפיעל, אשטייגער, פערמאגט מרדכי־נתן? וועט ער זיך אפ־שטעלען, זיך א נעם טהון ביי׳ם בערדעל, א מאך טהון מיט׳ן קאפ און אויסציהען מיט א ניגון און מיט א טיעפען זיפץ דערביי:

— מרדכי־נתן? חוץ זיין שארען אויף מיר געזאגט געוואָרען, האטש האלב, האטש א הונדערט־חלק; איהר שפיעלט זיך מיט מרדכי־נתנ׳ען? מרדכי־נתן איז א איד א נגיד!

— וואס־זשע הייסט א נגיד? אין וויפיעל, אשטייגער, קאן מען איהם שאצען?

— שאצען? שייך זאגען שאצען? עס לאזט זיך דען אפ־שאצען?

— פארט וואס האט מרדכי־נתן?

— מרדכי־נתן? ערשטענס, האט מרדכי־נתן א שטוב איין איינענע.

— נו?

— מיט א הויף איין אייגענעם.

— נו?

— מיט ציינגען עטליכע.

— נו?

— היינט די קלייט? א שארפע קלייט!

— נו?

— היינט די טאקסע?

— נו?

— ווידער א מאל נו און אבער א מאל נו, וואס האט איהר זיך צענוקעט? א אידען איז דיר נאך קארג! וואס האט איהר געוואלט? ער זאל עפענען א באנק? שיטען מיט גאלד? פאה־רען אין קארעטעס?

און דער כתרילעווקער געהט אוועק פון אייך א ברוגז'ער — און איז גערעכט. ווארום וואס קאן א מענש פערלאנגען מעהר ווי מרדכי־נתן איז, אז ער איז פארט דער נגיד, פארט דער ראש וראשון, פארט דער חשוב אין שטאדט? ווער איז גבאי אין חברה־קדישא? ווער איז ראש וראשון? ווער איז תקיף אין שטאדט? מרדכי־נתן. ווער מאכט אלע שבת־צו־נאכטס א מלוה־מלכה'לע פאר די שבעה טובי העיר? מרדכי־נתן. ווער איז א חשוב ביי נאטשאלסטווע? מרדכי־נתן. הכלל — מרדכי־נתן, מרדכי־נתן!

מרדכי־נתן, פערשטעהט איהר, ווייסט ווי אזוי מע בעדארף זיך בעגעהן מיט א וועלט, ווי אזוי מע בעדארף זיך פיהרען מיט נאטשאלסטווע. אלע פרייטאג־צו־נאכטס האט ער צו־גאסט ביי זיך אויף פיש דעם פריסטאוו. דער כתרילעווקער פריסטאוו איז א גרויסער ליעבהאבער פון אידישע פיש, און אלע מאל, ווען ער עסט זיי, קאן ער זיך גאר ניט אפלויבען, ווי אזוי גוט מע קאכט ביי אידען פיש, ווי בע'טעמ'ט זיי זענען, זיס ווי צוקער — ממש ער לעקט די פינגער.

— נעמא לוטשע יאק זשידאווסקא ריבא סטיארטעם חרע־נאם! — זאגט ער אלע מאל מיט דעם אייגענעם נוסח.

דעם בעל־הבית און דער בעל־הבית'טע איז דער קאמפלימענט. אפנים, שטארק געפעלען, מחמת זיי קוועלען ביידע, ווערען ברייטער ווי לענגער, שוויצען אזש פאר תענוג, און מרדכי־נתן וויל איינרעדען דעם גאסט, אז ס'איז פארהאן ביי אידען נאך בעסערס ווי פיש מיט חריין. דער גאסט וויל ניט גלויבען:

— דהיינו?

— דהיינו...

און מרדכי־נתן זוכט עפים אזעלכעס ביי אידען, וואס זאל זיין נאך בעסער פון פיש מיט חריין, און האט מורא ארויסזאגען. צימעס? טאמער בלייבט ער ווארטען ביז'ן צימעס — וואס דארף ער איהם? קוגעל? טאמער הייסט ער עפענען דעם טשאלענט אין מיטען פרייטאג־צו־נאכטס? א קשיא אויף א מעשה, וואס עס קאן זיך טרעפען מיט א אידישען קוגעל?... און מרדכי־נתן קומט־אפ מיט א קליין געלעכטערל: „חע־חע". דערויף ענטפערט איהם דער גאסט: „חע־חע־חע". און מרדכי־נתן איז צופריעדען. וואס יענער לאכט, העלפט ער איהם לאכען: „חע־חע־חע־חע!" און בשעת מעשה דערלאנגט דער גאסט דעם בעל־הבית מיט'ן עלער־בויגען אין זייט אריין און א שמייכעל צו דער בעל־הבית'טע. און דער בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע ווערען צעשמאלצען פאר תענוג.

פלוצים חאפט זיך אויף דער גאסט, ווישט זיך אוים די הענד און דאס מויל מיט'ן קלאר ווייסען טישטוך פונ'ם טיש, פערשפילעט זיך אויף אלע קנעפ און טהוט א זאג שוין ערנסט, אהן א שום סימן פון ליצנות:

— צייט אויף „סלוזשבע"!...

און מרדכי־נתן מיט טעמע־ביילה'ן שטעהען אויף לכבוד דעם גאסט, איהם בעגלייטען, קוקען איהם אין פנים אריין מיט אזעלכע אויגען, ווי א הונד קוקט אויפ'ן בעל־הבית, וויל וויסען מיט וואס ער שמעקט, בויגען זיך און נייגען זיך און בעטען איהם, ער זאל חלילה ניט פערגעסען קומען איבעראכטאג שבת...

— מיט'ן קאָפּ אין דער ערד! — בענשט איהם די בעל־הבית'טע אויף דער זייט טהיר און קאַכט און זידט און ברענט אויפ'ן מאַן, וואָס טאָג ווי נאַכט, און אפילו שבת, האָט ער צו טהון מיט נאַטשאַלסטווע. מרדכי־נתן הערט און שווייגט; ער האָט אַנגענומען אַ פולע מויל מיט וואַסער און שווייגט. אַ מאָד־נער מענש אַט דער מרדכי־נתן! דער מחבר פון דער געשיכטע קאָן זיך נישט איינהאַלטען און כאַפּט אַראָפּ דעם פּאָרטרעט פונ'ם דאָזיגען פּאַרעל, בכדי בעקאַנט צו מאַכען מיט זיי די גאַנצע וועלט.

מרדכי־נתן איז אַ איד אַ הויכער מיט לאַנגע הענד, אַליין איז ער דאַר און טרוקען, און מחמת די באַקען סטערטשען, קומט אויס דאָס פּנים פּיערעקעכיג, ווי ביי אַ חינעזער, און קוים־קוים בע־וואַכסען מיט אַ שיטער בערד'על. די ליפּען זענען ביי איהם תמיד צו, דאָס מויל אַביסעל אויף אַ זייט, זעהט אויס, ווי ער האַלט אַ סוד ביי זיך שטענדיג פערבאָרגען, און שטענדיג איז ער ערנסט, און דער שטערן איז פול מיט קנייטשען, און רעדט נישט קיינ־מאָל הויך, קיין איבעריג וואָרט נישט. נאָר דעמאָלט, ווען ער קומט זיך צענויף מיט נאַטשאַלסטווע, איז דאָס גאָר איין אַנדער מרדכי־נתן: די קנייטשען פונ'ם שטערן צעגעהען זיך, ווערען פערשוואונדען, דאָס פּנים הויבט אָן צו שיינען און די ליפּען ווע־רען אָפּגעשלאָסען, און דאָס מויל גלייכט זיך אויס, הויבט אָן צו רעדען — שוין גאָר ניט דער, גאָר איין אַנדער מרדכי־נתן. טאָמער ווייסט איהר, צוליעב וואָס קאָכעט ער זיך אַזוי אין נאַ־טשאַלסטווע? נאָר צוליעב כבוד, צוליעב גדלות, בכדי טאָמער וועט אַמאָל אַ כתריל׳עווקער עפּיס דאַרפען האָבען, וועט ער קומען צו געהן מיט אַ געבעט: „סטייטש, רב מרדכי־נתן, ווער נאָך איז אַזאַ חשוב ביי נאַטשאַלסטווע, ווי איהר?“ צוליעב דעם איינעם וואָרט „חשוב“ איז ביי איהם כדאי, סע זאָל איהם קאָסטען אַי בזיונות, אַי געלד — אַ מאָדנער מענש אַט דער מרדכי־נתן!

מרדכי־נתנ'ס ווייב — טעמע־ביילה די נגידית איז דוקא אַ אידינע אַ נידעריגע און אַ גראָבע, זעהט אויס ווי אַ מעשען שטוי־

סעל, אָדער ווי אַ בייכיג סאַמאָווארעל מיט אַ קליין שפּיציג טשייניקעל אויף דער קאַנפאַרקע. ווי גראָב און קיילעכיג זי איז פון אונטען, אַזוי קליין און שפּיציג איז דאָס קעפּעל, און שטענ־דיג זידט דאָס, דאָס בייכיגע סאַמאָווארעל, זידט און זשומעט, אין כעס אויפ'ן מאַן, אין כעס אויף דער דיענסט, אין כעס אויף די כתרילעווקער ציעגען, אין כעס אויף די כתרילעווקער ווייבער, אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט! דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס סאַי דער מאַן, סאַי די דיענסט, סאַי די כתרילעווקער ציעגען און ווייבער, סאַי די גאַנצע וועלט הערען זי, ווי פּסח דעם קאַטער, אָדער ווי המן דעם גראַגער. דער מאַן האָט צו טהון שטענדיג מיט קהל'שע געשעפטען, מיט נאַטשאַלסטווע; די דיענסט טהוט איהר אויף צו־להכעיס, ברענט־צו די קאַשע, פער'שרפה'ט די קאַר־טאָפלים, זידט־איבער די מילך אין אויוועז; די כתרילעווקער ציעגען טהוען איהר צום טוידט, שפּרינגען אויפ'ן דאַך און צופּען איינציגווייז די שטרוי פון דער סטריכע; די כתרילעווקער וויי־בער דערגעהען איהר די יאַהרען אין מארק ביי די פיש, אין יאַטקע ביי'ם פליישׁ, אין שוהל ביי די תחינות, און להבדיל אין באָד אפילו... ניין, די וועלט האַלט ניט פון טעמע־ביילה'ן! און מסתמא איז דאָ פאַר וואָס. אַ וועלט איז ניט משוגע...

אַצינד, אַז מיר האָבען זיך אָביסעל בעקענט מיט'ן דאָזיגען פּאָרעל, קאָנען מיר שוין, דאַכט זיך, רוהיג געהן ווייטער, צו די איבעריגע נפשות, וואָס מרדכי־נתן דער נגיד רייבט זיך אָרום זיי אַזוי שטאַרק.

## קאַפּיטעל ז.

### דער „אָרון־בפּקדך" ביי'ם נגיד אין קלויט און אין שטוב.

דער אַנדערער גאַסט ביי מרדכי־נתן דעם נגיד איז אונזער בעקאַנטער מאַקאַר, מאַקאַר פּאַוולאָוויטש. נאַר ניט קיין שטוב־גאַסט — אַ קלייט־גאַסט, אַ גאַסט, וואָס קומט צו איהם אַפט אין

קלייט אריין, אין דער שניט־קראַם. מרדכי־נתנ׳ס שניט־קראַם, דאַרפט איהר וויסען, איז דאָס ערשטע געווענטשניט אין כתריל׳עווקע, וואָס דאַרטען קריגט איהר אַ חוץ דעמיקיטאַן, ריפּס, ליוסטרינע, פּאַרוסינע, ציץ און זאַנע און מאַרעפּאַלאַן, אויך דראַפּ און טריקאָ און שעוויאָט און סאַמעט און אַטלעס און סאַטין און מוסלין און אַלסדינג, וואָס אַ האַרץ גלוסט — „נאָר די לעצטע מוסטערען, וואָס מע קריגט דאָס ניט אַפילו אין יעהופּעץ". אַזוי זאָגט מרדכי־נתן, און אַזוי זאָגט מרדכי־נתנ׳ס ווייב, טעמע־ביילה, און אַזוי זאָגען מרדכי־נתנ׳ס קלייט־משרתים, און געהט זאָגט זיי, אַז ניין! אַלע פּריצים פון כתריל׳עווקע און פון דער סביבה זענען מרדכי־נתנ׳ס קונים, און דאָס רוב כריסטען גלויבען איהם אויף נאמנות. אַז מרדכי־נתן אַליין זאָגט זיי נאָר דאָס איינע וואָרט „בנאמנות", דינגט מען זיך שוין ניט. טעמע־ביילה מעג זיך שווערען מיט כל השבועות שבעולם, איז דאָס אַרויסגעוואָרפען, און מרדכי־נתנ׳ס איין וואָרט „בנאמנות" איז קודש קדשים. אָט אַזוי איז דאָס — קיין קשיות פרעגט מען ניט.

אויך מאַקאַר איז איינער פון מרדכי־נתנ׳ס קונים, וואָס האַנדלען מיט איהם אויף נאמנות. מאַקאַר איז זיינער אַ קונה שוין פון לאַנג, נאָך פון יענער צייט, אַז ער איז נאָך ניט געווען מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, נאָר מאַקאַרקע, און וואָס דעמאָלט פלעגט מרדכי־נתן איהם ניט וועלען געטרויען אויף באָרג קיין פאָדעם אַפילו; ער פלעגט זיך ניט שעמען איהם זאָגען גאַנץ פּשוט:

— נתן מעות לקח קמח, וואַשי הראַשי, נאַשי טאָוואַר.

שפּעטער, אַז מאַקאַר איז געוואָרען אַ שטיקעל מאַכער אין דער אופּראַווע, האָט איהם שוין מרדכי־נתן געעפענט אַ קרעדיט, געוויינטליך, אויף אַ קוויטעלע, אַ וועכסעלע, געזאָגט איהם בשעת מעשה שוין מיט אַ שמייכעלע, האַלב אויף גוייש, האַלב אויף לשון־קודש:

— נע וויבאַטשייטע, פּאַניטשע, שלום בבית משכון בקעשעני...

נאָך שפּעטער, אַז מאַקאַר האָט אָנגעטהאָן אַ קנעפּעל און אַ הענג־קאָלנער, האָט איהם מרדכי־נתן געעפענט אַ שענעם קרעדיט, און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, אַז ער קומט אַריין אין שניט־קראָם אַריין, טראָגט איהם מרדכי־נתן אַקעגען דאָס בענקעל און בענשט איהם מיט אַ טיטול „וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע“, און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש צעלעגט זיך גאַנץ ברייטליך, פערוואָרפט אַ פוס אויף אַ פוס, פערדרייכערט אַ פּאַפּיראָס און שמועסט זיך אויס מיט מרדכי־נתנ׳ען גאַנץ פּראָסט, בלשון „דו“, גאָר פריינדליך:

— עי, פּאָסלושאַי, מרדכי־נאָס!

און מרדכי־נתן שטעהט פאַר איהם מיט אַ געמאַכטען דרך־ארץ, מיט אַ געמלאכה׳טען רעשפּעקט, און טראַכט זיך בשעת מעשה: „פון וואַנען האָסט דו זיך גענומען אַהער, אַדון בפקדך?“ און דער „אַדון בפקדך“ מאַכט אַ רעד מכח אידען, אידישע גע־שעפטען, שאַכער־מאַכער, און לאָזט אַרויס אַלע מאָל אַ הויכען געלעכטער מיט אַ מאָדנעם הוסט, וואָס דערלאַנגט מרדכי־נתנ׳ען, ווי מיט איין אַרשין אין דער זיבעטער ריפּ, נאָר ער האַלט זיך איין און שמייכעלט מיט אַ פּאַסקודנע געמאַכט שמייכעלע, וואָס ווען מרדכי־נתן זאָל זיך קאָנען אָנקוקען בשעת מעשה אין שפּיעגעל, וואָלט ער זיך אַליין נמאס געוואָרען.

דער שמועס פונ׳ם „אַדון בפקדך“ דרעהט זיך אַלץ אַרום אַזעלכע זאַכען, וואָס מרדכי־נתן הערט זיי אין דער לינקער פּאה, אין איין אויער אַריין, פונ׳ם אַנדערען אַרויס; וואָס ווייטער־ווייטער געהט ער אַריבער אויף אַזעלכע ענינים, וואָס מרדכי־נתן קאָן עס שוין ניט האַרכען, למשל: ער פרעגט ביי איהם, צי ס׳איז אמת, וואָס די אידען שעלטען אַלע שבת אין שוהל די איבעריגע פעלקער מיט דער תוכחה, און שפּייען אויפ׳ן קלויסטער, און אַז אַ כריסט געהט אַוועק פון אַ אידען, בעדאַרף מען אויסגיסען נאָך איהם די פּאָ־מעניצע? וכדומה אַזעלכע שטות׳ערייען, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען.

מרדכי־נתן וויל זיך אויסדרעהען פון זיינע הענד, פער־שלאָגט איהם האַקע־באַקע, מכח אופראוועַ, מכח קאַראַבקעַ, סוועטשנע סבאַר. ווער־וואָס? ער לאָזט זיך ניט פערדרעדען די צייהן, חאַטש גיב איהם אַ קרענק! ער טרעט־צו צו איהם איין מאָל פאַר אלע מאָל: ער זאָל זיך איהם נאָר מודה זיין. מרדכי־נתן פּרובט זיך מיט אַ ליצנות, פרעגט איהם: „וואו האָט דאָס זיין וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע געשטודירט אַזעלכע דינים?“ מאַקאַר קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין און פאַלט אויף אַזאַ מין המצאה: ער טהוט איהם אַ חאַפּ פלוצים אומגעריכט, ווי זאָגט מען — צוגעקוועטשט צו דער וואַנד:

— נו, און בלוט?

— וואָסער בלוט?

— פסח?... מצה?... האַ?...

און מרדכי־נתן פאַלט אויך אויף אַ גלייכער המצאה: ער טהוט אַ ריהר דעם אַדון איבער דער פּלייצע, אַ גלעט דעם הענג־קאַלנער, און מיט אַ פאַסקודנע געלעכטערעל פון אַ הונד אַ חונפ׳־ניק טהוט ער איהם אַ זאָג, אַז דער אַדון איז אַ גרויסער ליץ, חע־חע־חע! און אַז דער אַדון הויבט זיך אויף און געהט אוועק, זאָגט אויף איהם מרדכי־נתן אַ שבח, אַז דער „אַדון בפקדך“ איז אַ שווערער אַדון, דאָס הייסט, מע קאָן אויף איהם ניט זאָגען, ער זאָל זיין אַ רשע — חלילה! נאָר גלאַט אַ כלב שבכלבים...

איינמאָל — ס׳איז געווען שבת בייטאָג — איז מרדכי־נתן דער נגיד געזעסען אין שטוב און געלערענט פּרק; פּלוצים עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין... מאַקאַר חאַלאַדנע! פריהער האָט זיך אונזער נגיד אַביסעל, ווי דערשראָקען, פערוואונדערט: ווי קומט דער „אַדון בפקדך“ אהער פּלוצים נאָכ׳ן שלאָף? נאָכדעם האָט ער איהם געמאַכט זעהר אַ פריינדליך פּנים און מיט אַ שמייכעל געבעטען איהם זיצען, אויסגעטהאָן דאָס שבת׳דיגע היטעל און געבליבען אין דער יאַרמעלקע און אַ געשריי געטהאָן צום ווייב:

— טעמע־ביילה! הער נאַר, געב אהער עפּים אין מויל אריין! מהוט מאַקאַר אַ מאַך מיט דער האַנד:

— מע דאַרף ניט. איך בין געקומען צו דיר מכח איין עניז, ס'איז אַ סוד...

דערהערט דאָס וואָרט „אַ סוד", חאַפּט זיך אויף מרדכי־נתן און וויל צוקייטלען די טהיר. נעמט איהם אָן מאַקאַר ביי דער האַנד:

— מע דאַרף ניט, ס'איז ניט אַזאַ סוד, וואָס מע זאָל זיך דאַרפען פערשליסען. איך האָב דיך נאַר געוואָלט פרעגען אַ קלייניגקייט, דו ביזט אַ קלוגער מענש און איין עהרליכער, ביי דיר וועל איך וויסען דעם רעכטען אמת.

מרדכי־נתן גלעט זיך די פּאות מיט גרויס גדלות און איז שטאַרק צופריעדען פון'ם קאָמפּלימענט. די אויגען ווערען איהם אַזש ווי מיט פעטען איבערגעצויגען. ער ווערד צעשמאָלצען פאַר תענוג, און סע טהוט איהם באַנג, וואָס ס'איז קיינער נישטאָ דערביי.

— מסתמא האָסט דו דאָך געהערט די מעשה מיט'ן מיידעל? — פרעגט איהם מאַקאַר און קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין, ווי אַ סלעדאָוואַטעל.

מרדכי־נתן שטעלט אויף די אויהערען, ווי אַ האָז.

— מיט וואָסער מיידעל?

— מיט'ן מיידעל, וואָס אידען האָבען זי געקוילעט און האָבען אָפּגעצאַפּט פון איהר דאָס בלוט און בעהאַלטען דאָס אויף פּסח.

פריהער צעלאַכט זיך מרדכי־נתן מיט זיין דריבנע געלעכטער: הע־הע־הע! און נאָכדעם ווערד איהם דאָס פּנים בלאָס און גריז, און די אויגען צינדען זיך אָן מיט פייער.

— שקרים וכזבים! — זאָגט מרדכי־נתן און טרייסעלט מיט'ן קאָפּ, און די פּאות שאָקלען זיך.

— סטייטש, מע שרייבט אין די גאַזעטען! — זאָגט איהם מאַקאַר און לאָזט ניט אַראָפּ פון איהם קיין אויג.

— די גאָזעטען ליגען, ווי די הינט! — שרייט־אויס מרדכי־נתן.

— די גאָזעטען שרייבען, אז ס'איז פארהאַן א פּראָטאָקאָל. — פּרובט זיך מאָקאַר איהם איבערשפּארען. — איך האָב אליין גע־לייענט, אז ס'איז פארהאַן א פּראָטאָקאָל.

— שקר וכזב! — שרייט מרדכי־נתן אין איין קול און טרייסעלט מיט דער יארמעלקע, און די פּאות ציטערען.

— וואָס איז שקר וכזב? — פרעגט איהם מאָקאַר, שוין רויט פאר כעס. — דאָס, וואָס איך דערצעהל דיר? צי דאָס, וואָס סע שטעהט אין פּראָטאָקאָל?

— אַלסדינג איז שקר וכזב! אַלסדינג! פון אָנהויב ביז'ן סוף! ניט געשטויגען, ניט געפלויגען!

בשעת מעשה מאַכט מרדכי־נתן מיט די הענד, מיט'ן פּנים, מיט די אויגען, מיט די פּאות און מיט אַלע אברים און ציטערט אַזש פאר כעס. מאָקאַר האָט איהם קיינמאָל ניט געזעהען אַזוי אין כעס, און האָט דערפון אָפּגעלערענט זיך א פּשט, אז ניט אומזיסט איז דער איד אַזוי אויפגעטראָגען. די משמעות, אַז ס'איז אמת די מעשה; אניט, וואָס שרייט ער אַזוי? וואָס וואַרפט ער זיך אַזוי? נאָר איין עזות פון א אידען — זאָגען אויף אַלסדינג, וואָס סע שטעהט געשריבען, אַז ס'איז שקר וכזב! און מאָקאַר האַלאַדנע שטעהט אויף מיט גרויס גרימצאָרן, רוקט אָן אויף זיך דאָס היטעל מיט'ן קנעפּעל און טהוט אַ זאָג:

— פאַר אַזעלכע ווערטער וועסט דו האָבען צו געדענקען!

און ער לאָזט זיך געהן צו דער טהיר, און תיכף נאָך איהם שטעהט אויף מרדכי־נתן און האָט שוין חרטה אויף דער גאַנצער מעשה און וויל איהם איבערבעטען, פערקערעווען איהם צוריק, און ער לויפט איהם נאָך:

— פּאַני!... וואַשע וויסאָקע־בלאַהאָראָדיע!... מאָקאַר פּאַוולאָוויטש!... מאָקאַר פּאַוולאָוויטש!...

בלאָטע! מאַקאַר פּאַוולאָוויטש איז שוין לאַנג אויף יענער זייט טיר, און מרדכי־נתן דער נגיד איז אוים מענש פאַר הארצ־ ווערטיג און פאַר גרייזאָטע, טאָמער האָט ער טאַקי געזאָגט איין איבעריג וואָרט, דער רוח האָט איהם אַנגעטראָגען! און ווי אויף צו־להכעים, קומט אַן טעמע־ביילה און טשעפּעט זיך צו צו איהם, ער זאָל איהר זאָגען, וואָס האָט דאַ געטהאָן דער „אדון בפקדך"? וואָס איז ער אַזוי גיך אַוועק? און למאי האָט ער אַזאַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער טהיר?

— געה פרעג איהם! — האָט איהר מרדכי־נתן געענטפערט מיט כעס.

— זעה נאַר, זעה, ווי ער איז דאָס אביסעל אין כעס! אויף וועלכער זייט ביזט דו דאָס אויפגעשטאַנען היינט, און וואָס פאַר אַ חלום האָט זיך דיך גע'חלום'ט?

— היפּטעל קרויט!!! — שרייט אוים מרדכי־נתן דער נגיד אויף אַזאַ קול, אַז דאָס ווייב איז שיער ניט געפאַלען חלשות, און ער אליין האָט זיך איבערגעשראָקען פאַר זיין שטימע, און אויך די דיענסט, אַ שוואַרץ ווייבעל אַ ליטוועטשקע, איז אַריינגעלאָפען פון קיך, ניט טויט, ניט לעבעדיג, מיט אַ גוואַלד:

— אַ קלאָג צו אייך! איהר האָט דאָך מיך איבערגעשראָקען אויף טויט!

איז טעמע־ביילה אַנגעפאַלען אויף איהר און צעלאָזט זיך מיט ביידע קולאָקעס, און מרדכי־נתן אויף זיי ביידע, און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ סקאַנדאַל, וואָס ס'איז גאָר ניט כדאי דאָס צו בעשרייבען.

## קאפיטעל ח.

### כתרילעווקע אײלט זיך אין וועג אַרײַן.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבען פאַר כתרילעווקע אַ צייט פון צרות, יסורים און אומזיסטע פּחדים. קיינער האָט ניט פערשטאַנען וואָס איז די מעשה, וואָס מאַקאַר חאַלאַדנע איז געוואָרען נאָך אַ גרעסערער שונא־ישראל, ווי ער איז געוועזן, און פאַר וואָס זעהט מען איהם ניט ביי׳ם נגיד אין קלייט? דער נגיד אַליין האָט זיך, אַפּנים, געשעמט און אָראָפּגעשלונגען די מעשה, נישט דערצעהלט קיינעם, און מאַקאַר האָט געגראַבען ווי ווייט ער האָט געקאָנט, זיך גערייצט מיט די כתרילעווקער אידען, זיי אָנגעזאָגט אַלע מאָל אַ נייע בשורה, אַז ניט לאַנג נאָך וועלען זיי דאָ געוועלטיגען, מע וועט ביי זיי נעמען דין וחשבון: פון וואַנען נעמט זיך צו זיי זייער גוטס? מענשען וואָס האָרעווען ניט, גראָבען ניט און זעען ניט און שניידען ניט, נאָר מע עסט פונ׳ם גרייטען — פאַר וואָס קומט דאָס זיי? וכדומה אַזעלכע טענות, וואָס ער האָט זיך מיט זיי אָנגעלייענט אין דער גאַזעט „די פּאָהן“. און פּונקט אין יענער צייט האָט זיך איהם געטראָפען דער בזיון מיט האָפּקען, וואָס ער איז דורך איהר געשטרויכעלט געוואָרען, שיער ניט אַריין אין אַ גרויסען אומגליק, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט פערבייגעהענדיג אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל. און אַז גאָט האָט געהאָלפען, מאַקאַר איז אַרויס פונ׳ם עסק ריין, האָט ער ערשט דעמאָלט אָנגעהויבען גראָבען אויף די כתרילעווקער אידען, זיי געגעבען אָנצוהערעניש, אַז אָט־אָט וועט מען מיט זיי לערנען בלק. און גראַד דעמאָלט איז אָנגעקומען דאָס גוטע בריוועל פונ׳ם שוחט׳ס איידעם, וואָס איז געגאַנגען מיד ליד איבער דער גאַנצער שטאָדט, און זיידעל מיט זיינע „בלעטער“ האָט אונטערגעגעבען היץ, געגאָסען בוימעהל אויפ׳ן פייער, און מעשיות זענען געגאַנגען איבער דער שטאָדט, איינע שרעקליכער פון דער אנדערער, און ס׳איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דאָ אין כתרילעווקע וועט אין גיכען אויך זיין „דאָס אייגענע“...

פון וואנען האט זיך עס גענומען? ווער איז דער ערשטער, וואס האט ארויסגעלאזט דעם דאזיגען קלאנג? — דאס ווייסט מען ניט עד היום און מע וועט דאס ניט וויסען קיינמאל, אייביג! דער היסטאריקער, וואס וועט זיך נעמען אמאל בעשרייבען די געשיכטע פון די כתרילעווקער אידען, אז ער וועט קומען צו דעם שטיקעל צייט, לייענען די אלע פאפיערען מיט די אלע בלעטער, וועט ער געוויס בלייבען שטעהן פערטראכט מיט דער פעדער אין האנד, זיינע מחשבות וועלען איהם פערטראגען ווייט-ווייט...

מע ווייסט ניט, ווי אזוי דאס איז געווארען און פון וואנען דאס האט זיך גענומען, נאר ס'איז ארוים א נייעס אין שטאדט, אז מע געהט אויף כתרילעווקע, דריי דערפער מיט א מאל... און אין איין פריהמארגען איז געווען כתרילעווקע אויפגעשטאנען ווי איין מענש, און מע האט זיך גענומען פאקעווען, קינדער און בעטגעוואנט און שמאטעס, דאס גאנצע ביסעל כתרילעווקער ארעמקייט, ראטעווען ווי פון א שרפה און קלויבען זיך אין וועג אריין — וואוהין? וואוהין די אויגען וועלען טראגען! בשעת מעשה האבען מוטערס ארומגענומען זייערע ברעקלעך קינדער, צוגעטוליעט צו דער ברוסט און מיט טרערען אין די אויגען זיי געקושט און געהאלזט און געהאלזט, גלייך ווי עמיצער האט זיי געוואלט חלילה אוועקנעמען, גלייך ווי עמיצער דארף זיי האבען...

און כתרילעווקע האט אנגעהויבען צו שליסען איין קלייט נאך דער אנדערער, קוקענדיג איינס אויפ'ם אנדערע און בעהאלטענדיג זיך איינס פון דאס אנדערע, און מע האט זיך געאיילט, געחאפט איטליכער וואס פריהער, וואס גיכער. חוועדאר'ען האט מען יענעם פריהמארגען שיער ניט צעריסען אויף שטיקלעך. איטליכער האט איהם געשלעפט צו זיך העלפען פאקעווען, אונטערגערוקט איהם פון אלע זייטען, אז קיינער זאל ניט זעהען, ווער א גריוונע און ווער א פיטאקעל. קיינמאל איז חוועדאר נישט געווען נאך אזא חשוב אין כתרילעווקע, ווי יענעם טאג, און קיינמאל האט נאך חוועדאר אזוי ניט מאסף ממון געווען, ווי דעמאלט, און מע האט

איהם אזוי אָנגעשטאָפּט מיט געלד, ביז ער האָט אַ שפּיי געטהאָן: „נעחיי יאָמוּ סטאָ טשערטיוו אי אָדנאָ ווידמאָ!" — און איז אַוועק אַהין, וואו אַלע מאָל, און געמאַכט אַ שענע כוסה לכבוד די כתרילעווקער בעלי־בתים, וואָס פאָהרען אַוועק, און אַז ער איז געוואָרען רעכט פאַרטיג, האָט ער אָנגעהויבען אַרבייטען, מאַכען מיט די קולאַקעס און שרייען, אַז ס'איז שוין לאַנג צייט, מע זאָל פּטור ווערען פון די כתרילעווקער אידען — און, מעשה שטן, האָט בעדאַרפט דורכגעהן פאַרביי סאַמע מאַקאַר חאַלאָדנע מיט'ן אָרון דעם פּאָסטמייסטער און דערהערען, ווי חוועדאָר אַרבייט מעשים אויף די אידען, האָבען זיך ביידע אדונים אָפּגעשטעלט און דער־זעהען, אַז די אידען פּאַקעווען זיך, גרייטען זיך עפּיס זעהר שטאַרק אין וועג אריין, איז דאָס זיי געווען קשה, און זיי האָבען זיך גענו־מען ביידע נאָכקוקען: וואוהין לויפען דאָס די אידען?

דאָס נאָכקוקען פון די אדונים האָט אָנגעמאַכט נאָך אַ גרע־סערע בהלה צווישען די אידען און מע האָט אַוועקגעוואָרפען דאָס פּאַקעווען זיך; חאַפּט דער רוח דאָס בעל־הבתישקייט! דאָס לעבען, דאָס לעבען איז טייערער!... און מע האָט אָפּגעדונגען וואו ס'איז געווען ערגיץ אַ פוהרעל, אַ פערדעל, אַ פּאָר אָכסען, און מע האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין בעצייטענס, און גיך־גיך, בחפּזון, כמעט אזוי חאַפּענדיג, ווי בשעת מען איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

פריהער פון אַלע זענען געפלויגען ווי די אָדלערס, געוויינט־ליך, די כתרילעווקער בעלי־עגלות מיט די גרויסע בוידען און בייד־לעך; דאָרט זענען געזעסען רב מרדכי־נתן דער נגיד מיט זיין גאַנצער משפּחה און די אַלע איבעריגע נגידים מיט זייערע משפּחות. נאָך זיי האָבען זיך געשלעפּט די גויישע פוהרלעך, אָנגעזעצט מיט ווייבער און מיט קינדער און מיט אַלע קראַנקע נפשות, און הינטען זענען געגאַנגען די מאַנסבילען, די געמיינע בעלי־בתים, דאָס וואָס סע ווערד אָנגערופען דער המון, נעבאָך עולה־רגל געווען מחילה צו פוס, און געגאַנגען גיך, מורא געהאַט

זיך אַרומקוקען, טאָמער יאָגט מען זיי נאָך פון הינטען, טאָמער בעט מען זיי חלילה צוריק...

שטיל איז געוואָרען אין כתרילעווקע, לעדיג, פּוסט, ווי אויף אַ בית־עולם. ניט געבליבען קיין נפש. פון לעבעדיגע נפשות זענען געבליבען אין שטאָדט נאָר די ציעגען, דאָס גאַנצע אידישע פערמעגען אין כתרילעווקע, און האפּקע די געשטופּעלטע, און דער בעדער מיט דער בעדערין, און, להבדיל באלף אלפי הבדלות, דער אַלטער רב רב יוזיפיל.

איבער די דאָזיגע אַלע לעבעדיגע נפשות וועלען מיר רעדען פון איטליכען אין אַ בעזונדער קאַפּיטעל.

## קאַפּיטעל ט.

### לאָזט זיך אַריין אַ ביכעל אין חקירה.

די געלעהרטע, וואָס געבען זיך אָפּ מיט דער נאַטור, וואָס קוקען זיך צו און ווייסען די טבע פון יעדען בעשעפעניש, פון איט־ליכם גרעזעלע, ווייזען אויף מיט ראיות, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט געהט נישט לאבוד, ווערד ניט פערפאַלען, שטאַרבט ניט אַוועק. אַט דאָס וואָס מיר זאָגען, למשל, אַז דער בוים איז גע־וואַכסען, די צווייגען האָבען געבליהט, געגעבען אונז פּירות; נאָכ־דעם האָבען מיר די פּירות אָפּגעריסען און אויפגעגעסען, די צוויי־גען האָבען אָפּגעבליהט, די בלעטלעך זענען אָפּגעפאַלען, דעם בוים האָבען מיר אויסגעהאַקט, דאָס האָלץ האָט זיך אויסגע־הייצט — דאַכט זיך, איין עק? אויס בוים? ניין, — זאָגען די געלעהרטע — ס'איז נישט אַזוי די מעשה! דער בוים, זאָגען זיי, האָט זיך נאָר צעטיילט אויף זיינע יסודות; פון די פּירות זאָגען זיי, האָבען מיר געהאַט חיות, די בלעטער האָבען מיר גע־שמעקט, דאָס האָלץ האָט אונז געוואַרעמט, און דער בוים האָט געלעבט, און מיר האָבען געלעבט, און אַז מיר זענען געשטאָרבען, האָט מען אונזער קערפּער אַריינגעלעגט אין דער ערד אַריין, און

מיר זענען זיך צעגאַנגען אויף יסודות; אויף אונזער קבר איז אויסגעוואַכסען אַ גרעזעלע, דאָס גרעזעל האָט געגעסען די ציעג און בעקומען דערפון מילך, די מילך האָט געטרונקען דאָס קליינע קינד, געהאַט דערפון חיות, געוואַכסען, אויסגעוואַכסען, אָפּגעלעבט און געשטאָרבען, צעטיילט זיך ווידער אויף יסודות, ווידער אַ גרעזעלע, ווידער ציעגען, ווידער מילך, ווידער קליינע קינדער, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז עק וועלט.

איהר שטויסט זיך שוין מסתמא, וואוהין די חקירה געהט? דאָס געהט אויף די אַלטע צעוואָרפענע קברים פונ'ם אַלטען כתריעלעווקער בית־הקברות פון כמה וכמה יאָהרען. די דאָזיגע קברים און די דאָזיגע ציעגען און די דאָזיגע אידען אין כתריעלעווקע — דאָס אַלסדינג איז אינאיינעם אַ מין קייט, וואָס קייטעלט זיך פון אַ סך, אַ סך יאָהרען, און מי יודע, וויפיעל יאָהר עס וועט זיך נאָך אַזוי קייטלען...

אויב איהר ווילט וויסען, וויפיעל יאָהר כתריעלעווקע איז אַ אידישע שטאָדט, בעדאַרפט איהר נישט זוכען אין די אַלטע בלעטער פון דער היסטאָריע — איהר וועט זיי ניט געפינען. איהר דאַרפט זיך נאָר מטריח זיין אויפ'ן אַלטען כתריעלעווקער בית־עולם און בעטראַכטען די אַלטע־אַלטע קברים מיט די אַלטע אָפּגעריבענע מצבות, פּראָסטע הילצערנע מצבות, פּראָסטע גרויע שטיינער, וואָס שטעהען כורעים, אָנגעבויגען פון אַ סך אַ סך יאָהרען; וואו־ניט־וואו וואַרפען זיך דורך אויף די שטיינער האַלב־אָפּגעריבענע בלייבע אותיות: „דאָ ליגט בעהאַלטען אַ איד אַ רב, אַ צדיק אַזעלכער און אַזעלכער"; „דאָ ליגט בעהאַלטען אַ אשה צנועה און חכמה אַזעלכע און אַזעלכע". דאָס יאָהר איז שווער איבערצולייענען — נאָר מע פערשטעהט, אַז ס'איז שוין לאַנג, וואָרום אַ סך מצבות זענען שוין לאַנג צעפאַלען, און אַ סך קברים זענען שוין לאַנג פערוואַכסען מיט גראָז, און ציעגען, די כתריעלעווקער ציעגען, וואָס האָבען ניט וואָס צו עסען, שפּרינגען אַריבער

דעם שוין לאַנג איינגעפאַלענעם פאַרקאַן און פּאַשען זיך אויף דעם דאָזיגען גראָז, און ברענגען אהיים פולע אייטערס מיט מילך, און די אָרעמע אידישע קינדער אין כתרילעווקע האָבען וואָס צו עסען, פון וואָס צו ציהען כח. און ווער ווייסט, ווער די דאָזיגע ציעגען זענען? אפשר שטעקט אין זיי אַ נשמה פון אַ מענשען, און נאָך פון אַ גאַנץ נאָהענטען מענשען? ווער ווייסט, ווי נאָהענט עס זענען געבונדען צווישען זיך די דריי מינים: דאָס אַלטע כתרילעווקער בית־הקברות, די דאָזיגע ציעגען, וואָס פּאַשען זיך דאָ, און טאַקי זיי אַליין, במחילת כבודם, איך מיין די כתרילעוו־קער אידען?

אויף אַזאַ מין חקירה האָט מיך אַרויפגעטריבען דאָס אויס־זעהען פון די דאָזיגע ציעגען אין יענעם טאָג, וואָס די כתרילעווקער אידען זענען זיך צעלאָפען און איבערגעלאָזט אויף גאָט'ס גענאָד זייער גאַנץ פערמעגען, זייערע ציעגען.

אין דרויסען איז געווען נאָך פּסח, דער שניי איז שוין לאַנג אַראָפּ פון דער ערד, געלאָזט דאָס יונגע גרעזעלע זאָל זיך שפּראָצען, ציהען צו דער וואַרעמער זונן און בעגרינען און בעשיינען גאָט'ס וועלט אין יעדען אָרט, וואו מענשען לאָזען דאָס וואַכסען. כת־רילעווקע איז אָבער — אוי וועה! — נישט קיין אָרט פון פרישע גראָז און נישט קיין אָרט פון שמעקענדיגע בוימער. כתרילעווקע איז איין אָרט פון בלאָטע, פון זאַמד און פון פּאָראָך און פון גע־דיכטער פער'עפּוש'טער לופט, וואָס מע קאָן פון איהר דערוואַרגען ווערען, און פון נאָך אַ סך אַזעלכע גוטע ליעבע זאַכען. גרין גראָז קאָנט איהר געפינען נאָר סיידען אויפ'ן בית־עולם, און אהין האָט דאָס מיך מיין כח־הדמיון, מיין פאַנטאַזיע, אַוועקגעטראָגען אין יענעם טאָג פון דער גרויסער בהלה, און דאָרט האָב איך בעטראַכט די גאַנצע טשערעדע פערלאָזטע, פער'יתום'טע ציעגען, און עס האָט מיר פערקלעהמט דאָס הארץ, ווי אויף די ציעגען נעבאך, אַזוי אויך אויף די קליינע אידישע קינדער, וואָס זענען געבליבען דאָרט

טאָג אַהין אַביסעל מילך. קוקענדיג אויף די אַרעמע ציעגעז, ווי זיי שטעהען, מעלה־גרה'ן, מאַכען מיט די בערדלעך, קוקען משונה־מאָדנע נאַריש־פערטראַכט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז זיי זאָגען צו מיר: „פעטער! אפשר ווייסט איהר, וואו זענען אונ־זערע בעלי־הבתים און בעלי־בית'טעס? צו וועלכע גוטע יאָהר זענען זיי זיך צעלאָפען?"...

איך לאָז איבער דאָס פעלד, דאָס הייליגע אָרט פון כתרי־לעווקע, און געה מיר דורך מיט אייך אין שטאָדט אַריין, זעהען די איבעריגע נפשות, וואָס זענען איבערגעבליבען פון דער גרויסער בהלה אין כתרילעווקע.

דאָס מיינט מען דעם בעדער מיט דער בעדערין און זייער קעסט־קינד, דעם אַלטען שוואַכען רב רב יוזיפיל.

## קאַפּיטעל י.

### שמועסט וועגען דעם רב רב יוזיפיל.

אַ סך מאָל האָב איך אייך דערמאָנט און אַרויסגעבראַכט אין מיינע אמת'ע, ניט־אויסגעטראַכטע מעשיות איינעם פון מיינע בעליעבטעסטע פּאַרשוינען, דעם רב און דעם רבי'ן פון כתרילעווקע, רב יוזיפיל, און קיינמאָל האָב איך זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף איהם, איך זאָל אייך מיט איהם בעקענען, ווי עס געהער צו זיין. איך ווייס, אַז ס'איז פון מיר אַ גרויסע עולה. לאָם איך חאָטש אַט דאָ ממלא זיין דעם דאָזיגען חסרון.

רב יוזיפיל איז איין אַלטער מאַן, אַ זקן און אַ קראַנקער און פון תמיד אָן ניט קיין איבעריגער גבר, אַ צעבראָכענער גוף, דער־פאַר אָבער מיט אַ נשמה אַ גאַנצע, אַ געזונדע און אַ ריינע; און דוקא אין דעם דאָזיגען קראַנקען גוף האָט גאָט אַריינגעזעצט די דאָזיגע תמיד־יונגע און שטענדיג־פרישע נשמה און אָנגעזאָגט איהר, זי זאָל זיך האַלטען, לאַנג האַלטען, ביז עס וועט קומען די

רעכטע צייט, וועט איהר גאָט אַליין זאָגען: „קום, שוין צייט אין גן־עדן אריין“...

און געוויס אין גן־עדן אריין — ס'איז גאָר קיין ספק ניט! וואָרום דעם גיהנם מיט'ן חבוט־הקבר מיט די אַלע איבעריגע גוטע זאַכען, וואָס וואַרטען אויף אונז דאָרטען, האָט שוין אונזער רב יוזיפיל, דאַנקען גאָט, איבערגעלעבט דאָ, אויף דער וועלט. נישטאָ איין צרה, איין שלאַק, איין פּורעניות, וואָס רב יוזיפיל האָט דאָס ניט פערזוכט פון דעם וואָס לעבט אייביג. דער וואָס לעבט אייביג האָט, אפּנים, געוואָלט אויספּרובען זיין געטרייען קנעכט רב יוזיפיל, האָט ער געהאַלטען אין איין שיטען אויף איהם צרות פון דער ברייטער האַנד, כדומה למשל, ווי מע בעשיט אַ חתן מיט ניסלעך. איינס נאָכ'ן אַנדערע האָט ער ביי איהם צוגענומען די קינדער, פריהער, געוויינטליך, גוט אַנגעמוטשעט זיי; נאָכדעם — דאָס ווייב פרומע־טעמע די רביצין, די צדיקית, וואָס זי איז געווען פאַר איהם אַ געטרייע מאַמע; נאָכדעם האָט ער איהם צוגעבויגען אַביסעלע צו דער ערד, איהם מזכה געווען מיט שענע עטליכע קרענק אויף דער עלטער, איהם איבערגעלאָזט ווי אויפ'ן וואַסער, עלענד און אָרעם און שוואַך. און בכדי ער זאָל פיהלען דעם אמת'ען טעם פון גיהנם, האָט ער אריינגעגעבען אַ זין די כתרי־לעוואָקער אידען, זיי זאָלען קריגען אַ נייעם רב, אַ יונגען רב, און איהם, דעם אַלטען רב יוזיפיל, זאָל מען אויף דער עלטער בעטען מחילה און בעזעצען איהם ערגיץ ביי'ם בעדער מיט דער בעדערין, ער זאָל דאָרטען דערלעבען דאָס איבעריגע ביסעל יאָהרען. דאָ האָט דער רבונו־של־עולם געקאָנט רעכענען פאַר זיכער, אַז דער דאָזיגער רב יוזיפיל וועט שוין מסתמא געוויס זינדיגען מיט'ן מויל האָטש, אַזוי ווי איוב פאַרצייטען האָט זיך אויך געמענטשעלט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך ניט געקאָנט מעהר איינהאַלטען און פערשאָלטען זיך דאָס געביין.

נישט אַזאַ מענש אָבער איז געוועזן אונזער אַלטער רב יוזיפיל. אַ סך, אַ סך זאַכען איז רב יוזיפיל דערגאַנגען מיט זיין אייגענעם

שכל. ער איז דערגאַנגען מיט זיין אייגענעם שכל, אַז אַלע צרות און יסורים, וואָס דער אויבערשטער האָט איהם מזכה געווען, איז — איינס פון די צוויי: אָדער דאָס איז נאָר אַ פּרוב, איין אָנשיקעניש פון זיין ליעבען נאָמען, איין אָפּקומעניש דאָ, אויף דער נאַרישער זינדיגער וועלט, בכדי ער זאָל דאָרטען בעקומען דערפאַר זיין שכר בכפל כפלים, אָדער ער האָט דאָס טאַקי כשר פּערדיענט; און טאָמער נישט ער אַליין פאַר זיינע אייגענע זינד — איז פאַר זיינע אָרעמע זינדיגע ברידער, די קינדער ישראל, וואָס זענען ערב איינס פאַר'ס אַנדערע און זענען מחויב אָפּקומען איינס פאַר'ס אַנדערע, ווי אַ מין אַרטעל, למשל, וואָס טאָמער חאַפּט מען איינעם אין אַ גנבה, בעדאַרף ליידען דאָס גאַנצע אַרטעל, איטליכער ווערליג אויף זיין חלק... אַזוי איז רב יוזיפיל דער־גאַנגען מיט זיין אייגענעם שכל, און האָט זיך אויף זיין לעבענס־טאָג קיינמאָל נישט בעקלאָגט, זיך אויסגעטהאָן פון דער וועלט מיט אַלע איהרע תענוגים, זי לחלוטין מבטל געווען מיט אַ שמיי־כעל פון אַ גרויסען, גרויסען פילאָזאָף, און דערמיט האָט ער זיך געקויפט גרוים ליעבשאַפט ביי די כתרילעווקער לייט. וואָס חאָטש ער איז שוין קיין רב ביי זיי ניט געווען, און די הכנסות, וואָס האָבען געהערט צו איהם, האָט שוין צוגענומען דער נייער רב, פון דעסטוועגען האָט ער געהאַט דעם זעלבען כבוד וואָס תמיד, דעם זעלבען אויבען־אָן אין בית־המדרש, און אפילו דער נאָמען „רבי" איז איהם אויך איבערגעבליבען, ווי פריהער. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס מיט'ן נאָמען „רבי" אַליין קאָן מען נישט לעבען; דער גוף מאָהנט זיך זיינס, וואָס ס'ניט איז, אבי עפּים אין מויל אַריין, צו דערהאַלטען די נשמה... זענען די כתרילעוו־קער לייט געפאַלען אויף אַ המצאה: אַזוי ווי די כתרילעווקער באָד איז דאָך אַ קהל'שע באָד, זאָל די הכנסה פון דער באָד גע־הערען צום אַלטען רב, און דאָרטען טאַקי זאָל ער וואָהנען. דאָס הייסט, ניט אין באָד גופא; נאָר אַזוי ווי ביי דער באָד איז פאַר־האַן אַ שטיבעל, דאָרט וואו סע זיצט דער בעדער מיט דער בע־

דעריז, איז דארט פארהאן איין אלקערעל, וועט ער זיך קאנען דארטען רוהיג זיצען און לערנען.

לערנען? סע רעדט זיך אזוי: ווי קאן שוין רב יוזיפיל לערנען, אז די ראיה איז איהם, ניט פאר אייך געדאכט, אזוי געשלאגען, אז קוים וואס ער זעהט די ליכטיגע שיין? פון דעסט־וועגען, האט קיין יסורים ניט. א תלמיד־חכם, ווי אלט ער זאל ניט זיין, געפינט ער זיך איין ארבייט. קאן ער ניט לערנען אינווענינ, לערענט ער אויסווענינ, זאגט ער עפּיס, דאווענט ער, אדער גלאט אזוי ער טראכט. און טראכטען איז דא פון וואס! פון דער וועלט טראכט דער אלטער רב יוזיפיל, און פון דעם בורא פון דער וועלט, פון דעם בעשאפער, וואס ער איז גערעכט און אלע זיינע טהועכצען זענען רעכט! און פון זיין פאלק ישראל, וואס ער שטראפט דאס, ווי א ליעב קינד, און פון אלע איבעריגע פעלקער, און פון אלע בעשעפענישען אויף דער ערד, פונ'ם גרעסטען וויזילטיער ביז דער מינדעסטער מילב, ביז'ן קלענסטען ווערעמעל אונטער'ן שטיין, וואס ער טהוט טהון שפּייזען מיט זיין ברייטער האנד. דערפון איז אפצולערנען א קל־וחומר: „מה־דאך א מילב, א ווערעמעל אזוי, היינט לא כל־שכן שוין א מענש, און לא כל־שכן א איד!"... אזוי טראכט זיך רב יוזיפיל און איז צופריעדען מיט גאט און מיט דער וועלט און מיט'ן פאלק ישראל און מיט זיך און מיט זיינע געדאנקען, וואס ער זאגט זיי ארוים ניט איין מאל גאנץ הויך, אלע זאלען הערען. און ווי אומעדום, אזוי זענען אויך אין כתרילעווקע פארהאן מענשען חקרנים, גריבלער, וואס האבען ליעב פרעגען קשיות: פּרובען זיי זיך אביסעל אפּ'לצ'עווען פון אלטען רבי'ן און פרעגען איהם א קלאץ־קשיא:

— איהר זאגט, א מילב? א ווערעמעל, זאגט איהר? ענטפערט זשע אונז, רבי, א תירוץ דערויף: ווי באלד, אז דער אויבערשטער איז יא אזא גרויסער גאט און א גוטער גאט און א דערבארעמיגער גאט, וואס שפּייזט אפילו א ווערעמעל אונטער'ן

שטיין, הײנט למאי שפײזט ער ניט זײנע כתרילעװקער אידעלעך? שױן זשע זענען מיר קלענער פון א מילב, קלענער נאך פונ'ם קלײנעם װערעמעל, װאס אונטער'ן שטײן?...

— װאס פאר א קינדער איהר זײט! — ענטפערט זײ דער אלטער מיט א שמײכעלע. — איך װעל אײך געבען א משל מיט א מלך. אשטײגער, שטעלט אײך פאר, דער מלך האט אײך גע־לאזט בעטען צו זיך אויף דער סעודה, זענט איהר געקומען אין פעדערשטען חדר און דערזעהן, אז אין פעדערשטען חדר איז עפּיס ניט אזוי גראם און ליכטיג, האט איהר גענומען און זיך אומגע־קעהרט צוריק. אזוי איז דאס אויך. איך פרעג נאר אײן זאך: װאס פאר א װערטה האט פאר אײך דאס ביסעל יסורים און בזיונות דא אינ'ם ענגען פּ ר ו ז ד ו ר, אינ'ם פעדערשטען חדר, אקעגען יענעם גרױסען ט ר ק ל י ן, דעם שענעם רײכען פּאלאץ פון עולם־הבא דארטען, װאו די װענט זענען פון גין־גאלד, די ערד פון רײן זילבער און די שטײנער בריליאנטען? דארט, װאו דאס לעבען איז אײביג, דארט, װאו די נשמות פון די צדיקים זיצען אױבען־אן און טהוען זיך אן װאױלטאג און האבען הנאה פון דער לױטערקײט פון דער שכינה, און הקדוש־ברוך־הוא אלײן באדיענט זײ, טראגט זײ אונטער אין גילדענע בעכערס דעם בעסטען װײן און אויף גילדענע טעלערלעך די פיש פונ'ם לויתן מיט'ן פלײש פונ'ם שור־הבר...

די לעצטע װערטער, דאס הײסט: „װײן", „לויתן" און „שור־הבר" — דאס לעגט שױן צו, געװײנטליך, רב יוזיפיל, װי א צו־גאב פאר דעם פּראסטען עולם, װאס װיל ניט װיסען פון קײן רוחניות און פון קײן שכינה. א פּראסטער איד דארף האבען א פּראסט שטיקעל פיש, מיט א שטיקעל געבראטענס — און דאס איז אין כתרילעװקע אײנע פון די זעהר זעלטענע זאכען, װאס נאר שבת און יום־טוב קאן מען זיך אזעלכעס פערגינען, און דאס — ניט אלע מאל. פאר אזעלכע װײכע גוטע רעד האט מען ליעב אין כתרילעװקע דעם אלטען רב דאס חיות, און מעהר פון

אַלע — דער פּראָסטער עולם, און מעהר פון'ם גאַנצען עולם — דאָס בעריהמטע פּאָרעל, דער בעדער מיט דער בעדערין פון דער אַלטער כתרילעווקער קהל'שער באָד, וואָס פון זייערטוועגען שענ־קען מיר אַ בעזונדער קאַפּיטעל אין דער דאָזיגער בעשרייבונג.

## קאַפּיטעל יא.

### אדם הראשון מיט חוה'ן אין גן־עדן.

אויב עס האָט אַ זין דאָס, וואָס שמעיה אָדער פישעל קאָ־רעספּאָנדענט — דער וואָס שרייבט קאָרעספּאָנדענציעס אין אַלע בלעטער און מע דרוקט זיי ניט — זאָגט אויף דער כתרילעווקער באָד, אַז זי איז אַ גן־עדן־התחתון, דאַרף איך נישט אויסווייזען אַזוי ווילד דאָס, וואָס די כתרילעווקער ליצני־הדור האָבען אַ נאָמען געגעבען בערקע דעם בעדער אדם־הראשון, און חוה די בעדערין האָבען זיי געקרוינט מיט אַ צונעמעניש די מוטער חוה. פון וואַנען האָט זיך גענומען דער דאָזיגער נאָמען — איז שווער צו זאָגען. אפשר דערפאַר, וואָס די בעדע־רין האָט געהייסען חוה, האָט דער מאַן איהרער שוין במילא גע־פּאַסט צו הייסען אדם? און אפשר דערפאַר, ווייל דאָס בע־ריהמטע פּאָרעל האָט זיך געפונען אינ'ם דאָזיגען גן־עדן פון כמה וכמה יאָהרען, אָפּגעשיידעט פון דער גאַנצער וועלט, און געלעבט ווי אין גן־עדן? צי אפשר דערפאַר, ווייל די כתרילעווקער אידען און ווייבער האָבען געהאַט מעהר פון אַלעמען די זכיה צו זעהען דאָס דאָזיגע פּאָרעל אין דעם זעלבען קאָסטיום, וואָס אדם מיט חוה'ן האָבען געטראָגען אין גן־עדן, איידער זיי האָבען פערזוכט פון'ם עץ־הדעת? אַזוי צי אַזוי — דאָס מוזען מיר מודה זיין, אַז די כתרילעווקער לצים זעצען־צו עמיצען אַ נאָמען, איז ער ווי געבאָרען, ווי צוגעשניטען, אויפגענייהט, אויסגעפּרעסט און אָנגע־מאָסטען — און „פּאַרניצט געזונט"! עס האָט זיך אויסגעוויזען איטליכען בעזונדער, אַז קיין אַנדער נאָמען קאָנען זיי גאָר ניט

האָבען. ווי אַזוי דען זאָל מען רופען אַ פּאַר־פּאַלק, וואָס פערברענגען אַלע זייערע טעג און יאָהרען דאָרטען, באַרג־אַראָפּ, העט־ווייט פון שטאָדט אַרויס, ווייט פון דער בעריהמטער כתרילעווקער שטענדיגער בלאָטע, סאַמע ביי׳ם ברעג טייך, דאָרט, וואו גרינע ווערבעס שטעהען אָנגעבויגען, קוקען־אַריין אין וואַסער אַריין; דאָרט, וואו זומער־צייט הערט מען זשאַבעס קוואַקען, גראַגערען און פערגראַגערען דעם קאָפּ? אַזא ערטעל קאָן מען טאַקי אַנדערש ניט רופען ווי גן־עדן, און אַזא פּאַר־פּאַלק, ווי דער בעדער מיט דער בעדערין, זענען באמת אָדם מיט חוה׳ן אין דעם דאָזיגען גן־עדן, וואָס זענען ווי בעשאַפען געוואָרען איינס פאַר דאָס אַנדערע משֵשת ימי־בראשית: ער אַ הויכער, אַ געזונדער, אַ ברייט־ביי־ניגער, איין אויסגעדיענטער סאָלדאַט מיט אַ קאָלטענעוואַטער באָרד, מיט אַ וואַטאָווע גלאַנצענדיגע קאַפּאָטע און מיט שטענדיג אונטערגעבונדענע שטיוועל, און זי — אַ הויכע, אַ געזונדע, אַ פעטע אידינע מיט אַ שוואַרץ גלאַנצענדיג געשטופּעלט פּנים, נאָר מיט גוטע גרויע אויגען, מיט אַ קעסטעלדיגער פעטשיילע אויפ׳ן קאָפּ און מיט שטענדיג איין אונטערגעשטעקט קליידעל, וואָס ס׳האָבען זיך אַרויסגעזעהען פון דעם אַ פּאָר גרויסע פיס אין מאַנס־בילשע גרויסע שטיוועל. קיין זאַך אויף דער וועלט האָט דאָס פּאָרעל ניט געוואוסט, אַ חוץ דער באָד. שטענדיג איז מען געווען פערנומען נאָר מיט דער באָד: אָדער מע הייצט די באָד, אָדער מע רייניגט די באָד, אָדער מע פערריכט די באָד — קיינמאָל זיצט מען ניט לעדיג, סיידען ביי נאַכט, אַז אַלע פייערען ווערען פערלאָשען, דעמאָלט זעצען זיך אַוועק אָדם מיט חוה׳ן איבער אַ טעפּעל קאַרטאָפלים און מע פערקלויבט זיך ווינטער אויפ׳ן אויוועו און זומער אין דרויסען ביי דער פריזבע, און קיינעם, קיינעם איז אין כתרילעווקע ניט אַזוי גוט, ווי דעם דאָזיגען פּאָרעל. קיינער, קיינער האָט ניט אַזא שטענדיגע פערזאָרגטע פרנסה, ווי אָדם מיט חוה׳ן. אַז קיין ראַטע צאָהלען בעדאַרף מען ניט, און קונים איז מען קיינמאָל ניט זשעדנע, וואָרום ווי אָרעם די שטאָדט זאָל ניט

זיין — אָהן אַ באָד קאָן זיך אַ איד ניט בעגעהן. אמת, קיין גרויסע גליקען קאָן מען דערפון ניט מאַכען, קאַפּיטאַלען קאָן מען ניט קלויבען, און קיין הייזער אייגענע קויפען אַודאי נישט, וואָרום וואָס צאָהלט אַ כתרילעווקער איד, משטיינס געזאָגט, אַז ער קומט שוין ערב־שבת אין מרחץ אַריין? היינט וויפיעל האָלץ נעמט צו די באָד, אַז דער קעסעל בסך־הכל איז שוין אַלט, און די שטיינער זענען צעפאַלען, און די ווענד לייכטען זיך דורך, און פון דער סטעלי קאַפּעט. יעדער קאַפּ, וואָס פאַלט אויפ'ן הוילען לייב פון די נאַקעטע בעלי־בתים, טהוט אַ בריה, אַ ברען, ברענט אויס אַ שטיק פלייש, מע טהוט אַזש אַ טאַנץ־אונטער און אַ מאַך בשעת מעשה: „איך — אוי!“ — ווי די רשעים אין גיהנם, בשעת מע טרייבט זיי אויף צעגליהטע צוועקעס. און דער עולם לאָזט אויס דאָס ביטערע האַרץ אויפ'ן בעדער, שעלט איהם אַז אַ פולען קאָפּ, און ער, דער בעדער, טהוט זיך זיינס: גיסט וואַסער אויפ'ן הייסען שטיין און וואָרטשעט זיך אין באָרד אַריין: „איהר פאַרשטעהט אַ מעשה? אויסגעבויט אַ באָד נאָך פאַר חמעלניצקעס צייטען און ווילען ס'זאָל ניט קאַפּען!“ און ער פערריכט אַלע מאָל מיט זיינע אייגענע הענד די אַלטע באָד, פערשטעקט די ווענד, פערלאַטעט דעם דאַך, שפּאַרט איהם אונטער מיט איין אָבאַפּעלעק און רייניגט אָפּט די מקוה, בכדי די כתרילעווקער חכמים זאָלען זיך ניט ווערטלען און ניט זאָגען קיין המצאות, אַז זיי הערען דאָרטען זשאַבעס קוואַקען... און אָדם הראשון שטעהט אויף גאַנץ פריה, ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, שלעפּט מיט די געזונדע גראָבע ידים איין עמער נאָך איין עמער און זעצט בשעת מעשה גאַנצע שטיקער תהלים אויסוועניג מיט אַ ניגון, און דאָס קול זיינס קלינגט, הילכט, לאָזט זיך הערען פון דער באָד אַרויס און קייקעלט זיך מיט'ן ווינד איבער די ברעגען פונ'ם טייך און ווערד פערפאַלען העט־ווייט דאָרטען, אַזש אויף יענער זייט טייך, וואו אַ פויגעל האָט זיך פערקלויבען אויף אַ צווייגעל פון אַ בוים, שאָרעכט שטילערהייד, שאָקעלט זיך און רייניגט דעם פיסק און טראַכט מכח אָנבייסען...

און אינוועניג אין שטיבעל, וואָס ביי דער באָד, איז נאָך שטאָק־פינסטער. דאָרט זיצט חוה די בעדערין איבער א שנויץ און פעררייבט דעם „רבינ'ס" גרעט, וואָס זי אַליין טאַקי האָט דאָס איהם נעכטען אויסגעוואַשען, פערלאָטעט וואו ערגיץ אַ ריס און נייהט־צו וואו מע דאַרף אַ קנעפּעל, דער „רבי" זאָל האָבען וואָס אָנצוטהון, אַז ער וועט אויפשטעהן פונ'ם שלאָף.

פונ'ם שלאָף? משטיינס געזאָגט, דאָס שלאָפען וואָס דער אַלטער רב יוזיפיל שלאָפט, אַז אָט ניט לאַנג האָט ער אָפּגעפּראַוועט חצות און אָקאָרשט, ווי מע זעהט ניט, חאַפּט ער זיך אויף, גיסט־אָפּ נעגעל־וואַסער און נעמט זיך צו עבודת־הבורא, הויבט אָן „זאָגען"... וואָס זאָגען — ווייסט זי נישט אַקוראַט, נאָר אַז ער זאָגט, איז אַ מחיה צו הערען! איטליכס וואָרט ממש צעגעהט זיך אין אַלע אברים!

און די בעדערין שטעהט־אויף פּאַוואָלינקע, געהט אויף די שפּיץ פינגער, נעמט זיך שטילערהייד צו דער מולטער, אויסמאַכען די חלה אויף שבת.

— קוקאַריקו! — ציהט־אויס אַ ווייסער האָהן מיט רויטליכע פליגלען, שפּרינגט־אַראָפּ צוליעב דעם טאַקי פון די באַנטענעס גלייך אויף דער שוועל, מיינט, אַז ער האָט דאַ געטהאָן עמיצען מי יודע וואָס פאַר אַ טובה דערמיט, וואָס ער האָט אויפגעוועקט דעם עולם צו דער אַרבייט.

— אַ קיש אין דער ערד אריין! — מאַכט צו איהם חוה און טרייבט איהם דורך מיט בזיונות און שיט איהם אָפּ מיט ווערטער. — קיש־קיש צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! צי מע דאַרף, צי מע דאַרף ניט, ער ווייסט נאָר קוקאַריקו! וואָרט־וואָרט, וועסט זיך נאָך אַביסעל ביי מיר אונטערהאַדעווען, וועל איך דיך אַוועקטראָגען צום שוחט, וועט דיר שוין זיין אַ קוקאַריקו! וועסט שוין ביי מיר קוקאַריקען!

די דאָזיגע אַלע דבורים, וואָס חוה איז מכבד דעם האָהן דעם עזות־פנים, זענען אָבער אַרויסגעוואָרפען: דער „רבי" איז שוין

במילא אויפגעשטאנען, שוין לאנג אפגעגאסען נעגעל־וואסער און גענומען זיך צו עבודת־הבורא, און ער „זאגט" שוין... וואס ער זאגט — ווייסט נישט חוה אקוראט, נאר אז ער זאגט, איז א מחיה צו הערען! איטליכס ווארט ממש צעגעהט זיך אין אלע אברים! און זי טראגט איהם אונטער מיט גרויס דרך־ארץ א טעפעל ציקאריע, הייסע און געשמאקע, און סע זעצט א פארע, און סע שמעקט טעם גן־עדן.

## קאפיטעל יב.

### דער רב רב יוזיפיל האט א גוט עלטער.

די המצאה, אז דער אלטער רב רב יוזיפיל זאל לעבען פון דער פרנסה פון דער כתרילעוועקער קהל'שער באד, איז געווען איינע פון יענע גליקליכע המצאות, וואס נאר אין כתרילעווקע קאן מען פאלען אויף אזא גלייכער זאך. בערקע דער בעדער, אדער אדם הראשון, וואס האט אויף זיין אייגענעם חשבון, אייגענטליך, בעדארפט על־פי כתב בעהייצען מיט'ן האליץ פון דער באד אויך דעם בית־המדרש, להבדיל, האט סאי ווי סאי געלאזט פרווירען די בעלי־בתים א גאנץ ווינטער, געפונען אלע מאל איין אנדער תירוץ: דער פראסט איז צו גרויס, דאס האליץ איז נאס, א טומאן אין דרויסען, וכדומה אזעלכע פזמונות, וואס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען — לאז ער האטש אויסהאלטען רב יוזיפיל דעם רב אויף דער עלטער, מען איז איהם שוין מוחל דאס בית־המדרש! און וואס דארף, משטיינס געזאגט, איין אלטער איד, און א רב, ובפרט נאך אזא איד, און אזא רב, ווי רב יוזיפיל, וואס אפילו אין די גוטע יאהרען איז ביי איהם אלסדינג געווען גוט? די רביצין אליין, פרומע־טעמע עליה השלום, פלעגט דערצעהלען אויף איהר מאן, אויף רב יוזיפלען, אז ס'איז ביי איהם אלסדינג רעכט. ווען, למשל, מע גיט איהם עסען הייסע קויהלען, עסט ער; ער בריהט זיך, נאר ער עסט. אזא מין מפונק איז דאס

געוועז. היינט בפרט נאָך איצט אויף דער עלטער! איין זאַך איז נאָר שלעכט: ס'וועט איהם זיין ביי זיי אביסעל ענגליך. איז דאָ איין עצה: אָדם מיט חוה'ן קאָנען גאַנץ פיין שלאָפען אין באָד, און „דער רבי" אין שטוב. די באָד מיט דער שטוב איז במילא איין שטוב, שטעהען אונטער איין דאַך. נאָך אַ מעלה האָט די באָד, וואָס ווינטער איז דאָרטען וואַרעם, טאַקי ווי אין אַ גן־עדן. אמת, די דאָזיגע מעלה איז אַ מעלה נאָר ווינטער, און קומט זומער — ווערד פון דער מעלה אַ חסרון. ס'איז אַזוי הייס. אַז ניט נאָר אין באָד — אין שטוב קאָן מען צעגאַנגען ווערען פאַר היץ. איז אָבער פאַרהאַן איין אַנדער עצה: שלאָפט מען אין דרויסען. זומער אין דרויסען איז דאָך טויזענד מאָל בעסער ווי אין שטוב, ובפרט נאָך דאָ, ביי'ם ברעג טייך, איז דאָך טאַקי אַ גן־עדן. אמת די דאָזיגע מעלה האָט אין זיך אויך אַ שטיקעל חסרון, וואָס איבער די זשאַבעס איז דאָ, ביי'ם ברעג טייך, אונ־מעגליך צו שלאָפען. איז דער תירוץ: למאי אין שטוב? אין שטוב ביי זיי איז דען ניטאָ קיין זשאַבעס? עס האָט זיך דען ניט געטראָפען חוה דער בעדערין וויפיעל מאָל, אַז זשאַבעס זאָלען איהר שפּרינגען גלייך אין פּנים אַריין אָדער פון בעט, אָדער פון דער דייזשע, אָדער גאָר פון אויוועז אַרוים?... בקיצור, מע האָט דעם „רבי'ן" בעלעגט אין שטוב, און אָדם מיט חוה'ן האָבען זיך בעזעצט אין גן־עדן, דאָס הייסט אין באָד, און האָבען אַכטונג גע־געבען אויפ'ן „רבי'ן", ס'זאָל איהם דאָ זיין גוט, ער זאָל האָבען אַלסדינג צו דער צייט, דאָס עסען צו דער צייט און דאָס טרינקען צו דער צייט. און מיט דער צייט זענען זיי צו איהם געוואָרען שטאַרק צוגעבונדען, ליעב געקריגען, אַזוי ווי עפּים איין אייגענעם.

גערופען האָט זיי דער אַלטער רב יוזיפיל „קינדערלעך", און זיי איהם — „רבי". און ניט אומזיסט, וואָרום זיי האָבען אויף זייער גאַנצען לעבען ביז אַהער ניט געהערט אַזוי פיעל תורה, וויפיעל זיי האָבען זיך אָנגעהערט דאָ פונ'ם אַלטען רב רב יוזיפיל

אין איין טאָג. און אַלסדינג, וואָס זיי האָבען פון איהם געהערט, איז ביי זיי געווען אַ נייעס. ער האָט אויסגעזעהן ביי זיי אין די אויגען, ווי אַ מענש, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען צו פאָהרען פון זעהר אַ ווייטער מדינה און דערצעהלט זיך אַן אַזעלכע חדושים, וואָס מע האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט, און אַפילו נישט געזעהען אין חלום. מיט אָפענע מיילער און מיט האַרצקלאַפעניש פלעגט דאָס דאָזיגע פּאָרעל זיצען ווינטער ביי דער לעזשאַנקע, און זומער אין דרויסען אויף דער פּריזבע, און קוקען אויפ'ן „רבי'ן" און האָרכען, ווי דער „רבי" רעדט פון רוחניות, דערצעהלט חדושים פון גאָט, פון מענשען דאָ אויף דער וועלט, און פון מלאכים דאָרט אויף יענער וועלט, פון דער ערד און פון אַלע בעשעפענישען וואָס אויף דער ערד, און פונ'ם הימעל מיט דער זון מיט דער לבנה מיט די שטערען און מיט די אַלע איבעריגע גלגלים. און ניט איין מאָל פלעגט זיך אויסווייזען אָדם הראשונ'ען מיט חוה'ן, זיצענדיג אין דרויסען ביי דער באָד אין די וואַרעמע ליכטיגע זומער־נעכט, אַז דער דאָזיגער זקן, מיט דעם איינגעבויגענעם רוקען, מיט דעם קליינעם ווייסען בערדעל און מיט די גוטע, גוטע אויגען, איז אַליין עפּיס אַ מין רוחניות, וואָס אָט הויבט זיך עס אויף פון דער ערד און הויבט אָן שוועבען אין דער לופטען, שוועבט אַזוי לאַנג, ביז סע ווערד פערשוואונדען דאָרטען ערגיץ, צווישען די גלגלים... און זיי אַליין פיהלען אויך, ווי עס ציהט זיי עפּיס אַהין אַרויף, צו יענע ווייסע פאַסמעס און צו יענע קליינע שטערענדלעך; צו די נשמות, וואָס בלאָנזען דאָרט אַרום און געפינען ניט קיין רוה...

גאָט ווייסט, אויב ס'איז נאָך עמיצען אויף דער גאַנצער וועלט געווען אַזוי גוט, ווי אונזער פּאָרעל אָדם מיט חוה'ן אין גן־עדן, און אויב עמיצער נאָך האָט געהאַט אַזאַ גליקליך עלטער, ווי דאָ, ביי זיי אין גן־עדן, האָט געהאַט דער אַלטער רב רב יוזיפיל פון כתרילעווקע.

## קאפיטעל יג.

**כמעט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען איז רב יוזיפיל אין כעס.**

הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אַז קיין אייביגע זאַך זאָל ניט זיין אויף דער ערד; און שטענדיג גוט — דאָס טאָר ניט זיין קיינעם ניט, אין ערגיץ ניט! פאַרהאַן אַ שטן מקטרג, וואָס מישט זיך אַריין, שטעהט ביי אונז שטענדיג הינטער די פּלייצעס און היט אונז די נשמה, גיט אַכטונג, מיר זאָלען חלילה נישט פערגעסען אַז גאָט... דער דאָזיגער שטן האָט זיך אַריינגעמישט אויך אַהער, אין דעם גן־עדן, וואָס מיר האָבען אויבען בעשריבען, און האָט שיער־שיער ניט אַרויסגעטריבען פון דאָנען אָדם מיט חוה'ן, און מיט זיי אינאיינעם — נעבאך דעם אַלטען עלענדען זקן; שיער־שיער ניט חרוב געמאַכט דאָס נעסט, שיער־שיער ניט צע־שיידט די ליעבע און געטרייע, שיער־שיער ניט פערשטעהרט דאָס גליק אויף אייביג.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען חוה די בעדערין איז געקומען פון'ם מארק, געוואָלט קויפען פישלעך — איז ניט געווען, גע־וואָלט קויפען קאַרטאָפלים — איז ניט געווען, אַ בינטעל ציבעלקע־לעך — איז ניט געווען, נישט געווען קיין לעבעדיגער נפש. פרי־הער האָט זי גערעכענט, אפשר איז זי צו־פריה אַרויסגעגאַנגען אין מארק? האָט זי אַ ביסעל צוגעוואַרט. דערזעהן, אַז ס'איז שוין גרויסער טאָג, און אין מארק — איהר זאָלט זאָגען אַ משוגענער הונד! וואָר־ניט־וואו זעהט זי אידען לויפען, פּאַקעווען זיך, קלויבען זיך אין וועג אַריין. וואָס איז די מעשה? מע לויפט! וואוהין לויפט מען? אין דער וועלט אַריין!...

און ביז חוה איז געקומען אַהיים און איבערגעגעבען דאָס אָדם הראשונ'ען, און ביז אָדם הראשון האָט דאָס איבערגעגעבען דעם „רבי'ן", איז שוין העכער אַ האַלבע שטאָדט געווען אויף יענער זייט בית־עולם.

תחילת האָט רב יוזיפיל גאָר ניט געוואָלט גלויבען, אַז ס׳זאָל זיין אמת: זיי לויפען? וואָס הייסט, זיי לויפען? נאָכדעם האָט ער גענומען דאָס יאַמשאָווע שטעקעל מיט דער אויסגעבויגענער בלעכענער גאָלקע, וואָס איז שוין אַלט אפשר אַזוי פיעל, וויפיעל ער איז רב אין כתרילעווקע, און האָט זיך מטריח געווען מיט זיין עלטער אין שטאָדט אַריין, און האָט נאָך געפונען עטליכע אידען קלויבען זיך אין וועג אַריין, האָט ער זיי אָפּגעשטעלט, און מיט אַ זיס שמייכעל האָט ער גענומען זיי שטראָפען, זאָגען מוסר.

עטליכע איבערגעבליבענע אידען האָבען איהם אויסגעהערט מיט זעהר אַ טיעפען זיפץ און געזאָגט מיט אַ ביטער שמייכעל:

— יאָ, איהר זענט זעהר גערעכט, נאָר פון דעסטוועגען, רבי, זעצט זיך און פאָהרט אויך מיט אונז! פאָלגט אונז, רבי, פאָהרט מיט אונז, און וואָס גיכער!

— פאָהרען? וואוהין? צו וואָס? צוליעב וועמען?

אָבער אַלע זיינע רעד זענען געווען אומזיסט אַרויסגעוואָרפען, ווארום די עטליכע איבערגעבליבענע אידען זענען שוין אויך געווען לאַנג פון יענער זייט שטאָדט.

געקומען אהיים אין גן־עדן, מיין איך: צום בעדער מיט דער בעדערין אין באָד אַריין, האָט ער געטראָפען אָדם מיט חוה׳ן שטאַרק פערזאָרגט, כמעט אין טרערען, און ער רופט זיך אָן צו זיי:

— וואָס זענט איהר, קינדערלעך, אַזוי פאַרצאָרענט?

— סטייטש, מאַכען זיי צו איהם, איהר ווייסט דען ניט. וואָס עס טהוט זיך? דאָ איז נאָר וואָס געווען האַפּקע?

— וואָסער האַפּקע?

— האַפּקע די ערלית׳טע, די וואָס פאַרלעשט די ליכט שבת. דערצעהלט זי זיך אָן אַזעלכע מורא׳דיגע זאַכען, וואָס די האָר שטעלען זיך קאַפּויר!

און אָדם מיט חוה׳ן דערצעהלען איהם ביידע אינאיינעם, האַפּען איינס פאַר דאָס אַנדערע, די אַלע מורא׳דיגע זאַכען, וואָס האַפּקע דערצעהלט זיך אָן וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך. און

רב יוזיפיל דער רב זיצט אָנגעשפּאַרט אויפ'ן שטעקען און האָרכט, האָרכט מיט קאָפּ. ער זיצט און טראַכט און ענטפערען ענטפערט ער גאָר ניט. און נאָכדעם הויבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום פון אַלע זייטען, לעגט־אַוועק נעבען זיך דאָס אַלטע יאָמ־שאָווע שטעקעל, טהוט אויס דאָס היטעל און בלייבט אין דער יאַרמעלקע, און רופט זיך אָן צו אָדם מיט חוה'ן:

— הערט זשע אויס, קינדערלעך, וואָס איך וועל אייך זאָגען, אַז דאָס אַלסדינג, וואָס איהר דערצעהלט אָט־דאָ, איז דאָס אַלץ פּוסטע זאַכען, ניט ווערטה קיין שמעק־טאַבעקע! הנה זייט וויסען, אַז לא ינום ולא יישן שומר ישראל, גאָט שלאָפט ניט. איך וועל אייך דערצעהלען אַ משל מיט אַ מלך. אַמאָל איז געווען אַ מלך...

— וואָס מיר מלך? ווער מיר מלך? איהר הערט בעסער, וואָס האָפּקע דערצעהלט זיך אָן! — אַזוי האָפּט זיך אַרויס אָדם הראשון און האָט באַלד חרטה: ער פיהלט, אַז ס'איז גראָבליך, זעהר גראָבליך פון זיין זייט. נאָר פעררירכטען האָט ער שוין ניט געקאָנט: רב יוזיפיל האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון איהם, זיך אָנגעטהאָן אין טלית ותפלין, גענומען אַ ספר, דאָס אַלטע יאָמשאָווע שטעקעל נעבען זיך, און זיך אַוועקגעזעצט ביי'ם טיש אויבען־אָן, ווי אַ מלך בשעת מלחמה, אָנגעוואָפּענט פון קאָפּ ביז פיס, און געקוקט מיט גרויס גדלות, ווי איינער רעדט:

— אַנו, לאָז, אַשטייגער, עמיצער פּרובען צוטרעטען אַהער?...

און פון זיינע אַלטע שוואַרצע אויגען און פון זיינע אַלטע גרויע האָר האָט אַרויסגעקוקט אַזוי פיעל גבורה און רוהיגקייט, אַז אָדם מיט חוה'ן האָבען זיך געפיהלט, אַז נישקשה — זיי האָבען אויף ווענען זיך אָנצושפּאַרען.

## קאפיטעל יד.

צוויי שטעדט בעגעגענען זיך און צעפאהרען זיך מיט גארניט—און א סוף.

געשניטען האט זיך דער עולם אויף דעם טראקט, וואס געהט קיין מאזעפעווקע, אין דער סביבה פון יעהופעץ, און דער ערשטער פונקט אויף אפצושטעלען זיך איז געווען קאזאדאיעווקע, אויך א אידישע שטאדט, וואס איז בעוואוסט מיט איהרע בעריהמטע ציעגען, וואס דער נאמען אליין בעווייזט שוין דערויף. קאזאדא־יעווקער ציעגען מעלקען זיך גאר אנדערש און זענען אפגעשיידט פון די כתרילעווקער ציעגען מיט זייערע הערנער, דאס הייסט דערמיט, וואס זיי האבען ניט קיין הערנער. אויפ'ן ארט פון הערנער איז ביי זיי עפּיס א מאדנע צאצקע פון פּארענט, א מין של־ראש להבדיל, און זיי זענען בטבע זעהר פלאחעניסטע, געלאסען הייסט דאס און נאריש, א סך מעהר ווי די כתרילעווקער ציעגען. א קאזאדאיעווקער ציעג קאנט איהר בעגעגענען אין מיטען גאס, איהר ווייזען א ביסעל שטרוי און זאגען איהר: קאז־קאז־קאז! — שטעלט זי זיך אנידער, צענעמט די פּיסלעך, חאטש נעמט מעלקט זי אויס...

אויך די אידען, להבדיל, זענען דארטען גאר נישט די אידען, וואס אין כתרילעווקע. דאס הייסט, די אידען זענען דארטען די זעלביגע אידען, וואס דא, מיט די זעלביגע נשמות, מיט די זעלביגע מאגענס, און אפּילו די זעלביגע ארעמע לייט, וואס יענע. דער גאנצער חלוק איז נאר אינ'ם „ברוך־שאמר“, דאס הייסט, וואס די כתרילעווקער אידען זאגען אינ'ם דאווענען פריהער „הודו“ און נאכדעם „ברוך־שאמר“, און די קאזאדאיעווקער אידען זאגען, פערקעהרט, פריהער „ברוך־שאמר“ און ערשט נאכדעם „הודו“. דאכט זיך, וואס איז, אייגענטליך, די נפקא־מינה: דאס פריהער, יענץ פריהער? סאי ווי סאי א תפילה פון גאט. ניין, זאגט דאס ניט! אין אמאליגע גוטע יאהרען, אז די כתרי־לעווקער און קאזאדאיעווקער אידען האבען געהאט פרנסה בכבוד

און ס'איז זיי אָפּגעגאַנגען, ווי מע זאָגט, נאָר קאַפּוועהטיג, האָט זיך פאַר דעם „ברוך־שאָמר" מיט דעם „הודו" געגאָסען בלוט. עס האָט זיך וויפיעל מאָל געמאַכט, אַז אַ קאָזאַדאָיעווקער איז געקומען קיין כתרילעווקע אין בית־המדרש אַריין דאַוונען, און דער חזן האָט זיך אוועקגעשטעלט צום עמוד, אָנגערוקט דעם טלית, זיך צעשאָקעלט און אַ זאָג געטהאָן מיט אַ ניגון:

— הודו לה' קראו בשמו...

האָט זיך דער קאָזאַדאָיעווקער צעלאָזט אויף דער הויכער אָקטאַווע:

— ברוך שאָמר והיה העולם!

און פערקעהרט, אַז אַ כתרילעווקער איז געקומען קיין קאָזאַדאָיעווקע אין שוהל אַריין, און דער חזן האָט זיך פער'דבקה'ט, נאָר־וואָס פערמאַכט די אויגען, אויפגעהויבען דעם קולאַק און אָנגעהויבען דעם „ברוך־שאָמר והיה העולם", האָט זיך דער כתרילעווקער צעלאָזט אויפ'ן געלענקעל:

— הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילו—ו—ו—ו—תיו!

דער „הודו" אַליין איז פאַר די קאָזאַדאָיעווקער ניט געווען אַזוי פּריקרע נאָך, ווי דער „עלילותיו", וואָס דער כתרילעווקער האָט אויסגעצויגען אפשר אויף אָנדערהאַלבען קלאַפּטער. ממה נפשך, ווילסט זאָגען „הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו"? — שטעל זיך אוועק און זאָג דיר דאַרטען אָפּ: „הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו". צו וועלכע גוטע יאָהר נוצט דאָס דיר, אַז' דו זאָלסט אַזוי אויסציהען אויף אַ קול דעם „עלילו—ו—ו—ו—ותיו"? טהוסט דו דאָך עס, אַפּנים, אויף צו־להכעיס? איז ווי באַלד דו ביזט אַזאַ צו־להכעיס'ניק, קומט דיר פּעטש! און מע האָט איהם דעמאָלט אַריינגעלעגט וויפיעל ס'איז אין איהם אַריין, און עס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען די כתרילעווקער און קאָזאַדאָיעווקער אידען אַ שנאה און געצויגען זיך לאַנגע־לאַנגע יאָהרען. אָנגעהויבען האָט זיך

עס מיט פעטש און אויסגעלאַזט מיט מסירות און מיט יאַבעדעס און מיט גראַבעניש און מיט בעגראַבעניש — די וועלט האָט מיט זיי דעמאָלט געהאַט צו טהון, ווילד־פרעמדע האָבען זיך אריינ־געמישט אין זייערע משפטים, געמאַכט חוזק פון זיי מיט זייערע אידישע מנהגים און פוסטע גענג, זיי געגעבען אַ שענעם נאָמען „פאַנאַטיקער“. בקיצור, ס'איז געווען פע, חולשי חלשות!

אמת, יענע נארישע נאָר גליקליכע יאָהרען זענען שוין לאַנג אַוועק, און גאָט וויסט, אויב זיי וועלען זיך אַמאָל אומקעהרען; אמת, עס האָט זיי אַלעמען אַזוי פערדרעהט דעם קאָפּ, אַז זיי האָבען גרעסערע מכות פון „הודו“ מיט'ן „ברוך־שאָמר“; נאָר די שנאה צווישען די כתרילעווקער מיט די קאַזאַדאַיעווקער איז פערבליבען אַ שנאה, וואָס מיט'ן שכל קאָן מען זי ניט געבען יענעם צו פערשטעהן בשום אופן... גנה, אשטייגער, געב צו פערשטעהן דעם שכל, פאַר וואָס, למשל, אַז אַ קליין שייגעצעל אין כתרילעווקע, אַז ס'ע דערזעהט אַ אידען, מוז דאָס האַפּען דאָס היטעל אין די צייהן און אנהויבען טרייסלען דאָס אהין און אהער און זינגען בשעת מעשה אַ ליעדעל: „זשיד זשיד! חאַלאַמיד! זאַהוביוו טשערעוויק! אַ יאַ שאָוו! טאַי נאַשאָוו! טאַי פּידניאָוו! טאַי פּישאָוו!“ אָדער פערקעהרט, געהט זייט אַ חכם און גיט צו פערשטעהן דעם שכל, פון וואַנען נעמט זיך דאָס, אַשטייגער, וואָס ביי אַ כתרילעווקער אידען, וויבאַלד ער רעדט פון ניט קיין אידען, אַזוי הויבט ער אָן אויסנוצען וויפיעל ער האָט לשון־קודש־ווערטער: „געב דעם ערל אין די ידים אַ צנצנת יי"ש, נאָר ניט מלא, מיט אַ שטיקעל לחם, וואָרום ער האָט נאָך היינט נאָר ניט גע'אכל'ט, און זיי איהם משלם צוויי זהובים, און לאָז ער הלכ'ענען, נאָר געב אכטונג מיט די עינים, ער זאָל עפּים ניט לקח'ענען“... דאָס זענען פון די זאַכען, וואָס פערשטעהן מיט'ן שכל קאָן מען דאָס ניט, מע בעדאַרף עס פּיהלען.... נאָר מיר קעהרען זיך אום צו די רתרילעווקער און קאַזאַדאַיעווקער אידען.

פאַרהאַן אַזעלכע מאָמענטען אינ'ם מענשענ'ס לעבען, וואָס אַלסדינג ווערד פערגעסען, אַלסדינג ווערד אָפּגעמעקט, גלייך ווי גאָר ניט געווען; און ס'איז אַ גליק, וואָס עס איז אַזוי. אַניט, וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט! גאַנץ גלייך האָבען אונזערע חכמים מתקן געווען, אַז ערב יום־כפור, בשעת מלקות שלאָגען, איז מען זיך איינס דאָס אַנדערע מוחל.

אויך די שנאה פון די כתרילעווקער מיט די קאַזאַדאַיעווקער, אַז זיי האָבען זיך בעגעגענט אין וועג אין אַזאַ שען שטיקעל צייט פון בהלות און לויפעניש, איז מיט אַ מאָל אוועקגעפלויגען, ווי מיט'ן ווינד און מיט'ן רויך — אוים שנאה! און בעגעגענט האָט זיך כתרילעווקע מיט קאַזאַדאַיעווקע פּונקט אויף דער מיט־וועג, אין פעלד, ניט ווייט פון יענעם אָרט, וואו ס'איז אַמאָל געשטאַנען אַ אידישע קרעטשמע, וואָס מען האָט זי גערופען „די דעמבענע“, און וואָס האָט איבער'ן מאַנאַפּאָל געמוזט צומאַכען זיך. עס האָט איהר גאָר ניט געהאָלפען!

אַז כתרילעווקע מיט קאַזאַדאַיעווקע האָבען זיך בעגעגענט, האָבען זיי זיך ביידע אָפּגעשטעלט. און ס'איז צווישען די צוויי פאַרגעקומען אַזאַ מין געשפּרעך:

כ ת ר י ל ע װ ק ע : וואוהין פאָהרען דאָס, אַשטייגער, אידען?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע װ ק ע : וואוהין פאָהרט איהר?

כ ת ר י ל ע װ ק ע : מיר? מיר פאָהרען גלאַט אַזוי, איטליכער מכח זיין עסק, פּאָ דיעלו הייסט עס...

ק אַ ז אַ ד אַ י ע װ ק ע : אַ גאַנצע שטאָדט פאָהרט מכח עסק?

כ ת ר י ל ע װ ק ע : וואָס זענט איהר? ניט קיין גאַנצע שטאָדט?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע װ ק ע : מיר זענען עפּיס אַנדערש; מיר פאָהרען ניט — מיר לויפען.

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : פון וואַנען־זשע ווייסט איהר, אַז מיר — ניט?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע ו ו ק ע : אַט אַזוי זשע רעדט. וואוהין־זשע לויפען דאָס אידען?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : וואוהין לויפט איהר?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע ו ו ק ע : מיר? מיר לויפען... צו אייך.

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : און מיר צו אייך.

ק אַ ז אַ ד אַ י ע ו ו ק ע : וואָס וועט איהר טהון ביי אונז?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : דאָס אייגענע, וואָס איהר ביי אונז.

ק אַ ז אַ ד אַ י ע ו ו ק ע : הערסט! וואָס זשע דאַרפען מיר לויפען צו אייך און איהר צו אונז?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : בכדי, אַפנים, מיר זאָלען זיך בייטען מיט די ערטער?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע ו ו ק ע : ווערטעלעך אויף אַ זייט! איהר זאָגט אונז בעסער דעם שכל: וואָס לויפט איהר?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : וואָס לויפט איהר?...

. . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . .

ערשט אַט־דאָ, אַז די צוויי שטעדט האָבען זיך צערעדט, זיך רעכט בעטראַכט איינס דאָס אַנדערע און אַנגעקוקט זיך אַקוראַט ווי עס געהער צו זיין, מיט זייטיגע אויגען, האָבען זיי אַרויסגעזעהען, וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבען...

— געזעהען אַביסעל? זיך צעלאַזט! מע לויפט! וואָס לויפט מען? וואוהין לויפט מען? אַ לויפעניש אויף זיי!

און מע האָט אָנגעהויבען ווישען די אויגען, וויינען און קרעכצען:

— אַז אַך און אַז וועה איז צו אונז אַלעמען, אויף וואָס מיר זענען איבערגעקומען!

און מע האָט זיך צערעדט, אַנגערעדט ווי די פּויקען, זיך אויסגערעדט דאָס הארץ... און נאָכדעם האָט מען זיך געגעבען

די הענד, מע האָט זיך גאַנץ פיין אָפּגעזעגענט און צעקושט זיך גאָר פריינדליך, ווי אמת'ע גוטע פריינד, ווי מחותנים, וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס משדך געווען, אָדער ווי מאַן און ווייב, וואָס האָבן זיך גע'גט און צוריק גענומען זיך, און מע האָט אויסגע'בטל'ט אַלע בייזע וויסטע חלומות אויף די שונאים'ס קעפּ, און מע האָט זיך געווינטשעוועט איינס דאָס אַנדערע, אַז דערמיט זאָל מען שוין אָפּקומען, געזאָגט מיט אַ ביטערן געלעכטער: „יהי רצון"... און מע האָט אַ וואונק געטהאָן צו די ערלים, זיי זאָלן מוחל זיין פערקערעווען די פערדלעך צוריק.

און די צוויי שטעדט זענען זיך צעפאָהרען צוריק אויף זייערע ערטער: כתרילעווקע קיין כתרילעווקע, קאָזאָדאָיעווקע קיין קאָזאָדאָיעווקע. שטיל, אָהן ווערטער, האָט מען זיך אַריינגעגנב'עט צו זיך אַהיים, ווי די פויגעלעך, איטליכער אין זיין נעסט אַריין. שטיל, אָהן ווערטער, האָט זיך איטליכער גענומען צו זיין אַרבייט, און נאָך לאַנג נאָכדעם פלעגט מען איבער'חזר'ען, איבעררעדען, דערמאָנען זיך נאָך אַ מאָל פון דער שענער בהלה, וואָס ס'איז אויף זיי געווען. און בכדי די שפּעטערדיגע דורות, אונזערע קינדס־קינדער, זאָלען אויך ווענען דעם וויסען, האָבען מיר זיך מטריח געווען בעשרייבען די דאָזיגע שענע עפּאָפּעע אין אונזער פּראָסטער אידישער שפּראַך און אַרויסגעבען זי בעזונדער אין אַ ביכעל, ס'זאָל בלייבען נאָך אונז אַ זכר אויף דור־דורות.

## אויסגעטרייסעלט

געשריבען אין יאָהר 1902.

# אויסגעטרייסעלט

— שאט! — רופט זיך אן א איד מיט קיילעכיגע אויגען, ווי ביי איין אכס, וואס איז געזעסען די גאנצע צייט אין ווינקעל ביי'ם פענסטער און האט געריווכערט און געהערט מעשיות פון גנבות, גזילות, עקספּראָפּריאַציעס. — אט וועל איך אייך דערצעהלען א שענס, אויך מיט א גנבה, וואס האט זיך פארלאָפען ביי אונז, און דוקא אין בית־המדרש האט זיך דאס געטראָפען, און נאך יום־כפור דערצו! איהר מעגט דאס הארכען.

אונזער שטעדטעל כתרילעווקע, — איך בין אליין א כתרילעווּקער — איז א קליין שטעדטעל און איין ארעמס, קיין גנבים איז ביי אונז נישטא. מע גנבה'ט נישט, ס'איז נישטא ביי וועמען צו גנבה'נען, און ס'איז נישטא וואס צו גנבה'נען, און אהן אלעמען איז דאך גלאט א איד קיין גנב נישט. דאס הייסט, א איד איז אפילו יא א גנב, נאר נישט אזא גנב, וואס זאל קריכען דורך א פענסטער, אדער געהן מיט א מעסער יענעם קוילען. דרעהען, אויסדרעהען, אריינדרעהען, פארדרעהען און אפּדרעהען יענעם דעם קאָפּ — דאס מהכתיתי; אבער נישט קריכען יענעם אין קעשענע אריין, מע זאל איהם חאפּען פאר דער האנד און מע זאל איהם נאכדעם באדארפען פיהרען מיט א געלער לאַטקע אויף דער פּלייצע — דאס פּאַסט פאר איוואן זלאדי, אבער נישט פאר קיין אידען... שטעלט אייך פאר, האט זיך ביי אונז אין כתרילעווקע געטראָפען א גנבה, און נאך וואסער א גנבה — אכצעהן הונדערט קארבען אין איין קלאפּ!

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, עס קומט צו פֿאָהרען צו אונז אין שטאָדט אַריין איין אורח, עפּיס אַ איד אַ פּאָדראַטשיק פֿון דער ליטאַ, פּונקט אום ערב יום־כּפּור פאַר מנחה, שטעלט זיך אָפּ, געוויינטליך, אויף איין אכסניה, לעגט־אָפּ דעם קלומעק און לאָזט זיך געהן גלייך אין שוהל אַריין און טרעפט אין אַלטען בית־המדרש. געקומען אין בית־המדרש צו מנחה, טרעפט ער די גבאים ביי דער שיסעל. — „שלום עליכם!“ — „עליכם שלום“. — „פון וואַנען איז אַ איד?“ — „פון דער ליטאַ“. — „מה שמכם?“ — „וואָס איז אייער באָבע’ס דאגה?“ — „איהר זענט דאָך געקומען אין אַ שוהל“. — „וואוהין דען זאָל איך געהן?“ — „ווילט איהר מסתמא ביי אונז דאַווענען?“ — „אַ ברירה האָב איך? וואָס דען זאָל איך טהון?“ — „גיט־זשע עפּיס אין שיסעל אַריין“. — „וואָס דען, אומזיסט וועל איך דאַווענען?“

קיצור־הדבר, אונזער אורח נעמט אַרויס דריי זילבערנע קאַר־בען און גיט אין דער שיסעל אַריין, און אַ חוץ דעם — אינ’ם חזנ’ס טעלער אַ קאַרב, דעם רב אַ קאַרב, אויף דער תלמוד־תורה אַ קאַרב, אין צדקה־טעלער אַ חצי פּויגעל, אַ חוץ וואָס ער האָט צעטיילט די אָרעמע לייט, וואָס ביי דער טהיר, — זיי זענען פאַרהאַן ביי אונז, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל, אַז מע זאָל זיך וועלען צולאָזען צו זיי, באַדאַרף מען צעטיילען רויטשילד’ס פאַרמעגען.

דערזעהען אַזאַ מין אורח, האָט מען דאָך איהם מסתמא אָפּ־געטראָטען אַ שטאָדט סאַמע אין מזרח־וואַנט. אַי, וואו האָט מען גענומען אַ שטאָדט, אַז אַלע שטעדט זענען פאַרנומען? איז קיין קשיא נישט. למאי וואו נעמט זיך איין אָרט, אַז סע מאַכט זיך אַ שמחה, אַ חתונה, אָדער אַ ברית, אַלע זיצען שוין אַרום טיש, פּלוצים ווערד אַ גערודער, — וואָס איז? דער נגיד איז געקומען! קוועטשט מען זיך אַזוי לאַנג, ביז מע מאַכט איין אָרט פונ’ם נגיד’ס וועגען. קוועטשען זיך איז אַ אידישע זאַך; אַז קיינער קוועטשט זיי נישט, קוועטשען זיי זיך אַליין...

דער איד מיט די קיילעכיגע אויגען שטעלט זיך אפּ, בעטראכט דעם עולם, וואָס פאַר איין איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף אונז זיין וויץ, און דערצעהלט ווייטער.

— קיצור־הדבר, אונזער אורח האָט זיך באַזעצט אויבען־אָן און האָט געבעטען ביי'ם שמש אַ שטענדער. אָנגעבויגען זיך איי־בער'ן שטענדער, האָט זיך אונזער אורח צו כל־נדרי אָנגעטהאָן אין טלית און אין קיטעל און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען. האָט ער געדאַווענט און געדאַווענט, די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף די פיס, זיך נישט צוגעזעצט — פון צולעגען זיך שמועסט מען נישט! — ער איז נישט אַפּגעטראָטען פונ'ם שטענדער אויף קיין מינוט. דער ליטוואַק, סיידען דעמאָלט, ווען מע האָט באַדאַרפט זיך שטעלען שמונה־עשרה אָדער פאַלען כורעים... אָפּפּאַסטען אַזאַ טאָג און אויסשטעהן אויף די פיס, זיך נישט צוזעצען אפילו — דאָס קאָן נאָר אַ ליטוואַק!... ערשט נאָכ'ן לעצטען בלאָז, אַז ס'איז גע־קומען צום וואָכעדיגען מעריב, און חיים־חנא דער מלמד (דער מעריב קומט חיים־חנא דעם מלמד פון קדמונים) האָט זיך אָנגעג־הויבען ציקלען: „המעריי־יי־ב ערבים!" — פּלוצים הערט זיך אַ געשריי: „גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!"... מע טהוט אַ קוק — דער אורח ליגט אויף דער ערד און חלש'ט. מע גיסט איהם אָפּ מי'ט וואַסער, מע מינטערט איהם אָפּ — ער חלש'ט ווייטער. וואָס איז די מעשה? אַ שענע מעשה. ער האָט געהאַט מיט זיך, דער ליטוואַק הייסט דאָס, אַכצעהנהונדערט קאַרבען, האָט ער מורא געהאַט, זאָגט ער, זיי איבערצולאָזען אויף דער אַכסניה — אַ וואָר־טעלע אויסצורעדען אַכצעהנהונדערט קאַרבען! וועמען פאַר־טרויט מען אַזאַ מטמון מיט געלט אין אַ פרעמדער שטאָדט? האַל־טען זיי ביי זיך אין קעשענע אום יום־כפור איז עפּיס אויך נישט קיין־פלאַן. האָט ער זיך מיישב געווען, זאָגט ער, און האָט זיי אריינגערוקט שטילערהייד אין שטענדער אריין — אַ ליטוואַק קאָן! אַצינד פאַרשטעהט איהר שוין, פאַר וואָס ער איז נישט אָפּגעטראָ־טען פונ'ם שטענדער אויף קיין מינוט?... נאָר בשעת שמונה־

עשרה שטעהן אָדער בעת כורעים פאַלען האָט, אַפּנים, דאָס געלט עמיצער ארויסגעצ׳לקח׳ענט.

קיצור־הדבר, ער גוואַלדעוועט, ער וויינט, ער לעגט־איין די וועלט: וואָס וועט ער איצטער טהון אָהן געלט? ס׳איז, זאָגט ער, פרעמד געלט, ס׳איז נישט זיינס, ער איז נאָר אַ משולח פון אַ קאַנטאָר, אַ איד איין אָרעמאַן, זאָגט ער, און אַ מטופל מיט קינדער, — עס קומט דאָך איהם איצטער, זאָגט ער, נאָר נעמען און אריינוואַרפען זיך אין וואַסער אריין, אָדער אויפהענגען זיך, זאָגט ער, אָט דאָ אין שוהל פאַר אַלעמען אין די אויגען!!...

דערהערט אַזעלכע דבורים, איז דער גאַנצער עולם געבליבען שטעהן ווי געלעהמט, גאָר פאַרגעסען, אַז ס׳איז נאָך אַ תענית און מע באַדאַרף געהן אהיים גיכער זיך אָפּפאַסטען. ס׳איז אונז געוועזען אַ בזיון פאַר׳ן אורח, אַ חרפה, אַ בושה פאַר זיך אַליין: אַזאַ גנבה, אַכצעהן הונדערט קאַרבען! און וואו? אין בית־המדרש, אינ׳ם אַלטען כתריליעווקער בית־המדרש! און ווען? יום־כפור! אַזאַ מעשה איז ניט געהערט געוואָרען אין דער וועלט!

— שמש! פאַרשליס די טהיר! — אַזוי האָט געגעבען אַ בעפעהל אונזער רב. מיר האָבען אונזער אייגענס אַ רב, הייסט ער רב יוזיפיל, איין אמת׳ער איין עהרליכער איד, אַ כשר׳ער, אפילו נישט אַזאַ איבערגעשפּיצטער, נאָר א מזג־טוב, אַ מענטש אָהן אַ גאַל. ער האָט אין זיך אַמאָל אַזעלכע איינפאַלען, וואָס איהר וועט דערויף קיינמאָל נישט פאַלען, איהר זאָלט זיין מיט אַכצעהן קעפּ! פאַרשלאָסען די טהיר פונ׳ם בית־המדרש, רופט זיך אָן רב יוזיפיל דער רב צום גאַנצען עולם, און אַליין איז ער בלאָס, ווי די וואַנט, די הענט ציטערען איהם און די אויגען ברענען:

— שמעו נא, רבותים, הערט צו, אידען, ס׳איז אַ מיאוס׳ע מעשה! אַזאַ מעשה איז נאָך נישט געהערט געוואָרען זינט די וועלט שטעהט, אַז ביי אונז, אין כתריליעווקע, זאָל זיך געפינען אַזאַ בעל־עבירה׳ניק, אַזאַ פושע־ישראל, וואָס זאָל האָבען אַ פאַטעפאַלנעסט צונעמען ביי אַ פרעמדען מענטשען, נעבאָך אַ טאַטע

פון קינדער, אַזא אוצר מיט געלט, און ווען? אין אַזא הייליגען טאָג, ווי יום־כפור, און אפשר נאָך צו נעילה, — אַזאַ מעשה איז דאָך נישט געהערט געוואָרען זינט די וועלט שטעהט! סע גלויבט זיך מיר גאָרנישט, אַז ס'קאָן געמאַהלט זיין אַזאַ זאַך, סע קאָן נישט זיין בשום ענין ואופן! און אפשר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אידען זענען נעבאָך זשעדנע אַ קערבעל, ובפרט נאָך אַזאַ איין אוצר, אַכצעהנהונדערט קאַרבען, דער יצר־הרע רחמנא ליצלן איז געווען גרוים, טאָמער איז עמיצער פון אונז געשטרויכעלט געוואָרען, באַשערט געוועזן עמיצען נעבאָך איין אומגליק, טהון אַזא איין עבירה אין אַזא טאָג, באַדאַרפען מיר זעהען די זאַך חוקר ודורש זיין, דער־גרונטעווען זיך ביז'ן שורש. הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אַז דער אמת מוז אַרויף ווי בוימעהל אויפ'ן וואַסער. על כן, זאָגט ער, באַדאַרפען מיר זיך באַזוכען איינס דאָס אַנדערע, באַזוכען, באַטאַפּען, טרייסלען אַלע קעשענעס, פונ'ם ערשטען בעל־הבית, זאָגט ער, ביז'ן שמש, נישט דורכלאָזען קיינעם נישט. נאָט, אידען, טרייסעלט מיך!

אַזוי האָט זיך אָפּגעזאָגט אונזער רב, רב יוזיפיל, און האָט זיך דער ערשטער צעגאַרטעלט די קאַפּאָטע און איבערגעקעהרט אַלע קעשענעס אויף דער לינקער זייט. און, אויף איהם קוקענדיג, האָבען אַלע בעלי־בתים זיך צעגאַרטעלט און אויסגעקעהרט די קעשענעס, און מע האָט גענומען באַזוכען און באַטאַפּען און טרייסלען איינס דאָס אַנדערע, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ס'איז געקומען צו לייזער־יוסל'ען, איז ער געוואָרען אַלערליי געשטאַלטען און האָט אָנגעהויבען טענה'ען, ערשטענס, אַז דער אורח איז אַ שווינדלער, ס'איז אַ מאַניפּאַרגע פון אַ ליטוואַק, מע האָט ביי איהם קיינער קיין געלט נישט גע'גנבה'ט, שקר וכזב, — איהר זעהט נישט, אַז ס'איז אַ געמאַכטע זאַך?...

האָט דער עולם אָנגעהויבען ליאַרעמען נאָך שטאַרקער: סטייטש, בעלי־בתים האָבען זיך געלאָזט באַזוכען, פאַר וואָס זאָל מען לייזער־

יוסל'ען אויסמיידען? נישטא קיין מיוחסים! „באזוכען! באַ־זוכען!" — האָט געשריגען דער גאַנצער עולם.

לייזער־יוסיל האָט דערזעהן, אַז ס'איז שלעכט, האָט ער אָנגעהויבען בעטען זיך רחמים, מיט טרערען אויף די אויגען, מע זאָל איהם נישט באַזוכען. ער האָט זיך געשוואָרען מיט כל השבועות, ער זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס, ווי ער איז ריין פון דער גנבה. נאָר וואָס דען? ס'איז איהם אַ בזיון, זאָגט ער, ער בעט, מע זאָל רחמנות האָבען אויף זיינע יונגע יאָהרען און מע זאָל איהם נישט אָנטהון דעם בזיון, מע זאָל איהם נישט באַזוכען. „טהוט מיר, זאָגט ער, וואָס איהר ווילט, נאָר טרייסלען זאָלט איהר מיך נישט!" ווי געפעלט אייך אַזאַ ימח־שמו'ניק? ווי מיינט איהר, אַשטייגער, מע האָט איהם עפּיס געהערט? געלעגט כבוד?...

נאָר שאַט! איך האָב אייך גאָר פאַרגעסען דערצעהלען, ווער איז דער לייזער־יוסיל. דער דאָזיגער לייזער־יוסיל איז אַליין נישט קיין כתרילעווקער, ער איז גאָר אַליין פון אַלדי שוואַרצע יאָהר, נאָר ער שטעהט איין ביי אונז אין כתרילעווקע פאַר איידעם. דאָס האָט איהם אונזער נגיד אויסגעקראַצט פון ערגיץ, זיך באַריהמט, אַז ער האָט דערטאַפּט איין אבן־טוב, געהאַנדעלט אַ מציאה פאַר זיין טאָכטער, טויזענד בלאַט גמרא אויף אויסווענינג, און אַ בעל־תנ"ך, און אַ בעל־לשון־קודש, און אַ בעל־חשבון, תשבורה מיט אַלגעברע, און אַ כתבא־רבא, הכלל מיט אַלע זיבעצעהן מעלות! געבראַכט צו פיהרען די צאַצקע, איז מען געגאַנגען קוקען אויף חדושים: וואָס האָט דאָ דער נגיד איינגעהאַנדעלט פאַר אַ מציאה. מילא, אַזוי אַ קוק טהון אויף איהם, איז גאָר נישט, אַ יונ־גערמאַן אַ זכר, נישט קיין מיאוס'ער יונגערמאַן, נאָר די נאָז אַביסעל צו אַ לאַנגליכע, אויגען ברענענדיגע, ווי צוויי קויהל פייער, און אַ מויל — פּעך און שוועבעל! מע האָט זיך גענומען מיט איהם פאַר־הערען אַ בלאַט גמרא, אַ קאַפּיטעל פּסוק, אַ שטיקעל רמב"ם, דאָס, יענץ — אש להבה! ער איז קלאָר, דער הונט, אומעטום, ווי אַ גוי אין אשרי, וואו מע טהוט איהם אַ חאַפּ, איז ער אין דערהיים!

רב יוזיפיל אליין האט אויף איהם געזאגט, אז ער מעג זיין א רב בכל תפוצות ישראל... און פון די אלע היינטיגע זאכען שמועסט מען נישט. איהר קאנט פארשטעהן, ביי אונז איז פארהאן איינער א גאנצער חקרן, זיידעל רב שעיה'ס, א רעכטער משוגע'נער, איז ער א הונט אקעגען לייזער־יוסל'ען! היינט זיין שפיעלען אין שאך פארמאגט נישט די גאנצע וועלט! אז מע שמועסט א געראטענער!

אודאי האט די שטאדט מקנא געווען אונזער נגיד אויף אזא תכשיט, חאטש אפילו דער עולם האט געשמועסט, אז דער תכשיט איז געחאפט אויף דער מעשה. דהיינו? ס'איז נישט געפעלען דער עולם, וואס ער איז צו קלוג (וואס צו — איז איבעריג) און איז צו פיעל איין עניו ביי זיך, א גוטער ברודער מיט איטליכען באַזונדער, זאפאני־בראטא מיט'ן קלענסטען פונ'ם קלענסטען, עס מעג זיין א בחור, עס מעג זיין א מיידעל, עס מעג זיין איין אשת־איש... היינט איז נישט געפעלען דאס ארומגעהן זיינס — פארטראכט, קומט אין שוהל אריין שפעטער פון אלעמען, טהוט אן דעם טלית און קוקט אין „באר־מים־חיים", אדער אין „אבן־עזרא" אריין, די יארמעלקע פון יענער זייט, און דאווענען נישט א לעק! מע זאל עפּיס זעהן אויף איהם שלעכטס האט מען נישט געזעהען גאר נישט, נאר געמורמעלט האט מען, אז קיין גרויסער ירא־שמים איז ער נישט — א מענטש מיט אלע מעלות קאן נישט זיין!

כך הוה. אז ס'איז געקומען צו לייזער־יוסל'ען און מע האט זיך גענומען צום בחור, וואס איז די מעשה, וואס ער לאזט זיך נישט באזוכען — דאס איז דאך שוין א סימן, אז דאס געלט איז ביי איהם! מאכט ער: לאז מען איהם געבען א שבועה דאורייתא, לאז מען איהם שניידען, בראקען, בראטען, ברענען, אבי נישט טרייסלען די קעשענעס! דא איז שוין אונזער רב רב יוזיפיל, חאטש ער איז א מענטש אהן א גאל, אויך ארויס פון די כלים און האט זיך צעשריגען אויף איהם:

— דו אזעלכער און אזעלכער! ביזט דאך ווערטה, מע זאל דיך וויים איך וואס! סטייטש, דו זעהסט, סע צאפּט זיך אידען

בלוט, אַלע זענען מוחל אויפ'ן בזיון און לאָזען זיך באַזוכען, ווילסט דו זיין אַ יוצא מן הכלל? ! ממה־נפשך, אָדער זיי זיך מודה און געב־אָפּ דאָס געלט, אָדער ווייז די קעשענע! דו שפּיעלסט זיך מיט, קיין עין־הרע, איין ערה אידען? מע וועט דאָך דיר דאָ איך וויים אַליין נישט וואָס!

קיצור־הדבר, דער עולם האָט איהם גענומען, דעם שענעם בחור, מע האָט איהם אַנידערגעלעגט מיט גוואַלד און מע האָט איהם גענומען באַזוכען און באַטאַפּען, טרייסלען אַלע קעשענעס, און מע האָט ביי איהם אויסגעטרייסעלט... אַנו, טרעפט וואָס? אָפּ־געגריזעטע ביינער פון אַ פּערטעל עוף און אַ פּאָר טוץ נאָך גאָר פרישע קערלעך פון נאָר־וואָס אויפגעגעסענע פלוימען! איהר פאַרשטעהט, וואָס פאַר אַ חן דאָס האָט געהאַט, אַז מע האָט אויס־געטרייסעלט ביי אונזער תכשיט דעם דאָזיגען אוצר?... איהר פאַרשטעהט, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט, און דער שוועהר זיינער, דער נגיד, און דער רב נעבאָך?... אונזער רב יוזיפיל האָט זיך פאַר בזיון אָפּגעקעהרט אין אַ זייט, נישט געקאָנט קוקען גלייך אין די אויגען אריין. און אַז דער עולם איז נאָכדעם געגאַנגען פון בית־המדרש אַהיים אָפּפאַסטען זיך, האָט מען נישט אויפגע־הערט צו דערצעהלען פונ'ם אוצר, וואָס מע האָט אויסגעטרייסעלט ביי'ם תכשיט און מע האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער! נאָר איין רב יוזיפיל איז געגאַנגען איינער אַליין, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרזאָרגט און פאַרצאַרענט, נישט געקאָנט קוקען קיינעם אין די אויגען אריין, גלייך ווי מע וואָלט דאָס אויסגעטרייסעלט ביי איהם אַליין...

דער איד האָט, ווייזט אויס, געענדיגט זיין געשיכטע, וואָרום ער האָט זיך גענומען צוריק צום רויכערען.

— נו, און דאָס געלט? — האָבען מיר איהם אַ פרעג גע־געבען אַלע אין איין קול.

— וואָסער געלט? — מאַכט צו אונז דער איד תמ'עוואַטע און בלאָזט דעם רויך.

— וואס הייסט וואסער געלט? די אכצעהנהונדערט...

— א־א־א? — ציהט ער אוים. — די אכצעהנהונדערט? פארפאלעז.

— פארפאלען?

— פאר — פא — לען!!!

# די גאָלדשפּינערס

געשריבען אין יאהר 1909.

# די גאָלדשפּינערס

## א קורצער אריינפאהר.

די „גאָלדשפּינערס" — פרעגט זיי עפּיס גרינגערס, ווי אזוי שפּינט מען דאָס גאָלד? דאָס האָט מען זיי נאָר אזאַ נאָמען געגעבען אין בתרילעווקע מחמת קנאה; מען איז זיי מקנא, פערשטעהט איהר מיך, וואָס זיי זענען גרויסע פערדיענער. דאָס הייסט, קבצנים זענען זיי, ניט פאַר אייך געדאַכט, גלייך מיט אלע בתרילעווקער אָרעמע-לייט, נאָר אז עס קומט פּורים, פערדיענען זיי שטיקער מיט גאָלד. דער אויבערשטער האָט זיי געבענשט אלע פון זיין ברייטער האנד, יעדען מיט א בעזונדער טאַלאַנט, און מענשען מיט טאַלאַנט איז די וועלט מקנא. דאָס איז שוין אזוי אלט, ווי די וועלט איז אלט. מיר ווילען זיך דעריבער גאָר ניט אפּשטעלען אפילו אויף א מינוט און געהען אריבער גלייך צו אונזערע בעשרייבונגען.

---

## א.

### דער קאָפּ פון די גאָלדשפּינערס: נפתלי מיט די פּיס.

נפתלי מיט די פּיס איז א איד מיט סכנות-לאַנגע פּיס, וואָס הויבען זיך אָן ביי איהם כמעט פון דעם האלז. קיין מענש איז ניט אימשטאַנד מיט נפתלי'ן צו געהן און ניט בלייבען פון הינטען;

ניט מחמת דער גאַנג איז ביי איהם אַזאַ גיבער, נאָר ווייל דער שפּאַן איז אַ ברייטער. אַט, דאַכט זיך, זעהט איהר איהם אויף דער זייט גאַס. איהר טהוט זיך אַ ריהר — אַהאַ, ער איז שוין אויף יענער זייט. די דאָזיגע פיס — דאָס איז נפתלי׳ס קאַפּיטאַל, זיינע כּלי־זין, זיינע ברויט־געבער. בקיצור, נפתלי איז אַ איד אַ מעקלער.

קומט צו פאָהרען אַ פּריץ קיין כתרילעווקע איין מאָל אין אַ יובל, דערשמעקט נפתלי, אַז אַ פּריץ איז געקומען, טהוען איהם אַ טראָג די פיס אויף דער אַכסניא: „אדוני פּריץ, וואָס איז דיין באַגעהר?“ — און וואָס דער פּריץ זאָל ניט בעגעהרען, וועט איהם נפתלי ברענגען אין איין מינוט: אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ שמיעד, אַ דיענסט, אַ פערד, אַ טאַראַנטאַס, אַ צירולניק, אַ פעלדשער, אַ מכשף, אַ שוואַרץ־יאָהר. קיין „ניין“ איז גאָר נישטאָ ביי איהם. דער גאַנצער חסרון איז, וואָס נפתלי איז ניט איינער אויפ׳ן יריד. פאַרהאַן אין כתרילעווקע, אַחוץ איהם, נאָך מעקלערס. וויפיעל אידען, כמעט אַזוי פיעל מעקלערס, און יעדענפאַלס — מעהר מעקלערס, ווי פּריצים.

פון דעם איז גרינג צו פערשטעהן, וואָס פאַר גאָלדענע געשעפטען נפתלי מיט די פיס מאַכט און ווי שעןן ער וואָלט אויסגעזעהן, ווען גאָט־ברוך־הוא זאָל ניט מזכה זיין זיין ליעב פאָלק ישראל מיט דעם ליעבען, טייערען, פריילּיכען, לעבעדיגען יום־טוב פּורים. אין דעם דאָזיגען ליעבען, טייערען, פריילּיכען, לעבעדיגען יום־טוב האָט זיך אַרויסבעוויזען נפתלי׳ס טאַלאַנט מיט זיין גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ. נפתלי איז אַ געבאָרענער אַרטיסט, און פּורים־שפּיעל איז ווי אַנגעמאָסטען פאַר זיינע לאַנגע פיס.

אין פּלוג וועט אייך אויסקומען אפשר קאָמיש. וואָס קעהר זיך אַן פּורים־שפּיעל צו פיס? האָט קיין פאַראיבעל נישט, עס קעהר זיך אָן זעהר שטאַרק! נפתלי איז נישט קיין אחשורוש, נישט קיין המן, נישט קיין מרדכי און נישט קיין ושתי. ער איז נישט מעהר, ווי אַ ממוכן, אַ מין הויפּמייסטער ביי׳ם קעניג אחשורוש; און ווער עס איז בעקענט מיט׳ן בעריהמטען אחשורוש־שפּיעל,

דער וועט פערשטעהן, אז די ראַליע פון ממוכן איז זעהר א וויכ־טיגע ראַליע. אויף ממוכנ׳ען, קאַן מען זאָגען, שטעהט דאָס גאַנ־צע שפּיעל. דאַרף מען אריינרופען ושתי׳ן, זי זאָל קומען פאַר׳ן קעניג אחשורוש א נאַקעטע, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, — איז ממוכן. דאַרף זיך דער קעניג האַלטען איין עצה, וואָס טהוט מען מיט ושתי׳ן, וואָס זי וויל נישט געהן קיין נאַקעטע, — איז ממוכן. דאַרף זיך מרדכי דורכרעדען דיפּלאָמאַטיש מיט אסתר׳ען, — איז ממוכן. הכלל — ממוכן דאָ, ממוכן דאָרט, ממוכן און ממוכן! און איהר בעדאַרפט זעהן, ווי אונזער ממוכן ארבייט מיט די פיס. אַט האָט איהר אייך א ביישפּיעל:

עס עפענט זיך אויף די טיר און עס קומען אריין די פּורים־שפּיעלער מיט׳ן ברייטען „גוט יום־טוב“. נאַטירליך, בלייבען אַלע אקטיאָרען שטעהן האַרט ביי די ווענד, מיט די הענד אראָפּ; נאָר איין ממוכן טרעט־ארויס מיט די לאַנגע פיס, מיט א שווערד אין דער האַנד און מיט א פּאַפּיערענעם ספּאַדיק אויפ׳ן קאָפּ, א שפּאַן אהער, א שפּאַן צוריק — און שיט מיט גראַמען, ווי פון א ראַזשעק (בסוד דאַרף מען אייך אויסזאָגען, אז די אַלע גראַמען, וואָס איהר בעגעגענט אָט דאָ, געהערען טאַקי צו ממוכנ׳ען, דאָס הייסט, נפתלי מיט די פיס האָט זיי אַליין אויסגעטראַכט פון זיין קאָפּ):

„איך, ממוכן, דער הויפּמייסטער,
פונ׳ם קלוגען קעניג אחשורוש
דער שטאַלמייסטער,
ב׳ין געשיקט צו ושתי׳ן דער קעניגין,
זי זאָל זיך פאַר די געסט טון טאָן פאַרניייגון
א נאַקעטע, א באָרוויסע, ווי ביי׳ם זיידען
אדם הראשון אין גן־עדן.
אריין, אריין, אריין,
מלכה ושתי דו מיין!“

רייסט זיך אָפּ פון דער וואַנד די מלכה ושתי (בערעל פּאַנ־פּאַטש) און ענטפערט איהם אָפּ אויך מיט גראַמען, און אויך

נפתלי'ס ארבייט. אביסעל אונטער דער נאָז און אביסעל מיט א קוויטש אויף א וויינענדיגען ניגון פון חתן־תורה:

„קומט אהער, אלע פרויען פון פרס ומדי
און אלע האַרינטעס פון שושן,
וועלען מיר זיך מיט אייך
א ביסעל דורכשמועסען.
הערט, ווי מיין געמאהל
וויעדערשפעניגט אין דער תורה,
געננג ער איז א טפש, איז ער נאָך
א שכור הגדול הגבור והנורא..."

דעמאָלט ווערד ממוכן אנגעצונדען, טהוט א שפאַן מיט זיינע לאַנגע פיס הין און צוריק און הויבט אָן שיטען מיט גראַמען. זיין אייגענע ארבייט:

„וואָס זאָגט איהר אויף דער הולטייקע? געפעלט אייך א שפּראַך?
וואָס האָב איך דאָ מיט איהר צו רעדען א סך?
איך זאָל וויסען, אז דער קעניג וועט ניט זיין אין כעס,
נעם איך אראָפּ דעם קאָפּ אָט דער מרשעת..."

הויבט אויף דער קעניג אחשורוש (משה פלעצעל) א לאַנגען שטעקען, ארומגעוויקעלט מיט גאָלדפאַפּיער:

„פון מיינטוועגען מעגט איהר אייך אלע קעפּען, שטעכען אָדער הענגען,
אבי מע זאָל נאָר אהער דאָס ביסעל משקה ברענגען.
וואָס האָט איהר, מיניסטאָרען, אראָפּגעלאָזט די נעזער,
אמעהר, גיסט בעסער אָן פולע גלעזער,
וועלען מיר טרינקען וויין,
וועלען מיר שכור זיין,
ביז'ן וויסען טאָג אריין!"

חאַפּט אונטער די גאַנצע קאָמפּאַניע:
„וועלען מיר טרינקען וויין,
וועלען מיר שכור זיין,
ביז'ן ווייסען טאָג אַריין!“

טרעט־אַרויס מרדכי (נחמיה דער שוסטער), איין אָפּגעריסענער, מיט אַ האָרב און מיט אַ באָרד פון פלאַכס, פערנויגט זיך פאַר'ן קעניג און רעדט צו ממוכנ'ען און ווינקט עפּיס זעהר מאָדנע מיט די אויגען, מאַכט מיט די הענד און זינגט מיט אַ מיתה־משונה־ניגון:

„היות ווי זיין מאַיעסטעט איז איין אַלמן געבליבען,
און מע האָט אין אַלע 127 מדינות צעשריבען,
מע זאָל איהם ברענגען מיידלעך פון דער גאַרער וועלט,
פון שענעם יחוס און מיט געלט,
לכן האָב איך פאַר איהם אַ כלה —
אַזאַ יאָהר מעג שוין זיין אויף אונז אַלע:
אַ מויד, ווי אַ צימעס, גרין אַזוי ווי גראָז,
אַ ביסעל אַ ראַבעטיני מיט אַ לאַנגער נאָז,
איהר נאָמען איז אסתר,
קיין ברידער און קיין שוועסטער,
ניט קיין טאַטען, ניט קיין מאַמען,
ניט קיין פריינד און ניט קיין קרובים,
אַ יונג קינד פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג,
אַחוץ שבתים און יום־טובים...“

טהוט ממוכן ווידער אַ שפּאַן מיט די פיס הין און צוריק, רעדט מיט פייער:

„אדרבה, לאָז זי קומען אהער,
און זיך טון טאָן פאַר'ן קעניג אַ קעהר,
און אויב זי וועט איהם געפעלען,
וועט ער איהר די קרוין אויפ'ן קאָפּ אַוועקשטעלען.
און דו, מאַנדריש, פאַר דיין שדכנות,

ווערסטו באקומען א המן־טאש מיט מאהן שלח־מנות...
אריין, אריין, אריין,
אסתר מַלכּה דו מיין!"...

און ערשט דא הויבט זיך אָן דער רעכטער קנאק: נפתלי׳ס פיס זענען שטארקער פון אייזען, אז זיי טראָגען איבער אזא פורים׳דיג שטיקעל אַרבייט. דערפאַר אָבער לעקט ער אָפּ א פעט ביינדעל, ווארום ער איז דאך, קאָן מען זאָגען, דער רעזשיסער פון דער טרופּע, דער בעל־הבית, דער מחבר און דער קאסירער.

— ער שפּינט גאָלד, שטיקער גאָלד, אָט דער איד, אז עס קומט פורים!

אזוי זאָגען אויף איהם די כתרילעווקער אידען, וואָס זענען איהם פשוט מקנא, ניט אזוי אויף זיין טאלאנט, ווי אויף זיין פּרנסה.

ב.

ד י ג אָ ל ד ש פּ י נ ע ר י ן: ר י ו ו ע ל ע ד י ז י ס ע.

כתרילעווקע זאָל אַלע טאָג נוצען צוקערלעקאך, פלאָדענס און פלעדלעך, אזוי ווי מע נוצט דאָס דאָרטען פורים צו שלח־מנות, וואָלט נפתלי מיט די פיס פערשפּאָרען זיין א גאַנץ יאָהר א מעקלער און פורים א קאָמעדיאַנט. זיין ווייב, ריוועלע די זיסע, וואָלט איהם אויפהאַלטען מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד מיט כבוד. ווארום אויב נפתלי איז בעריהמט מיט זיינע פיס, איז זיין ווייב ריוועלע נישט ווינציגער בעריהמט מיט איהרע הענד.

ריוועלע איז אויף דער פיגור א ווייבעלע א קליינינקע, א דאַרינקע, א טרוקענע, א פערזעהעניש, און אַקעגען איהר מאַן נפתלי זעהט זי אויס, ווי א פערטעל עוף. א קוק טהון אויף איהר — ווער וועט זאָגען, אז דאָס ווייבעלע פערזאָרגט א גאַנצע שטאָדט מיט צוקער־געבעקס, אז עס קומט פּורים, ווען אידען שיקען איינער דעם אַנדערען שלח־מנות? מאָהלט אייך, ס׳איז פאראַן נאָך

ווייבער אין כתרילעווקע, וואָס פערנעמען זיך מיט דער זעלבער פּרנסה. ווער אָבער פערמאָגט אַזעלכע גאָלדענע הענד, ווי ריוועלע די זיסע? איהרע טאָרטען מיט איהרע לעקאָכער, איהרע שטרודלען און מלכות־ברויטלעך, איהרע מאַהנדלעך און אינגבערלעך, מיט איהרע געצוויקעלטע קישעלעך האָבען זיך קונה שם געווען אין דער גאַנצער וועלט און דערלאַנגט אַזש קיין יעהופּעץ, דורך אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפען. ומעשה שהיה כך היה:

איינער אַ לץ פון די כתרילעווקער לצים, וואָס זענען דאָר־טען אַזוי פיעל, וויפיעל שטערען אין הימעל, האָט זיך געוואָלט מאַכען אַ שפּאַס איבער דער שטאָדט כתרילעווקע און איבער די פּראָדוקטען, משטיינס געזאָגט, וואָס די שטאָדט גיט־אַרויס. וואָס זשע טהוט אַזאַ לץ? איז ער זיך מיישב איינמאָל אויף אַ טשי־קאַוועס און שיקט אַוועק דורך דער פּאָסט שלח־מנות פון די אויבען־דערמאָנטע זאַכען, וואָס ריוועלע די זיסע גרייט אָן לכבוד פּורים, צו זיינעם אַ רייכען קרוב קיין יעהופּעץ. צום שלח־מנות האָט ער ביינעלעגט אַ בריעף, זעהר שען געשריבען, אין וועלכען ער בעט דעם רייכען קרוב, ער זאָל קיין פאַראיבעל ניט האָבען פאַר'ן „שי־קעכטס, וואָס ער שיקט איהם", וואָרום אין כתרילעווקע איז קיין „ע ר ג ע ר ע ש י ק ע כ ט ס ע ן" נישט צו געפינען. ווי אי־בערראַשט אָבער, שטעלט אייך פאָר, איז אָט דער לץ, אַז ער בע־קומט פון זיין רייכען קרוב אַ דאַנק־בריעף מיט אַ בקשה, ער זאָל תיכף ומיד צעגויפקויפען פון די דאָזיגע זיסע זאַכען וויפיעל ס'איז נאָר מעגליך און למען השם רעכט איינפּאַקען און אָפּשיקען דורך פּאָסט אויפ'ן נגיד'ס רעכענונג קיין יעהופּעץ (ווער ווייסט ניט, אַז נגידים בכלל, און יעהופּעצער בפרט, האַלטען פון דער אכילה, און האָבען ליעב אַ זיסען ביסען?). פון דעמאָלט אָן ווערד פון יאָהר צו יאָהר אַרויסגעשיקט צום נגיד קיין יעהופּעץ אַ גאַנ־צער טראַנספּאָרט פון ריוועלע'ס זיסע זאַכען אויף פּורים. און אָט אַזוי איז ריוועלע'ס נאָמען געוואָרען מפורסם אַזש אין יעהופּעץ.

ג.

## שניט־צייט.

ריוועלע זאָל אָבער דארפען ארויסקוקען אויפ'ן יעהופּעצער נגיד אַליין, וואָלט זי בלוי בעשטאַנען. דער עיקר פּדיון איז ביי איהר אויפ'ן אָרט. די עטליכע טעג, וואָס פאַר פּורים זעלבסט, האָט ריוועלע די זיסע ממש קיין הענד נישט. בערעכענט אייך: אַליין באַקען, אַליין פערקויפען, אַליין פערפּאַקען און אַליין רעכע־נען זיך מיט אַלע בעלי־בית'טעם — צו די חשבונות אַליין דאַרף מען האָבען אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער!

אָט האָט איהר אייך אַ מוסטער, ווי אזוי ריוועלע רעכענט זיך מיט אַ נגיד'ס אַ ווייב, וואָס טראָגט פּערעלעך אין דער וואָכען און הייסט שרה־פּערעל:

— פון אייך קומט, שרה־פּערעל, אזוי גרויס, ווי פאַר אַ האַלב טוץ לעקאָכלעך מיט ראָזינקעס עובר לסוחר צו זעכס גראָשען, זעכס מאָל זעכס — וויפיעל איז זעכס מאָל זעכס? דאַכט זיך, דריי־און־דרייסיג? און פיער קומיש־ברויטלעך האָט איהר גענומען צו אַכט גראָשען, עס קאָסט מיך אַליין צו זיעבען, איך זאָל אזוי זיין געזונט, פיער מאָל אַכט איז אַכט־און־פערציג; היינט צוויי פּלעדלעך גרויסע אָהן פאַרפעלעך און דריי פּלעדלעך קליינע מיט פאַרפעלעך, וועל איך אייך רעכענען פאַר די פּלעדלעך ארום און ארום פינף שטיק צו פיער־און־צוואַנציג גראָשען, עס קאָסט מיך טייערער, לאָמיר ביידע אזוי זיין געזונט! פינף מאָל פיער־און־צוואַנציג וויפיעל איז? ס'זאָל זיין זעכס מאָל, וואָלט דאָך געווען אַ קערבעל מיט זעכס גראָשען, און אַז פינף מאָל, איז, אפנים, אזוי גרויס, ווי אַ קערבעל אָהן זעכס גראָשען. וויפיעל־זשע האָבען מיר אינאיינעם, הייסט עס: דריי־און־דרייסיג און אַכט־און־פער־ציג איז צוויי־און־אַכציג, און אַ קערבעל, איז אַנדערהאַלבען קערב־לעך מיט צוויי־און־צוואַנציג, געהט אראָפּ זעכס גראָשען, איז וויפיעל בלייבט פון אַנדערהאַלבען קערבלעך מיט צוויי־און־זעכציג

קאָפּיקעס, אַז מע נעמט אַראָפּ זעכס גראָשען? ניט קיין רובעל מיט נייענציג?

— אַ גוט יום־טוב! וואָסערע צוויי־און־זעכציג? וואו האָבען זיך גענומען צו אייך צוויי־און־זעכציג?

אַזוי צעשרייט זיך שרה־פּערעל, און ביידע ווייבער נעמען זיך צום חשבון ווידער אַ מאָל פון׳ם אָנהויב.

— זאָלט איהר מיר געזונט זיין, שרה־פּערעלע, דער חשבון איז דאָך, ווי אויפ׳ן טעלער; אַ האַלב טוץ לעקאַכלעך מיט ראַזינקעס עובר לסוחר צו זעכס גראָשען אַ שטיקעל, איז זעכס מאָל זעכס — וויפיעל איז זעכס מאָל זעכס? ניט קיין צוויי־און־פערציג?...

— מזל־טוב! ס׳וואַכסט ביי אייך! פריהער איז ביי אייך אויסגעקומען דריי־און־דרייסיג, איצט איז שוין געוואָרען צוויי־און־פערציג! קיין עין־הרע ניט!

עס העלפט נישט. ווייבאַלד עס קומט צו געלד, אַזוי מוז מען אַנקומען צו אונז, מאַנסבילען. און ריוועלע רופט אָפּ נפתלי׳ן פון די אַקטיאָרען, און נפתלי האָט פיינט, אַז מע רייסט איהם אָפּ פון דער אַרבייט, איז ער אין כעס סכנות.

— איין אַקציע מיט די ווייבער! קיין צוויי מיט צוויי קאָנען זיי אייך ניט צענויפרעכענען. נו? אַרויס מיט׳ן חשבון, נאָר גיך און געשווינד, דער טאָג שטעהט נישט!

אַזוי זאָגט נפתלי מיט גרימצאָרן, און מע רעכענט איהם אויס דאָס גאַנצע צעטעל, ביידע ווייבער אין איין אָטעם. נפתלי האָרכט מיט צוגעמאַכטע אויגען, רעכענט אויף די פינגער און ווערד גיך פערפּלאָנטעט און פערטומעלט און נאָך מעהר אין כעס, און ער פאַלט אָן אויפ׳ן ווייב:

— איך האָב דיר געזאָגט טויזענד מאָל, אַז ווייבאַלד דו האָסט אַזאַ קעצענעם מח און קאָנסט נישט צענויפרעכענען קיין צוויי מיט צוויי, היינט וועלכע גוטע יאָהר טרייבט דיך, זאָלסט פאַרקויפען דיין סחורה הורט! לאַחדים פאַרקויפט מען, איינציגווייז!

למשל: וואס האט איהר גענומען? א לעקאכעל? גיט אהער זעכס גראשען! נאך א לעקאכעל? נאך זעכס גראשען! א פלעדעל? לעגט־אנידער פיער־און־צוואנציג גראשען! נאך א פלעדעל? נאך פיער־און־צוואנציג גראשען!

שרה־פערעל דער נגידית שטעהט אפילו ניט אן די מעשה. מע זאל זיך מיט איהר רעכענען אט אזוי א, ווי מיט א קבצנ'טע, נאר זי האט קיין אנדער ברירה נישט. וואו וועט זי נעמען אזא צוקער־געבעקס אויף שלח־מנות, אז ניט ביי ריוועלען? קומט פורים, איז ריוועלע די מיוחסת. איטליכער האט זיך זיין צייט, און אז מע דארף דעם גנב, נעמט מען איהם פון דער תליה... ניט אומזיסט איז איהר די גאנצע שטאדט מקנא:

— גאלדענע הענד... שיט־אן גאלד...ביידע שיטען זיי אן זעק מיט גאלד, אז סע קומט פורים!...

## ד.

## דער יונגער גאלדשפינער: נח שניצלער.

ווענען גאט גיט א זיסע שטימע צום זינגען, וועמען הענד צום שפּילען, וועמען פיס צום טאנצען; — נח'ן, נפתלי'ס עלטע־רען זוהן, האט די נאטור געבענשט מיט א טאלאנט צום שניצען.

נאך אז נח איז געווען א קינד, איז ער ארומגעגאנגען א צע־קיילטער, א צעביילטער פונ'ם פאטער'ס קלעפּ און פון דער מוטער'ס שטשיפּאלקעס: „א יונגעלע זאל דיר האבען א טבע טאג ווי נאכט ארומגעהן און שניידען און בראקען און שניצלען און שניצלען און שניצלען!“...

בכדי ארויסצושלאגען פונ'ם קינד דאס משוגעת פון „שניצלען“, האט מען איהם אפּגעגעבען אין חדר אריין און אנגעזאגט דעם רבין הונדערט מאל, ער זאל איהם איבערברעכען די הענד, טאמער וועט מען איהם זעהן האלטען א מעסערעל! זאל ער בעסער זעהן וואס מעהר לערנען! דעם רבינ'ס לערנען האט אבער נישט גע־

האָלפּען גאָרנישט: נח איז אַרויס פון חדר מיט זעהר ווינציג תורה. דערפאַר האָט ער אָבער אַרויסגעוויזען זעלטענע בריה'שאַפט צום שניצען. און געשניצט האָט ער אַלסדינג, וואָס סע איז איהם געקומען פאַר די אויגען. עס האָבען זיך געפונען מבינים אין כתרילעווקע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז ביי דעם בחור'על איז די הענד זיצט אַ רוח, ניט אַנדערש; ווען ער זאָל זיין אין אַ גרויסער שטאָדט, וואָלט פון איהם אַרויס... זיי ווייסען אַליין נישט, וואָס פון איהם וואָלט אַרויס. דערווייל מעגען איהם אָפּ־דאַרען די הענטלעך, וואָרום ער האָט צעשניצט אַלע בענק מיט אַלע שטענדערס, וואָס אין בית־המדרש, אויסגעשניצט אויף זיי מענשעלעך מיט פויגעלעך מיט, להבדיל, חזירים... פאַר די חזירים האָט נח בעקומען אַ רעכטע פּאַרציע פון טאַטען, פון דער מאַמען, פונ'ם רב און פונ'ם שמש און פונ'ם בעדער — ווער עס האָט גע־האַט גאַט אין האַרצען, דער האָט איהם אַריינגעלעגט, וויפיעל ס'איז אין איהם אַריין:

— אַ יונגאַטש קאָן! אין אַ מקום־קדוש חזירים!...

דאָס האָט אָבער ניט אָנגעלערענט אונזער „שניצלער". דער פונק, וואָס האָט געטליהעט ביי איהם אינווענינ בירושה פונ'ם גרויסען בצלאל, וואָס אין חומש, האָט איהם נישט געלאָזט צו־רוה, ביז זיין טאַלאַנט האָט זיך אַרויסגעוויזען מיט זיין גאַנצער קראַפט דורך אַ צופאַל, ווי אַלע גרויסע ענטדעקונגען אין דער וועלט קו־מען אומגעריכט, דורך אַ זייטיגער סבה.

דאָס איז געווען עטליכע טעג פאַר פורים, האָט מען איהם געקויפט אַ מתנה, אַ הילצערנעם גראַגער מיט אַ המן־קלאַפּער, אויף שלאָגען המנ'ען אין בית־המדרש צו דער מגילה. נח האָט דעם גראַגער מיט'ן המן־קלאַפּער בעטראַכט פון אַלע זייטען, שטילער־הייד צענומען אויף שטיקלעך און צענויפגעשטעלט צוריק — און דאָ איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז ווען ער זאָל נאָר האָ־בען מיט וואָס, וואָלט ער געמאַכט אַ גראַגער מיט אַ המן־קלאַפּער. וואָס וואָלטען פערשטעקען אין גאָרטעל אַלע גראַגערס מיט

אַלע המן־קלאַפּערס פֿון דער גאַנצער וועלט. נח'ן האָט געפעהלט דערצו נאָר צוויי זאַכען: מאַטעריאַל און אינ־סטרומענטען, דאָס הייסט, האָלץ און אַ מעסערעל. וואָס טהוט מען? מילא, מיט האָלץ איז קיין דאגה נישט: האָלץ קאָן מען אַוועק'לקח'ענען ביי דער מאַמען פֿון אונטער'ן אויווען. וואו נעמט מען אָבער אַ אינסטרומענט? אַ מעסערעל וואו קריגט מען? און נח איז געפאַלען אויף אַ המצאה (אַ ליכטי־גער קאָפּ!): ער האָט גענומען דעם גראָגער מיט'ן המן־קלאַפּער און איז אַרוים מיט זיי אויפ'ן מאַרק פערקויפען, און פאַר'ן געלד וועט ער קויפען אַ מעסערעל. האָט זיך אָבער געטראָפען איין אומגליק (מיט אַלע ערפינדער טרעפען זיך אומגליקען!): דער ערשטער קונה, וואָס נח האָט זיך צו איהם געווענדט, ער זאָל ביי איהם קויפען אַ מציאה, האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און צוגעפיהרט גלייך צום פאָטער:

— וואָס איז די מעשה, רב נפתלי, אייער קליינער האַנדעלט שוין מיט גראָגערס?

דאָס פערשטעהט אַ מינדסט קינד, אַז קודם כל האָט דער ערפינדער בעקומען זיין פּאַרציע פעטש, וואָס איהם קומט, און ערשט נאָכדעם, אַז נפתלי האָט זיך גענומען צום זוהן אויספאַרשען, אויף וואָס דאַרף ער אַזוי נויטיג געלד, און אַז נח האָט איהם דורך טרערען זיך מודה געווען, דערצעהלט דעם אמת'ען אמת, וואָס איהם קוועטשט, האָט איהם דעמאָלט דער פאָטער ערשט מקיים פסק געווען, איהם אָנגערופען מיט'ן נאָמען „בהמה בצורת פערד" און האָט איהם געקויפט אַ מעסערעל און האָט איהם אליין אויסגעקליבען האָלץ, און נח האָט זיך אַוועקגעזעצט אַרבייטען אויף אַלע כלים, עס האָט געברענט ביי איהם אונטער די הענד, אַזוי אַז אין איין טאָג זענען בעשאַפען געוואָרען עטליכע גראָגערס מיט המן־קלאַפּערס, נאָר אַזעלכע, וואָס די שטאָדט איז געגאַנגען קוקען אויף חדושים, און אַלע האָבען אָפּגעגעבען נפתלי'ן מזל־טוב:

— איהר האָט שוין, רב נפתלי, מיט אייער זוהן גאָר נישט וואָס צו זאָרגען. ער איז שוין אַ פאַרזאָרגטער...

פון דעמאָלט אָן ווייסט שוין די גאַנצע שטאָדט פון איין עק ביז'ן אַנדערען, אַז אַ גראָגער אין גלייכען געלד, אָדער אַ המן־קלאַפּער, אָדער אַ קאַלאַקאַטקע אויף פּורים — דאָס קריגט מען ביי נפתלי'ס זוהן, נח שניצלער. און וויפיעל נח זאָל ניט אָנגרייטען קיין סחורה, ווערד זי אויסגעפערקויפט עד לפק. אַלע יאָהר, אַז דער פּורים געהט אַוועק, קאָנט איהר הערען פון נח'ן די אייגענע ווערטער:

— היינטיגס יאָהר איז געווען אַ יאָהר פון גראָגערס.

נישט אומזיסט איז די שטאָדט מקנא נפתלי'ן אויף זיינע קינדער:

— אַ הצלחה פון גאָלדשפּינערס! — זאָגט כתרילעווקע מיט אַ זיפץ. — נישט געגוג, ער פאַרדיענט פון איין זייט און זי פון דער אַנדערער זייט, שיטען אָן געלד, אַז סע קומט פּורים, דאַרפען זיי נאָך האָבען אַזעלכע גאָלדענע קינדער!...

## ה.

## די קליינע גאָלדשפּינערלעך.

אויב איהר ווילט זעהען אַ שענס און ס'זאָל אייך ניט קאָסטען טייער, טאָ פאָהרט זיך דורך, זייט מוחל, אויף פּורים קיין כתרי־לעווקע, שטעלט זיך אָפּ אויף וואָס פאַר איין אכסניה איהר ווילט און קוקט דורכ'ן פענסטער אין דרויסען ארויס, וועט איהר עפּיס זעהען. פון גאַנץ פריה אָן טיאָפּקען איבער דער בלאָטע, לויפען, ווי די פער'סמ'טע מייז, פון איין שטוב אין דער אַנדערער, יונגלעך מיט מיידלעך, אונטערגעבונדען מיט פעטשיילעס, צום מיינסטען באָרוויסע, חאָטש ס'איז נאָך קאַלט אין דרויסען און סע וועהט אַ שנייעלע. אין די הענד האַלטען זיי אָדער גרויסע בעקענס, אָדער טעלער און טעלערלעך, אָדער שאַלען און שעלעכלעך, איבערגע־דעקט מיט ווייסע טישטיכלעך. דאָס טראָגען אידישע קינדער

שלח־מנות, וואָס די כתרילעווקער ווייבער שיקען איינע דער אַנדער, בייטען זיך מיט די פּורים'דיגע גוטע זאַכען, וואָס ריוועלע די זיסע האָט אַנגעגרייט.

— איטע־לאה האָט מיר געשיקט צוויי פלעדלעך מיט אַ מלכות־ברויטעל, מיט אַ צוקערלעקאַכעל און מיט צוויי מאַנדעל־בייגעלעך — שיק איך איהר אָפּ צוריק איין פלעדעל מיט צוויי מלכות־ברויטלעך, מיט צוויי צוקערלעקאַכלעך און מיט איין מאַנדעל־בייגעלע. און יענטע־מירעל האָט מיר געשיקט אַ קישעלע מיט צוויי קומיש־ברויטלעך, מיט צוויי שטרודלען און מיט אַ מאַהינדעל — שיק איך איהר אָפּ צוריק צוויי קישעלעך מיט איין קומיש־ברויטעל, מיט איין שטרודעל און מיט צוויי מאַהינדלעך.

אַזוי קאָמבינירען די כתרילעווקער דאַמעס די שלח־מנות'ען קונציג און מיט אַ רעכענונג, ס'זאָל אויסקומען אי פיין, אי ניט־פערשעמט, אי איינס אויף איינס. און מחמת די שטאָדט לעבט צווישען זיך פריינדליך, איז דאָ זעהר אַ סך ערטער אויף צו שיקען די שלח־מנות'ען. דורך אייגענע דיענסטען אָדער קינדער איז אונמעגליך דאָס אויספיהרען. מע מוז אָנקומען צו פרעמדע. דער־מאָלט ווערד אַ יקרות אויף אָרעמע יונגלעך און מיידלעך, וואָס האָבען פיס און ווילען פערדיענען אויף פסח.

גליקליך זענען יענע פּאָטער־און־מוטער, וואָס פערמאָגען וואָס מעהר יונגלעך און וואָס מעהר מיידלעך. אין כתרילעווקע זענען פאַרהאַן אַ סך אַזעלכע גליקליכע; נאָר גליקליכער פון אַלע זענען די גאָלדשפּינערס, ווייל אַזוי פיעל מיידלעך און אַזוי פיעל יונגלעך, ווי ביי נפתלי'ן, איז זעלטען צו געפינען אפילו אין כתרילעווקע. וויפיעל נפשות — קאָן איך אייך אַקוראַט ניט זאָגען; פרעמדע קינדער טאָר מען ניט צעהלען, לאָזען זיי וואַכסען געזונדערהייד. ווען מאַכען זיי קאַלי? ווינטער ליגען זיי אונטער'ן אויווען נאַקעט, איינס אויף דאָס אַנדערע, אַזוי ווי די ווערים, און זומער־לעבען וואַלגערען זיי זיך אין דרויסען אויפ'ן מיסט, שפּיעלען אין „באַבקעלעך“, אָדער אין „קאַמער־קאַמער־הויז“, אָדער אין „וויפיעל

מייל איז צו אײך צעהלט אײך", אָדער מע „לאָזט א רעגנען", דאָס הייסט, מע הויבט אויף אַזא שטויב, אַז עס ווערד פינסטער אין גאַס, מע קאָן דערשטיקט ווערען! דעמאָלט פליהען פּעטש מיט קולאַקעס, מיט בעבענצים, מיט קללות, וואָס געפינען זיך ניט אין דער תוכחה:

— א, געהן זאָלט איהר אויף קולים! שטעהן זאָלט איהר פּראָוועצעס! זיצען אין געהאַקטע וואונדען! ליגען אין ווערים!...

דערפאַר אָבער, אַז עס קומט פּורים, פיהלט חברה קליינ־וואַרג, אַז זיי האָבען אויך עפּיס א ווערטה, און א גרויסען ווערטה. מע צערייסט זיי דעמאָלט אויף שטיקלעך. א כתרילעווקער מאַדאַם, אַז זי בעשטעלט בעצייטענס ביי ריוועלען שלח־מנות, בעשטעלט זי שוין מיט א קינד, א יונגעל אָדער א מיידעל, אויף צו טראָגען דעם שלח־מנות. און ריוועלעס קינדער, די יונגלעך מיט די מייד־לעך, צעלאָזען זיך איבער אַלע גאַסען פון דער שטאָדט, מיט איבער־געדעקטע בעקענס, שאַלען און שעלעכלעך; די בעקלעך ביי זיי פלאַמען, די שטערנס שוויצען און די אויגען ברענען. זיי בע־געגענען זיך אַפּטמאָל איינס מיט'ן אַנדערען אין דער בלאָטע, נאָר זיי האָבען קיין צייט נישט אָפּשטעלען זיך אפילו אויף א מי־נוט, א קוק טהון איינס דאָס אַנדערע אין שלח־מנות אריין. נאָר לויפענדיג פאַרביי, וואַרפט מען זיך דורך מיט האַלבע ווערטער, וואָס א זייטיגער מענש וועט זיי אפשר נישט אינגאַנצען פער־שטעהן:

— פּעטעלעלע! וואוהין?

— צו לאה'צי די גראָבע. און דו, קרומע פּיסעל?

— צו אַלטעריכע מיט די לאָקשען... עפּיס געמאַכט?

— נאָך א מין! און דו?

— איך האָב שוין א קערבעל מיט צוויי פערציגער מיט א גילדען מיט צוועלף גראָשען. און דו וויפיעל?

— קיין צייט געהאַט איבערצוצעהלען. נאָר כ'האָב מורא, אַז מעהר ווי דו.

— וויש אפ די נאז!
— ברעך דעם קאפ!
און מע צעגעהט זיך, דער אהער, דער אהין.
די כתרילעווקער בעלי־בתים זיצען שוין לאנג ביי דער פורים־דיגער סעודה, זינגען „שושנת יעקב“, קלויבען פערגעניגען פון נפתלי מיט די פיס און פון זיינע פורים־שפיעלער, און נפתלי'ס קינדער לויפען נאך אלץ ארום פון שטוב צו שטוב מיט די שלח־מנות'ען און נעמען צענויף ביי דער שטאדט די גראשענס. און די שטאדט טרייבט מיט זיי קאטאוועס:
— יונגעלע, קום נאר אהער. וועמענס ביזט דו? ניט נפתלי'ס?
— נפתלי'ס.
— האסט האטש אנגעשלאגען היינטיגען טאג א הונדערטער, צי עפיס ווינציגער?
— חי־חי.
— זאג, שעם זיך נישט.
— חי־חי.
— אט אזוי, ווי איהר קוקט דאס אן מיט'ן געלעכטערעל „חי־חי“, וועט דאס ברענגען אהיים א פולע קעשענע מיט גאלד!... א שטוב פון גאלדשפינערס!

ו.

## די גאלדשפינערס ביי דער סעודה.

כתרילעווקע איז שוין לאנג אויפגעשטאנען פון דער פורים־דיגער סעודה. א סך טראכטען מכח לעגען זיך שלאפען, און נאך מעהר שלאפען שוין און חראפען גאנץ געשמאק נאכ'ן ביסעל משקה, וואס מע האט גענומען צוליעב דער שמחה, וואס מע האט גע'פטר'ט א שונא — המן'ען. נאר איין משפחה האט זיך ערשט אוועק־געזעצט צום טיש אפרעכטען די סעודה, אויפגעשניטען דעם גרוי־

סען געפלאָכטענעם קוילעטש און זיך גענומען צו דער אַרבייט לעבעדיג, פריילין.

דאָס זענען — די גאָלדשפּינערם.

אַלע זענען זיי אויסגעהונגערט, מיעד, פּיהלען נישט די פּיס אונטער זיך, און אַלע האָבען צו דערצעהלען פונ'ם טאָג מעשיות. גאַנצע פּעק מיט מעשיות! נפתלי — פון זיינע פּורים־שפּיעלער, ווי גוט זיי האָבען היינט געשפּיעלט, אויסגעצייכענט גוט! נאָר איין ושתי האָט אַביסעל אונטערגעהונקען אויף דער עברי.

— ס'זאָל אויף איהם קומען אַ חלירע ביז חול־המועד פּסח! וויפּיעל מע לערענט איהם, אַט דעם ושתי'ן, ער זאָל זאָגען: „וויע־דערשפּעניגט אין דער תורה" — קומט ביי איהם אוים אויף זיין פּאַנפּע: „פינף הונדערט אין דער גזירה". וואָסער גזירה, אַ רוח אין דיין שוויעגער'ס טאַטען אריין? נאָר געה רעד מיט אַ פּאַנפּעוואַטע נאָני!

דאָס דערצעהלט נפתלי. און ריוועלע האָט צו דערצעהלען נאָך שענערע זאַכען, פון איהרע קונה'טעס, וואָס דינגען זיך ביז'ן בליין. איינע אַ דאַמע האָט זיך מיישב געווען און האָט גאָר גע־וואָלט אוועק'גנב'ענען אַ פלעדעל.

— מאָהל דיר, נישט ביי מיר גנב'עט מען. „וויפיעל פלעדער־לעך, זאָג איך, מאַדאַם, האָט איהר אַפגעלעגט?" זאָגט זי: „פיער". זאָג איך: „נו, און דאָס פינפטע וואָס איז?" ווערד זי רויט און מאַכט צו מיר: „ס'איז דען אויך אַ פלעדעל?" זאָג איך: „וואָס דען איז דאָס, אַ וואַנטזייגער?" זאָגט זי: „איך האָב געמיינט, אַז ס'איז אַ האָניגטייגעל". זאָג איך: „נו, און אַ האָניגטייגעל איז אַ הונט?"...

אַזוי דערצעהלט ריוועלע. און די מעשיות, וואָס נח האָט צו דערצעהלען, דרעהען זיך, געוועהנליך, אַרום אַ גראַגער.

— היינטיגס יאָהר איז געווען אַ יאָהר פון גראַגערס. אַלע האָבען זיך געחאַפּט צו גראַגערס. נאָר גראַגערס, גראַגערס און גראַגערס. איך בין נאָך נעכטען בייטאָג געבליבען אָהן איין גראַ־

נער. קומט־צו אַלע מאָל צו מיר איין אנדער איד, איך זאָל איהם געבען אַ גראַגער. זאָג איך: „איך האָב נישט קיין גראַגערס". זאָגט ער: „ס'איז נישט קיין תירוץ, דו מוזט מיר געבען צוויי גראַגערס!" זאָג איך: „וואו זאָל איך אייך נעמען גראַגערס?" זאָגט ער: „וואו זענען דיינע גראַגערס?"

— ווֶעסט אַמאָל אויפהערען צו גראַגערען, צי ניין?

אַזוי זאָגט צו איהם דער פאָטער, און נח לאָזט אַראָפּ די אויגען, בויגט זיך אָן און שנייצט אויס די נאָז אונטער'ן טיש. דאָס געפעלט דוקא דער חברה קליינוואַרג. איצט איז געקומען אויך זייער צייט צו דערצעהלען גליקען פון זייער שלח־מנות טראָגען; פאַרהאַן אַזוי פיעל צו דערצעהלען און צו דערצעהלען, אַז ס'וועט חאַפּען ביז פסח. דערווייל איז ערשט פורים, און מען איז אויסגעמיעדט פון'ם טאָג, און מע דאַרף געהן שלאָפען.

און יונגוואַרג צעגעהען זיך אויף זייערע ערטער הינטער'ן אויווען, פאַלען, ווי די סנאָפּעס, און ווערען אַנשלאָפען מיט'ן זיסען שלאָף פון גליקליכע מענשען, וואָס האָבען געהאַט אַ גוטען, אַ געראָטענעם יריד...

## ז

## די גאָלדשפּינערס צעהלען דאָס גאָלד.

עס איז שוין העט־ווייט אין דער נאַכט. כתריל־וועקע האַלט שוין לאַנג אין רעכטען שלאָף נאָך דער גרויסער פורים'דיגער סעודה מיט די שלח־מנות'ען. נאָר צוויי פאַרשוינען אין דער גאַנצער שטאָדט זענען נאָך וואַכעדיג און טראַכטען אפילו נישט וועגען געהן שלאָפען. דאָס זענען די גאָלדשפּינערס, נפתלי מיט די פיס און זיין ווייב ריוועלע די זיסע. שטיל האָבען זיי צוגעשלאָסען די טיר, פאַרהאַנגען די פענסטער און האָבען זיך גענומען צו דער קאַסע. זיי ווילען צענויפרעכענען דאָס ביסעל מזומנ'ס, וואָס די גרויסע גאָלדשפּינערס מיט די קליינע גאָלדשפּינערלעך האָבען

אריינגעבראכט אין דעם דאָזיגען גליקליכען טאָג, און קאָנען נישט. זיי צעהלען און צעהלען און קאָנען נישט איבערצעהלען; אָדער ער האָט אַ טעות אין חשבון, אָדער זי האָט אַ טעות. זיי ברענען איינס אויף דאָס אַנדערע.

— קיין צוויי מיט צוויי זאָל אַ אידינע נישט קאָנען איבער־צעהלען!

אַזוי זאָגט דער מאַן, און דאָס ווייב ענטפערט איהם:

— נו, פאַר וואָס זשע צעהלסט דו נישט, אַז דו קאָנסט, בעל־חשבון מיינער?

— צעהל דו, דו קאָנסט בעסער!

— ניין, צעהל דו, דו קאָנסט בעסער!

איהר זאָלט גאָר קיין מורא נישט האָבען, טאָמער חלילה צע־קריעגען זיך מאַן און ווייב. איצט איז נישט קיין צייט פון קריעגען זיך. איצט דאַרף מען מאַכען אַ רעכענונג, וואָס מע קאָן און וואָס מע דאַרף און וואָס מע מוז קויפען: שוכוואַרג פאַר זיך און קאַ־פּאָטקעלעך מיט קליידלעך פאַר די קינדער — דאָס איז נומער איינס. היינט מצה אויף פּסח? היינט שמאַלץ? אַ דייזשקעלע באָרשט? אַ זעקעל קאַרטאָפלים?... און מערקווירדיג! וויפיעל זיי זאָלען נישט רעכענען, וויפיעל זיי זאָלען וועלען זיין אויסברענגערס, פּרע־מערס, געלד־ברענערס, שאַרלאַטאַנעס פון דער וועלט, קומט אויס, אַז ס'וועט נאָך אַלץ זיין גענוג, סיי אויף שוכוואַרג פאַר זיי, סיי אויף קאַפּאָטקעלעך מיט קליידלעך פאַר די קינדער, סיי אויף מצות מיט שמאַלץ, מיט אַ דייזשקעלע באָרשט, מיט אַ זעקעל קאַר־טאָפלים אויף פּסח...

און ביי זיי ביידען צעפלאַקערען זיך די פּנים'ער און צע־ברענען זיך די אויגען, די בעקלעך ווערען רויט און די הערצער וואַכסען, און ביידע פיהלען זיי, אַז די וועלט, וואָס גאָט האָט בעשאַפען, איז, כּלעבען, גאָר נישט אַזאַ שלעכטע וועלט, און די מענשען זענען, כּלעבען, גאָר נישט אַזעלכע שלעכטע מענשען.

נישט מעהר, וואָס אידען זענען מקנא אויף פּרנסה, פערגינען נישט, טאָמער האָט איינער אַ גוטען טאָג, איין טאָג אַ גוטען!

— פאַרברענט זאָל ווערען אַט דאָס כתרילעווקע! אַ שטאָדט פון נישט־פאַרגינערס!

אַזוי זאָגט נפתלי, און ריוועלע נעמט זיך אָן דער שטאָדט'ס קריוודע:

— אָרעמע־לייט, משטיינס געזאָגט...

— אָרעמע־לייט, זאָגט זי? אַלץ הייסט ביי איהר אָרעמע־לייט, חע־חע! כתריליקעס! דלותים! שלעפּערס! בעטלערס! קבצנים! דלפנים! עניים ואביונים!!

— ניט דאָ געדאַכט! — זאָגט ריוועלע מיט שרעק. זי האָט פּשוט מורא פאַר אַ גוט אויג.

און פון דרויסען לאָזט זיך הערען, מע ווייסט נישט פון וואַנען, אַ ווייט קרעהען פון אַ בעקאַנטען האָהן, איין אַלטער חזן מיט איין אויסגעזונגענער כּלי. אָנהויבען הויבט ער אָן דוקא נישקשה'דיג, מיט'ן ברען און מיט'ן קוויטש, און אויסלאָזען לאָזט ער אוים מחילה שוואַכליך, אויף דער נידעריגסטער אָקטאַווע, און עפּיס ווי מיט אַ ווידערוואָנאַנד:

— קו! — קאָ! — רי! — קאָו! — או?

עס קומט אויס גלייך, ווי ער וואָלט זיך אַליין פרעגען אַ קשיא:

— אַלטער נאַר! וואָס שרייסט דו?

אין דרויסען איז בלויליך. עס שאַריעט אויף טאָג.

## בערעל-אייזיק

דערצעהלט וואונדירים פון אמעריקא.

געשריבען אין יאהר 1915.

# בערעל־אײזיק

„אמעריקא איז א לאנד פון בלאף“... „אמעריקאנער בלא־פערם“...

אזוי זאגען די פרעמדע. גרינגע חיות — זיי הויבען ניט אן צו וויסען וואס זיי זאגען. אמעריקא מעג הייצען די פעטשערעס אין כתרילעווקע, און אונזער בערעל־אייזיק וועט פערשטעקען אין גארטעל אלע אמעריקאנער בלאפערס!

איהר קאנט פערשטעהן ווער בערעל־אייזיק איז, אז טאמער מאכט זיך ביי אונז אין כתרילעווקע, איינער האט זיך אביסעל פערדרעדט, אויף אייער אמעריקאנער לשון וועט דאס הייסען: ע ר ה א ק ט א ט ש ײ נ י ק, שטעלט מען איהם אפ מיט די ווערטער: „בערעל־אייזיק האט דיר געלאזט גריסען“ — שטויסט ער זיך שוין אן וואס מע מיינט און ער ווערד אנשוויגען.

איין אנעקדאט דערצעהלט מען ביי אונז אין כתרילעווקע פון איינעם א אידען א חצות, וואס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר בערעל־אייזיק'ען. פסח איז דער מנהג ביי די גויים, אז זיי בעגעגענען זיך, זאגען זיי זיך אן איינס דאס אנדערע א גוטע בשורה, אז כריסטוס איז לעבעדיג געווארען — „כריסטאס וואס־קרעס“. דערויף ענטפערט איהם דער צווייטער: „וואאיסטינו וואסקרעס“ — ס'איז אמת, הייסט דאס, ער איז לעבעדיג גע־ווארען... טרעפט זיך א מעשה, בעדארף א כריסט זיך בעגעגע־נען מיט יענעם אידען דעם חצות און מכבד זיין איהם מיט'ן פסוק

„כריסטאָס וואָסקרעס“... ווערד איהם שלעכט, דעם אידען: וואָס זאָל ער טהון? ענטפערען דעם גוי „וואָאיסטינו וואָסקרעס“ — ווייסט ער, אז ס'אליגען און ס'איז קעגען אונזער גלויבען... זאָגען איהם: ניין, ער איז ניט לעבעדיג געוואָרען — קאָן מען דאָך חאַפּען פאר אזעלכע ווערטער אַ מיאוס'ען פּסק... איז ער זיך מיישב און רופט זיך אָן צום כריסט: „יאָ, איך האָב עס שוין געהערט היינט פון אונזער בערעל־אייזיק'ען“...

היינט שטעלט אייך פאָר, אז אַט דער בערעל־אייזיק איז אַוועק קיין אַמעריקאַ, אָפּגעווען דאָרט היבשע עטליכע יאָהר און איז געקומען צוריק — וואָס פאר וואונדירים דער איד האָט זיך אָנגעדערצעהלט פון דעם אַמעריקאַ!

„ערשטענס — דאָס לאַנד. ארץ זבת חלב ודבש. מענטשען מאַכען געלט, מע זשעברעוועט מיט ביידע הענט, מע שאַרט גאָלד! און געשעפטען, „ביזנעס“ הייסט דאָס דאָרטען, איז פאַרהאַן אַזוי פיעל, אַזש דער קאָפּ דרעהט זיך! וואָס איהר ווילט — דאָס טהוט איהר. ווילט איהר אַ פאַבריקע — איז אַ פאַבריקע, עפענען אַ סטאָרקע — איז אַ סטאָרקע. שטופּען אַ פּושקאַר — איז אַ פּושקאַר. אַניט — נעמט איהר זיך צו פּעדלעריי, אָדער איהר געהט ארבייטען אין אַ שאַפּ — אַ פרייע מדינה! איהר קאָנט אייך גע־שוואָלען ווערען פון הונגער, אויסציהען זיך אין גאַס, וועט אייך קיינער ניט שטעהרען, קיין וואָרט ניט זאָגען...

„היינט די גרויס פון די שטעדט! די ברייט פון די גאַסען! די הויך פון די הייזער! פאַרהאַן דאָרט אַ „הייזקע“, רופט מען זי די „וואָלוואָרט“, שפּאַרט אָן דער שפּיץ קוימען גלייך אין דער חמאָרע אריין און נאָך העכער; אַ סברה, אז די הייזקע פאַרמאָגט עטליכע הונדערט עטאַזשען. ווי אַזוי קריכט מען אַרויף אויפ'ן בוידעם? דורך אַזאַ לייטער, וואָס מע רופט איהם „עלעווייטער“. אז איהר באַדאַרפט האָבען עמיצען אויפ'ן אויבערשטען עטאַזש, זעצט איהר זיך אַוועק אונטען, אויפ'ן עלעווייטער, גאַנץ פּריה,

קומט איהר צו פאהרען אהין ארויף ערשט פארנאכטליך, אזוי ארום מנחה צייט.

„איך בין א בעלן געווען אמאל זיך דורכפאהרען ארויף, א קוק טהון אויף א טשיקאוועסט, וואס טהוט זיך דארט — האב איך קיין חרטה ניט. דאס, וואס איך האב דארטען געזעהען, וועל איך שוין ניט זעהן קיינמאל. און ווי איך האב געפיהלט — לאזט זיך גאר ניט באשרייבען. שטעלט אייך פאר, איך שטעה מיר פון אויבען און קוק מיר אראפ, פלוצים דערפיהל איך אויף מיין לינקער באק עפים א מאדנע קעלט און א גלאטע, עפים ווי אייז; און ניט ווי אייז, נאר ווי שטארק פארקיהלטע פעטשא, גליטשיג און דרי־ליוואטע. איך דרעה־אוים פאוואלי דעם קאפ לינקס, איך טהו א קוק — ס'איז די לבנה.

„היינט דאס לעבען זייערס איז נאר געיאגט, און נאר גע־לאפען, און נאר געחאפט זיך. „אריהאפ" הייסט דאס ביי זיי. אלסדינג איז בחפזון, און אפילו עסען עסט דאס אויך אויף איין פוס. מע חאפט זיך אריין אין א רעסטאראן און מע הייסט זיך געבען א שנאפס, און אויף צו פארבייסען האב איך אליין געזעהען, ווי מען האט איינעם דערלאנגט עפים אויף א טעלער, א פריש, א צאפעלדיגס, און ביז ער האט דאס צעשניטען, איז איין האלב אוועקגעפלויגען אויף איין זייט, די אנדערע האלב אויף דער אנ־דערער זייט, און דער חברה־מאן איז פארטיג געווארען מיט זיין אנבייסען.

„פון דעסטוועגען זאלט איהר אנקוקען ווי געזונט זיי זענען! אייזען! גבורים! ביי זיי איז א מאדע שלאגען זיך אין סטריט. אין מיטען גאס הייסט דאס. ניט זיי מיינען אייך שלאגען. הרג'ענען, אונטערשלאגען איין אויג, אויסשלאגען א פאר צייהן. ווי ביי אונז. חלילה! נאר גלאט אזוי, מע פארקאטשעט די ארבעל און מע גיט זיך קלעפ, מע וויל זעהן ווער וועמען. ביי זיי ווערד עס אנגערופען אויף זייער לשון: מע פ י י ט ע ל ט זיך. אייב־

מאָל בין איך געגאַנגען שפּאַציערען אין די בראָנקס, געטראָגען מיט זיך אַביסעל סחורה, געהען אַקעגען מיר צוויי באַיעס, לויפערס, יונגאַטשעס הייסט דאָס, און טשעפּען זיך צו מיר — זיי ווילען זיך פּייטלען מיט מיר. זאָג איך: „נאָסער — איך פּייטעל זיך ניט". אַהין־אַהער, זיי לאָזען מיך ניט געהן ווייטער. בין איך זיך מיישב, אַז איהר זענט יאָ אַזעלכע, וועל איך אייך באַווייזען, ווער עלטער איז. און געה און לעג אַוועק דאָס פּעקעל און וואַרף אַראָפּ די קאַפּאָטע, און אַז איך הויב אָן חאַפּען קלעפּ — קוים אַ לעבעדיגער אַרויס פון זייערע הענט! אַז זיי זענען צוויי און איך בין איינער! פון דעמאָלט אָן פּייטעל איך שוין מעהר ניט, מע זאָל מיך אַפּגילטען.

„היינט זייער לשון! אַלסדינג איז ביי זיי פאַרקעהרט און ווי אויף צו־להכעיס. למשל, אַז ביי אונז איז קיך — איז ביי זיי קיטשען. אַז ביי אונז איז קצב — איז ביי זיי בוטשער. אַז ביי אונז איז אַ שכן — איז ביי זיי אַ נעקסדאָריגער. אַ שכנה — אַ נעקסדאָריגע. אַ בעל־הבית'טע — אַ לענדלאָריכע. אַלסדינג קאַפּויר. אַנומעלטען האָב איך געוואָלט קויפען אַ האָהן אויף שלאָגען כפּרות. זאָג איך צו דער מיסעס, זי זאָל מיר קויפען אַ הוהן. פרעגט זי מיך: „אַ הוהן גאָר? אַ הוהן איז דאָך פאַר מיר!" זאָג איך: „לאָז זיין אַזוי — אַ הוהן פאַר מיר און פאַר אייך אַ היהן". זאָגט זי: „וואוהין?" איז זי נאָך אַ ליטוועטשקע אויף צו די צרות! און ביי די ליטוואַקעס וועט איהר דען דערגעהן אַמאָל אַ טאָלק? אַז אַ היהן איז ביי זיי אַ הוהן, און אַ הוהן אַ האָהן — אַ מעשה אָהן אַיין עק! פאַל איך אויף אַ המצאה און זאָג איהר: „קויפט מיר דעם דזשענטעלמען פון די היהנער". אוודאי האָט זי פאַרשטאַנען און ערשט דעמאָלט מזכה געווען מיך מיט'ן שענעם וואָרט „אָלרייט". וואָס איז כמעט אַלץ איינס, וואָס ביי אונז „מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? אָד, מיט'ן גרעסטען בזיון!"...

„היינט דעם כבוד, וואָס מיר, אידען, האָבען דאָרטען! קיין אומה ולשון איז דאָרט ניט אַזוי געהויבען, געהויכט און גע־

קרוינט, ווי דער איד. א איד איז דארט גאר א גאנצער צימעס. עס איז גאר א יחוס, אז מען איז א איד. איהר קאנט באגעגע־נען, למשל, סוכות א אידען אין מיטען „פיפטע עווענין״ מיט א לולב און מיט איין אתרוג און האט קיין מורא ניט, מע זאל איהם דערפאר איינזעצען. אז איך זאג אייך, אז מע האט דארט ליעב דעם אידען, איז דאך ניט שייך. פיינט האט מען דארט נאר א אידישע בארד און פאות. „וויסקעס״ הייסט דאס אויף זייער לשון. דערזעהען זיי א אידען מיט וויסקעס, לאזען זיי דעם אידען צורוה, נאר די וויסקעס ציפען זיי איהם אזוי לאנג, ביז ער מוז זיי אראפ־נעמען, אפגאלען. דעריבער זענען דארט דאס רוב אידען אהן בערד און אהן וואנסים. דאס פנים גלאט ווי א טעלער. שוועך צו דערקענען, ווער ס'א איד און ווער ניט. אז ניט קיין בארד און ניט קיין לשון, סיידען נאכ'ן אימפעט, בעת ער געהט, און נאכ'ן מאכען מיט די הענט, בעת ער רעדט... ווייטער זענען זיי אידען. אידען מיט אלע פישטשעווקעס. היטען־אפ אלע אידישע מנהגים, האבען ליעב אלע אידישע מאכלים, האלטען פון אלע אידישע יום־טובים. פסח איז פסח. מצות באקט מען דארט א גאנץ קיילעכיג יאהר, און אויף חרוסת איז דא א באזונדערע פאבריקע, א „פעקטארי״ הייסט דאס דארטען. טויזענדער און טויזענדער אר־בייטער זיצען אין דער פעקטארי און זיי „מאנופעקטשורען״ חרוסת. און אויך פון כרפס און פון מרור מאכען דארטען אידען א לעבען — איהר שפיעלט זיך מיט אמעריקא?...״

— יא, בערעל־אייזיק, דאס איז אלסדינג זעהר פיין, וואס דו דערצעהלסט. דו זאג נאר איין זאך, וואס מיר וואלטען ווע־לען וויסען: מע שטארבט דארטען אין אמעריקא אויך אזוי ווי דא? צי מע לעבט דארטען אייביג?

„מע שטארבט, פאר וואס זאל מען ניט שטארבען? אין אמעריקא, אז מע טהוט א שטארב, איז טויזענד אין איין טאג, צעהן טויזענד, און צוואנציג טויזענד, און דרייסיג טויזענד! גאנ־

צע גאסען פאלען דארטען איין! שטעדט ווערען איינגעזונקען אזוי ווי קורח!... איהר שפיעלט זיך מיט אמעריקא?"

— שא, ווי באלד אזוי, וואס איז מיט זיי דער יחוס? שטארבען זיי, הייסט דאס, גלייך מיט אונז?

„יא, שטארבען שטארבט מען, נאר ווי אזוי שטארבט מען — אט דאס איז די זאך. און ניט אזוי נאר דאס שטארבען. שטארבען שטארבט מען אומעדום אלץ איינס. פונ'ם טוידט שטארבט מען. דער עיקר איז דאס באהאלטען — אט וואס! ערשטענס, איז אין אמעריקא דער איינפיהר, אז יעדער ווייסט פריהער וואו מע וועט איהם באהאלטען. ווארום ער געהט אליין, נאך בעת ער לעבט, און קלויבט זיך אליין אויס איין ארט אויפ'ן בית־עולם — „סעמעטעריע" הייסט עס דארטען — און דינגט זיך אזוי לאנג, ביז ער גלייכט זיך אויס פאר'ן פרייז. נעמט ער די פלונית'טע זיינע און פאהרט זיך דורך מיט איהר אויף דער סעמעטעריע און זאגט איהר: „זעהסטו, נשמה מיינע? אט דא וועסט דו ליגען, אט דא וועל איך ליגען, און דארט וועלען ליגען אונזערע קינדער"... דערנאך געהט ער אוועק אין דעם אפים פון לויה'ס און באשטעלט זיך א לויה איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, וואס פאר א קלאס ער וויל. און קלאסען זענען דארטען פארהאן אזוי גרויס ווי דריי: ערשטע, צווייטע און דריטע קלאס. ערשטע קלאס, פאר גאנץ גרויסע גבירים, מיליאנערען, קאסט טויזענד טאלער א לויה. איז דאס שוין איין מאל א לויה! די זונן שיינט, אין דרויסען איז א חיות. די מטה איז אויף א שווארצען קאטאפאלק, מיט זילבער באלעגט. די פערד זענען אלע אנגעטהאן מיט שווארצע פאפאנעס און ווייסע פעדערן. די רעווערענטען — רבנים, חזנים, שמשים — אויך אין שווארצען מיט ווייסע קנעפ, און קארעטעס נאך דער מטה — אהן א שיעור קארעטעס! און אלע קינדער פון אלע תלמוד־תורה'ס געהען אויף צו פריהער און מע זינגט אויף א קול אויסגעצויגען: צ־ד־ק ל־פ־נ־י־ו י־ה־ל־ד ו־י־ש־ם

ל־ד־ר־ך פ־ע־מ־י־ו !... פונ׳ם דאזיגען געזאַנג קלינגט די שטאָדט; אַ קליינינקייט — טויזענד טאַלער ?!...

„צווייטע קלאַס איז אויך אַ פיינע לויה, קאָסט שוין נאָר פינף הונדערט טאַלער, און איז שוין ניט דאָס. דער טאָג איז שוין ניט אַזוי פויגעלדיג. די מטה איז אויך אויף אַ שוואַרצען קאַטאַפאַלק, נאָר אָהן זילבער באַלעגט. די פערד מיט די רעווע־רענטען זענען אָנגעטהאָן אין שוואַרצען, נאָר אָהן פעדערען און אָהן קנעפּ. קאַרעטעס געהען נאָך, נאָר שוין נישט אַזוי פיעל. קינדער — נאָר פון עטליכע תלמוד־תורה׳ס געהען אויף צו פריהער און זינגען שוין נישט אַזוי אויסגעצויגען: צדק לפניו יהלך — וישם לדרך פעמיו! דאָס זינגען איז טרויעריג, מיט׳ן נוסח ווי מע זאָגט תהלים — ווערדליג פינף הונדערט טאַלער...

„דריטע קלאַס איז שוין גאָר אַ געמיינע לויה און קאָסט אין גאַנצען איין הונדערטער. אין דרויסען איז שוין קיהל, חמאַרנע־וואַטע. די מטה אָהן אַ קאַטאַפאַלק. פערד אײנגאַנצען צוויי, און רעווערענטען אויך צוויי. קאַרעטעס — קיין איינע ניט. קינדער נאָר פון איין תלמוד־תורה געהען אויף צו פריהער און האַפּען אָפּ גאָר אָהן אַ שום ניגון:

צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו.
צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו.

און שלעפעריג, שטיל, קוים וואָס מע הערט זיי — סך הכל הונדערט טאַלער, וואָס קאָן מען פאַר איין הונדערטער פאַרלאַנ־גען ?״...

— יאָ, וואָס זשע טהוט אָבער, בערעל־אייזיק, דער, וואָס פאַר־מאָגט קיין הונדערטער אויך ניט?

„איז ער טאַקי אויף גרויסע צרות! אָהן געלט איז אומעדום שלעכט! דער אָרעמאַן ליגט אַלע מאָל נייען איילען אין דער ערד!... פון דעסטוועגען, מיינט ניט! אין אַמעריקאַ לאָזט מען דעם אָרעמאַן אויך ניט ליגען ניט קיין באַהאַלטענעם. מע מאַכט איהם אַ לויה אָהן געלט, עס קאָסט איהם ניט קיין סענט אָפּילו.

אודאי איז דאָס אַ טרויעריגע לויה. קיין שום צערעמאָניעס, קיין סימן פון קיין פערד און פון קיין רעווערענטען. און אין דרויסען ליאַפּעט. נאָר צוויי שמשים קומען צו געהן, די שמשים פוןביידע זייטען און אין מיטען דער בר־מינן — און אַלע דריי שלעפען זיי זיך נעבאָך צופוס גלייך ביז צום בית־עלמין... אָהן געלט, הערט איהר, זאָל מען גאָר ניט געבוירען ווערען — אַ פּאַסקודנע וועלט... ווער פון אייך, אידען, פאַרמאָגט איין איבעריגען פּאַפּיראָס?"

# אַלע ווערק פון שלום-עליכם

## אַלט-נײַ-כתריִלעווקע

שלום-עליכם פאָלקס-פאָנד אויסגאַבע—ניו-יאָרק, 1927

Copyright 1918 by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

# אַלט־ניי־כתריל׳ווקע

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| בתרילעווקער נשרפים | 7 |
| דאָס נייע בתרילעווקע | 61 |
| בתרילעווקער מושב־זקנים | 129 |
| אַ פסח׳יגע עקספּראָפּריאַציע | 141 |
| מילכיגס | 155 |
| אַ גרינגער תענית | 165 |
| צוויי טוידטע | 179 |
| חרוסת | 201 |

# כתרילעווקער נשרפים

(אַ מעשה פון די קליינע מענשעלעך).

געשריבען אין יאָהרען 1903—1910.

# כתרילעווקער נשרפים

## קאפיטעל א.

### די אויסדערוועהלטע.

די גרויסע, שענע, אלטע גוישע שטאדט יעהופעץ, וואס האט זיך פון פאר טויזענד יאהרען, נאך בימי וולאדימיר דעם היילינען, צעווארפען אין דער לענג און אין דער ברייט, בארג אראפ, בארג ארויף, אויפ'ן ברעג פונ'ם אלטען גרויען דניעפר, האט שוין לאנג אזעלכע מינים אידען נישט געזעהען, ווי איינמאל אין א פריהמארגען — סוף זומער איז דאס געווען. מע קאן נישט זאַגען, אז די דאזיגע נישט־אידישע שטאדט איז, חלילה, זשעדנע א אידען אויף א רפואה. אדרבא, עס איז בעוואוסט, אז זי האט צו טהון פון קדמונים נאר מיט אידען, גלייך ווי איהר פעהלט שוין מעהר נישט, ווי מע זאגט, קיין זאך, נאר אידען און קאפוועהטיג. ווען איהר זאלט נישט קומען אהין צו פאהרען, אדער ווען איהר זאלט דארט נישט עפענען א בלאט־צייטונג, איז דאס ערשטע, וואס קומט אייך פאר די אויגען — „אידען". אזוי פיעל און אזוי פיעל אידען האבען זיך אנגעגעבען אין אוניווערזיטעט — און מע האט זיי נישט צוגענומען. אזוי פיעל און אזוי פיעל אידען האט מען געפאקט ביינאכט אויף איין „אבלאווע" — און מע האט זיי יא צוגענומען. אשטייגער, ס'זאל זיך אמאל טרעפען, חלילה,

פערקעהרט: אז די אידען פון אוניווערזיטעט זאָל מען יאָ צונעמען, און די פון „אַבלאַוועס" נישט — דאָס איז אַ זאַך, וואָס עס קאָן נישט זיין, אַזוי ווי עס קאָן נישט זיין, למשל, אַז בעת איהר זענט שטאַרק הונגעריג, זאָלט איהר על־פי טעות טרעפען מיט'ן ביסען צו יענעם אין מויל אריין.

הכלל, וואָס זשע זענען דאָס געווען פאַר אַ מינים אידען אין יענעם פריהמאָרגען, וואָס מיר דערצעהלען? — דאָס זענען געווען כתרילעווקער בעלי־בתים. און נישט נאָר סתם בעלי־בתים, נאָר אויסגעקליבענע, אויסדערוועהלטע צוליעב זעהר־זעהר אַ וויכטיגער זאַך, צוליעב זעהר־זעהר אַ גרויסער מצוה; דאָס זענען געווען איינס אין איינס, די שענסטע, די חשוב'סטע בעלי־בתים פון שטאָדט, דער סאַמע צימעס פון כתרילעווקע. איך וואָלט אייך זיי אָנגע־רופען ביי די נעמען — איז נישט נויטיג. אַ כתרילעווקער איד, איין עוסק במצוה, זוכט נישט ביי דער וועלט קיין כבוד און איז נישט געוועהנט געוואָרען, אַז זיין נאָמען זאָל זיין געדרוקט אין דרויסען אויף די בלעטער; פאַר איהם איז גענוג דאָס ביסעל כבוד, וואָס ער האָט אויפ'ן אָרט, און ער דאנקט גאָט, אַז ער ווערד חאָטש נישט געזידעלט פון די זייניגע...

צווישען די דאָזיגע אויסדערוועהלטע איז געווען איינער איין עלטערער, גאָר איין אַלטער מאַן, אַ איד אַ זקן, אריבער שמונים, וואָס געהט שוין איינגעבויגען, אָנגעלעהנט אויף איין אַלטען שטע־קען, אָבער ער האַלט זיך נאָך, קיין עין־הרע, גאַנץ נישקשה'דיג. אָנגעטהאָן איז ער געווען שבת'דיג: אין אַ זיידענער שרייענדיגער רעזעוואָלקע, אָהן ארבעל, אויף איין אַלטער נאָר אַטלעסענער צע־האַקטער קאַפּאָטע, מיט אַ שטריימעל אויפ'ן קאָפּ און מיט שיך און זאָקען אויף די פיס. דער איבעריגער עולם איז שוין געווען נישט אַזוי יום־טוב'דיג אָנגעטהאָן. דערפאַר זענען זיי אָבער גע־ווען יום־טוב'דיג געשטימט. געגאַנגען מיט אימפּעט, אַ ביסעל אָנגעצויגען, נערוועז, געטראָגען בייכיגע טלית־ותפילינס און זאַנ־טיקעס, משונה־מאָדנע גרויסע פּאַראַסאָלען, וואָס נאָר איין גאָט

ווייסט דעם אמת — אויף וואָס בעדאַרף מען זיי, אַז קיין רעגען געהט נישט און די זון ברענט נישט? דער מחבר פון דער דאָזיגער געשיכטע האָט שוין לאַנג בעמערקט, אַז עס געפינען זיך אידען אַזוינע, וואָס קאָנען זיך נישט צעשיידען מיט׳ן שירם סאַי זומער, סאַי ווינטער. וויפיעל איך האָב מיך שוין אָנגעזעהען אויף מיין לעבען מיט די דאָזיגע מינים אידען, האָב איך נאָך כמעט קיינמאָל נישט געזעהען, דער שירם זאָל זיין ביי זיי איין אויפגעשטעלטער איבער׳ן קאָפּ, ווי עס וואָלט, אייגענטליך, בעדאַרפט צו זיין. מעהרסטענטייל בעגעגענט איהר אַ אידען לויפען איינגעבויגען, דער ווינד בלאָזט, שמייסט אין פנים אריין, צענעמט איהם די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע און פערקאַטשעט איהם פון הינטען, מחילה, איבער׳ן קאָפּ — און ער מיט׳ן שירם: טיאַפּ־טיאַפּ, פּיטש־פּאַטש איבער די ליטקעס פון די פיס. איך בין אַ בעל געוועזען אַמאָל אָפּשטעלען אַזאַ אידען, בעטראַכטען דעם שירם, איהם נעמען אין האַנד אריין — וועגט ער, נישקשה, שענע עטליכע פונט. ס׳איז איהם כמעט אונמעגליך צו עפענען. און אַז איהר האָט איהם שוין אויפגעעפענט, מעגט איהר זיך שוין געזעגענען: איהר וועט איהם צוריק אַזוי גיך נישט פערמאַכען. די שטעקלעך זיינע שטעלען זיך פּאַפּעריק מיט די קעפּלעך אַרויף, און פון דעם שירם ווערד אַ מין פּאַראַשיוט, וואָס ביי אַ רעכטען ווינד קאָן דאָס אייך, חלילה, אויפהויבען און אַוועקטראָגען אינאיינעם מיט׳ן זאַנטיק ווייט־ווייט אַרויף, אונטער דער חמאַרע, כמעט ווי מיט איין אַעראָפּלאַן... נאָר לאָמיר אַוועקוואַרפען די זאַנטיקעס און זיך אומקעהרען צוריק צו אונזערע אידען.

געגאַנגען זענען זיי געשמיידיג, גלייך ווי עמיצער וואָלט זיי געטריבען האַלז־אין־נאַקען, אָדער גלייך ווי זיי וואָלטען מורא האָבען פערשפּעטיגען ערגיץ אויף אַ שמחה, אַ סעודה אָדער אַזוי איין אסיפה. און גערעדט האָבען זיי הויך אויף אַ קול, און אַלע אינאיינעם, און מיט הענד, ווי געוויינטליך. נאָר זעלטען האָט געטראָפען, אַז מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, פערלעגט די הענד אַרונ־

טער און בעטראַכט די הויכע שענע רייכע מויערען פון שטאָדט, זיך גאָרנישט געקאָנט זאַט אָנקוקען.

— געפעלט אייך, אַשטייגער, אָט דאָס הייזעל? — רופט זיך אָן איינער, פערדוקט דאָס היטעל, אָטהעמט ווי אַ בלאָז־זאַק און מאַכט מיט די זייטען, ווי איין איינגעמיעדט פערדעל. — איהר זענט עפּעס אַ מבין אויף דאָס הייזעל? שוין איין מאָל אַ הייזעל!

— יאָ, נישקשה פון אַ הייזעל, — ענטפערט איהם דער אַנ־דערער שטיל און קוים וואָס ער זשיפּעט.

— וואָס, רעכענט איהר, באַדאַרף עס קאָסטען, דאָס היי־זעל? — מאַכט איינער אַ יאַדישליוועער מיט גלאַנצענדיגע אויגען און נעמט זיך מיטביידע הענד אונטער די זייטען.

— דאָס הייזעל? — ענטפערט איהם איינער מיט אַ ברייטען שטערן, ווייזט אויס, אַ בעל־חשבון און אַ מבין אויף הייזער. — איך רעכען, אַז דאָס הייזעל מיט'ן פּלאַץ באַדאַרף זיין ווערטה אָט דאָ, אין דעם שטעדטעל, נישט ווינציגער פון אַ מאה אלף.

— חאַ־חאַ־חאַ! — צעלאַכט זיך אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, וואָס נאַר־וואָס האָט זיך אָנגעהויבען שיטען אויף דעם אַ בערדעל. — מאה אלף, זאָגט איהר? לאָמיר עס אַלע פּאַרמאָגען, וואָס מעהר...

— בהמה! — רופט זיך אָן דער יאַדישליוועער מיט די גלאַנ־צענדיגע אויגען. — וויבאַלד אַז ווינשען, לאָמיר זיך שוין בעסער ווינשען פּאַרמאָגען, וואָס מען איז שולדיג אויפ'ן דאָזיגען הייזעל!...

און עס קייטעלט זיך אַ שמועס וועגען הייזער, אַ לאַנגער שמועס, אָהן אַ שום צוועק; דאָס איז מעהר נישט אַז איין אויס־רעד. אייגענטליך, זענען זיי שוין אַלע רעכט מיעד פונ'ם געהן באַרג־אַרויף און וואָלטען אַלע חשק געהאַט זיך אָפּשטעלען אויף אַ ווײַלע איבערחאַפּען דעם אָטהעם.

— אַפּנים, ס'איז אייך שווערליך, רבי, צו געהן באַרג־אַרויף? אפשר וואָלט איהר אייך צוגעזעצט אָט דאָ ערגיץ אויף אַ ווײַלע אָפּרוהען?

דאָס איז געזאָגט געוואָרען צום אַלטען, וואָס איז געגאַנגען, נישט קוקענדיג אויף זיינע אַכציג יאָהר, מיט פעסטע טריט, אויף־צו־פריהער. און אַלע אויסדערוועהלטע פון כתרילעווקע האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, אויפגעהויבען די אויגען און גע־נומען זוכען איין אָרט פאַר׳ן אַלטען אויף צו צוזעצען זיך. נאָר איידער זיי האָבען צייט געהאַט ארומקוקען זיך, וואו זיי זענען אין דער וועלט, איז אַרויסגעוואַכסען, ווי פון אונטער דער ערד, אַ נפש, אַ בעוואָפענטער פון אויבען ביז אַראָפּ, מיט אַ רויט פּנים און מיט ווייסע הענטשקעס, און — גלייך אויף זיי!... אַלע אויסדערוועהל־טע האָבען דערפיהלט, אַז ס׳איז ביי זיי פערקיהלט געוואָרען דער מאַמע׳ס מילך, און אַלע אויגען האָבען זיך געווענדט צום אַלטען, וואָס וועט ער זאָגען? דער אַלטער האָט אָבער נישט געזאָגט דאָס צווייטע וואָרט. ער האָט זיך נאָר אָנגעלעהנט אויפ׳ן אַלטען שטע־קען און געגאַנגען מיט דיזעלבע פעסטע טריט פאָראויס, ווי איין אמת׳ער גבור, און אַלע נאָך איהם, אַזוי אַז דער אָנגעוואָפענטער נפש איז געבליבען שטעהן אין דער הינהער־פלעט, נישט צו וויסען, וואָס טהוט מען מיט זיי? פערהאַלטען? — ווייסט ער נישט פאַר וואָס? וועמען שטעהרען זיי? דורכלאָזען? — ווי אַזוי ווערד מען נישט געוואָהר, וואָס דאָס זענען פאַר מינים בעשעפענישען אויף דער וועלט? האָט ער אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צוריק און נאָכגעקוקט זיי מיט די אויגען ביז העט־העט אַרויף. דאָרט האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעקלונגען אין אַ טויער פון אַ רייך גרויסאַרטיג הויז.

איצט פרעגט זיך: וואוהין זענען דאָס געגאַנגען, אייגענטליך, די דאָזיגע אויסדערוועהלטע פון כתרילעווקע? צו וועמען און צו־ליעב וואָס? דאָס איז מען געגאַנגען צו די נגידים קלויבען נדבות, בעטען ברויט, וועקען רחמנות אויף די אָרעמע עלענדע שטאָדט כתרילעווקע. איין אומגליק האָט געטראָפען אין כתרילעווקע. איהר קענט מיך נישט פון נעכטען. איהר ווייסט, אַז איך בין נישט קיין מענש פון אָנזאָגען שלעכטע בשורות. נאָר וואָס זאָל

מען טהון — עס איז געקומען די צייט, וואס איהר דארפט עס וויסען:

רבותי! כתרילעווקע איז אפגעברענט געווארען!

## קאפיטעל ב.

## פישעל רייסט די וועלט.

יא, ליעבע פריינד, כתרילעווקע איז אפגעברענט געווארען. נאר איהר מיינט, עפּים גלאט אזוי אפגעברענט געווארען?

עס זענען דעם זומער, נישט צו פערזינדיגען, אפגעברענט געווארען געווארען גענוג אידישע שטעדט און שטעדטלעך. נאר וואס דען? ס'איז א חילוק; ברענען צו ברענען איז נישט גלייך. כתרילעווקע האט זיך געוואלט, אפנים, אויספּיינען פאר דער וועלט, האט זי זיך אנגערופען צו די איבעריגע אידישע שטעדט: „וואס? איהר ברענט? חא־חא! לאזט מיך, אט וועט איהר זעהען, ווי א שטאדט ברענט!“ און כתרילעווקע האט זיך אנגעצונדען ווי א ליכט... נאר ניין. מיר לאזען איבער די בעשרייבונג פון כתרילעווקער שרפה פאר אונזער קאלעגע, פישעל דעם קארעספּאנדענט — דאס איז זיין ארבייט. באלד אויף מארגען נאך דער גרויסער שרפה האט פישעל קארעספּאנדענט, וואס איז אליין אויך אפגעברענט געווארען, קוים מיט'ן לעבען ארויס, ערגיץ געקריגען מיט נסים א טינט־און־פעדער און האט צעשיקט קארעספּאנדענציעס אין אלע אידישע צייטונגען אין זעהר א שענער מליצה־שפּראך און מיט א זעלטען שענער האנדשריפט, בזה הלשון:

„א קול אין הימעל טהוט זיך הערען! די טאכטער כתרילעווקע וויינט אויף איהר גרויסען אומגליק — זי וויל זיך נישט טרייסטען! א בראך אויף א בראך! א וואונד אויף א וואונד! כתרילעווקע איז נאך נישט געקומען צו זיך נאך דער „בהלה“, וואס אויף איהר איז געוועזן, האט זיך אויסגעגאסען אויף איהר א נייער גרים־צארן, זי האט אויסגעטרונקען דעם ביטערען כוס פון גאט'ס האנד — א

פייער האָט אראָפּגענידערט פונ׳ם הימעל און אָנגעצונדען די שטאָדט פון איין עק ביז׳ן אַנדערען עק, אויסגעלעקט ביז׳ן אָפּגרונד — נישט געהאט קיין רחמנות אויף די הייליגע בתי־מדרשים, און אויך קינדער, קליינע, זויגענדיגע פון דער ברוסט, זענען ארויף מיט׳ן פייעריגען פלאַם אין הימעל אריין. און אויך אַלטע מענ־שען, אָרעמע, קראַנקע און שוואכע, זענען געווען איין עסענווארג פאר׳ן פייער אינ׳ם טאָג, וואָס גאָט האָט אונז געטהאָן בעשטראָפען בכפל כפלים פאר אונזערע גרויסע זינד, און אפילו אויף זיין היי־ליגער תורה האָט גאָט קיין רחמנות נישט געהאט, זי איז פער־ברענט געוואָרען אינאיינעם מיט׳ן אַלטען בית־המדרש, און מיר געפינען זיך איצט אונטער דער דעק פונ׳ם הימעל עלענדע, נאַ־קעטע און באָרוויסע, הונגעריגע און דאָרשטיגע, און ווי די אינדען אויף די אויסגאַנגען פון די וואסערען, אזוי קוקען ארום אונזערע אויגען צו אונזערע באַרעמהערציגע ברידער, די קינדער פון די באַרעמהערציגע: מיר בעטען אייך! דערבאַרעמט אייך! לייט־זעליגט אונז! לאָז אויפגעוועקט ווערען רחמנות אין אייערע גוטע הערצער און לאָזען אייערע בעוויליגטע הענד אויסשטרעקען אונז הילף וואָס גיכער, ווארום מיר זענען פעראָרעמט געוואָרען זעהר! זייט אונז א דערנעהרונג און לאָזט נישט פערלוירען געהן דאָס איבערגעבליבענע ביסעל יעקב!״...

דאכט זיך, וואָס וואָלט געווען פאר איין אומגליק, אז די דאָזיגע הארצרייסענדיגע קאָרעספּאָנדענציע, וואָס איטליכס וואָרט פון איהר איז א זיפץ און איטליכס אות — א טרער, זאָל טאַקי, חלילה, זיין געדרוקט אין א אידיש בלאַט? ניין. האָט מען גענומען פּישעל׳ס האָרעוואַניע נעבאך צו פערקירצען, קוועטשען און ארויס־קוועטשען פון איהר דאָס תמצית, און מע האָט ערגיץ אין א ווינ־קעלע מיט גאַנץ קליינע אותיות אריינגעקוועטשט קוים דריטהאַלבען שורה׳לעך.

„אָפּגעברענט כתרילעווקע, נישט בעגאַנגען זיך אָהן מענש־ליכע קרבנות. מע בעט הילף״.

אמת, די צייטונגען פערענטפערען זיך אפילו, אז זיי זענען נישט שולדיג. זיי האבען, זאגען זיי, פונ'ם דאָזיגען פישעל פון כתרילעווקע כמעט אלע טאָג א קאָרעספּאָנדענציע; זיי זאָלען וועלען, זאָגען זיי, דרוקען אלסדינג, וואָס דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענט שרייבט זיי, וואָלטען זיי בעדאַרפט, זאָגען זיי, ארויסגעבען פון די קליינע מענשעלעך וועגען א בעזונדער בלאט און האלטען א בעזונדערע דרוק מיט בעזונדערע מענשען.

טאַקי נאָר חידושים און געננג! קומט צו עפּיס, אזוי ווערד כתרילעווקע ביי איטליכען גרויס אין די אויגען. די זעלבע רעדאקטאָרען און ארויסגעבער, אז זיי האלטען ביי ארויסלאָזען נייע בלעטער מיט נייע ביכער, זשאלעווען זיי נישט פאַר כתרילעווקע קיין לאנגע שענע ברייטע פּראָספּעקטען, שעמען זיך ניט אָנרופען די קליינע מענשעלעך מיט'ן נאָמען „פיעל געעהרטע און זעהר געליעבטע אבאָנענטען". אמת, מיט קיין סך אבאָנענטען אויף זייערע בלעטער אין כתרילעווקע קאָנען זיי זיך נישט בעריהמען — ארום און ארום האָבען זיי אין גאַנץ כתרילעווקע בסך־הכל איין אבאָנענט, זיידעל, אונזער אלטער בעקאַנטער זיידעל רב שעיה'ס, וואָס ביי איהם געניסט שוין אויף צו לייענען אונזער קאָרעספּאָנדענט פישעל, און נאָך איהם אלע איבעריגע, וואָס גאהרען נאָך א געדרוקט וואָרט. נאָר וואָס געהער זיך עס אָן מיט פישלען? פאַר וואָס געהען זיינע אלע בריעף מיט אלע זיינע שרייבעכצען גלייך אונטער'ן טיש אין קויש אריין, נאָך איידער מע ווייסט, וואָס דאָרטען שטעהט? פאַר וואָס, אז סע קומט אונטער א יום־טוב און דער רעדאקטאָר טרעט־ארויס מיט שענע געצאצקעטע ווערטער וועגען דעם פאָלק ישראל, צעהיצט ער זיך און זאָגט:

„ווער האָט געצעהלט דעם שטויב פון יעקב'ען?

און ווער האָט גערעכענט די צאָהל פון די ריטער ישראל?"

מיינט ער נישט אויך די קליינע מענשעלעך בתוכם? צי, למשל, יענע מוסר־זאָגער, די וואָס זעצען־אוים אונזערע פעהלערען, רופען אונז אָן מיט די שענע נעמען „עקספּלאָאטאטאָרען", „וועלט־

פרעסערס", „בלוטזויגערס" וכדומה, — מיינען זיי דען נישט אויך די כתרילעווקער אידען בתוכם? כתרילעווקע מעג טאקי אויף זיך זאגען: „צו א פגירה בין איך אויך א בהמה".

מיינט נישט פון דעסטוועגען, אז נאך דער שרפה האט מען זיך בענוגענט נאר מיט פישעל'ס קארעספאנדענציעס אליין: עס זענען צעשיקט געווארען אויך בריעף — זעהר שענע מליצה־בריעף, טאקי פישעל'ס ארבייט, בכל תפוצות־ישראל, אומעטום וואו עס איז פארהאן ערגיץ א גביר מיט א נאמען, וואס לאזט זיך הערען אויף דער וועלט: קיין יעהופעץ, קיין אדעס און קיין מאסקווע, און קיין לאנדאן, און אפילו קיין פאריז, צום גרויסען־גרויסען רויטשילד אליין. עס זאל אייך קיין חידוש נישט זיין, ווי קומט דאס, וואס כתרילעווקע זאל אנשפארען אזש קיין פאריז, צו רויטשילדען! שטעלט אייך פאר א מעשה, אז א צייט מיט יאהרען פלעגט כתרילעווקע בעקומען אלע ערב פסח פון פאריז, פון רויטשילדען, אויף רב יוזיפעל'ס אדרעס הונדערט פראנק מעות־חטים. אמת, שוין פון א צייט, אז רויטשילד האט אויפגעהערט זיי צו שיקען מעות־חטים, מע ווייסט נישט, פאר וואס; נאר פון דעסטוועגען שרייבען זיי צו איהם בריוולעך אלע מאל, ווען עס מאכט זיך עפיס ביי זיי א שמחה אדער, חלילה וחס, נישט אין אזא שעה אויסגערעדט זאל זיין, איין אומגליק. אי, פאר וואס האבען זיי פון איהם קיין שום תשובה נישט שוין אזוי פיעל יאהרען? דאס איז קיין קשיא נישט! אפשר האט זיך איהם צוגעגעסען לייענען זייערע לאנגע מגילות? — קרעפלעך עסען, זאגט מען, ווערד אויך נמאס! און אפשר איז דער אדרעס נישט געשריבען, ווי עס געהער צו זיין? און אפשר האט זיך געטראפען דארטען ביי רויטשילדען אין פאריז דאס, וואס, להבדיל, ביי פרעה מלך מצרים האט זיך געטראפען, ווי אין פסוק שטעהט: ויקם מלך חדש — ס'איז אויפגעשטאנען איין אנדער מלך, אשר לא ידע את יוסף — וואס האט זיך געמאכט נישט וויסענדיג... איך רעד פון רויטשילד'ס סעקרעטאר, פון דעם, וואס נעמט־אפ די פאסט און לייענט איבער אלע בריעף. די, וואס געפעלען דעם

סעקרעטאַר, די בעוויזט ער איהם, און די בריעף, וואָס געפעלען איהם נישט, זאָגט ער: „זה חליפתי, זה כפרתי" — און מאַרש אונטער'ן טיש... פאַר געווים ווייס איך נישט; נאָר איך מיין, אַז אַזוי בעדאַרף עס זיין.

הקיצור, איהר זעהט שוין, אַז כתרילעווקע איז, ברוך השם, אַזאַ שטאָדט, וואָס זי שטעהט אין פערבינדונג, קאָרעספאָנדירט מיט דער גאַנצער וועלט. און וויבאַלד עס האָט זיך נאָר געטראָפען ביי זיי דאָס גרויסע אומגליק, אַזוי האָט מען שוין די רגע געגעבען צו וויסען דורך פישעל קאָרעספאָנדענט, אויסגעפויקט איבער דער גאַנצער וועלט, און אַרויסגעקוקט: טאָמער וועט זיך עמיצער אָנ־רופען אויף דער גרויסער צרה, וואָס זיי איז געשעהען.

## קאַפּיטעל ג.

## כתרילעווקע ברענט ווי אַ ליכט.

פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס אומגליק? — פון דעם אַלטען כתרילעווקער מרחץ, וואָס מיר האָבען עס שוין אַמאָל בעשריבען. איין אָבאַפּעלעק האָט זיך איינמאָל אין אַ דאָנערשטאָג אָנגעצונדען, און עס האָט באַלד אַ חאַפּ געטהאָן דעם דאַך, און עס האָט נישט געדויערט קיין סך — איז דאָס גאַנצע מרחץ געווען איין שטיק פייער. און אַז „אָדם" מיט „חוה'ן", דער בעדער מיט דער בעדערין, זענען אַרויסגעשפּרונגען פון באָד קוים לעבעדיגע, איז דאָס ערשטע, וואָס זיי איז געקומען אויף דער מחשבה: „אוי־וועה, דער רבי!" — אין איין כהרף־עין איז „אדם הראשון" (דער בעדער) געווען אין שטוב, און ווי מע טראָגט אַ קליין קינד פון וויעגעלע, אַזוי האָט ער אַרויסגעטראָגען דעם רב רב יוזיפעל אויף זיינע געזונדע גרויסע הענד, און רב יוזיפעל דער רב האָט ווי אַ קליין קינד זיך פערשטעלט די אויגען פונ'ם פייער, וואָס האָט בעלויכטען דעם גאַנצען טייך מיט די ווערבעס, מיט'ן געמייזעכטס, מיט אַ גאַנצען שטיק הימעל, וואָס אַהין האָט זיך געצויגען דאָס

פייער און זיך געקויקעלט דער רויך, דער געדיכטער רויך, דורכגע־וואָרפּען אַלע מאָל גרויסע און קליינע פונקען, און אַלץ האָט מיט אַ מאָל בעקומען איין אַנדער פּנים, אַ מאָדנעם חן, געוואָרען רויט: דער טייך רויט, דער הימעל רויט, די ווערבעס רויט, די מענשען רויט — רב יוזיפעל האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ מין רויטקייט און אַזאַ מין שענקייט נישט געזעהען, און ער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטען זיך פון התפעלות. און אַז „אָדם הראשון" האָט איהם אַנידער־געשטעלט אויף דער ערד, האָט ער אַ זאָג געטהאָן צו זיך אַליין: „ווי שען איז גאָט'ס וועלטעל און וואונדערליך!" — און האָט זיך אָבער באַלד פערהאַפּט און אַ קעהר געטהאָן זיך צו „אָדם" מיט „חוה'ן":

— קינדערלעך, האָט עס אייך, חלילה, נישט געשאַדט אין די נפשות? דאַנקען השם יתברך, וואָס איהר זענט נישט געשטראָפט געוואָרען מיט פייער...

— נישט געשטראָפט געוואָרען מיט פייער? — האָט זיך דער בעדער נישט געקאָנט איינהאַלטען און אַ זאָג געטהאָן מיט אַ ביטער געלעכטער. — מיט וואָס דען האָט אונז גאָט געשטראָפט: מיט וואסער?

— נישט דאָס מיין איך. — פערענטפערט זיך דער רב. — איך מיין דעם נס, וואָס מיר זענען ניצול געוואָרען מיט'ן לעבען, געלויבט דער בורא.

— מיט'ן לעבען? וואָס טויג אונז שוין דאָס לעבען, אַז מיר האָבען נישט קיין באָד?

— רעדסט ווי אַ קינד — מאַכט צו איהם רב יוזיפעל און פערשטעלט זיך מיט ביידע הענד פונ'ם פייער — ווי אַ קינד רעדסט דו! וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז דו באַדאַרפסט האָ־בען אַ באָד? אַז דו ביזט געבוירען געוואָרען, ביזט דו דען גע־בוירען געוואָרען, נאַרעלע, מיט אַ באָד? צי דו האָסט גערעכענט איבער הונדערט יאָהר אויף יענער וועלט, אם ירצה השם, קומען מיט אַ באָד? אַמאָל איז געווען אַ מלך...

און רב יוזיפעל האָט געוואָלט דערצעהלען זעהר א שענעם משל מיט א מלך, ווי זיין שטייגער איז; האָט איהם דער בעדער, מחילה, איבערגעשלאָגען סאמע אין אָנהויב:

— וואָס מיר מלך? ווער מיר מלך? איהר טהוט בעסער א קוק, זייט מוחל, ווי דאָס פייער קויקעלט זיך מיר עפּיס, עפּיס אהין, אין שטאָדט אריין, און דער ווינט בלאָזט מיר עפּיס צו געשמיידיג! איך האָב מורא, עס זאָל נישט אָננעמען לוי־מרדכי דעם קצב'ס שטוב מיט די שטאָהלען, דעמאָלט איז — זיי געזונט, כתרי־לעווקע!...

און ווי אין אזא שעה אויסגערעדט — עס האָט א וואָרף געגעבען דאָס פייער אויף לוי־מרדכי דעם קצב'ס שטוב מיט די שטאָהלען, און עס איז מיט א מאָל בעלויכטען געוואָרען א נייער שטיק הימעל. עס האָט זיך געלאָזט הערען א קנאַקען מיט א טרישטשען, מיט א מעקען פון ציעגען, און עופות א פּאָר האָבען זיך פון ערגיץ געלאָזט לויפען הענדום־פּענדום, אראָפּ־א־בארג, צע־לאָזט די פליגלען און אויפגעבלאָזען די פעדערען, און גיך איז בע־לויכטען געוואָרען דער גאַנצער בארג מיט דער גאַנצער שטאָדט מיט'ן גאַנצען הימעל. א משונה־מאָדנער געשריי מיט א הילך לאָזט זיך הערען פון שטאָדט אזש אהער, דאָס געשריי וואַכסט אלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער און ווערד צענויפגעגאָסען אינ־איינעם מיט א בילען פון הינד, מיט א רעווען פון קיה, מיט א קוויטשען פון ווייבער, מיט א וויינען פון קינדער און מיט א שרייען: „וואַסער! עמער! ראַטעוועט! גיכער! סע נעצט! סע ברענט!" — פּלוצים זעהט מען שפּרינגען אראָפּ־א־בארג צום טייך א האָלעוועשקע אויף פיער פיסלעך; די האָלעוועשקע טאַנצט, מאַכט מיט די הערנער און פליהט גלייך צום טייך, דערלויפט נישט אָבער און פאַלט אַנידער און ציהט זיך אויס אויף דער ערד מיט די פיסלעך ארויף, און ציטערט, ווי פאַר'ן טוידט, און לאָזט ארויס אויף א צוגעלעגערט קול א מאָדנע „מע־ע־ע!" — דאָס האָט א ציעג נעבאך פאַר גרוים נארישקייט גענומען און איז אריינגע־

שפרונגען אין פייער אריין און האָט באַלד חרטה געקריגען און אַרויסגעשפּרונגען צוריק; ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט — ס'האָט זיך אָנגעצונדען אויף איהר דאָס פּעלצעל און גיך פערסמאַליעט געוואָרען, האָט זי זיך געלאָזט לויפען, האָפּ־האָפּ, משוגענערווייז, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין, אָהן אַ שום פּלאַן און אָהן אַ שום שכל.

נישט קיין גרעסערער שכל איז געלעגען אינ'ם לויפען פון די כתרילעווקער אידען און ווייבער, וואָס האָבען זיך געוואָרפען פון איין גאַס אין דער אַנדערער, ווי פער'סמ'טע מייז, אָדער ווי נישט־דערקוילעטע היהנער, שוואַרץ פון רויך, ווי די מלאכי־חבלה, און אָנגעזאָגט איינס דאָס אַנדערע אַ בשורה:

— איהר ווייסט? אלי־דוד ברענט!

— איהר ווייסט? עס האַלט שוין ביי'ם מאַרק!

— איהר ווייסט? סע ברענט די גאַנצע שטאָדט! אַ דונער איז מיר, די גאַנצע שטאָדט!

— ווי אַ ליכט! ווי אַ סטערינעווע ליכט.

און סע בושעוועט דאָס פייער און סע שטורעמט, ווי דער ים, אַז ער צעשפּיעלט זיך, און דער ווינד טראָגט גאַנצע האַלעוועשקעס, גאַנצע סנאָפּעס שטרוי, און פונקען פליהען אָהן אַ שיעור. די פונקען פאַלען אויף די גוט־אויסגעטריקענטע פון אַלטקייט שטרויענע און הילצערנע דעכער, און עס הערט זיך אַ קנאַקען מיט אַ וואַלגערען, אַ פאַלען מיט אַ זעצען, אַ ברעכען מיט אַ טרישטשען — און דאָס אַלץ ווערד ווי צענויפגעגאָסען אינאיינעם מיט'ן געשריי און מיט'ן הילך, מיט'ן קוויטשען און מיט'ן וויינען, און שדים, רוחות, נישט קיין מענשען, לויפען, דער אַהין, דער אַהער, משוגענערווייז, וואַרפען זיך אויף אַלע זייטען, ווי פער'סמ'טע מייז, ווי נישט־דערקוילעטע היהנער, און דאָס גרויסע ליכטיגע פייער בעלייכט און בעשיינט זייערע וויסטע פינסטערע איבערגעשראָקענע פּנים'ער — און כתרילעווקע ברענט, ברענט ווי אַ ליכט.

## קאפיטעל ד.

## רב יוזיפעל האלט מלחמה מיט'ן רבונו-של-עולם.

אז דאָס מרחץ האָט נאָך געהאַלטען אין ברענען, האָט זיך נישט „אָדם", נישט „חוה" ארומגעקוקט אויפ'ן רב ר' יוזיפעל. נאָר שפּעטער, אז פונ'ם באָד איז נאָר געבליבען דער אייזערנער קעסעל מיט'ן קוימען (אַפילו די מקוה האָט אויך אויסגעברענט ביז'ן דעק), האָבען „אָדם" מיט „חוה'ן" זיך גענעבען א חאַפּ צום רבי'ן — נישטאָ דעם רבי'ן! אומזיסט האָבען זיי איהם געזוכט ביי'ם ברונען, ביי'ם ברעג פונ'ם טייך, ביי'ם געמייזעכטס, און נאָכדעם אין שטאָדט, צווישען די ברענענדיגע גאַסען.

— האָט איהר נישט באַגעגענט ערגיץ דעם רבי'ן? — האָט דער בעדער זיך נאָכגעפרעגט ביי די אַנטלאָפענע אומגליקליכע נשרפים פון שטאָדט. נאָר די אומגליקליכע אַנטלאָפענע פון שטאָדט זענען געווען אזוי צעטומעלט, אז זיי האָבען גאָרנישט געהערט, וואָס מע רעדט צו זיי, און געפרעגט, ווי פער'חידוש'טע, געקוקט מיט מורא'דיגע אויגען:

— וואָסער רבי'ן? וועמענ'ס רבי'ן?

וואו זשע איז געווען דער רב רב יוזיפעל? רב יוזיפעל דער רב, אז ער איז געקומען צו זיך און דערזעהען, אז די גאַנצע שטאָדט שטעהט אין סכנות, האָט דאָס איהם אויפגעטראָגען אין דער לופּטען, און ער האָט געחאַפּט דאָס אַלטע ארויסגעראַטעוועטע שטריימעל מיט'ן אַלטען שטעקען און האָט זיך געלאָזט געהן צו זיינע אידען אין שטאָדט אריין, גאָרנישט טראַכטענדיג, וואוהין ער געהט און צוליעב וואָס. פאַר זיינע אַכציג יאָהר איז דאָס געווען נישקשה פון א שפּאַציער. נאָר דערזעהען פאַר זיך א גאַנצען ים פון פייער, האָט ער נישט געפיהלט די פיס. עס האָט איהם געטראָגען ווי אויף פליגלען אהין, אהין, צום אַלטען בית-המדרש צו, וואו ער האָט כמעט דאָס גאַנצע לעבען זיינס פערבראַכט מיט גאָט. שוין-זשע

וועט דער אויבערשטער נישט טהון קיין נס מיט זיין אייגען הויז? שווין־זשע וועט דער רבונו־של־עולם נישט בעשיצען זיין תורה, זיין אייגענע תורה?

מיט די דאָזיגע מחשבות איז אונזער רב יוזיפעל אָנגעקומען צום אַלטען בית־המדרש פּונקט אין דער צייט, ווען אַרום און אַרום האָט געבושעוועט דאָס פייער. רויטע צונגען האָבען זיך געריסען פון אַלע זייטען און האָבען בעלויכטען דעם האַלב־איינגעפאַלענעם דאַך מיט די אָפּגעקאַלופּעטע גלע ווענד פון דעם אַלטען־אַלטען כתרילעווקער בית־המדרש. אַט־אַט, נאָך אַ מינוט — און גאָט'ס הויז ווערד אַרומגענומען מיט פייער.

און רב יוזיפעל קאָן נישט משיג זיין מיט'ן שכל, ווי שווייגען ־אַם אידען? פאַר וואָס ראַטעוועט מען נישט דאָס בית־המדרש? די היילינע ספרים? ספרי־תורות? אָנשטאָט דעם זעהט ער לויפען אידען היין און צוריק, ווי ווילדע ברואים, שפּרינגען אין פייער אריין, ראַטעווען אַלטע קראַנקע ווייבער, קליינע קינדער, בעגקלעך, בעטלעך, קישענס, טעפּלעך, סקאָרב און בעבעכעס — און גאָט'ס הויז האָט מען פערגעסען, מפקיר געווען — ווי געשיקט זיך עס?!... רב יוזיפעל פּרובט זיך שרייען, רופען צו הילף: „דאָס מקום־קדוש! דאָס בית־המדרש!" — קיינער הערט איהם נישט. נאָך אַ מינוט — און רב יוזיפעל איז אַליין אין שוהל, און גלייך צום אָרון־קודש, אַרויסגעצויגען איין ספר־תורה און די אַנדערע ספר־תורה, קוים אַרויס מיט'ן לעבען אויף דער גאַס, אוועקגעלעגט זיי ווייט פאַר דער טהיר, אויף אַ צעבראָכען בענקעל, וואָס עמיצער האָט אַרויסגעשליידערט פון אַ שטוב, און אַליין אוועקגעשטעלט זיך נעבען זיי און אָנגערופען זיך צום רבונו־של־עולם אויף אַ קול:

— וואָס איך האָב געקאָנט, האָב איך געטהאָן. וויפיעל איך האָב געקאָנט, האָב איך אַרויסגעראַטעוועט; די איבעריגע ספרים האָב איך איבערגעלאָזט אויף דיר. איך טרעט נישט אָפּ פון דאַנען אויף אַ רגע אפילו. לאָמיר זעהען, ווי אַזוי דו וועסט פאַרברענען

דיין אייגענע תורה, וואָס דו האָסט אונז געגעבען דורך משה דיין קנעכט אויפ'ן בארג סיני!...

אין דער מינוט איז אָנגעקומען דער בעדער, אונזער בעקאַנטער „אָדם הראשון". דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, אז דער אַלטער דאַרף זיין ערגיץ ביי דער שוהל. דערזעהען דעם רבי'ן שטעהן נעבען ברענענדיגען בית־המדרש, האָט „אָדם הראשון" נישט געמאַכט מיט איהם קיין לאַנגע מחזקות, איהם אַ נעם געגעבען אין זיינע געזונדע האַרעפּאַשנע אָרעמס און אינאיינעם מיט די צוויי ספרי־תורות איהם אוועקגעשלעפּט פון פייער צוריק, אַראָפּ־אַראָפּ, צום אָפּגעברענטען מרחץ, וואָס ביי'ם ברעג פונ'ם טייך.

## קאַפּיטעל ה.

## נאָכ'ן חורבן.

דער מנהג פון דער וועלט איז, אז בשעת מלחמה קוקט מען זיך אזוי נישט ארום אויפ'ן אומגליק, ווי נאָכדעם, און די געפאַלענע צעהלט מען ערשט דעמאָלט, אז עס ווערד אוים געשלעג, און אז אלץ געהט־איבער, הויבט מען ערשט דעמאָלט אָן אונטערפיהרען חשבונות, וויפיעל מע האָט אין דער הריגה פערלוירען.

אין כתרילעווקע איז אויך אזוי געווען. מע האָט אָנגעהויבען זיך אַרומקוקען, ווי ווייט דאָס אומגליק איז גרוים, ערשט אויף מאָרגען נאָך דער שרפה. תחילת האָט מען, געוויינטליך, דערצעהלט איינער דעם אנדערען חידושים, ווי אזוי און ווען און וואו מען איז געוואָהר געוואָרען, אז עס ברענט; דערביי האָט איטליכער, געוויינטליך, געהאַט צו דערצעהלען זיין מעשה, אַ לאַנגע מעשה: ווי אזוי ער איז נעכטען, ווי אויף צו־להכעים, געקומען פריה פאַרנאַכט אהיים, מחמת אַ גאַנצען טאָג איז נישט געווען וואָס צו טהון, און, ווי אויף צו־להכעים, איז ער דעם אויפדערנאַכט געווען הונגעריג, ווי אַ הונד, און, ווי אויף צו־להכעים, איז נישט געווען וואָס צו עסען, האָט ער זיך אויף צו־להכעים געלעגט

פריה שלאָפען, און, ווי אויף צו־להכעיס, האָט ער מחמת הונגער נישט געקאָנט אנשלאָפען ווערען, און, ווי אויף צו־להכעיס, איז ער א האלבע שעה פאר דער שרפה דוקא אנשלאָפען געוואָרען, און דוקא געשמאַק. פלוצים הערט ער א גוואלד: „סע נעצט, סע ברענט!“...

דער אנדערער דערצעהלט א שענערע מעשה, און נאָך א לענגערע, ווי יענער: ווי אזוי ער איז נעכטען אויפגשטאַנען גאַנץ פריה, כמעט פארטאָג, און איז ארויסגעקומען אין מארק אריין, געמיינט, טאָמער וועט ער עפּיס האנדלען, וואָס ס'וועט זיך מאַכען: א טחוירעל, א ביסעל פּאָלאָווע, א זעקעל קארטאָפּלים, אבי עפּים פערדיענען. צום סוף — איז נישטאָ קיין לעבעדיגער נפש: סך הכל איין ערל מיט א זעקעל קויהלען. פרעגט ער איהם: „גוי, וואָס ווילסט דו פאר די קויהלען?“ זאָגט ער: „א גילען“. פרעגט ער: „אפשר וועט זיין געגוג א גריוונע?“ זאָגט ער: „א גילען“. ער האָט זיך איינגע'חזר'ט א גילען — האָטש נעם געב איהם א קרענק! האָט ער אוועקגעקויפט ביי'ם ערל דאָס זעקעל קויהלען, גענומען דאָס זעקעל קויהלען, מחילה, אויף די פּלייצעס — און אזוי ווייטער און ווייטער, א מעשה אויף דריי זייגער־שעה, ביז ער קומט ארויף אויף דער שרפה. און סע לאָזט זיך אויס, אז בשעת די שרפה האָט זיך אָנגעהויבען איז ער געשלאָפען ווי א גע'הרג'עטער, מע האָט איהם קוים־קוים אויפגעוועקט.

דער דריטער דערצעהלט נאָך א שענערע מעשה. הויבען הויבט ער אָן אזש פון עהערנעכטען, און דערצעהלט א לאַנגע־לאַנגע מעשה, נאָך א לענגערע פון יענער, וואָס מיט'ן זעקעל קויהלען, און פלוצים מישט זיך אריין איינ'ם שמועס א אידינע און לייקענט־אָפּ די גאַנצע מעשה:

— ווייס איך וואָס זיי וועלען אייך דערצעהלען מעשיות, נעכטיגע טעג! אָט וועל איך אייך דערצעהלען, ווי אזוי ס'האָט זיך אָנגעהויבען: איך האָב דעם דאָזיגען דאָנערשטאָג, וואָס פאר דער שרפה, געדעשטשינעט חלה פון דער מעהל, וואָס בערעל ברכה'ם

האָט געבראַכט צו פיהרען, שענע מעהל, גאָט זאָל מיך נישט שטראָ־פען, אזא יאָהר אויף אונזערע שונאים, אז בסך־הכל חאַפּט זי גאָר אַ ביטערקייט...

און סע געהט אוועק אַ געשיכטע פון דריי זייגער־שעה, איין ערצעהלונג פון ביטערע מעהל, מיט ביטערע הייוועז, מיט אַ מול־טער, וואָס איהרע אַ שכנה, פעסיל הייסט זי, אַ פעסיל פון גאָט!... און אַזוי ווייטער — אַ מעשה אָהן איין עק, און עס ווייזט זיך אייך אוים, אַז צו דער שרפה וועט זי נישט קומען קיינמאָל, פיעל זי וועט לעבען!

און אינאיינעם מיט די דאָזיגע שענע מעשיות און ערצעה־לונגען פון דער שרפה לאָזט זיך הערען אויף אַ געוויין, אַ יללה, אַ יאָמער, אַ קלאָג פון פערביטערטע הערצער, פון בעלעדיגטע נשמות, פון פערוואָגעלטע, עלענדע, אָרעמע, אָרעמע, אָרעמע! דאָרט שטעהט אַ מוטער און ברעכט די הענד און קלאָגט אויף איהר ברעקעלע קינד, וואָס איז פערברענט געוואָרען נעבאַך אינ־איינעם מיט'ן וויעגעלע; און דאָרט בעוויינט אַ איד שטילערהייד זיין אַלטען קראַנקען פאָטער, וואָס איז גראָד יענע נאַכט געשלאָפען אויפ'ן בוידעם — קיינמאָל נישט און איצטער יאָ, און איז דאָרט פערברענט געוואָרען צו אַש... און דאָ געהט אַרום אַ מיידעל און שלאָגט זיך מיט די הענד אין קאָפּ: די מאַמע! די מאַמע! די מאַמע!

. . . . . . . . . . . . . . . . .

האָב קיין פּאַראיבעל נישט, פריינד לעזער, וואָס איך האָב איבער אין מיטען. מיין מוזע, די וואָס שטעהט איבער מיר בשעת'ן שרייבען, איז, ווי אַלע כתרילעווקער לייט, אַ פריילי־כע נשמה, איין אָרעמע, נאָר אַ פריילי־כע. זי האָט פיינט טרערען, זי האַלט נישט פון טרויעריגע סצענעס. זי זאָגט, אַז טרערען זענען נאָר די, וואָס זענען נאַס און געזאַלצען; די אַלע איבעריגע טרערען, וואָס דער שרייבער גיסט אויף פּאַפּיער — דאָס זענען, זאָגט זי,

טרוקענע, געמאַכטע טרערען, וואָס האָבען נישט קיין ווערטה. זי האַלט, אַז אַ וועהטיג איז נישט דער, וואָס מע גיט איהם איבער, נאָר יענער, „וואָס טהוט וועה"... דערפאַר לאָזען מיר איבער די שרעקליכע טרויעריגע סצענעס, געהען אַוועק פון דאַנען אַ ביסעלע ווייטער און שטעלען זיך אָפּ נאָר ביי די היזקות, וואָס מיינע כתרילעווקער בעלי־בתים האָבען געהאַט פון דער שרפה. דער חסרון איז אָבער, וואָס עס לאָזט זיך גאָר נישט בערעכענען דעם גרויסען היזק, וואָס כתרילעווקע האָט געהאַט. דאָס איז נומער איינס. והשנית, וואָס וועט העלפען דאָס רעכענען? אפנים, עמי־צער וועט זיי דען אומקעהרען? די געזעלשאַפטען, וואָס אַסעקור־ירען פון פייער, האָבען זיך ווי צענויפגערעדט און האָבען שוין כתרילעווקע לאַנג אויסגעשטריכט פון דער לאַנד־קאַרטע, גלייך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל קיין כתרילעווקע נישט געווען אויף דער וועלט אפילו! היינט גלאַט, ווער איז דאָס אימשטאַנד צו שאַצען יענעמ'ס גוטס, ובפרט נאָכדעם, אַז ס'איז שוין לאַנג אַוועק מיט'ן ווינד און מיט'ן רויך? בעל־הבתישקייט בכלל, און כתרילעווקער בפרט, האָט גאָר איין אַנדער ווערטה, וואָס לאָזט זיך נישט שאַצען. אַלטע שמאַטעס, צעבראָכענע דראָבעס, זענען ביי'ם אָרעמאַן אַזוי טייער (אויב נישט נאָך טייערער), ווי די שענסטע שפּיעגלען מיט די טייערסטע כלים ביי'ם נגיד. ביי'ם נגיד, אַז סע ווערד פער־פאַלען אַ זאַך, קאָן ער פאַר געלד קויפען איין אַנדערע זאַך; דעם אָרעמאַן ווער וועט אומקעהרען דאָס, וואָס דאָס פייער האָט צו־גענומען?...

אַזוי האָבען גע'חקירה'ט די כתרילעווקער נשרפים און האָבען אַרויסגעזעהן, אַז מיט חקירה'ן און פילאָזאָפירען וועלען זיי גאָר נישט מאַכען. מע בעדאַרף זעהען עפּיס טהון, עפּיס צוטראַכטען, געפינען איין עצה, ווי אַזוי ראַטעוועט מען די שטאָדט? ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די שטאָדט זאָל בלייבען אַ שטאָדט? ס'איז קיין קונץ נישט, אַז אַ גאַנצע שטאָדט זאָל זיך צעקריכען איבער דער וועלט, זיך לאָזען איבער די הייזער און בעטען נדבות, ווי געוויינט־

ליכע „נשרפים". פע, דאָס איז נישט קיין תכלית! מע בעדאַרף זעהען, אַז כתרילעווקע זאָל בלייבען כתרילעווקע! אַט אויף וואָס מע האָט זיך גענומען אויף די קעפּ.

פון די אַלע פלאַם־פייערינע און האַרץ־רייסענדיגע בריעף, וואָס מע האָט צעשיקט בכל תפוצות ישראל, האָבען זיך אָנגערופען סך־הכל אַ פּאָר שטעדטלעך, אויך אַזעלכע אָרעמע, ווי כתרילעווקע, און האָבען אַריינגעשיקט ווער אַ ביסעל ברויט, ווער אַלטע מלבושים און ווער עטליכע קערבלעך מזומנ'ע, און געקלעקט האָט דאָס אויף איין צאָהן; די לאַגע האָט אָנגעהויבען ווערען שרעקליך! ס'איז געוואָרען אַזוי ביטער, אַז מע האָט שוין אויפגעהערט וויינען און קלאָגען און אפילו קרעכצען. אַזוי איז אַ מענש, וואָס האַלט ביי דערפרוירען ווערען, הויבט אָן שטילערהייד אויסגעהן, אַנשלאָפען ווערען אויף אייביג... אַט דאָ האָט זיך, ווי אַלע מאָל, בעוויזען רב יוזיפעל דער רב מיט זיין קראַפט, וואָס גאָט האָט אַריינגעגעבען אינ'ם דאָזיגען אַלטען שוואַכען גוף, און ער האָט צונויפגעזאַמעלט איין אַסיפה פון בעלי־בתים, און דוקא ער אַליין מיט זיין אייגענעם כבוד, נישט געשיקט קיין שמשים און נישט פערקלויבען זיך אויבען־אָן, נאָר פּראָסט און פשוט אַנידערגעשטעלט זיך און אָנגערופען זיך צום גאַנצען עולם בזה הלשון:

— הערט צו, אידישע קינדער, וואָס איך וועל אייך זאָגען. נישט איך זאָג עס, נאָר דער, וואָס לעבט אייביג, זאָגט עס אייך מיט מיינע זינדיגע ליפּען: זאָרגט נישט — איהר זענט באַוויליגט! איך בין אייך מבטיח, אַז עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין גוט. וואָס איז דער פשט? דער פשט איז אַזוי: אמת, מיר זענען געשטראָפט געוואָרען מיט פייער, אָפּגעברענט געוואָרען אַליין און פאַרברענט געוואָרען מיט די בתי־מדרשים, מיט די שוהלען, מיט הייליגע ספרים און אויך מיט לעבעדיגע נפשות, קליינע ברעקלעך קינדער, וואָס זענען נעבאך גאָט די נשמה שולדיג. אודאי איז דאָס אַ גרויסער, אַ ביטערער שטראָף, וואָס מסתמא האָבען מיר עס כשר פאַרדיענט ביי דעם, וואָס לעבט אייביג. נאָר שטאַרק טרויערען

דערויף טאָרען מיר אויך נישט. ערשטענס, וועלען מיר מיט אונ־זער טרויערען, וואָס מיר וועלען טרויערען, גאָרנישט העלפען, והשנית, וועלען מיר באווייזען פאַר דעם, וואָס לעבט אייביג, אַז דער חורבן כתרילעווקע איז פאַר אונז, חלילה, ערגער פון חורבן ירושלים, חורבן בית־המקדש. אַ משל קעגען אַ מלך. אַמאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאַט אַ בן־מלך, אַ בן־יחיד...

און רב יוזיפעל דערצעהלט זיי זעהר אַ שענעם משל מיט אַ מלך, ווי זיין שטייגער איז תמיד צו דערצעהלען משלים פון מלכים, און ער לאָזט אוים מיט די דאָזיגע ווערטער:

— דערפון אַליין איז גרינג ארויסצוזעהען, אַז מיר טאָרען נישט זינדיגען. מיר דארפען זיך אַנטהון אַ כח, און לאָמיר, קינ־דער, נעמען די שטעקענס אין די הענט און לאָמיר געהן אַלע אַפּ־ריכטען גלות. פאָלגט מיך, קינדערלעך, איך געה אויך מיט אייך. איך בין אייך מבטיח, אַז וואוהין מיר וועלען קומען צו געהן, וועלען מיר, אם ירצה השם, געפינען חן אין די אויגען פון אונזערע רייכע ברידער, און זיי וועלען אונז נישט לאָזען פאַלען. שטעהט אויף, אידען, גורט אָן אייערע לענדען און לכו ונלכה — לאָמיר געהן!

און בשעת מעשה גלייכט זיך אוים ביי רב יוזיפלען דער רוקען און דאָס פנים הויבט איהם אָן צו שיינען, און ער פיהלט זיך יונג און פריש, ווי אַ בחור, ווי אַ גבור, וואָס איז גרייט צו דער מלחמה. און אויך דער גאַנצער עולם דערפיהלט זיך, ווי עפּים אויפגעמונ־טערט, און מען איז גרייט אין וועג אריין. עס בלייבט נאָר איבער איין זאך: „וואוהין? וואוהין געהט מען פריהער? ס'איז פארהאַן, קיין עין הרע, אזוי פיעל אידישע שטעדט און, קיין עין הרע, אזוי פיעל נגידים!"...

## קאַפּיטעל ו.

### לאָז זיין שטיל — כתרילעווקע פאָהרט!

דער פסוק „מי ומי ההולכים" — ווער זאָלען זיין די פאָה־רערס? האָט אַ ביסעל אויפגערודערט די שטאָדט, אָדער, ווי פישעל

דריקט זיך אויס אין איינער פון זיינע קאָרעספּאָנדענציעס, „געמאַכט פון איהר אַ געפּרעגלעכטס". אויף דער דאָזיגער נסיעה האָבען זיך געפונען אין כתרילעווקע אַ סך, אַ סך בעלנים. אַלע, די גאַנצע שטאָדט כמעט, איז געווען גרייט צו פאָהרען! איטליכער האָט געוואָלט די מצוה, און אפשר טאַקי פּשוט — זיך אַ ביסעל דורכלופטערען, דורכטרייסלען די ביינער, — מע ווערד פערשימעלט און פערקליאַנעט, זיצענדיג אויף איין אָרט. ביי איטליכען מענשען איז פאַרהאַן אַ יצר־הרע, וואָס רעדט־אָן; עס ווילט זיך אַמאָל אָנקוקען אַ וועלט, זעהען זיך מיט מענשען און ברענגען נאָכדעם אַהיים צו פיהרען נייעס, פּעק מיט נייעס. און באמת טאַקי, וואָס קאָן זיין נאָך מעהר איינגענומען פון דעם, וואָס אַז איהר קומט צו פאָהרען פון ערגיץ אַהיים, שטעקט מען אייך פון אַלע זייטען שלום־עליכמס, איטליכער שטופּט זיך, וויל אייך זעהען, אַ קוק טהון גלייך אין פּנים אריין? דאַכט זיך, וואָס? אַ פּנים ווי אַלע פּנים׳ער, נאָר פאַרט אַ בא מן הדרך, פאַרט איין אַנדער פּנים! און אַז איהר רעדט, דערצעהלט נייעס פון וועג, חידושים פון דער גרויסער שטאָדט, קוקען אייך הונדערטער מענשען אין פּנים אריין, שלינגען מיט דאָרשט אייערע ווערטער, און איהר שטעהט, קיין עין־הרע, פאַר אַזאַ עולם און דערצעהלט, און דערצעהלט, און איהר בעקומט מיט אַ מאָל אַ מאָדנעם חן ביי אַלעמען אין די אויגען. איהר ווערד אַ גאַנצען „יש" אין שטעדטעל, איין אָדם, אַ העלד אויף עטליכע טעג. אמת, די עטליכע טעג געהען־איבער און דער העלד ווערד אפילו באַלד אויס העלד, ווערט־אָן דעם גאַנצען חן און ווערד דער איינענער כתרילעווקער, וואָס אַלע; פון דעסטוועגען, ווער וויל דאָס נישט זיין קיין העלד? אויף אַ שעה — און דאָך אַ העלד! נאָר, צוריק שמועסענדיג, איז דען מעגליך, אַז אַ גאַנצע שטאָדט זאָל זיך אויפהויבען און זיך לאָזען אויף דער וועלט? לכן איז געבליבען, מע זאָל אויסקלויבען אַ דעפּוטאַציע פון עטליכע געצעהלטע מענשען. און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אויף דאָס נייַ: מי ומי — וועמען קלויבט מען אויס? דאָס פאַרשטעהט

מען אליין, אז קלויבען קלויבט מען די נגידים מיט די פיינסטע בעלי־בתים. נאָר געהט, אשטייגער, זייט חכמים און מאכט א גרעניץ אין כתרילעווקע צווישען א נגיד און צווישען נישט־קיין־נגיד, צווישען א פיינעם בעל־הבית און נישט־קיין־פיינעם בעל־הבית! אז בסך הכל זענען אלע כתרילעווקער פיינע בעלי־בתים, און די נגידים אליין זענען אויך, עס זאָל אייך צו קיין חרפּה נישט זיין, כמעט אָרעמע לייט! נאָר אז מע וויל שמועסען נאָך א מאָל דאָס אייגענע ווידער צוריק, האָט דאָך יעדע שטאָדט פאָרט איהרע „פּני”. נארישקייטען! דעם בעדער מיט'ן וואסערפיהרער קאָן מען דאָך נישט שיקען. איז געבליבען, מען זאָל אויסקלויבען די גבאים פון אלע שוהלען און פון אלע חברות, און דעם אלטען רב רב יוזיפעל, געוויינטליך, אויך בתוכם. און מע האָט זיך צענויפגעפּאקט די פּעקלעך, מיטגענומען איטליכער זיין קלאָפּערגעצייג — די טלית־ותפילינס מיט די זאָנטיקעס מיט די איבעריגע כלי־זיין, און מע האָט געדונגען צוויי גרויסע בוידען — „בוכטעס“, און מע האָט זיך גאנץ פיין אָפּגעזעגענט מיט דער שטאָדט, וואָס איז ארויסגעגאנגען בעגלייטען די אויסדערוועהלטע, געווינשעוועט, זיי זאָלען מצליח זיין — און מע האָט זיך אין א גוטער שעה א מזל'דיגער געלאָזט אין וועג אריין.

צוויי מעת־לעת האָבען זיך אונזערע אויסדערוועהלטע געטרייסעלט אין די „בוכטעס” איבער דער געהארטעוועטער בלאָטע, איבערגעחאפּט דעם אָטהעם אויף א קליינע צייט נאָר דעמאָלט, ווען מע האָט בעדארפט אָפּשטעלען זיך ערגיץ אין א קרעטשמע דאווענען, אָדער עפּיס נעמען אין מויל אריין, אָדער אונטערפּאשען די פערד — און ערשט אויפ'ן דריטען טאָג האָט מען זיי, צעבראָכענע, צע'הרג'עטע, אויסגעמוטשעטע, געבראכט צו פיהרען צו דער באהן, און די אויסדערוועהלטע האָבען זיך א לאָז געטהאָן צו דער קאסע אלע מיט א מאָל אויף דערשטיקעניש און גענומען בילעטען. דער עולם, וואָס אויפ'ן וואָקזאל, האָט זיי אָפּגעטרעטען דעם וועג, געזאָגט מיט ליצנות: „לאָז זיין שטיל — כתרילעווקע פאָהרט!”

און ווער שמועסט כריסטען — די האָבען זיך אָפּגעשטעלט, מיט דרך־ארץ בעטראַכט די דאָזיגע אידלעך, וואָס האָבען אַלע איינ־איינעם נערעדט אין איין אָטהעם, און הויך אויף אַ קול, און גע־מאַכט בשעת מעשה מיט די הענד. און אַז ס'איז געקומען צום ערשטען קלונג, אַז מע האָט זיך בעדאַרפט זעצען אין די וואַגאָנעס אריין, איז צווישען די אויסדערוועהלטע געוואָרען אַ גוואַלד, מיט אַ בהלה, מיט אַ שטופּעריי, אַ לויפעריי מיט אַ געפּילדער, מיט אַ געשריי: „לייזער! לאַזער! חנניה! מיכאל!" — דער זשאַנ־דאַרם האָט אַ קוק געגעבען אויפ'ן סטאַראָזש מיט אַזעלכע אויגען, אַז דער סטאַראָזש האָט זיך נעבאַך געמוזט פערשטעלען דאָס גע־שטופּעלטע פּנים מיטביידע קולאַקעס, מע זאָל נישט זעהען, ווי ער לאַכט מיט'ן גאַנצען ברייטען מויל און שטשירעט די גרויסע ווייסע צייהן, און ארויסגעלאָזט האָט ער בשעת מעשה אַ קווימש: „יאַק וואָראָני זליטאַליסיא זשידי!" — און ביי דער „בריגאַדע" האָבען די כתרילעווקער בעלי־בתים גאָר ווינציג אויסגענומען. די קאָנדוקטאָרעס האָבען זיי אריינגעשטופּט אַלעמען אין אַ בעזונ־דערען וואַגאָן, צווישען פּראָסטען עולם, זיך בעגאַנגען מיט זיי עפּים נישט אַזוי, ווי מיט פיינע בעלי־בתים, גבאים, דעפּוטאַטען, וואָס פאָהרען מכח אַזאַ וויכטיגען ענין לטובת הכלל... און דאָ, אין דעם וואַגאָן, האָט זיך פּאַר אונזערע אויסדערוועהלטע שוין אָנגעהויבען אַ צעטעל פון צרות מיט אַנגסטען מיט יסורים מיט בזיונות — דער אמת'ער גלות.

ראשית חכמה, זענען זיי אריין אין וואַגאָן, וואָס, אַז ס'זאָלען דאָרט נישט זיצען קיין מענשען, מענשען מיט מענשליכע פּנים'ער, וואָלטען זיי זיכער מיינען, אַז מע האָט זיי אריינגעלאָזט, מחילה, צווישען דברים־אחרים. די בלאָטע איז געווען אַזוי גרויס, דער רויך איז געווען אַזוי בלוי, און געשמעקט האָט דאָרט אַזוי געדיכט, אַז אונזערע כתרילעווקער בעלי־בתים, וואָס זענען אַליין אויך נישט פון די גרויסע מפונקים, האָבען דערפיהלט, אַז עס ווערד זיי ענג אין האַלז אויף צו חלש'ען! הייסט די ענגשאַפט, וואָס דאָ איז!

קעפּ אויף קעפּ! און אַלץ אַזעלכע פּראָסטע נפשות, אַרבייטער, מיט גרויסע, מאָדנע שמעקענדיגע טאָרבעס אויף די פּלייצעס, און מיט נאָך מעהר מאָדנע שמעקענדיגע לאַפּטיעס אויף די פיס, און דערצו רויבערען זיי זיך אונטער מיט אַזאַ מין טיטון, וואָס מע קאָן דערוואָרגען ווערן. נישטאָ וואו צו זעצען זיך. וואו זיי האָבען זיך נישט געגעבען קיין קעהר, געוואָלט זיך אַנידערזעצען, האָט מען זיי דורכגעטריבען: „פּאָשלאָ־וואָן, פּאַרחאַטיע, זאַניאַ־טאָ!" אויף אונזער לשון הייסט דאָס: „זייט זשע מוחל, רב איד, ס'איז פערנומען"... דורך פערנומען! אפילו דאָרט, וואו ס'איז נישט פערנומען, איז אויך געווען פערנומען... און די כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האָבען, מחילה, געמוזט שטעהן אויף די פיס, זיך צענויפגעשלאָגען אַלע אינאיינעם אין אַ ווינקעל, ווי די שעפּעלעך, אַ ביסעל זיך געקוועטשט און געשטיקט, געשטיקט, און אַלץ גע־רעדט, גערעדט מיט הענד, און הויך אויף אַ קול, און אַלע אינ־איינעם, ווי געוויינטליך.

און גערעדט האָט מען, פערשטעהט זיך, פון דער באַהן, פון היינטיגע פאָהרעכטסען, מבטל געווען, געמאַכט פּשוט אַ תל פון די שענע המצאות, וואָס מע האָט היינט אויסגעטראַכט, שטאַרק געבענגט נאָך דער כתרילעווקער בוכטע, וואָס חאָטש דאָרט איז אויך גאָר נישט פויגעלדיג, דאָך נישט אַזוי פּאַסקודנע, ווי דאָ...

— נאַראָנים! — אַזוי האָבען זיך געשמועסט אונזערע מפונקים. — טפּשים! משוגעים האָבען אויסגעקלערט אַ באַהן! אַ טאַרעראַם! אַ טערעבענדע — האַ־האַ!

און דאָרטען, אין די הויכע פענסטער, זיצען הונדערטער טויזענדער געלעהרטע, אויפגעקלערטע מענשען, איינגעבויגען אין דרייען, סקריפּען מיט די פעדערס, שרייבען, מאָהלען, קלאַפּען דע־פּעשען, ברעכען זיך די מוחות, טראַכטען צו אַלע מאָל נייע המצאות, ווי אַזוי מע זאָל בעסער פאָהרען, בעסער, גיכער, און ביליגער, האַלטען שוין ביי לופט־שיפען, אעראָפּלאַנען — און זיי ווייסען

נאַרנישט, עס חלומ'ט זיך זיי אפילו נישט, אז דאָ, אין וואַגאָן, פאָהרען אַ בינטעל כתרילעווקער בעלי־בתים, פאַרשטעהער פון שטאָדט, און קריטיקירען, זענען מבטל, מאַכען אַ תל פון אַלע זייערע המצאות און אויפטהועכצען, און דוקא אויף אַ קול, בפרהסיה...

לאָז זיין שטיל — כתרילעווקע פאָהרט!

## קאַפּיטעל ז.

## כתרילעווקע צווישען די „פעלקער".

אונזערע כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האָבען זיך אזוי לאַנג געשליפען די צינגלעך, געמאַכט חוזק איבער די באַהנען און איבער אַלע אַנדערע הייַנטיגע אויפטהועכצען, ביז ס'איז זיי נמאס געוואָרען און זיי האָבען אָנגעהויבען ארומקוקען זיך אויף אַלע זייטען און אויסקוקען ערטער, און, געוויינטליך, קודם־כל איין אָרט פאַר'ן אַלטען רב רב יוזיפעל, וואָס איז שוין געווען נעבאַך שטאַרק אויס־געמוטשעט פון דער נסיעה. און גאָט האָט זיי געהאָלפען, זיי האָבען דעם אָרט געפונען און האָבען בעזעצט דעם רבי'ן נעבען איינעם אַ פאַרשוין, אַ רעכטען חברה־מאַן מיט אַ רויט העמדעל איבער די הויזען און מיט אַ האַרמאָניקע אין די הענד. אַ ביסעל איז דער חברה־מאַן געווען מבוסמ'דיג, דאָס הייסט, טאַקי רעכט בנילופין, אונטער'ן גלעזעל, מיט איבערגעקעהרטע אויגען, גע־שפּיעלט אויף דער האַרמאָניקע און געזונגען בשעת מעשה זעהר אַ שען ליעדעל:

קאַסטיושקינאַ מאַט
סאָבּיראַלאַס פּאָמיראַט —
סאָבּיראַלאַס פּאָמיראַט.
אומיערעט ניע אומיערלאַ —
דראָם ווּרעמיאַ פּראָוויעלאַ!

און נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע, שוין העכער מיט אַ טאָן:

קאָסטיושקינאַ מאַט
סאָבירראַלאָס פּאָמיראַט —
סאָבירראַלאָס פּאָמיראַט.
אומיערעט ניע אומיערלאַ —
דראָס וורעמיאַ פּראָוויעלאַ!

און טאַקי נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע, נאָך העכער און נאָך גיכער:

קאָסטיושקינאַ מאַט
סאָבירראַלאָס פּאָמיראַט...

און אזוי ווייטער, אָהן איין אויפהער, ווי אַ מאַשינע.

מילא, איז דאָס געווען אַ שכן חאַטש אַ פריילי‌כער. פון דער אנדערער זייט אָבער האָט גאָט מזכה געווען רב יוזיפּלען מיט אַ נפש, איינעם אין אַ באַראַשקענעם פּעלץ, איז ער געווען בייז, אָנ־געבּרוגז׳ט אויף דער גאַנצער וועלט, און געהאַלטען אין איין שפּייען. יעדער שפּיי, וואָס ער האָט געטהאָן, איז געווען מיט אַזאַ רציחה, גלייך ווי עמיצער וואָלט איהם דאָ דער׳רגזנ׳ט מיט איין איבעריג וואָרט. אַ גליק, וואָס רב יוזיפעל האָט דאָס נישט בעמערקט. רב יוזיפעל איז געווען גאָר נישט בהאי עלמא. זיינע מחשבות זענען געווען ווייט פון דאַנען, דאָרטען ערגיץ אין דער גרויסער שטאָדט, אַזש ביי די „גדולים"...

ווי אַלע כתרילעווקער אידען, האָט אונזער רב יוזיפעל גע־לעבט אין עולם־הדמיון, אַרומגעגאַנגען שטענדיג אין הרהורים, אין פאַנטאַזיעס. האָט איהם די פאַנטאַזיע דאָ אויפגעחאַפּט אויף די פליגלען און האָט איהם אַוועקגעטראָגען גלייך אַהין, צום גרעסטען פון די „גדולים"... עס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַ פּאַלאַץ אַ גרויסער מיט גילדענע כלים... אויבען־אָן, אויף אַ שטוהל, זיצט דער גביר אליין... דערזעהען אידען, שטעהט אויף דער גביר און גיט זיי אַ שלום און פרעגט זיי, וואָס איז זייער באַגעהר? שטעלט

זיך ארוים ער אליין טאקי, רב יוזיפעל הייסט דאָס, און זאָגט איהם: דאָס און דאָס, אזוי און אזוי... און ער לייענט איהם א צעטעל פון כתרילעווקע מיט איהרע אידען און מיט זייערע צרות, ווי אומגליקליך זיי זענען נעבאך פון תמיד אָן, ובפרט אצינד, נאָך דעם גרויסען חורבן... און דער גביר האָרכט־אוים די גאַנצע מעשה ביז'ן סוף און שטעהט־אויף און געהט־צו צו דער שאפע און נעמט־ארוים א היבשע פּויטיקע, און רופט זיך אָן צו איהם, צום רב הייסט דאָס:

— ווי מיינט איהר — עס וועט זיין גענוג?

— שייך זאָגען גענוג? — ענטפערט איהם רב יוזיפעל און רעדט צו זיך אליין, מאכט בשעת מעשה מיט די הענד, מיט די אויגען און מיט'ן שטערן און זעהט גאָרנישט, אז אקעגען איהם, אויף דער באנק, זיצען פארשוינען, פערשיעדענע פּנימ'ער, צווישען זיי אויך נקבות מיט רויטע פּנימ'ער, קנאקען סעמעטשקעס, לאכען גאנץ געשמאק און מאכען חוזק פון אונזערע כתרילעווקער לייט אין די אויגען, קרימען איבער, ווי אזוי זיי רעדען און ווי אזוי זיי מאכען מיט די הענד און ווי אזוי זיי טרייסלען מיט די פּאות! און איבערהויפּט האָט מען זיך געמאכט לוסטיג איבער איהם אליין, איבער דעם אלטען רב יוזיפלען מיט'ן טיזליק און מיט'ן שטריימעל.

דאָס דאָזיגע לאכען מיט'ן חוזק מאכען איז אָבער געווען, ווי מע זאָגט, אָפּגעגעבען ברויט; די כתרילעווקער לייט פון זייער זייט האָבען אויך נישט געשוויגען. זיי האָבען געקריטיקירט, גע־פּראָוועט ליצנות צווישען זיך איבער די דאָזיגע פריילינבע פּאַר־שוינדלעך, און איבערהויפּט — איבער דעם חברה־מאַן, וואָס מיט'ן רויטען העמדעל, מיט דער האַרמאָניקע און מיט דעם שענעם ליע־דעל, וואָס סע ווערד איהם גאָר נישט נמאס איבער'חזר'ען זיעבען הונדערט מאָל אלץ די אייגענע ווערטער: „קאַסטיושקינאַ מאַט סאָביראַלאַס פּאָמיראַט — סאָביראַלאַס פּאָמיראַט”...

— אפנים, אז דער ערל האט שוין היינט געמאכט „שהכל נהיה בדברו”, — בעמערקט איינער פון אונזערע בתרילעווקער, און דער אנדערער חאפט איהם אונטער אויף לשון־קודש:

— מע זעהט דאס ארוים בחוש פון די עינים.

— א כוס׳ע און דוקא א גרויסע! — שטעלט־אריין א דריטער צום גראם.

— יא, ער איז מלא! — רופט זיך אן נאך איינער און קוקט בלומרשט נישט אויף איהם, נאר אויף דער סטעלי, און נאך איינער ענדיגט דעם פסוק:

— וגדוש על כל גדותיו... — און קראצט זיך אונטער׳ן קאל־נער.

— געפעלט אייך דער ניגון וואס ער דבר׳ט?

— א חסיד׳יש ליעדעל מסתמא.

— מיט קלוגע ברבורים!

— טיעף — שכל׳דיג! די אמי פון קאסטיושקינא איז שיער נישט מת געווארען. א קלייניגקייט!...

אפילו רב יוזיפעל, וואס איז ווייט פון ליצנות, האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען און איז א בעלן געווען א פרעג טהון מיט א שמייכעל ביי זיינע בתרילעווקער אידען: וואס בעדייטען די דא־זיגע משונה־מאדנע ווערטער פונ׳ם ליעדעל? האט זיך געפונען איינער, וואס האט איהם געגעבען צו פערשטעהן דעם פשט:

— ס׳איז געווען, פארשטעהט איהר, איינער, אפנים, א קאס־טיושקע, א מענטש, וואס מע האט איהם גערופען קאסטיושקע, האט דער דאזיגער קאסטיושקע געהאט א מאמע, האט זיך די דאזיגע מאמע, זאגט ער, געקלויבען שטארבען, און איז נישט געשטארבען...

רב יוזיפעל לעגט־צו קאפ, נאר ער פערשטעהט נישט דעם שכל, וואס דא שטעקט? וואס הייסט — זי האט זיך געקלויבען שטארבען? שטארבען איז דען געווענדט אן דעם מענשען? בעל־כרחך אתה מת — איבער נויט שטארבט מען...

— עם הדומה לחמור! פון וועמען רעדט מען? — רופט זיך אָפּ איינער פון די אויסדערוועהלטע און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און קוקט אויף דער חברה פון אויבען אראָפּ, און באלד בעקומט ער א קאָמפּלימענט פון איינעם פון דער חברה, וואָס קרימט זיך נאָך, ווי אזוי אידען דאוונען, דאָס הייסט: ער שלאָגט זיך מיט דער האנד אין הארצען אריין און זאָגט מיט א מאָדנעם ניגון: „טאַ־טעלי! מאַמעלי! טאַטעלי! מאַמעלי!" — און דער גאַנצער איבעריגער עולם ווערד צעשמאָלצען פאַר געלעכטער.

— מע לאַכט דאָס אָפּ פון אונז! מע לאַכט פון א אידען! אומעטום מאַכט מען פון אונז חוזק! — מאַכט איינער פון די אויסדערוועהלטע מיט א זיפץ און ווינקט מיט'ן קאָפּ צום רבי'ן, און דער רב רב יוזיפעל קוקט אויף יענעם נפש, ווי ער וואַרפט זיך און ווי ער קרימט זיך.

— נישט פון אונז לאַכט ער, קינדעניו, — זאָגט רב יוזי־פעל, — פון זיך לאַכט ער אָפּ, פון זיך אליין! פון אונז איז נישטאָ וואָס צו לאַכען, נשמה מיינע; פון אונז דאַרף מען וויינען און זיך א מוסר אראָפּנעמען, א מוסר: וואָס מיר זענען געוועזען און וואָס מיר זענען געוואָרען...

און רב יוזיפעל דערצעהלט דערביי זעהר א שענעם משל, געוויינטליך, מיט א מלך, און דער עולם הערט־אויס דעם משל, עס קאָן זיין, נישט דעם ערשטען מאָל, און יענער חברה־מאַן, וואָס מיט'ן אראָפּגעלאָזטען רויטען העמדעל און מיט דער האַרמאָניקע, לאָזט זיך אראָפּ אלע מאָל נידעריגער און נידעריגער מיט א האַל־בען טאָן (אפנים, ס'איז איהם שוין אליין אויך נמאס געוואָרען):

קאַסטיושקינאַ מאַט
סאַביראַלאַס...
פּאַמיראַט...
פּאַמיראַט... פּאַמיראַט...

— שלום־עליכם! — רופט זיך אָן פלוצים א פרישער פאַר־שוין, גלייך ווי פון הימעל אראָפּגעפּאַלען. — פון וואַנען פאַהרען דאָס אידען און וואוהין? און וואָס האָט איהר זיך פאַרקלויבען גאַר אַהער, צווישען אַט די דאָזיגע?... קומט צו אונז, אין אונזער וואַגאָן אריין. דאָרטען וועט איהר האָטש זיין צווישען אונזעריגע, צווישען אייגענע...

## קאַפּיטעל ח.

## כתרילעווקע צווישען „אייגענע״.

ווי פּיש, נאָר־וואָס געחאַפּטע אין דער נעץ און אריינגעלאָזטע צוריק אין טייך אריין, — אזוי האָבען זיך געפיהלט אונזערע כתרי־לעווקער דעלעגאַטען, אז זיי האָבען זיך איבערגעפּעקעלט אינ׳ם אַנ־דערען וואַגאָן, צווישען „אייגענע״, צווישען אידען. מע קאָן נישט זאָגען, אז דאָרט זאָל געוועזען זיין א סך ריינער און א סך גראַמער, ווי אינ׳ם ערשטען וואַגאָן. עס קאָן זיין, אז דאָ, אויפ׳ן נייעם אָרט, איז זיי געווען נאָך ערגער, ווארום דאָרטען, אינ׳ם פריהעריגען וואַגאָן, איז דער עולם האָטש געזעסען א סך אויף דער ערד, נישט געהאַט קיין איבעריגע פּעקלעך. א טאָרבע מיט א פּאָר שטיוועל — און איין עק. און דאָ, אויף דעם נייעם אָרט, צווישען אידען, איז געווען דער טומעל א סך גרעסער, די ענגשאַפט א סך ערגער, און איבער די פּעקלעך איז נישט געווען, וואו זיך א קעהר צו טהון.

דאָס איז ידוע, אז יעדער איד האָט מיט זיך אונטערוועגס נישט ווינציגער ווי צוויי־דריי פּעקלעך, און ווייבער האָבען, אחוץ די פּעקלעך, אויך קישענס מיט קאָלדרעס מיט שמאַטעס. פון דער וועלט שמאַטעס. אין וועג זעהען דעריבער אידען אויס נישט נאָר ווי רייזענדע אליין, נאָר ווי וואַנדערער, ווי עמיגראַנטען, וואָס פאַהרען־אריבער ערגיץ זעהר אין א ווייטע מדינה, דאָרט וואו ס׳איז נישט צו קריגען פאַר קיין געלד נישט קיין קישענס, נישט קיין קאָלדרעס, נישט קיין שמאַטעס... און זיי פיהלען זיך דערפאַר

אומעטום, ווי ביי זיך אין דער היים. אידען, וואוהין זיי זאָלען נישט פאָהרען, פיהרען זיי, ברוך־השם, מיט זיך זייער היים, זייער „געטאָ“ מיט זייער גלות, און דערפאַר, אפּנים, האבען זיי אומע־טום און אַלע מאָל טאַקי איין פּנים, בייטען זיך אזוי גיך נישט איבער און פיהלען זיך גוט נאָר דעמאָלט, ווען זיי זענען אַלע אינ־איינעם. און די וועלט טהוט זיי צוליעב: איהר ווילט אינ־איינעם — זייט אייך אינאיינעם...

אריינגעטראָטען אינ'ם נייעם וואגאָן און דערזעהען, אז מען איז אין דער היים, צווישען „אייגענע“, האָבען זיך אונזערע אויס־דערוועהלטע צעלעגט, ווי ביי'ם טאַטען אין וויינגאָרטען, אַוועק־געלעגט זייערע פעקלעך אויף יענעמ'ס פעקלעך, זיך געזעצט גאַנץ נאָהענט איינס נעבען דאָס אַנדערע, געבעטען יענעם זיך אַ ביסעלע אַ רוק טהון, און קוים אריינגעחאַפּט זיך, מאַכט שוין נישט אויס, מעג מען שוין יענעם אַ ביסעל צוקוועטשען, און פאַר וואָס טאַקי נישט אינגאַנצען ארויסקוועטשען?... מען איז דאָך צווישען „איי־גענע“, צווישען אידען!...

און האָט קיין יסורים נישט: מע וועט זיך, חלילה, נישט קריעגען, נישט זידלען איבער אַזעלכע נאַרישקייטען. ווערטלעך זאָגען, געבען יענעם אַנצוהערעניש — דאָס מהכתיתי. צום ביי־שפּיעל: אז איינער טרעט־אָן דעם אַנדערען רעכט אויפ'ן פוס, טהוט יענער אַ שפּרונג־אונטער און אַ זאָג כלומרשט אזוי, פערביי־געהענדיג:

— אוי האָט איהר, קיין עין־הרע, אַ האַרטען טראָט, פעטער!

אָדער אז איינער שטעלט־אַוועק זיין טשעמאָדאַן כמעט גלייך אויף יענעמ'ס פּלייצע, מאַכט יענער חוזק נישט איבער איהם, נאָר איבער'ן טשעמאָדאַן, און טהוט זיך אַ זאָג אונטער דער נאָז:

— הערט איהר? אייער טשעמאָדאַן האָט, אפּנים, קיינמאָל נישט געקרענקט.

אָדער אז איינער פערשטעלט דעם אַנדערען די שיין, טהוט ער איהם אַ זאָג:

— ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען? איך האָב מורא, אז איהר זענט נישט קיין גלעזערנער...

און אז סע מאַכט זיך אַפּילו אַמאָל, אז צוויי אידען צעאַמפּערען זיך שוין גאָר איבער טיין אָרט אין וואַגאָן, הויבען זיי אָן שיטען איינס אויפ'ם אַנדערע מיט ליצנות און שטעכווערטלעך:

— זייט־זשע מוחל, פעטער, דאָס איז מיין אָרט.

— טאַקי באמת? מיט וואָס איז דאָס אייער אָרט, למשל?

— ווייל דאָ בין איך געזעסען.

— וואָס־זשע, איהר האָט דאָ שבת געהאַלטען? צי עס שטעהט אויפגעשריבען אויף דעם אָרט: „זה המקום שייך״?...

און דער זיצענדיגער פּאַרשוין פוילט זיך נישט, הויבט זיך אויף און זוכט אויפ'ן אָרט די אויפשריפט: „זה המקום שייך״. ווערד צווישען עולם א געלעכטער, פערדריסט דאָס דעם שטעהענדיגען פּאַרשוין און ער רופט זיך אָן צום זיצענדיגען:

— איהר זענט, דאַכט מיר, שוין א ביסעל צו דאָסיג.

— צו וואָסיג? — פרעגט איהם דער זיצענדיגער, און דאָס געלעכטער צווישען עולם וואַכסט. אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז מע גיט זיך איין עצה: מע ענגט זיך א ביסעל, מע רוקט זיך צענויף און מע מאַכט איין אָרט פאַר'ן שטעהענדיגען. ממה־נפשך, עס זיצען, קיין עין־הרע, אזוי פיעל אידען, וועט זיצען נאָך איינער... און די דאָזיגע צוויי, וואָס האָבען זיך נאָר־וואָס געווערטעלט, בלאָזען זיך נאָך א קליינע ווייל, נאָכדעם נעמט מען זיך צו די זייגערס: וואו האַלט ביי אייך דער זייגער? אָדער מע קוקט אין פענסטער ביידע: ווייסט איהר נישט, ווי אזוי הייסט די סטאַנציע? און מע מאַכט א שמועס פון סטאַנציעס און פון באַהנען און פון געשעפט — און עס געהט אַוועק, ווי א מזמור. דער פרישער פּאַר־שוין, וואָס קומט־אַריין און טרעפט די צוויי, מיינט ער, אז דאָס זענען אָדער צוויי שותפים, אָדער קרובים, אָדער מחותנים, אָדער אזוי גוטע פריינד פון איין שטאָדט...

לאָזען חכמים זיך וויצלען, וויפיעל זיי ווילען. לאָזען זיי צו־טראַכטען אַזעלכע שפּריכווערטלעך, ווי, למשל: „זיצען זאָל מען צווישען גויים, ליגען — צווישען אידען", „מיט אידען איז גוט נאָר קונעל עסען", וכדומה. איך געה מיר מיט מיין גאַנג, אַז אידען, און נאָך כתרילעווקער דערצו, פּיהלען זיך צווישען אייגענע אַ סך בעסער און אַ סך היימישער, ווי צווישען פרעמדע.

קאַפּיטעל ט.

„אַ איד וואָס קאַטאָרי".

דער מענש, וואָס איז ווי אַראָפּגעפאַלען פון'ם הימעל און האָט אַריבערגעפּעקעלט אונזערע דעלעגאַטען אַהער פון יענעם וואַ־נאָן, איז געווען איינער פון יענע זעלטענע פּאַרשוינען, וואָס מע קאָן זיי זעהען נאָר אונטערוועגעס. אַז איהר בעגעגענט זיך מיט זיי, ווערד איהר באַלד חבר, אויסגעבונדען, גלייך ווי איהר זענט שוין מיט זיי בעקענט פון כמה וכמה יאָהרען. ווער ער איז — ווייסט איהר נישט. וואָס ער איז — ווייסט איהר אויך נישט. עס איז רעכט צו זאָגען, אַז ער איז אַ איד, אַ קרעמער, און עס איז רעכט צו זאָגען, אַז ער איז אַ מעקלער פון דער בערזע. נאָר גיכער פון אַלץ איז ער גאָר אַ שניידער, אַ חשוב ביי נאַטשאַלסטווע און דרעהט זיך ביי „פּראַוואָזשיטעלסטווע"...

אַליין איז ער אַ מענש פון מיטעלמעסיגען וואוכס און מיטעל־מעסיגען שטאַנד, אַ שוואַרצער מיט אַ גלאַנץ פון אַרמענישען טיפּ, מיט אַ קליין בערדעל, מיט קליינע שוואַרצע אומרוהיגע אויגען, מיט'ן קאַפּעלישעל אַהינטער — אַ ריהרעווידיגער, אַ לעבעדיגער פּאַרשוין, וואָס קאָן נישט זיצען אויף איין אָרט, מוז עפּיס טהון, ערגיץ געהן, מיט עמיצען רעדען. און איבערהויפּט — רעדען. רעדען — דאָס איז זיין וועלט. געפינט זיך אין וואַגאָן אַ איד — איז אודאי גוט. אַלאַ נישט — איז אַ גוי, אַ סאָלדאַט, אַ פּריצה, אַ גלח. פאַר נויט איז גוט אַ קאָנדוקטאָר, איין אוּוועגהייצער,

אַ רעדער־שמירער, אַ שוואַרציאַהר, אבי אינ׳ם געשטאַלט פון אַ מענשען. און אַ כח האָט ער: ווער ס׳זאָל נישט זיין — מוז ביי איהם ווערען רעדעוודיג. סיידען אַ געבוירענער אַ שטומער. מחמת ער ווייסט, פערשטעהט איהר מיך, פון וואָס און ווי אַזוי מיט ועמען אָנהויבען צו רעדען. און רעדען וועט ער מיט אייך פון וואָס איהר ווילט, כמעט קאָן מען זאָגען, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל ניט וויסען, און נישטאָ אַזאַ מענש אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל איהם נישט קענען. מיט אַזעלכע איז אַ פערגעניגען צו זיצען אין איין וואַגאָן. דערצו איז ער גלאַט אַ גוטער מענש. איין אָפּענהערציגער און זעהר אַ צו־געלאָזטער. ער מעג אייך זעהען דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען, איז ער גרייט צוליעב אייך פון דעסטוועגען געהן, וואוהין איהר ווילט: אפשר ווילט איהר צו דער קאַסע נאָך אַ בילעט? אָדער העלפען אייך צענויפּפּאַקען די זאַכען? — מיט׳ן גרעסטען כבוד! ער וועט אַריינקוקען דערוויל צו אייך אין פּעקעל אַריין, אָפּשאַצען, וואָס איז ווערטה אייער טשעמאָדאַנדעל, אָדער אייער פּעלץ, אָדער אייער זייגער, אויסרעכענען אייך פּינקטליך, אין וואָסער שעה און וויפיעל מינוט איהר דאַרפט קומען אַהיים, און וואָס וועט אייך קאָסטען דער באַגאַזש, און געבען אייך איין עצה, ווי אַזוי, אויף וואָסער וועג, איהר זאָלט פאָהרען, און וואו איהר זאָלט זיך אָפּשטעלען. בשעת־מעשה וועט ער אייך האַלטען ביי אַ קנעפּעל, אָדער בויערען אייך מיט׳ן פינגער אַ לעכעל, און דאָס קאַפּעלישעל האַלט שוין ביי איהם [illegible]ט, און די בעקלעך פלאַמען, און די אויגען ברענען, גלייך ווי ער טהוט זעהר אַ נויטיגע זאַך. מיט איין וואָרט — דאָס איז געווען אַזאַ מין פּאַרשוין, וואָס ביי אונז רופט מען איהם:
„אַ איד וואָס קאַטאָרי״.

פּאַר אונזערע כתרילעווקער פּאַסאַזשירען איז דער דאָזיגער „איד וואָס קאַטאָרי״ געווען, קאָן מען זאָגען, אַ אַאַזיס אין דער מדבר, אַ געזונד אין בויך, אַ זאַלץ אין די ביינער. אַ קליינינ־קייט — זייער מיסיאָן, וואָס זיי האָבען אויף זיך געהאַט! דאָס

ערשטע מאָל אין אַ פרעמדען אָרט, אין אַזאַ גרויסער שטאָדט, וואָס זייער באָבע׳ס באָבע איז דאָרט קיינמאָל נישט געוועזען אין חלום אפילו! מע ווייסט נישט, וואו אַ טהיר עפענט זיך, און מע פאָהרט מכח אַזאַ ענין, אַזאַ הייליגע זאַך!...

אויך דער פאַרשווין האָט זיך מחיה געוועזען מיט זיי, ממש דער־קוויקט זיך. געוואָהר געוואָרען, וואוהין, צו וועמען און צוליעב וואָס זיי פאָהרען, האָט ער זיי בעשאָטען מיט עצות, ווי אַזוי זיי זאָלען זיך נוהג זיין פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי וועלען אָנ־קומען אויפ׳ן וואָקזאַל, ביז זיי וועלען זיך צושלאָגען צום פונקט, וואָס זיי בעדאַרפען. און די כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האָבען איהם געקוקט אין מויל אַריין, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און געשלונגען איטליכס וואָרט זיינס.

— איהר פאָהרט, מיינע ליעבע אידען, — האָט ער איינגע־טענה׳ט מיט זיי געטריי, ווי אַ פאָטער, געשמייכעלט און געגלעט זיך דאָס בערדעל, — איהר פאָהרט, מיינע ליעבע אידען, וועגען זעהר אַ וויכטיגען עסק. מע קאָן זאָגען, אַ הייליגע זאַך, הלואי איהר זאָלט נאָר מצליח זיין, און איהר וועט, אם ירצה השם, געוויס מצליח זיין. איך בין זיכער, אַזוי ווי מיר האָבען היינט יום גימל אויף דער גאַנצער וועלט. דער עיקר, איהר זאָלט וויסען, וואו איין און וואו אויס. די שטאָדט איז אַ גרויסע און אַ צעוואָרפענע. אַ גויישע שטאָדט, פאַרשטעהט איהר מיך. נאָר אידען זענען, קיין עין־הרע, פאַרהאַן, און דוקא רייכע אידען. דאָס הייסט, ס׳איז פאַרהאַן קבצנים אויך גענוג, אפשר מעהר קבצנים ווי נגידים. נאָר צו די קבצנים דאַרפט איהר דאָך נישט האָבען. קבצנים, זאָגט איהר, האָט איהר אַליין. עצתי, אַז געהן זאָלט איהר נאָר צו די גרויסע, צו די סאַמע גדולים. ווער זענען ביי אונז די סאַמע גדולים — ווילט איהר וויסען? נעמט, זייט מוחל, אַ שטיקעל פּאַ־פּיער מיט אַ בלייפעדער און פאַרשרייבט, וועל איך אייך זאָגען אַקוראַט מיט די אַדרייסים און מיט׳ן יחוס פון איטליכען באַזונדער. איך קען זיי, פאַרשטעהט איהר מיך, אויסגעבונדען. גדולים זענען

זיי אַלע, און וואָלטען וועלען אריבערשטייגען, אריבערשפּרינגען, איינשלינגען איינס דאָס אנדערע מיט די ביינער, זיי זאָלען נאָר קאָ־נען. און אַלע רייסען זיי זיך ארויף, ארויף, טאנצען נאָך גאָר דעם גרויסען, דעם אמת׳ען גדול, דעם ל י י ב צווישען די חיות... איך זעה נאָך אייערע פּנימ׳ער, אז איהר ווייסט שוין, וועמען איך מיין... אזוי איז טאָקי דער נאָמען זיינער. און כשמו כן הוא... ער איז טאָקי א לייב. א קעניג איז ער, א גביר, א גרויסער גביר, איין אדיר, א מיליאָנער. איהר ווילט וויסען, וויפיעל ער פאַרמאָגט? פרעגט גאָר נישט. וויפיעל איהר זאָלט אייך נישט פאַרשטעלען — פאַרמאָגט ער צוויי מאָל, דריי מאָל, צעהן מאָל אזוי פיעל. ס׳איז רעכט צו זאָגען — פופציג מיליאָן, און ס׳איז רעכט צו זאָגען — זיבעציג. און אז איהר וועט מיך שטארק בעטען, איז אפשר טאָקי אַלע הונדערט. אהין דארפט איהר זיך דערשלאָגען שוין צום סוף, אז איהר וועט פארטיג ווערען מיט אַלע איבעריגע גדולים. ווייל איהר ווילט דאָך מסתמא א גראָבס, א מנה יפה. און וויבאלד א מנה יפה, איז נאָר ביי איהם. וואָרום וועט איהר איהם טרעפען אין דער גוטער מינוט — איז נישט שייך צו זאָגען. ביי איהם געבען א נדבה א טויזענד, און פופציג טויזענד, און הונדערט טויזענד — איז טפו! אָדער שאַ! ווייסט איהר גאָר וואָס? איך וועל אייך געבען א בעסערע עצה.

דאָ האָט זיך דער „איד וואָס קאַטאָרי״ פערטיעפט אין מחשבות, נאָכדעם האָט ער זיך אָנגענומען ביי׳ם בערדעל און אָנ־גערופען זיך, ווי א מענש, וואָס איז געפאַלען אויף זעהר א גליק־ליכע אידעע:

— הערט־זשע אוים, מיינע ליעבע אידען, וואָס א י ך וועל אייך זאָגען. ביי אייך איז, זאָגט איהר, אפּגעברענט געוואָרען דאָס גאַנצע שטעדטעל? דארפט איהר דאָך געהילף אויף בויען הייזער? האָט ער א וואַלד, טאָקי נישט ווייט פון אייערע מקומות, אָבער א וואַלד, ווי זאָגט איהר, מיט בוימער! וואָס פאַר א ווערדע

האָט ביי אַזאַ מיליאָנער איינטונקען די פּען און אוועקשרייבען אַ קוויטעל אין וואַלד אריין: „אבקש ליתן על חשבוני״?

און דער „איד וואָס קאַטאָרי״ טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד אין דער לופטען, ווי דער גביר מיט דער פּען, און אונזערע כתרילעוו־קער אויסדערוועהלטע געבען זיך ביי די ווערטער אַ הויב־אויף, און טרערען האָבען זיך אַזש געשטעלט ביי זיי אין די אויגען. נאָר דאָ האָט זיי דער „איד וואָס קאַטאָרי״ אַ ביסעל אָראָפּגעוואָרפען. ער האָט, אַפּנים, פערשטאַנען, אַז ער האָט זיי אריינגעגעבען אַ ביסעל צופיעל האָפענונג, האָט ער זיך אַ גלעט געגעבען דאָס בער־דעל און אַ זאָג געטהאָן צו זיי:

— איך דאַרף אייך אָבער זאָגען, מיינע ליעבע אידען, נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע: עס ווענדט זיך אָן דעם, אין וואָס פאַר אַ מינוט איהר וועט איהם טרעפען... טאָמער, חלילה, טרעפט איהר איהם אויף דער לינקער זייט, בין איך אייך נישט מקנא. ער איז אַ מענטש, וואָס אַלע קוקען איהם אין מויל אריין, פערשטעהט איהר מיך, און איז אַזוי גרויס, אַזוי תקיף, ווי זאָגט איהר: „מה יעשה הבן״... אודאי ווען איהר זאָלט זיין נישט קיין אידען — עהע־הע!

די כתרילעווקער אויסדערוועהלטע זענען ביי די ווערטער גאָר מבולבל געוואָרען. זיי האָבען נישט פערשטאַנען, וואָס מיינט דערמיט אָט דער מענש: וואָס הייסט — ווען זיי זאָלען נישט זיין קיין אידען? וואָס דען זאָלען זיי זיין — אַנדרוגוניסען?... דער „איד וואָס קאַטאָרי״ האָט, אַפּנים, געזעהען, אַז זיי פערשטעהען איהם נישט, האָט ער גענומען זיי מסביר זיין:

— פערשטעהט איהר מיך, מיינע ליעבע אידען, דער מענטש איז זעהר גרויס, זעהר תקיף און שטאַרק אָנגענומען צווישען כריס־טען. „גענערעלער״ קומען צו איהם אין שטוב אריין, זיצען מיט איהם אָט אַזוי־אָ, ווי איך מיט אייך... נו, פערשטעהט זיך, אַז וויבאַלד כריסטען זענען מיט אַ אידען אָט אַזוי־אָ, וועט זיך אַ איד פאַר זיי מפקיר זיין...

מע קאָן נישט זאָגען, אז דער דאָזיגער פירוש איז געווען פאַר אונזערע כתרילעווקער לייט איינגאַנצען פערשטענדליך. זיי האָבען נישט אויפגעהערט צו האַלטען אָפען מויל און אויהערען, און יענער האָט נישט אויפגעהערט צו גלעטען זיך דאָס בערדעל און לויבען אין טאָג אריין די סאַמע גדולים, אויסגערעכענט זיי אַ גאַנץ צעטעל פון „גרויסע גדולים" און פון „קליינע גדולים׳לעך", און אַלע מיט די נעמען און מיט די גאַסען און מיט די נומערען פון די הייזער, זיך אָפגעשטעלט אַלע מינוט כמעט ביי יעדען איינציגען גדול מיט אַ קורצער נאָר אַ שאַרפער כאַראַקטעריסטיק, וואָס פון דעם אַליין וואָלט געקאָנט זיין אַ בעזונדער בוך, ווען דאָס זאָל זיין ביי אונז דער עיקר. נאָר אַזוי ווי דער עיקר איז דאָך די מעשה מיט די כתרילעווקער נשרפים, לאָזען מיר עס דורך פערביי און קעהרען זיך אום צוריק צו אונזערע כתרילעווקער דעלעגאַטען אין דער גרויסער נישט-אידישער שטאָדט, וואו מיר האָבען זיי איבערגע-לאָזט סאַמע אין רעכטען אָנהויב פון זייער הייליגער ארבייט.

## קאַפּיטעל י.

## אין עולם התוהו.

דער עולם-התוהו, ווי עס ווערד בעשריבען ביי אונז אין די הייליגע ספרים, — דאָס איז געווען די גרויסע שטאָדט מיט איהרע „גדולים" פאַר אונזערע אויסדערוועהלטע פון כתרילעווקע. די גאַנצע קונץ פונ׳ם עולם-התוהו בעשטעהט אין דעם, וואָס דעם מענשען׳ס נשמה בלאָנזעט ארום אויף דער וועלט, איז אויסען אין אַלע ווינקעלעך, זעהט און הערט און פיהלט אַלסדינג, נאָר דער גוף איז דערביי נישט אויסען. צי מחמת גרויס אויפרעגונג פון די מעשיות, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעהערט אין וואַגאָן פונ׳ם „אידען וואָס קאַטאָרי", אָדער אפשר ווייל זיי זענען דאָס ערשטע מאָל ארום אויף דער גרויסער פרייער וועלט — דאָס איז זיכער, אז זיי זענען נישט געווען בהאי עלמא. דאָס הייסט, די נשמה

האָט זיך ביי זיי אַרומגעבאַמבעלט דאָ, צווישען די „גדולים", נאָר דער גוף איז געווען ערגיץ ווייס איך וואו, ווייט פון דאַנען.

פון דער ערשטער מינוט איז זיי געגאַנגען נישט כשורה, יעדענ־פאַלס — נישט אַזוי, ווי זיי האָבען זיך פאַרגעשטעלט. געגאַנגען זענען זיי דוקא מיט אַ סדר, מיט אַ סיסטעם, לויט ווי יענער פאַר־שוין מיט די ברענענדיגע אויגלעך האָט זיי געלעהרענט און לויט די נומערען פון די הייזער מיט די נעמען פון די גאַסען, וואָס יענער האָט אויפגעגעבען. פריהער האָבען זיי אָנגעקלונגען צו די „קלענערע גדולים", דערנאָך צו די „גרעסערע גדולים", און גע־שטיגען וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער. מע קאָן נישט זאָגען, אַז זיי האָבען נישט מצליח געווען. נדבות זענען דוקא איינגעגאַנגען, אָדער, ווי זיי האָבען זיך נאָכדעם בעריהמט פאַר זייערע בתרילעווקער: „אַ רעגען פון נדבות האָט געגאָסען אויף זייערע קעפּ". אויב עס האָט באמת געגאָסען אַ רעגען פון נדבות — דאָס ווייסען מיר נישט. איינס איז זיכער, אַז ביי זיי אין דער היים זענען זיי צו אַזעלכע נתינות געווים נישט געוועהנט געוואָרען, און אַזעלכע מטבעות, ווי מע האָט זיי דאָ דערלאַנגט, האָבען זיי געזעהען דאָרטען סיידען אין חלום, איז דאָס — נישט אַלע מאָל... נישט מעהר, וואָס האָט זיי געקוועטשט? זיי האָט געקוועטשט נאָר איין זאַך: עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען, אַז זיי זענען נישט צווישען אייגענע... ווי ווילד־פרעמדע, ווי גאַנץ ווייטע האָט מען זיי אויפגענומען, אָפּגעגעבען זייערס און — האָט קיין פאַראיבעל נישט.

אַנדערע האָבען אפילו נישט געוואָלט אָנקוקען זייערע פּנים'ער, אַרויסגעשיקט זיי זייער נדבה נאָך איידער זיי האָבען אַריבערגע־טראָטען די שוועל. אַנדערע זענען נאָך געווען בייז אויך, נישט נעלאָזט זיך אויסרעדען איין איבעריג וואָרט: „אָפּגעברענט גע־וואָרען? געהערט אַזעלכע זאַכען, איהר זענט נישט די איינציגע"...

עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבען אָנגעשריגען אויף זיי, אָנגערופען זיי מיט עפּים זעהר מיאוסע נעמען: „פּלעבטלעך",

„פּאַנאַרעלצים", „שנאָרערס"... איינער אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, מיט אַ שפּיצעכיגער נאָז און מיט צוויי קליינע בערדלעך, צעקעמט רעכטס און לינקס, האָט זיך געהייסען ווייזען אַ בוך.

— וואָסער בוך?

— דאָס בוך, וואו עס ווערען ביי אייך פאַרשריבען די נדבות.

דאָ האָט זיך שוין ארויסגעשטעלט דער זקן, רב יוזיפעל דער רב:

— די נדבות, וואָס ווערען געגעבען אויף אונזערע נשרפים, ווערען פאַרשריבען מיט אַזאַ כתב און מיט אַזאַ לשון, וואָס נישט איהר און נישט מיר ועלען דאָס קאָנען לייענען אפילו...

רב יוזיפעל האָט איצטיגס מאָל גערעדט פערשטעלט, אפילו מיט אַ בנעימות'דיג שמייכעלע, ווי אַלע מאָל, נאָר אין קול האָט זיך געלאָזט הערען אַ פּערדראָס. רב יוזיפעל דעם רב איז נישט בעגאַנגען אין דעם, וואָס מען איז זיי חושד בכשרים. ניין. איהם האָט געאהרט די קאַלטקייט, וואָס האָט זיי בעגעגענט אומעטום, אין יעדער אידישער שטוב פון די דאָזיגע „גדולים". רב יוזיפעל איז געוועהנט געוואָרען ביי זיך אין כתרילעווקע, אַז אַ איד גיט אַ נדבה, עס מעג זיך זיין נאָר אַ פּרוטה, לאָז זיין אפילו אַ האַלבע פּרוטה, גיט ער זי מיט'ן גאַנצען הארצען. וואָרום אחוץ, וואָס ער איז מחיה איין אָרעמאַן, אחוץ וואָס ער העלפט אַ נויטבעדערפ־טיגען, טהוט ער אַ גוטע זאַך און פ ע ר ד י ע נ ט א מ צ ו ה... רב יוזיפעל דעם רב האָט געוואונדערט, וואָס צווישען די אַלע גדולים האָט זיך נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל זיי אָפּגעבען אַ אידישען, אַ פּשוט'ען, אַ היימישען שלום־עליכם. קיין איינער האָט זיך נישט געפונען, וואָס זאָל זיך נאָכפרעגען אויף כתרילעווקע, וואָס זאָל האָטש ועלען אויסהערען זייער אומגליק, זייער הארץ, און האָבען זיי זיך נאָר געפּרובט אָנהויבען רעדען, אויסרעדען זיך, דערצעהלען וועגען דעם גרויסען חורבן, וואָס זיי האָבען איבערגע־לעבט, אַזוי האָט מען געעפענט דאָס בייטעלע, ווי איינער רעדט: „נאַט אייך און געהט אייך געזונטערהייד"...

געוועהנט געוואָרען פון תמיד צו פערענטפערען יעדען איינ־ציגען, האָט רב יוזיפעל געזוכט צו געפינען א זכות אויך אויף די דאָזיגע „גדולים".

— מענטשען געפינען זיך אין אזא עולם־התוהו! — האָט ער זיך געטראַכט און געגאַנגען מיט פעסטע טריט, גאָרנישט נאָך זיינע יאָהרען, אַלץ ווייטער און ווייטער.

עס איז געווען שוין נישט פריה, ווען אונזערע דעלעגירטע פון כתרילעווקע זענען צוגעטרעטען צום סאַמע גרעסטען גדול, צום „לייב צווישען די חיות", ווי יענער מענש אין וואַגאָן האָט איהם אָנגערופען. און דאָ האָבען זיי זיך דערמאַנט אָן דעם, וואָס יענער מענש האָט זיי געגעבען אָנצוהערעניש אויף דעם „גדול", אז ווען זיי זאָלען זיין נישט קיין אי־דען — עהע־העע!...

דער דאָזיגער „עהע־הע" מיט דער קיהלקייט, וואָס זיי האָט בענגענט אומעטום, אין יעדען הויז, האָט זיי געבראַכט דערצו, אז זיי זאָלען ביסלעכווייז פערלירען זייער קוראַזש און מורא האָבען אָנצוקלינגען ביי אזא גדול, וואָס רעכענט זיך פאַר „א לייב צווישען די חיות"... א היבשע ווייל איז מען געשטאַנען ביי דער טהיר און גערונגען זיך, צי מע זאָל טאַקי אָנקלינגען פשוט, ווי מע האָט אָנגעקלונגען אומעטום, צי אפשר?...

— אפשר וואָס?

— גאָרנישט.

— וואָס זשע זאָגט איהר „אפשר"?

— ווער זאָגט דען „אפשר"?

— אז איהר זאָגט נישט „אפשר", פאַר וואָס זאָלט איהר נישט אָנקלינגען?

— וואו שטעהט עס, אז איך? פאַר וואָס נישט איהר?

— הויבט זיך אָן א מעשה מיט א אידען!

— שא, שא, קינדערלעך, לאז זיין שטיל! — רופט זיך אן רב יוזיפעל און טהוט א ציה דאס גלעקעל פון דער טהיר, קוים־קוים, אויף וויפיעל עס ערלויבען איהם זיינע אכציג יאהר.

קאפיטעל יא.

## אין די הויכע פענסטער.

שטעהענדיג הינטען ביי דער טהיר ביי'ם סאמע גרעסטען פון די „גדולים", ביי'ם סאמע „לייב פון די חיות", האבען אונזערע בתרילעווקער דעלעגאטען געהאט א געלעגענהייט א ביסעל צו פער־נעמען זיך מיט חקירה ווענען די הויכע פענסטער: וואס טהוט זיך דארטען? אשטייגער, וואס טהוען די „גדולים" ביי זיך אין די אפארטאמענטען אין דער צייט, ווען הינטען ביי דער טהיר שטעהען און ווארטען „קליינע מענשעלעך" מיט זייערע קליינע עסקים, געשעפטען, בקשות, פלאנען און חלומות? אפשר זיצען זיי דארטען בעת־מעשה איבער זייערע גרויסע געשעפט־ביכער, ברעכען זיך די מחות און זענען אזוי פערטיעפט, אז זיי ווייסען נארנישט, וואס אונטען טהוט זיך?... און אפשר זיצען זיי און קלערען, וואס זאלען זיי אויפטהון, מתקן זיין אויף דער וועלט מיט דעם כח פונ'ם געלד, וואס דער אויבערשטער האט זיי בעגליקט צוליעב דער טובה פון זייער פאלק, אדער פון דער גאנצער מענש־הייט? און אפשר זיצען זיי גלאט אזוי צענויפגעלעגט די הענד, טהוען זיך אן כל תענוגי העולם הזה, עסען און טרינקען און שלאפען, ווי גאנץ געוועהנליכע מענשען?

צייט אויף צו חקירה'ן האבען אונזערע דעלעגאטען געהאט געגוג: אויף דעם שוואכען קלונג פונ'ם אלטען רב יוזיפעל האט מען זיך נישט געהאפט זיי צו עפענען. זיי האבען געהאט צייט אויך אויף צו דורכשמועסען זיך ווענען דעם, ווי אזוי מע זאל זיך פארשטעלען פאר'ן „גדול שבגדולים" און ווער עס זאל מיט איהם רעדען. זעלבסטפערשטענדליך, אז רעדען דארף מיט איהם דער

רב. ווער דען? די פראגע איז נאָר פון וואָס ער זאָל אָנהויבען? וואָרום לויט ווי דער פארשוין אין וואגאָן האָט זיי אָנגעשראָקען, דארף מען וויסען, ווי מיט איהם צו האנדלען און וואָס איהם צו זאָגען. נישט אומזיסט שטעהט ביי אונז געשריבען: „החיים והמות ביד הלשון“ — דער פשט איז: אז מיט איין וואָרט קאָן מען אמאָל קאַלי מאכען אזוי פיעל, וואָס איהר וועט דערנאָך נישט פעררירכטען מיט קיין צעהן טויזענד ווערטער.

און די דעות האָבען זיך דאָ ביי זיי צעטיילט אויף צוויי כתות, צוויי לאַגערען: רעכטע און לינקע. די רעכטע, די על־מערע פון די אויסדערוועהלטע, זענען געגאַנגען מיט דעם רעכ־טען וועג. זיי האָבען געדרונגען, אז מע קומט צו אזא גרויסען גביר, דארף מען קומען מיט תחנונים, אויסמאָהלען דעם חורבן פון בתרילעווקע מיט אלע פישטשעווקעס: „אָט ערשט נישט לאַנג געווען א שטאָדט, ווי אלע שטעדט. האָט זיך אויפגעהויבען אין מיטען דער נאכט א שטורם־ווינט מיט א פייער פון גאָט, און עס איז אוועק מיט'ן רויך די גאנצע שטאָדט, אָפּגעמעקט געוואָרען בתרילעווקע פון דעם פנים פון דער ערד“... דערביי דארף מען נישט זשאַלעווען קיין טרויעריגע פארבען, ווי אזוי נאקעטע, באָר־וויסע, הונגעריגע ליגען אונטער גאָט'ס הימעל און בעטען ברויט, לאָזען א טרער, און פאר וואָס טאקי נישט געבען קיין רעכטען וויין, ווי עס געהער צו זיין?... און די לינקע, יונגעלייט גע־ווינטליך, האָבען גע'טענה'ט פערקעהרט: וואָס פאר א ווייגען פלוצים אין מיטען דרינגען? וואָס זענען מיר, ווייבער? צי איהר מיינט, אז די נגידים זענען זשעדנע טרערען? זיי דארף מען נעמען מיט יושר, מיט גערעכטיגקייט. היתכן, — דארף מען זיי פרעגען — אז אין דער צייט, וואָס דאָ וואלגערט זיך גאָלד אין די גאסען און מענשען טהוען נישט אריין קיין האנד אין קאַלט וואסער, געהט מען דאָרטען אוים פאר א לעפעל נעקעכטס — לעבעדיגע נפשות, אייגענע ברידער, בלוט און פלייש?!“... „אי־אי! אי־אי! — האָבען זיך די רעכטע אָנגע־

האָט ביי׳ם קאָפּ. — זיי ווילען אונז איבערקווילען דעם האַלז אָהן א מעסער! אלה תולדות יונגעליים!״...

א גליק, וואָס רב יוזיפעל איז געווען דערביי, האָט ער זיי גיך איינגעשטילט מיט ווייכע רעד, ווי זיין שטייגער איז.

— קינדערלעך, — האָט ער צו זיי געזאָגט, — אומזיסט אייער קריעגען זיך, וואָס איהר קריעגט זיך. וואָס קאָן א מענטש, א בשר־ודם משטיינס געזאָגט, וויסען, וואָס ער וועט זאָגען? און אז בלעם הרשע איז שוין געווען אונטערגעקויפט און גאָר פּאַרטיג אויף צו שעלטען די אידען — נו, האָט ער זיך דען געריכט, אז דער וואָס לעבט אייביג וועט איהם איבערדרעהען די ווערטער מיט׳ן קאָפּ אראָפּ? מיר ווילען, אם ירצה השם, איהם נעמען נישט מיט תחנונים און נישט מיט סטירדעס, נאָר מיט א משל. אז גאָט וועט הייסען, וועל איך איהם דערצעהלען א משל מיט א מלך, וואָס האָט זיך צעבייזערט אויף זיינע אייגענע קנעכט און האָט פאַרברענט זיין אייגענעם פּאַלאַץ...

א שאָד. אַזאַ שענער משל — און איז געבליבען אין מיטען, איבער א סיבה, וואָס נישט רב יוזיפעל און נישט די איבעריגע אויסדערוועהלטע זענען געווען אין דעם שולדיג. שולדיג איז גע־ווען אין דעם גאָר א זייטיגער פּאַרשוין. דאָס איז געווען דער אַנגעוואָפענטער נפש, וואָס איז דערמאָנט ביי אונז אין אָנהויב בעשרייבונג. א סברה, אז דער דאָזיגער יון, וואָס איז געשטעלט געוואָרען אכטונג צו געבען אויף דער גאַס, האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען אונזערע כתרילעווקער לייט אויפ׳ן אויג. איהם איז די גאַנצע קאָמפּאַניע נישט געפעלען געוואָרען מיט זייער געהן פון שטוב צו שטוב, מיט זייער פערררייסען די קעפּ און קוקען אויף די גומערען פון די הייזער און מיט זייער אַלע מאָל אָפּשטעלען זיך איבערשמועסען זיך אויף א קול אַלע אינאיינעם, ווי די גענז: גער־גער־גער! דאָ, ביי זייער לעצטען אָפּשטעל און אויס׳טענה׳ן זיך, האָט ער שוין מעהר נישט געקאָנט אריבערטראָגען און ער האָט

זיך ווידער א מאָל געלאָזט גלייך אויף זיי — דאָס מאָל שוין מיט מעהר פרישקייט און מיט מעהר אימפּעט.

דערזעהען פאַר זיך דעם שונא אַזוי נאָהענט און דערפיהלט א סכנה, זענען אונזערע דעלעגאַטען פערשטאַרבען געוואָרען, און ס׳איז געבליבען בהסכם כולם, אַז מע דאַרף זיך ראַטעווען, מאַכען פּליטה. וואוהין? צוריק — הייסט געהן גלייך אויף איהם. האָבען זיי גענומען קלינגען אַלע מיט א מאָל אין דער טהיר אַריין, גוט קלינגען, מיט אַלע כחות, און נאָט האָט געהאָלפען — די טהיר האָט זיך טאַקי, עפּים ווי על־פּי־נס, געגעבען איין עפען־אויף, און עס האָט זיך בעוויזען א פּאַרשוין מיט א רויט אויסגעהאָדעוועט פּנים, מיט אויסגעשניטענע פּאַלעס און מיט ווייסע הענטשקעס אויף די הענד. ארויסגעלאָפען איז דער פּאַרשוין מלא רציחה, געמאַכט מיט די הענד, געשריגען און געשאָלטען און געאַרבייט אַזוי, גלייך ווי דאָס וואָלטען זיין ווילדע מענשען, אָדער גזלנים, חולי־גאַנעס, וואָס האָבען געוואָלט מאַכען איין אָנפאַל אין מיטען העלען טאָג אויף זיין בעל־הבית׳ס שטוב.

דערזעהען פאַר זיך „איין אָפענע טהיר“, האָבען זיך די כתרי־לעווקער הוליגאַנעס געגעבען אַלע אינאיינעם א שפּאַר־אַריין. האָט זיי אָבער דער פּאַרשוין מיט׳ן אויסגעהאָדעוועט פּנים מיט די ווייסע הענטשקעס געגעבען מיט׳ן גאַנצען כח א שפּאַר־ארויס צוריק. און אין דער מינוט איז אונטערגעקומען דער יון מיט׳ן שווערד, געגעבען א שטאַרקען פייף, און ס׳איז אויסגעוואַכסען, ווי פון אונטער דער ערד, נאָך אַ יון, אויך איין אָנגעוואָפּענטער פון קאָפּ ביז פּיס.

אומזיסט האָבען זיך אונזערע כתרילעווקער אויסדערוועהלטע געבעטען בײ׳ם פּאַרשוין מיט די ווייסע הענטשקעס, ער זאָל זיי אַריינלאָזען אינעווייניג, חאָטש פון פאָרענט, חאָטש אין קיך אַריין. אומזיסט האָבען זיי פערריסען די אויגען אַרויף, אַריינגעקוקט אין די הויכע פענסטער אַריין, טאָמער וועט דער אויבערשטער טהון א נס (ער, אַז ער וויל, קאָן ער!), טאָמער וועט דער גביר אַליין, אָדער עמיצער פון זיין הויזגעזינד, דערזעהען אידען זענען אין א

סכנה, וועט מען ארויסגעבען א בעפעהל פון אויבען, מע זאָל זיי נישט אָנריהרען...

האָט אָבער אויף זייער מזל קיינער פון די הויכע פענסטער נישט אראָפּגעקוקט, און אונזערע דעלעגירטע, די פּאַרנעמסטע בעלי־בתים פון כתרילעווקע מיט'ן רב רב יוזיפעל בראש, זענען אָפּגע־פיהרט געוואָרען מיט גרויס כבוד אין אזא מקום אריין, וואָס קיין דירה־געלד קאָסט דאָרט נישט און אַלע זענען דאָרט גלייכע מיוחסים: אפילו אידען, און אפילו כתרילעווקער אידען, קאָנען זיך דאָרטען זיצען און זיצען, אבי יאָהרען.

## קאַפּיטעל יב.

## דער נס.

דער וואָס מיינט, אז היינטיגע צייטען טרעפען זיך שוין גאָר קיין נסים נישט — דער האָט א טעות. אמת, א נס טרעפט זיך היינט זעלטען, זעהר זעלטען, אָבער עס טרעפט. דעם בעסטען בעוויז האָבען מיר — אונזערע כתרילעווקער געפאַנגענע.

די לעזער מעגען זיך מיינען, אז, ווי יעדער מחבר, זענען מיר מסתמא מגזם און טראַכטען־אויס אזעלכע זאַכען, וואָס נישט גע־שטויגען, נישט געפלויגען. מיר פערזיכערען אָבער, אז דאָס, וואָס מיר דערצעהלען דאָ, איז לויטער אמת. פּונקט אין דעם מאָמענט, וואָס סע האָט זיך געטראָפען דער אויבענבעשריבענער פאַל מיט די כתרילעווקער דעלעגאַטען ביי דער טהיר פון'ם גדול, פון'ם „לייב צווישען די חיות", פּונקט אין דער מינוט, ווען זיי זענען געשטאַנען אין איין ציטערניש און געקוקט ארויף־צו אין די הויכע פענסטער און געטראַכט זיך יעדער ביי זיך אין הארצען: „מאין יבוא עזרי — פון וואַנען וועט קומען די הילף, פון גאָט, צי פון א מענשען?" — פּונקט אין דער צייט האָט בעדאַרפט געהן פאַרביי אונזער בעקאַנ־טער פאַרשוין פון וואַגאָן, דער „איד וואָס קאַטאָרי".

נעגאנגען איז ער זיך וועגן זיינע אייגענע געשעפטען, און גיך, ווי זיין שטייגער איז, מיט'ן קאפעלישעל אהינטער, ווייזט אוים, פערטראכט. דערזעהען זיינע בעקאנטע אידען, ארומגערינגעלטע מיט סאלדאטען, איז ער שטעהן געבליבען. ער האט באלד אנגעשמעקט מיט זיין נאז, וואס דא טהוט זיך, און איז גרייט געוועזן די רגע אריינשפרינגען אין מיטען און אויפהויבען א סקאנדאל, זיי מאכען א וויסטען סוף: „פאר וואס? פאר ווען? גאט די נשמה!"...

נאכדעם האט ער זיך אבער מיישב געווען: אפשר ניין? ער קען זיך זעהר גוט. א היציגער מענש. מי יודע וואס פאר א ווערטער עס קאנען זיך ארויסרייסען ביי איהם פון מויל... ער האט זיך געטראכט, אז מיט תקיפות איז נישט גוט (ס'איז תמיד גלייכער, אז מע בעטראכט זיך), און ער האט אראפגערוקט דאס קאפעלישעל, זיך גענומען ביי'ם בערדעל, צוגעמאכט איין אויג — א סימן, אז דער מח ארבייט, — האט זיך אויסגעקערעוועט צוריק און איז מיט די זעלבע גיכע טריט אוועק, ווי א מענש, וואס איז נעפאלען אויף א גלייכע המצאה און האט פעסט בעשלאסען דורכצופיהרען די אידעע ביז'ן סוף.

וואוהין איז דער פארשוין אוועק?

מיר ווייסען נישט, וואוהין, נאר מיר קאנען רעכענען, אז מסתמא האט ער זיך געלאזט געהן טאקי אהין, צום „לייב פון די חיות", מחמת דעמזעלבען אויף־דער־נאכט האט דער טעלעפאן אין די הויכע פענסטער אנגעהויבען צו ארבייטען מיט סכנות־נפשות...

און אין דער פאליציע האט געקאכט. פענעם האבען נעסקריפעט, טינט האט זיך געגאסען, פאפירען זענען אנגעשריבען געווארען, און די געפאנגענע, וועלכע זענען שוין גרייט געוועזן צו געהן א לאנגען וועג אהיים מיט'ן עטאפ, זענען פלוצים אויפגעחאפט געווארען אין מיטען ביינאכט, ארויסגעצויגען געווארען פון

דער פינסטערניש און אריינגעפיהרט געווארען אין א גרויסע ליכ־טיגקייט מיט אזא אימפעט, גלייך ווי דאס וואלטען זיין נישט כתרילעווקער קליינע מענשעלעך, נאר מי יודע ווער... אמת, מע האט זיי קיין שטוהלען נישט אונטערגעטראגען, זעצען זיך נישט פארגעלעגט און פון מחילה בעטען שמועסט מען נישט. דערפאר האט מען אבער נישט געהערט, מע זאל אויף זיי אנשרייען, חלילה, ברענגען פאר'ן מויל דעם אידישען טיטול „זשיד"; אדרבה — פיין, שטיל, נאר זעהר בחפזון'דיג, געחאפט, טאקי נאר ווי יציאת־מצרים, איז צוגעגאנגען די בעפרייאונג פון די כתרילעווקער חולי־נאנעס. די קלענערע שרייבער און שרייבערלעך האבען זיך נישט געקאנט זאט בעוואונדערען, וואס טהוט זיך דא: „איבער אזעלכע אידלאקעס אזא בהלה!"...

די ערשטע מינוט, אז מען איז ארי נגעקומען צו אונזערע געפאנגענע און געזאגט, זיי זאלען זיך מטריח זיין ארויף, האבען זיי זיך איבערגעקוקט צווישען זיך און אפגעזעגענט זיך שטילער־הייד, אהן ווערטער. וואס ערווארט זיי דארטען, אויבען? — דאס ווייסט נאר איין גאט אין הימעל. הלואי, רבונו של עולם, זיי זאלען אפקומען נאר מיט תפיסה אליין. ווארום וואס איז היינ־טיגע צייטען תפיסה, אז תליה איז א וואכעדיגער גאנג?... דאס איז אבער נאך נישט אינגאנצען: יעדער איד האט א ווייב און קינדער, און אז עס קומט צו א ווייב מיט קינדער, זענען אידען (מיר מוזען זיך מודה זיין) געפעהרליכע עגאאיסטען...

מיט אונטערגעהאקטע פיס און מיט צעבראכענע הערצער זענען אונזערע דעלעגאטען אריינגעבראכט געווארען פאר די, אין וועמענ'ס הענד עס איז געלעגען איצט זייער גורל. נאר איינער איז געגאנגען פאראויס מיט פעסטע טריט, ווי אלע מאל, חאטש אפילו שטארק איינגעבויגען און אנגעלעהנט אויפ'ן שטעקען.

דאס איז געוועזען דער אלטער רב יוזיפעל.

— ווער איז דאָ צווישען אייך דער „סאַמע ראַבין״ ? — האָט מען זיי אַ פרעג געגעבען האַלב ערנסט און האַלב ליצנות׳דיג.

— דאָס בין איך ! — האָט אַ זאָג געגעבען רב יוזיפעל מיט אַ מאָדנער שטאַרקייט און איז אַרויסגעטראָטען מיט אַזאַ מסירות־נפש, גלייך ווי׳ ער וואָלט גענומען אויף זיך דעם גאַנצען בלבול און וואָלט זיין גרייט די רגע געהן אויפ׳ן עשאַפאָט פאַר זיינע אַלע אידען.

שען, גרויסאַרטיג שען, איז געווען אין דער מינוט אָט דער אַכציגיעהריגער זקן. זיין געל־געקנייטשט, דורכזיכטיג געלייטערט פנים האָט געלויכטען, גלייך ווי די שכינה האָט אויף איהם גערוהט. אין זיינע אַלטע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ יונג פייערעל, נאָר די הענד האָבען איהם געציטערט און די אַכסלען האָבען זיך געטרייסעלט. ער האָט געוואַרט, וואָס וועט מען איהם זאָגען. ער איז גרייט געווען אויסצוהערען אַלסדינג, דאָס ערגסטע, וואָס בייזע מענשען קאָנען נאָר צוטראַכטען. ווען מען הערט אָט דער אַלטער מיט די אַכציג יאָהר, וואָס הינטער זיינע פלייצעם ? ער האָט אַזש פערלעגט איין האַנד אַהינטער און געקוקט גלייך אין די אויגען אַריין מיט אַ מין גדלות און מיט איין עזות, וואָס די אויף־טוידט־איבערגעשראָקענע כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האָבען עס קיינמאָל אויף זייער רבי׳ן נישט געזעהען.

דאָס איז געווען אַ הויכע מינוט, וואָס האָט זיך געצויגען לאַנג־לאַנג, אפשר אַ גאַנצע אייביגקייט.

— ביזט דו דאָס, הייסט עס, דער „סאַמע ראַבין״ ? — האָט מען איהם נאָך אַ מאָל אַ זאָג געגעבען מיט׳ן זעלבען האַלב־ערנסטען, האַלב־ליצנות׳דיגען טאָן. — נאַ, אָט האָסט דו דיר צוריק דיין געלד, וואָס איהר האָט צענויפגעזשעברעט פאַר אייערע אָפגעברענטע אידלעך, און נעמט אייך אייערע לייבסערדאַקעס (דאָס האָט מען געמיינט, אַפנים, די טלית־ותפילינס) מיט די פאַנטשאָכעס

(און דאָס האָט מען געמיינט, אפּנים, זייערע בעריהמטע זאָנ־טיקעס) — און היידא גלייך מיט דער באַהן צוריק אהיים. ביז טאָג זאָל דאָ אייער פוס נישט זיין. מארש!

*

*   *

געקומען אהיים, האָבען אונזערע אויסדערוועהלטע געהאַט גענוג צו דערצעהלען חידושים און נסים ונפלאות פון זייער נסיעה און די נסיונות, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען צוליעב די נשרפים: ווי אזוי מען איז געפאָהרען, און ווי אזוי מען איז געקומען, און וואָס מע האָט געהערט, און וואָס מע האָט געזעהען, ווי אזוי עס האָט זיך געגאָסען אויף זיי נדבות — א מבול פון נדבות (פריהער איז געווען א „רעגען", איצט איז שוין געווען א „מבול"), און ווי אזוי מע האָט זיי געפאַנגען דאָרט, ביי די הויכע פענסטער, און אפּגעפיהרט אין גוטען „מקום", צוגענומען ביי זיי די „קלינגערס" און אריינגעזעצט אין „חד־גדיא" אריין... און נאָכדעם — דער נס, ווי אזוי דער אויבערשטער האָט בעוויזען, וואָס ער קאָן: מע האָט זיי בעפרייט און אומגעקעהרט צוריק דאָס גאַנצע געלד ביז דער לעצטער פּרוטה, און נאָך מיט א יתר־שאת: אז זיי זענען שוין געווען גרייט צו דער נסיעה צוריק אהיים, האָט זיי אָנגעיאָגט איינער א מענש מיט א הויכען קאַפּעליש און האָט זיי איבערגע־געבען גאָר איבעראַנייעס א שענע מטבע, א היבשע „פּויטיקע" — א נדבה פאַר די כתרילעווקער נשרפים, טאַקי פון איהם אליין, פון דעם, וואָס יענער פאַרשוין האָט אָנגערופען מיט'ן נאָמען: „דער לייב צווישען די חיות" — היינט געהט זאָגט, אז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט!

יאָ. די כתרילעווקער דעלעגאַטען האָבען געהאַט וואָס צו דערצעהלען, און האָבען נאָך צו דערצעהלען און צו דערצעהלען. איך מיין, אז סע וועט קלעקען אויף א גאַנצען ווינטער, און אפשר וועט נאָך בלייבען א ביסעל אויפ'ן זומער.

נאָר איין רב יוזיפעל האָט נישט דערצעהלט נאָרנישט. ער האָט אָנגענומען א פול מויל מיט וואסער — און שאַ. ער האָט זיך פון דער נסיעה אומגעקעהרט זעהר מיעד און שוואך און צע־בראָכען. נישט אזוי צעבראָכען אין גוף, ווי אין נפש, אין דער נשמה... און דערצו איז ער געוועזען פערנומען, בעשעפטיגט טאקי מיט זיך אליין. ער האָט זיך, פערשטעהט איהר מיך, געגרייט צו איין אנדער נסיעה, ער האָט זיך געגרייט אין ווייטען וועג אריין, — אין א וועג, פון וואנען קיינער איז נאָך ביז היינט צוריק נישט געקומען... מיינט נישט, אז א איד ווי רב יוזיפעל, ער מעג זיך זיין א רב און א זקן און אריבער שמונים, איין מענש אליין, אָהן א קינד, אָהן א רינד, אָהן א שום פערמעגען, — נאָר קוים האלט מען ביי געהן פון דער זינדיגער וועלט, איז פארהאן, פארהאן וואָס צו טהון...

# דאס נייע כתרילעווקע

(בעשרייבונגען).

געשריבען אין יאהר 1901.

# הקדמה.

אין דער לעצטער צייט האָבען אָנגעהויבען ארויסגעהן אויף דער וועלט אַלערליי בעשרייבונגען פון שטעדט און פון לענדער, וכדומה אזעלכע ניצליכע ביכער. האָב איך מיך מיישב געווען אזוי: אומעטום טאַנצען מיר זיי נאָך: ביי זיי זענען פאַרהאַן גאַזעטען — ביי אונז זענען פאַרהאַן גאַזעטען; ביי זיי איז פאַרהאַן „נאָווי-גאָד“ — ביי אונז איז פאַרהאַן „נאָווי-גאָד“; ביי זיי איז פאַרהאַן „יאָלקעס“, — ביי אונז איז פאַרהאַן „יאָלקעס“... ביי זיי איז פאַרהאַן א בוך „גאַנץ מאָסקווע“, „גאַנץ פּעטערבורג“, „גאַנץ בערלין“, „גאַנץ פּאַריז“, — פאַר וואָס זאָל ביי אונז ניט זיין א בוך „גאַנץ כתרילעווקע“?

ואני — און איך, שלום-עליכם, וואָס איך בין אליין א דאָר-טיגער פון געבוירען און בין ניט לאַנג געווען דאָרטען צו-גאַסט אויף קבר-אָבות, האָב איך מיך מיישב געווען: מיט וואָס קאָן איך אָפּדאַנקען מיינע כתרילעווקער ברידער און שוועסטער פאַר זייער גאַסטפריינדליכקייט, ווען ניט מיט דעם, וואָס איך וועל זיי מאַכען א שטיקעל נאָמען אויף דער וועלט? דערביי האָב איך אין זינען געהאַט, געוויינטליך, מעהר טובת-הכלל ווי מיין אייגענע טובה: לאָזען פרעמדע מענשען וויסען, אז זיי וועלען קומען קיין כתרילעווקע, וואו מע דאַרף זיך אָפּשטעלען, ווי אזוי מע דאַרף פאָהרען, וואו מע זאָל עסען א גוטען מיטאָג, פאַרטרינקען מיט א גלעזעל וויין, זיך דורכגעהן אביסעל אמוזירען אין טהעאַטער, וכדומה אזעלכע פערגעניגענס, וואָס זענען דאָרטען פאַרהאַן לרוב, וואָרום ס'איז שוין ניט דאָס כתרילעווקע, וואָס אמאָל. דער גרויסער וועלט-פּראָגרעס האָט זיך אהין אריינגעהאַפּט און האָט איבערגעקעהרט די שטאָדט מיט'ן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס ארויף. און דערפאַר האָב איך עס א נאָמען געגעבען: „דאָס נייע כתרילעווקע“.

.1

# כתרילעווקער טראַמוואַי.

אַנגעקומען בין איך קיין כתרילעווקע מיט דער באַהן — עס נעהט שוין, דאַנקען גאָט, אַהין אַ באַהן! — אַסיען־צייט, אין דער פריה, פאַר'ן דאַווענען. אין דרויסען האָט געמראַקעט אַ קליין רעגענדעל, און סע האָט זיך געבילדעט פון דעם אַ גרויס שיטער בלאָטקעלע. אויפ'ן וואָקזאַל האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אַקעגען מיר אַ גאַנצע קאָמאַנדע הויז־משרתים מיט געלע בערד, מיט געלע קאַפּאָטעס און מיט געלע בלעכלעך אויף די געלע אָפּגעבאַרעטע קאַשקעטלעך.

— פעטער! גראַנד־האָטעל!

— האָטעל פראַנציע, פעטער!

— פעטער! פּאָרטוגאַליע!

— פעטער! טערקאַליע!...

דורכגעלאָפען מיט גאָט'ס הילף דורך דער דאָזיגער קאָמאַנדע הויז־משרתים בשלום, האָב איך מיך אַריינגעחאַפּט צווישען איין אַנדער חברה, חברה בעלי־עגלות מיט גרויסע שטיוועל און מיט לאַנגע בייטשען. די דאָזיגע חברה־לייט האָבען מיך ממש שיער ניט צעריסען אויף שטיקלעך. איינער אַ יונגאַטש מיט ביינער האָט ביי מיר בעל־כרחי אַרויסגעריסען מיין טשעמאָדאַנטשיק, האָב איך געמאַכט זעהר אַ גרויסען גוואַלד: „מיינע כתבים! מיינע פּאַפּיערען!" — האָבען זיך צוויי אַנדערע בעלי־עגלות אָנגענומען מיין קריוודע, מיך געוואָלט נעמען צו זיך, און ס'איז געוואָרען צווישען זיי אַ געשלעג. בתוך כך האָב איך געחאַפּט מיין טשעמאָדאַנטשיק, אַרויסגעגליטשט זיך פון זייערע הענד און האָב זיך געלאָזט גלייך צום טראַמוואַי.

— אהער, ברידערלעך, אהער! א פיטאקעל א פאהר! א פיטאקעל א איד! פון דאנען ביז'ן עק בעלעפיליר גאם סך־הכל איין פיטאקעל! פינף קאפיקעס א איד!

דאס שרייט דער קאנדוקטאר אליין, א יונגערמאנטשיק מיט א געל בערדעל, אויף א הארחעלדיגער שטימע, מיט א רייזעטאש אויפ'ן האלז און מיט א קנעפעל אויפ'ן קאשקעטעל. נעבען איהם שטעהט נאך איינער, א איד מיט א צעריסענער קאפאטע און מיט א בייטש — דער קוטשער פונ'ם טראמוואי.ביידע ווייזען מיר מיט די הענד אויף א מין ביידעל, וואס שטעהט אנגעבויגען אביסעל אויף א זייט, מיט אויסגעזעצטע שויבען, וואס מע רופט דאס „וואגאן"; ביי א לאנגען דישעל שטעהט צוגעשפאנט א ווייס אויסגעדארט פערדעל, האלט ארפגעלאזט די מארדע און דרימעלט.

— פאוואלי נאר, — זאגט צו מיר דער קאנדוקטאר — איהר זאלט זיך ניט פארטשעפען דארט; עס פעהלט א ברעטעל אין דער פאדלאגע. מע רעמאנטירט דעם טראמוואי.

איך זעץ מיך אריין פאמעליך אין וואגאן, לעג־אנידער נעבען זיך דעם טשעמאדאנטשיק און ווארט. ס'איז קיהלבליך. איך קלאפ א פוס אן א פוס.

— קאנדוקטאר! — זאג איך צום יונגענמאן. — מיר וועלען אמאל פאהרען, צי ניין?

— אם ירצה השם, מיט גאט'ס הילף! — ענטפערט מיר דער קאנדוקטאר.

— געב נאר אהער אביסעל טיטון, דו, יוסיל! — מאכט צו איהם דער קוטשער, וואס מיט דער בייטש און מיט דער צעריסענער קאפאטע.

— איהר זענט ניט קראנק צו רויכערען קארענציס, רב כתריאל! — האקט איהם אפ יוסיל דער קאנדוקטאר. — פון גוטען טיטון קאן אייך חלילה וועה טהון דער קאפ!

— מאך ניט קיין אנשטעלען, דו סמארק איינער, און געב אהער א ציגאר טיטון! — זאגט צו איהם כתריאל דער קוטשער.

און דער קאָנדוקטאָר מיט׳ן קוטשער פערדרעהען צו פאַ־פיראָסען.

— ווען וועלען מיר פאָהרען? — פרעג איך ווידער ביי׳ם קאָנדוקטאָר.

— היינט. — ענטפערט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיג און גיט דעם קוטשער פעררויכערען.

איך ווארט און ווארט, ביז עס הויבען אָן ביסלעכווייז צענויפ־קלויבען זיך פאַרשוינען. פריהער קריכט אריין א איד מיט א צעריסען טולופעל פון א מין רויכווארג, וואָס ס׳איז שווער צו טרעפען, וואָס פאַר א חיה האָט געטראָגען די דאָזיגע פעל: זאָל איך זאָגען א פוקס — איז דאָס צו ווייס; זאָל איך זאָגען א קאַץ — איז דאָס צו רויט. נאָך דעם אידען מיט דעם צעריסענעם טולופעל קריכט אריין נאָך א איד אָהן א טולופ, א געפרוירענער נעבאָך, קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען, זיפצט און זוכט איין אָרט און זעצט זיך אנידער ביי דער טהיר אין א ווינקעלע. נאָך דעם גע־פרוירענעם אידען קריכט אריין א קאָשעק מיט עפּעל, און תיכף נאָכ׳ן קאָשעק — א אידינע, איינגעוויקעלט אין דריי שאַלען, און אַלע דריי זענען צעפלאָכטען, און מע זעהט, אז ס׳איז איהר נעבאָך קאַלט.

— פיאָ־אויט! רב כתריאל, פּאשאָל! — רופט זיך אָן יוסיל דער קאָנדוקטאָר צו כתריאל דעם קוטשער, טהוט א פייף, און דער טראַמוואַי ריהרט פונ׳ם אָרט. ער געהט־אָפּ עטליכע טריט און שטעלט זיך באַלד אנידער. עס עפענט זיך אויף דאָס טהירעל פונ׳ם וואַגאָן און עס בעוויזט זיך א קאָפּ.

— נישט פאַרהאַן דאָ משה?

— וואָסער משה? — פרעגט יוסיל קאָנדוקטאָר.

— א בחור מיט א קאַשקעט! — ענטפערט דער קאָפּ.

— ער דיענט אין א זאַליאַזנע קראָם? — פרעגט איהם יוסיל.

— אין א זאַליאַזנע קראָם. — ענטפערט דער קאָפּ.

— איך קען איהם! — מאכט יוסיל קאָנדוקטאָר, טהוט א פייף צום קוטשער: — פיאָ־אויט! רב כתריאל, פאשאָל! און מיר פאָהרען ווייטער.

— א בילעט! — רופט זיך אָן צו מיר דער קאָנדוקטאָר. — איהר זענט מיר עפּים ניט קענטליך; אפנים, ניט קיין היגער?... איהר רעכענט דאָ שטעהן לאנג? קאָן איך אייך פארפיהרען אין א סטאנציע, דוקא ניט קיין האָטעל, נאָר א ריינע, אָהן וואנצען... און עסען וועל איך אייך אָנווייזען איין ערטעל, וואו עס וועט אייך קאָסטען וואָלוועל און איהר וועט האָבען הנאה.

איך דאנק איהם זעהר און זאָג איהם, אז איך האָב דאָ בעקאנטע. פרעגט ער: ווער זענען זיי, וואָס זענען זיי און וואָס איז זייער טהועכץ? איך טראכט איהם אויס א נאָמען פון דער הגדה און טשעפּע מיך אָפּ פון איהם. ער לאָזט מיך צו־רוה און געהט־צו צום אידען מיט'ן טולופּעל און הייסט איהם נעמען א בילעט. דער איד מיט'ן טולופּעל קנייטשט מיט די פּלייצעס:

— ווייס איך! איך האָב דען א גראָשען אפילו ביי דער נשמה?...

— שוין דאָס דריטע מאָל היינטיגע וואָך, אז איהר פאָהרט אָהן א בילעט! — זאָגט צו איהם יוסיל קאָנדוקטאָר מיט פּערדראָס.

— נו, בכן — זאָל איך געהן צו־פוס? צי זאָל איך געהן ערגיץ גנב'ענען פון דיינעטוועגען? — ענטפערט איהם דער איד מיט'ן טולופּעל אויך מיט פּערדראָס.

יוסיל קאָנדוקטאָר טהוט א מאַך מיט דער האנד און געהט אוועק פון איהם צו יענעם געפּרוירענעם אידען, וואָס אָהן א טולופּ. יענער מאכט זיך ווי ער דרימעלט.

— הערט נאָר, זייט־זשע מוחל, א בילעט!

דער איד האָט זיך כלומרשט אויפגעהאפּט פונ'ם שלאָף און רייבט א האנד אָן א האנד.

— א בילעט! — מאכט צו איהם נאָך א מאָל יוסיל קאָנדוקטאָר.

— שמעתי! — ענטפערט איהם דער איד און הוקעט זיך אין די קולעקעס אריין.

— וואָס טויג מיר אייער שמעתי? — זאָגט צו איהם יוסיל קאָנדוקטאָר מיט'ן הארבען וואָרט. — נעמט־ארויס, זייט מוחל, א פּיטאַקעל און גאָט אייך א בילעט.

— שאַ־שאַ! — מאַכט צו איהם דער געפּרווירענער. — וואָס איז עפּיס מיט אַזאַ ירגזון? קום איהם אָן, א גאַנצער יחסן!

— מאַכט ניט קיין אָנשטעלען — זאָגט צו איהם יוסיל קאָנ־דוקטאָר — און גיט אהער דאָס פּיטאַקעל!

— עט־נו! — מאַכט צו איהם דער געפּרווירענער. — מיר וועסט דו, מאָהלט אייך, עפּיס אָפּלאָזען פון א פּיטאַקעל!

— מיינע צרות וועל איך אייך אָפּלאָזען! — זאָגט יוסיל קאָנ־דוקטאָר.

— האַלט זיך מיט זיי געזונטערהייד! — ענטפערט איהם דער געפּרווירענער. — איך האָב גענוג אייגענע צרות.

— וועל איך אייך בעטען מחילה, איהר זאָלט זיך מטריח זיין אראָפּ פון'ם וואגאָן! (צום קוטשער:) רב כתריאל, סטאָפּ!

כתריאל דער קוטשער שטעלט־אָפּ דעם טראַמוואַי און איז זיך ממש מחיה, און דאָס פערדעל — אוראי.

— זייט זשע מוחל, מיט דער רעכטער פוס! — זאָגט יוסיל קאָנדוקטאָר צום געפּרווירענעם. דער געפּרווירענער זיצט, טאַנצט מיט די פיס און רייבט זיך די הענד און ריהרט זיך ניט פון'ם אָרט.

— איהר וואַרט אויף כבוד? — מאַכט צו איהם יוסיל קאָנ־דוקטאָר. — איהר ווילט, איך זאָל אייך נעמען פאַר'ן קאָלנער און ארויסוואַרפען אויף דריי שפּענדלעך? לאָז קומען וועלוועל דער „קאָנטראָליר", ער איז ביי אונזער קאָסירער אויף א ברית, וועט איהר האָבען אייער פסק. רב כתריאל, פּאַשאָל! — מאַכט ער צום קוטשער, און דער טראַמוואַי פאָהרט ווייטער.

— נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט! — רופט זיך אָן פלוצים די אידינע פון די עפּעל. — מיט וואָס איז דער איד ערגער

פון יענעם אידען, וואָס יענער מעג פאָהרען אָהן א בילעט און דער טאָר ניט? באשר יענער טראָגט א טולופעל, און דער געהט נאַקעט! ער וועט דיר אָפּניצען א שטיקעל בענקעל וועט ער דיר? צי דו מיינסט, מע וועט דיר שטעלען א גאָלדענע מצבה וועט מען דיר?

— ווער בעט אייך, איהר זאָלט זיך ארויסשטעלען פאר א מליץ־יושר'טע? — רופט זיך אָן צו איהר יוסיל קאָנדוקטאָר. — וואָס גלייכט איהר זיי צו יענעם אידען? יענעם אידען קען איך: ער איז א טאַטענ'ס א קינד, נעבאך א געפאַלענער. און זיי (ער ווייזט אויפ'ן געפרוירענעם) — איך ווייס ווער זיי זענען? עפּיס איין אָרעמאַן, א שלעפּער!

— נו, און אז איין אָרעמאַן, איז וואָס? — שטעלט זיך אויף די אידינע פון די עפּעל. — באדארף מען איהם ווארפען? וואָס איז פאר א ווארפען וואָס? זעה נאר, וואָס ער האָט דאָ חוטא־בעגל געווען! דאָס פערדעל געהט דאָך במילא אין שטאָדט אריין, וועט זיצען נאָך א איד! עלעהיי, לאָז זיך דיר דאכטען, אז דו האָסט שוין צוגענומען נאָך א פּיטאַקעל, נו? ווערסט דו זיי שוין פעט מאכען דערמיט די יויך וועסט דו?

— אז מע פרעגט אָבער ביי אייך קיין עצות ניט! — מאכט צו איהר יוסיל קאָנדוקטאָר. — איהר גיט בעסער אהער אייערס א פּיטאַקעל און נאָט אייך א בילעט!

— אוי! אידען! — חאַפּט זיך אויף די אידינע, טהוט א פּאטש איבער די קליידלעך. — איך האָב אָבער געוואוסט, אז ער וועט זיך טשעפּען צו מיר אויך! איך זאָל אזוי האָבען אלדאָס גוטס, ווי איך האָב געוואוסט!

— וואָס זשע דען האָט איהר געמיינט? — זאָגט יוסיל קאָנ־דוקטאָר. — איך וועל אייך פיהרען אומזיסט?

— וואָס הייסט, דו וועסט מיך פיהרען? — מאכט די אידינע. — דער וואָגען פיהרט מיך, ניט דו פיהרסט מיך! ער האָט זיך אָנגעהאנגען א מעשען קנעפּעל און קאָמאנדעוועט! איך געדענק דאָך נאָך, אז דו ביזט געווען א באהעלפער ביי לייזער־

הערש דרדקי ביזט דו געווען, געטראָגען די קינדער אויף די פּלייצעס אין חדר אריין מיט א טעפּעלע אָנבייסען, — היינט וואָס דער־צעהלסט דו מעשיות: „בילעט — שמילעט“?

— וואָס זאָגט איהר צו מיינע גליקען? — מאכט צו מיר יוסיל און זעצט זיך צו צו מיר. — אָט אזוי, ווי איהר זעהט, זענען זיי דאָ אלע אזעלכע פּארשוינען. ווער עס האָט געלט און קאָן צאָהלען — דער געהט צו־פוס, און ווער עס האָט ניט און קאָן ניט צאָהלען — דער פאָהרט מיט'ן טראמוואי, און געה לעב, האלט־אויס איין אלטע מאמע מיט א שוועסטער איין אלמנה... איהר זעהט א פּאָר שטיוועל? (ער ווייזט מיר די שטיוועל) זיי בעטען עסען...

פלוצים הערט זיך א טראסק, א קלאַפּ פון צוויי דישלעס, א חראָפּען און א סאָפּען פון צוויי פערד. דאָס האָבען זיך בעגעגענט צוויי וואגאָנעס אויף איין ליניע, דער אהער, דער אהין. און עס הערען זיך קללות:

— א חלירע! א מיתה משונה! סע זאָל ארוח אין דיין טאטענ'ס טאטענ'ס טאטען אריין ביז אָדם הראשון געפלויגען געוואָרען!...

— ווער דערוואָרגען מיט'ן דישעל, און לאָז זיך דיר שטעלען דאָס מויל אויף א זייט! א רוח אין דיין טאטענ'ס טאטען! דו ביזט בילכער!

— וואו זענען דיינע אויגען, דו ממזר? זעהסט, אז איך פאָהר רעכטס — נעמט מען זיך לינקס!

— וואו שטעהט דאָס געשריבען, דו פּארך איינער, אז דו באדארפסט פאָהרען רעכטס און איך לינקס? טאָמער איז גאָר איבערגעקעהרט דעם פּעלץ אויף דער אנדערער זייט: איך רעכטס און דו לינקס?

— בהמה, דערויף איז דאָך פאַרהאַן צוויי ליניעס; איך אהער און דו אהין!

— ביזט אַליין א פערד! וואו שטעהט דאָס געשריבען, אז דו אהער און איך אהין?

— ווייסט דו וואָס? חאַפּט זיי בעני מיט זייערע ליניעס, מיט זייערע וואַגאָנעס, מיט זייער גאַנצען טראַמוואַי! גיב נאָר אַהער, כתריאל־סערדצע, אַ ציגאַר־טיטון, טאָמער האָסט דו? ברע־נען זאָלען זיי מיט׳ן טראַמוואַי אויף איין פייער! וואָס מאַכט עפּיס די אַלטע דיינע? שטילער געוואָרען אביסעל?

— ווי לאַנג שמייסט מען זי! שטיל איז זי נאָר דעמאָלט, ווען זי שלאָפט. וואָס הערט זיך עפּיס ביי דיר?

— וואָס זאָל זיך הערען? מע מאַכט מיר אויף די „פּאָסטאַ־ראַנקעס". איך האָב מורא, איך וועל מיט זיי שלאָגען כפּרות...

— ווייסט דו ניט וואָס מע טהוט, בהמה? דו שלאָג בעסער מיט זיי בלאָט; נעם זיי אויפ׳ן „דראַנזשיק", אַזוי ווי איך, וועלען זיי געבען האָבער.

— געבען זאָל זיי גאָט קרענק מיט קדחת אַ גרויס מעס־טעל!... וואָס טהוט עפּיס דער „באַולאַנער" דיינער? ער געהט שוין ביי דיר אין פּריסטיאַזש? צי נאָך ניט?

— לאָז ער דיר געהן אין גאָט׳ס ערד! ער האָט מורא פאַר אַ בייטש און מאַכט „לעמעל"... אַ שוועבעלע האָסט דו? גיב פייער!

און אָט לאָזען זיך אריין ביידע קוטשערס אין אַ לאַנגען שמועס אויף בעל־עגלה־לשון, ווי די גרעסטע גוטע ברידער. אויך ביידע קאָנדוקטאָרס פערבינדען צווישען זיך אַ שמועס גאָר פריינדליך, ביז עס קומט אָן וועלוועל קאָנטראָליר, פרייליך פונ׳ם קאַסירער׳ס ברית, און מאַכט אַ געפּילדער:

— אַ רוח אין אייער פּאַרענט און מיטען אריין! איהר האָט זיך שוין ווידער פאַרביטען מיט די יוצרות? אייער גליק, וואָס איך בין היינט אביסעל אויפגעלעגט פונ׳ם ברית, וואָס אונזער קאַסיר מאָטי האָט געמאַכט... הערט איהר, קינדער, האָט ער גע־מאַכט אַ ברית — זאָל אַ רוח אין זיין טאַטען אריין! ניט אומ־זיסט זיצט ער ביי דער קאַסע... איך וואָלט אויך אַ בעלן געוועזען! אַ סך בעסער ווי זיין אַ קאָנטראָליר, נאָכלויפען נאָכ׳ן וואַגאָן, ווי אַ הונט!... אידען! וואָס האָט זיך דאָ ביי אייך געטראָפען?

ווייעדער א קאטאסטראָפע? ווייעדער א צוזאמענפאָהרעניש? וואו זענען אייערע אויגען? די פאַרשווינען — חאַפּט זיי דער וואַטעג־מאַכער! א גליק, וואָס די וואַגאָנעס ניט צעבראָכען. בקיצור, איהר מוזט זיך, קינדער, צעפאָהרען... רב כתריאל־סערדצע, נעמט, זייט מוחל, שפּאַנט־איבער דאָס פערדעל מיט'ן דישעל און פאָהרט צוריק אויפ'ן וואָקזאַל, און רב עזריאל וועט אייך נאָכפאָהרען הינטען...

— וואָס איז עפּיס געפאַלען דער גורל אויף מיר? — זאָגט כתריאל. — לאָז עזריאל איבערשפּאַנען דאָס פערדעל און לאָז ער פאָהרען צוריק אין שטאָדט אריין, און איך וועל איהם נאָכפאָהרען הינטען.

— רב עזריאל! — רופט זיך אָן דער קאָנטראָליר. — נעמט, זייט מוחל, שפּאַנט איבער דאָס פערדעל און פאָהרט צוריק אין שטאָדט אריין.

— אָבער גאָר לא מיט א לאַנגע־כּח! — זאָגט עזריאל. — איך קאָן באַשטעהן, אז כתריאל זאָל איבערשפּאַנען דאָס פערדעל און פאָהרען צוריק צום באַהן. ער איז ניט חולה.

— איך זאָל וויסען, דער טוידט זאָל מיר זיין — זאָגט כתריאל — פאָהר איך ניט צוריק!

— איך זאָל וויסען, אז איך נעם דאָ איין א מיתה־משונה, — זאָגט עזריאל — ריהר איך ניט פונ'ם אָרט!

— אזא יאָהר! אזא מזל! — מישט זיך אריין די אידינע, חאַפּט דעם קאָשעק מיט עפּעל און קריכט אַרויס פונ'ם טראַמוואַי. — א שענער פאָהר! פּיטאַקלעך הייסען זיי זיך נאָך צאָהלען! ווען איך געה צו־פוס, וואָלט איך שוין זעכס מאָל געווען אין שטאָדט וואָלט איך! א „טראַמבעליק“ האָבען זיי צוגעקלעהרט אין כתרילעווקע — טפו זאָלען זיי ווערען!...

„אפנים, — טראַכט איך מיר — אז מע בעדאַרף נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און עולה־רגל זיין אין שטאָדט אריין“...

איך נעם מיין טשעמאָדאַנטשיק אין די הענד אריין און לאָז מיך נעהן מחילה צו־פוס; פאָהרען־אָן פון הינטען חברה בעלי־עגלצים מיט א פייף מיט א הוק און מיט א געלעכטער.

— אהא? דער רבי האָט ניט געוואָלט עסען קיין טייגלעך מיט פאַסאָלים? איהר האָט נישט געוואָלט פאָהרען מיט קיין פּראָסטען בעל־עגלה? מיט'ן „טראַמבעליק“ האָט זיך אייך גע־גלוסט? אייער גליק, וואָס איהר זענט נאָך ארוים גאַנץ, נישט געמאַכט פון אייך קיין פּרעזשעניצע... קריכט שוין אין בויד אריין, פעטער, מיט'ן טשעמאָדאַנטשיק, קריכט אין וואָס פאַר א בויד איהר ווילט, — ביי אונז איז יד אחת, א מכה בחברותה, וואָס גאָט גיט, אבי אינאיינעם... וויאָ, קינדער, וויאָ־וויאָ!...

איך קריך מיט מיין טשעמאָדאַנטשיק אין בויד אריין און פאָהר־אריין קיין כתרילעווקע מיט גרוים פּאַראַד.

II.

# כתרילעווקער האָטעלען.

— אויב איהר ווילט, סע זאָל זיין וואָלוועל און ס'זאָל לאָפּ־טשען, וועל איך אייך פאַרפיהרען אויף אַ רעכטע סטאַנציע! — מאַכט צו מיר מיין בעל־עגלה און פיהרט מיך צו אַ צווייגאָרענ־דיגער שטוב מיט אָפּגעקאַלופּעטע ווענד, און איך לייען־איבער איין אויפשריפט מיט גרויסע אותיות: „האָטעל טערקאַליא". מיין בעל־עגלה קלאַפּט מיט דער בייטש אין טהיר און שרייט אויף אַ קול:

— נח! נח! וואו ביזט דו ערגיץ אין אלדי רוחות? עפען! איך האָב דיר געבראַכט אַ העכט!...

אויף דעם געשריי עפענט זיך די טיר און עס בעוויזט זיך אַ אידעל, וואָס מע רופט איהם נח, דער שווייצאַר פונ'ם האָטעל. ער חאַפּט מיין טשעמאָדאַנטשיק, פרעגט מיך ניט, און טראָגט דאָס אַרויף אויף די טרעפּ, גלייך אויפ'ן אויבערשטען גאָרען, און טהוט מיך אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ נומער, למשל, ווילט איהר? מיט געזאַנג, צי אָהן געזאַנג?

— וואָס פאַר אַ געזאַנג? — זאָג איך.

— פון די אַקטעיורען. ביי אונז שטעהען די אַקטעיורען פונ'ם אידישען טרעיאַטער, און אַקעגען שטעהט ביי אונז אַ חזן פון דער ליטא מיט צוועלף זינגערלעך. געקומען צו פאָהרען אויף שבת. מע זאָגט, אז ס'איז ניט קיין שלעכטער חזן. גאָר איין אַנטיק פון אַ חזן!

— עס קאָן זיין, — זאָג איך — אַ ער איז איין אַנטיק פון אַ חזן, נאָר איך בין אייך מוחל. איהר גיט מיר בעסער אָהן געזאַנג.

— ווי איהר ווילט אייך! — מאכט צו מיר נח דער שוויי־צאר. — איך קאָן אייך געבען איין אנדער נומער, די ברירה איז ביי אייך; נאָר אז סע וועט אייך זיין דאַרט ניט אזוי דאָסיג, זאָלט איהר צו מיר נאָכדעם קיין טענות ניט האָבען.

— וואָס הייסט — זאָג איך — „ניט אזוי דאָסיג"?

— למשל, — זאָגט ער — טאָמער וועט מען אייך בייסען.

— ווער — זאָג איך — וועט מיך בייסען?

— ווער וועט אייך בייסען? — זאָגט ער. — איך וועל אייך ניט בייסען; עס וועלען זיך שוין געפינען אזעלכע, וואָס וועלען אייך בייסען. מע האָט ניט לאַנג, ערב פסח, גערייניגט, נאָר עס העלפט ניט, קיין קעראָסין אויך ניט...

— אויב אזוי, — זאָג איך — לאָז שוין זיין מיט געזאַנג...

און נח דער שווייצאַר פיהרט מיך אריין אין א פינסטער חדר מיט א משונה־מאָדנע ריח פון פרישע פעל, נאָר־וואָס אויסגעמאַכ־טע, און פוילע אוגערקעס מיט מאַכאָרקע. און איידער איך קוק מיך אַרום, וואו איך בין אין דער וועלט, חאַפּט נח עפּיס א זאַך און הויבט דאָס אָן צו פּאַטשען, ווי מע פּאַטשט א ווייכען קישען, בשעת מע וויל עמיצען מאַכען א גוט געלעגער, ער זאָל הנאה האָבען. בשעת פּאַטשען רעדט נח צו זיך אליין און שעלט עמיצען מיט טוידטע קללות:

— דו יאָלד איינער! דו ים־קאָטער! דו אָקסענהאָרן! אָט געב איך דיר א שמיר איבער'ן טשאָלענט־ברעטעל און מאַך דיר קאַלי די יאַסלעס! די גאַנצע וועלט פאָהרט פונ'ם באַהן, און ער איז אריין מיט די שטיוואַלעס אין בעט, זיך צעלעגט, ווי ביי'ם טאַטען אין ווייַנגאַרטען, און חאַליעט אין דער קרענק! א שענער לאַקעי! קראַנק געוועזן ביז אהער עפּענען די לאַדען! צי שטעלען דעם סאַמאָוואַר? צי אָפּפּוצען די אקטעיורען די שטיוועל? צי אויפּראַמען ביי'ם חזן מיט די זינגערלעך? משה־מרדכי הלך, מיט'ן קאָפּ אין דער ערד!

ערשט דאָ האָב איך דערזעהען אַ גרויסען בחור'עץ, מיט גרויסע גוט־אָנגעשמירטע שטיוועל, און איך האָב שוין פערשטאַנען, פון וואַנען דער ריח געהט... די פּעטש, וואָס דער לאַקעי האָט געחאַפּט פונ'ם שווייצאַר (דאָס האָט ער זיי געחאַפּט), האָט ער גאַנץ פיין אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע, אָפּגעווישט די ליפּען, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען, אויפגעעפענט די לאַדען, אַ קוק געטהאָן אויף מיר און צעלאַכט זיך.

— זעהט נאָר זעהט! — מאַכט צו מיר דער שווייצאַר. — טאָמער ווייסט איהר, וואָס איז מיט איהם דער געלענדער? סע שטופּט איהם הנאה די פּעטש אויפ'ן ניכטערען האַרצען! משה־מרדכי הלך, מיט'ן קאָפּ אין דער ערד! דו פּאַסקודנער בחור! דו קאַרטאָפליפרעסער! דו לאָקשענשלינגער! דו בייגעלחאַפּער!...

און נח דער שווייצאַר דערלאַנגט איהם אַ טראַסק אין האַלז־און־נאַקען און וואַרפט איהם אַרויס אויף יענער זייט טיר.

— אַ גאַנץ עהרליכער בחור! — מאַכט צו מיר נאָכדעם דער שווייצאַר. — נאָר אביסעל אַ פוילער, האָט אַ האַרטען שלאָף. אָהן פּעטש וועט איהר איהם ניט אויפוועקען בשום אופן! האָרעוועט נעבאַך, ווי איין עזעל! וואָס ער פאַרדיענט — גיט ער אָפּ דער שוועסטער. קוים גע'פועל'ט ביי איהם, ער זאָל זיך מאַכען אַ פּאָר שטיוועל... וואָס וועט איהר זיך עפּיס הייסען געבען צו דער טיי? פּריש געבעקס, אייערבייגעל, קאַרזשיקלעך מיט מאָהן, אָדער גאָר כתרילעווקער פּרענזעלען?

און נח דער שווייצאַר דרעהט זיך אוים און ווערד פער־שוואונדען.

— פּעטער! איהר זענט שוין אַ געדאַוועגטער? — מאַכט צו מיר עמיצער און שטעקט אריין אַ קאָפּ אין דער טיר.

— וואָס געהט דאָס אייך אָן? — פרעג איך איהם.

— איך האָב צו אייך אַ בקשה. — מאַכט ער.

— ווער זענט איהר? — פרעג איך איהם.

— א איד, — מאכט ער — א פרעמדער, ניט קיין היגער. איך האב געוואלט בעטען אייך אויף א מינוט אייער טלית־און־תפילין. מיינעם האט מען אוועקגעג'גנב'עט ערשט נעכטען אט־דא, אויף דער סטאנציע.

עס עפענט זיך די טיר און עס שטעקט זיך אריין נאך א קאפ אהן א היטעל און רעדט אויף עטליכע לשונות מיט א מאל:

— ראזניך טאוואראוו, פאני! זאקען גוטע! רענקאוויטשקי זיעמני, בעסטע ווארע וואלוועל! בחצי־חנם, יאק באגא קאחאם!... קויפט אייך זאקען חאטש א האלב טוץ!... לאז אייך גאט געבען געזונט!... איך האב ניט געוואוסט ווער איהר זענט, ווארום סע מאכט זיך א מאל, מע טרעפט־אן אויף א פריץ און מע רעדט צו איהם אוועק א שעה כסדר אויף אונזער אידיש לשון, חאפט מען א פסק. האב איך מיך מיישב געווען, איך וועל מיך פרובען אויף פויליש, אויף רוסיש, אויף דייטש; איך פארשטעה, דאנקען גאט, עטליכע שפראך... הענטשקעלעך א פאר גוטע, ווארעמע, ווילט איהר ניט?... איך בין, ווי איהר זעהט מיך, געווען אמאל א גרויסער סוחר, געפאהרען אויף די גרעסטע ירידים: קיין יארמעלינעץ, קיין פראסקוראוו און קיין פאלטאווע... מעהר, הייסט דאס, ווילט איהר גאר ניט? זייף א שטיקעל? א קעמעלע א גוטס, פון די אנטיקען? ניין? א דאנק אייך פאר'ן פדיון. מיינע קינדער וועלען זיך מחיה זיין... אפשר וועט איהר פארט קויפען א בער־שטעל א גוטס? אדער א שניפס א שענס? אדער נאך א האלב טוץ זאקען, וועל איך אייך אפגעבען וועלוועלער. ניין? איהר ווילט ניט? האט זשע אייך א גוטען תמיד!...

דער איד חאפט דאס היטעל און געהט־אוועק. עס קומט־אריין איין אנדער איד, שוין מיט א היטעל.

— קויפט ביי מיר זאקען, פעטער, גוטע זאקען, וואלוועל!

— איך דארף ניט קיין זאגען. — זאג איך. — א דאנק!

— וואס הייסט — זאגט ער — איהר דארפט ניט קיין זאקען? אט האט איהר דאך נאר־וואס געקויפט א האלב טוץ זאקען

ביי יענעם! איך בין אויך א איד א איין אָרעמאַן און א מטופּל מיט קינדער, צוויי איינגלעך אין דער „אוטשילישטשע“, איינער איז ביי א בעל־מלאָכה און די קלענערע אין חדר... א דאנק אייך. זייט געזונט. גאָט זאָל אייך באַגליקען!...

נאָך דעם אידען קומט־אָן איין אַנדער איד. א הויכער, א דארער, מיט איין איבערגעשראָקען פּנים.

— אויב איהר ווילט פאַרדיענען א מצוה, איהר זאָלט פאַר־שפּאָרען פאַסטען תשעה־באָב, נעמט־צו ביי מיר א רעשטעל אין גלייכען געלט. פאַרבליבען ביי מיר זאָקען א פּאָר טוץ.

— איך דאַרף ניט קיין זאָקען! — זאָג איך. — איך האָב שוין גענוג זאָקען.

— איך געב זיי אייך אָפּ אונטער׳ן קרן. — זאָגט ער. — איך דינג מיך מיט אייך ניט. וויפיעל איהר וועט געבען, געבען זאָל אייך גאָט געזונט און לאַנגע יאָהר!... איך האָב א זוהן אין גימ־נאַזיע, ענדיגט ער היינטיגס יאָהר, וויל שטודירען אויף דאָקטאָר. „דו וועסט שוין פאַרשפּאָרען, — זאָגט ער — טאַטע, אַזוי האַ־רעווען. דעמאָלט האָרעווען וועל א י ך שוין, און ד ו וועסט שוין, זאָגט ער, אַביסעל אָפּרוהען“... אַזוי זאָגט ער צו מיר, מיין זוהן. נאָר דערווייל מוז מען איהם אונטערהאַלטען מיט א דרייערעל, האָטש ער פאַרדיענט שוין, קיין עין הרע, אַליין אַזעלכע צעהן קאַרבען א חודש... בלייבט געזונט און זייט מצליח!

נאָך דעם אידען קומט אריין א אידינע מיט א טערקישער שאַל און רעדט מיט א ניגון:

— דאָס זענט איהר דער אורח פון יעהופּעץ?

— יאָ, וואָס איז דען?

— איך האָב געהערט זאָגען, אַז איהר זענט געקומען קיין כתרילעווקע קויפען זאָקען, האָב איך אייך געבראַכט עטליכע טוץ זאָקען אויף א מוסטער. ביי מיר איז א פאַבריקע פון זאָקען. שוין צעהן יאָהר, אַז איך ארבייט זאָקען...

— ווער האָט אייך געזאָגט, — זאָג איך — אַז איך קויף זאָקען? איך בין ניט געקומען נאָך קיין זאָקען, איך דאַרף ניט קיין זאָקען!

נאָר די אידינע הערט ניט וואָס איך רעד און טהוט זיך איהרס: זי מאָהלט, ווי א מיהל.

— מיינע זאָקען האָבען א שם אויף גאַנץ כתרילעווקע! קוקט אָן א זאָק!... וואָס זאָגט איהר אויף דעם זאָק?

— אָבער אין נאָטעם ווילען! — שריי איך. — איך קויף ניט קיין זאָקען! איך דאַרף ניט קיין זאָקען!

— אָט ליגען דאָ — זאָגט זי — ביי אייך זאָקען!

— דאָס האָב איך געבראַכט זאָקען אויף צו פאַרקויפען! — זאָג איך און בענלייט־אַרויס די אידינע און פערשלים די טיר, טאָמער טראָגט מען מיר זאָקען. — ווער קלאַפּט דאָס?

— ס'איז איך! — ענטפערט מען מיר פון יענער זייט טיר.

— ווער איז דער „איך“? — פרעג איך און האָב מורא עפענען די טיר, טאָמער טראָגט מען מיר זאָקען. — ווער קלאַפּט דאָס?

— דוד. — ענטפערט מען מיר.

— וואָסער דוד?

— דוד שפּאַן.

— וואָסער דוד שפּאַן?

— דוד שפּאַן דער קאָמיסיאָנער!

— וואָס דאַרפט איהר? — פרעג איך איהם. — אפשר זאָקען?

— איהר דאַרפט — זאָגט ער — זאָקען? אָט טהו איך א שפּאַן צווישען די קלייטען און ברענג אייך זאָקען!

— ניין! ניין! — שריי איך. — איך דאַרף ניט קיין זאָקען!

איך עפען־אויף די טיר, קומט מיר אַקעגען נח דער שווייצאַר, אָנגעלאָדען מיט בולקעס און מיט בייגעל, מיט קיכלעך, פּלעצלעך, קאָרזשיקלעך און פרענזעלעך.

— פון וועמענ'ס וועגען איז דאָס אזוי פיעל פראָוויזיע? — פרעג איך איהם.

— וואָס האָט איהר יסורים? — זאָגט נח. — פאַר די הינט וועט מען דאָס חלילה ניט ארויסוואַרפען. פאַרהאַן, קיין עין־הרע, ווער ס'זאָל עסען. איך אַליין האָב זעכס פּיקערס אייגענע, אחוץ צוויי פרעמדע יתומים נעבאך... זאָגט מיר בעסער, וואָס זענט איהר פאַר א מאָדנע בריאה אזעלכע? איהר דאַרפט האָבען זאַקען, האָט איהר ניט געקאָנט זאָגען מיר? ניט דוד'על שפּאַן, ער זאָל אייך געהן ברענגען זאַקען?

— ווער האָט איהם געהייסען — זאָג איך — ברענגען זאַקען?

— איך וויים ניט, — זאָגט נח — ווער עס האָט איהם גע־הייסען; איך האָב איהם געוויס ניט געהייסען! דוד'על־גנב וועט אייך ברענגען זאַקען, וועט זיין וואָס צו זעהען! כתרילעווקער זאַקען!...

ביי די ווערטער עפענט זיך אויף די טיר און עס קומט אריין א געפּאַקט אידעל מיט רויטע באַקען, מיט א פערשוויצט פּנים און מיט א ליולקע־ציבעקעל אין מויל. איך מאַך ניט קיין לאַנגע שהיות, נעם איהם אָן ביי דער האַנד און ווייז איהם די טיר.

— געהט אייך געזונטערהייד מיט אייערע זאַקען צו אַלדי גוטע יאָהר! איך דאַרף ניט קיין זאַקען!

— גאָט איז מיט אייך! — רופט זיך אָן צו מיר נח דער שווייצאַר. — וואָס טרייבט איהר זיי? דאָס איז דאָך אונזער בעל־הבית פונ'ם האָטעל!...

— אזוי גאַר? האָט קיין פאַראיבעל ניט. — זאָג איך צו איהם און געב איהם אָפּ שלום, און טראָג איהם אונטער א בענ־קעל. — איך האָב געמיינט, דאָס זענט איהר יענער איד, וואָס איז אוועקגעלאָפען מיר ברענגען זאַקען. איין אומגליק! מע האָט מיך פאַרוואָרפען מיט זאַקען! א מבול פון זאַקען! זיצט, איך בעט אייך.

— א דאנק! איך קאָן באשטעהן! — מאכט צו מיר דער בעל־הבית און זעצט זיך אנידער און פּיפּקעט פון׳ם ליולקע־ציבע־קעל. — פון וואנען קומט א איד? פון יעהופּעץ? איך האָב דאָרטען א באקאנטען אין יעהופּעץ. דאָס הייסט, ער זיצט שוין ניט אין יעהופּעץ — ער איז אריבערגעפאָהרען פון דאָרטען שוין לאנג, איך האָב מורא, אויב ניט א יאָהר אכטצעהן, און אפשר טאקי אלע נייענצעהן... קיין אדעס, זאָגט מען, איז ער אריבער־געפאָהרען; ער האָט דאָרטען קרובים אין אדעס, ס׳איז ביי זיי א קאָנטאָר פון ווייץ. צוויי קאָנטאָרען, איינע אין אדעס, די אנ־דערע אין ניקאָלאיעוו... די אדעסער קאָנטאָר מאכט נישקשה, נאָר די ניקאָלאיעווער קאָנטאָר מאכט ניט אזוי גוט, מחמת ניקאָלאיעוו איז צינד געשלאָגען, שטארק געשלאָגען, איבער פּעאָדאָסיע, זאָגט מען, איבער דעם „פּאָרט“, וואָס מע האָט געמאכט אין פּעאָדאָסיע. ס׳איז היינט א גאנצע שטאָדט געוואָרען פּעאָדאָסיע. איך האָב אין פּעאָדאָסיע אויך באקאנטע. א פיינע שטאָדט, זאָגט מען, פּעאָדאָסיע!...

איך זעה, אז ס׳איז א מעשה אָהן איין עק, פּאל איך איהם אריין אין די רעד און טהו איהם א פרעג:

— וואָס האָב איך אייך אין זינען געהאָט צו פרעגן? יאָ. פאר וואָס האָט איהר א נאָמען געגעבען אייער אכסניא „האָטעל טערקאליא“?

— איך געדענק נאָך פּעאָדאָסיע — ענטפערט מיר דער בעל־הבית — פאר א קליין שטעדטעל... איך בין אליין, פארשטעהט איהר מיך, א דאָרטיגער, א בעסאראביער בין איך, פון בעסא־ראביע, פון א קליין שטעדטעל דובאָסארע. דאָס הייסט, געבאָרען בין איך פון בעלץ... איהר זענט געוועזען א מאל אין בעלץ? א פיינע שטאָדט בעלץ. נאָר ווי קומט זי צו קעשעניעוו?...

— גוט מאָרגען געלע, רעטאך טראָג איך! — מישט זיך אריין נח דער שווייצאר פון דערווייטען. — איהר מעגט רעדען

מיט׳ן בעל־הבית אביסעל העכער, ס׳איז ביי זיי קאלי די שמיעה, זיי הערען ניט די וועלט...

איך רוק זיך צו צום בעל־הבית גאנץ נאָהענט און שריי איהם אויף א קול גלייך אין אויהער אריין:

— איך פרעג, פאר וואָס הייסט עס עפּים אייער האָטעל מיט אזא מאָדנעם נאָמען?

— וואָס שרייעט איהר אזוי? — מאכט ער צו מיר. — איך בין ניט טויב! א מאָדנער נאָמען, זאָגט איהר? מיט וואָס איז ער אזוי מאָדנע? „אינטאַליע" איז גוט? „פּאָרטוגאַליע" איז גוט? און „טערקאַליע" טויג ניט?! יענע אַלע נעמען האָט מען פארכאַפּט פריהער, האָב איך א נאָמען געגעבען נאָכ׳ן טערק... יאָ, איז וואו האַלט איך? קעשעניעוו! און די מענטשען?... ביי אונז אין בעסאראַביע, הערט איהר, זענען גאָר אַנדערע מענטשען! ביי אונז אין בעסאראַביע עסט מען גאָר אַנדערש... ביי אונז אין בעסאראַביע, אז מע זעצט זיך עסען, דערלאַנגט מען, הערט איהר, צו אַלעם ערשטען די שענע פיש פון׳ם שענעם טייך. נאָכדעם — „קאדע", דאָס גוטע, דאָס פעטע שטיקעל „קאדע". נאָכדעם גיט מען אויף דעם גרויסען טעלער די שענע די ריינע מאמעליגע, וואָס מע שניידט דאָס מיט׳ן גרויסען פאָדעם אין דער ברייט. נאָכדעם דערלאַנגט מען די פרישע די הייסע פּאַמפּושקעס, און מע פאַר־טרינקט מיט דעם אמת׳ען ריינעם בעסאראַביער וויין, און מע פארבייסט מיט דעם רעכטען, דעם גוטען נאַהוט... אזא מין ארבעס...

און דער בעל־הבית בשעת מעשה בעלעקט זיך און מאכט מיר איין אַפּעטיט צום עסען, און בשעת דער בעל־הבית רעדט פון די בעסאראַביער מאכלים, לאָזט זיך הערען פון איין זייט א געזאַנג פון א ליטווישען חזן, וואָס ציקעלט זיך, שרייעט און מאכט מאָדנע העוויות:

ישמחו ב־
מלכותך שו־
מרי שבת ו־
קוראי עונג!...

און דאס כאהר צעטיילט זיך אויף צווייען; איין האלב כאהר זינגט:

טוראַרירל! טוראַרירל!
טוראַרירל! טוראַרירל!

און דאס אנדערע האלבע כאהר האלט־אונטער:

פים־פאַם!
פים־פאַם!
פים־פאַם!

און פון דער אנדערער זייט הערט זיך א געזאנג פון די „אקטעיורען“:

פי־סע־לעך!
און פי־סע־לעך!
און לעבעדיגע!
פי־סע־לעך!
אויף מיר אזא יאהר!...

אויף דער משרת, וואס פוצט די שטיוועל הינטער מיין טיר, טהוט אלע מאל א שפיי אויפ'ן בערשטעל און זינגט א ליעדעל:

האב איך א שוויעגער,
האט זי איין איי־איי־איי־דעם!
שלאַגט ער איהר טאַכטער,
ציטערט דער ביי־איי־איי־איידעם!

און נאך א געזאנג לאזט זיך הערען: א קול פון א אידינע, וואס זי שעלט דעם מאן. דאס זוכט די בעל־הבית'טע דעם בעל־הבית אין אלע נומערען, און הערט ניט אויף צו שעלטען איהם

מיט משונה־מאָדנע קולות, וואָס לאָזען זיך אויס, מײַנסטענס, מיט א גראַם:

א מכה, א צרה! א שלאַק, א כפּרה!
איין אויסגוס, א קללה! א קלאָג, א יללה!
א פייער, א שרפה! א מהומה, א מגפה!...

— איהר וועט עסען מיט'ן בעל־הבית און מיט דער בעל־הבית'טע? — מאַכט צו מיר נח דער שווייצאַר אויף דער טיר. — צי איהר וועט געהן עסען אין א רעסטאָראַציע?

— אין א רעסטאָראַציע! — זאָג איך. — אין א רעסטאָראַציע!...

## III.

# כתרילעווקער רעסטאָראַנען.

„כשר! בכאַן עסט מען פריש און וואָלוועל! שרה אינדיק".

איבערגעלייענט אַזאַ מין אויפשריפט, קלעטער איך אַרויף, אויף גליטשיגע טרעפּ, אויפ'ן צווייטען שטאָק פון אַ רויטען נאַקעטען מויער, און האַטש די ריחות, וואָס לאָזען זיך הערען אויף די טרעפּ, זענען עפּים ניט אַזוי אנגענעהם פאַר דער נאָז, נאָר אַ הונגעריגער מאָגען קלויבט נישט איבער.

— וואו איז דאָ ערגיץ שרה אינדיק? — טהו איך אַ פרעג ביי איין אַלטען אידען מיט אַ געל פּנים, וואָס זיצט אויף דער ערד און פעררירכט איין אַלטען מאַטראַץ.

— ווייט! — מאַכט צו מיר דער אַלטער און טהוט אַ פּאַטש דעם מאַטראַץ, און עס געהט פון איהם אַ גרין רויכעל.

— אַוועקגעפאָהרען? — פרעג איך איהם.

— אַוועקגעפאָהרען! — מאַכט צו מיר דער אַלטער און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. — אַוועקגעפאָהרען אויף אייביג!...

— געשטאָרבען? ברוך דיין אמת! — זאָג איך און וויל מיך אַרויסחאַפּען צוריק.

— יאָ, — מאַכט ער — געשטאָרבען. ערב פּסח ווערד זעכם יאָהר, אַז זי איז געשטאָרבען. גלויבט מיר, איך האָב זי נאָך נישט פארגעסען אויף קיין מינוט אפילו! ווי קאָן מען דען אַזעלכעם פארגעסען? איהר קאָכען, איהר באַקען, איהר באַגעהן זיך מיט דער וועלט, איהר רעדען מיט אַ מענטשען און איהר צוטרעפען מיר מיין שגעון! נאָר איך פארשטעה ניט — איך באַדאַרף אייך דערצעהלען? איהר האָט דאָך זי מסתמא געקענט?

— פון וואַנען — זאָג איך — האָב איך זי געזאָלט קענען, אז איך בין דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען אין כתרילעווקע?
— הערסט! הײנט וואָס זשע — זאָגט ער — פרעגט איהר זיך נאָך אויף שרה'ן?
— איך פרעג גאָר ניט אויף שרה'ן. — זאָג איך. — איך פרעג, צי דאָ איז דער רעסטאָראַן „שרה אינדיק", וואָס סע שטעהט אויפגעשריבען אויף דער וואַנט? איך וויל עפּיס עסען.
— עפּיס עסען? — מאַכט ער צו מיר. — הערסט! הײנט וואָס זשע שווייגט איהר? רחל! רחל!
און עס בעוויזט זיך אַ שווארצ'חנ'עוודיג ווייבעל מיט שווארצע לאַכענדיגע אויגעלעך, מיט פערקאַטשעטע ארבעל און מיט מעהל אויף די הענד, אויפ'ן פאַרטוך און אויפ'ן פּנים.
— וואָס איז שוין ווייטער? — רופט זיך אָן דאָס שווארצ'־חנ'עוודיגע ווייבעל, טהוט זיך אַ וויש די נאָז מיט'ן ארבעל, וואָס אויף דער זייט עלענבויגען. — מע לאָזט ניט איבערזיפּען די מעהל! אַלע מינוט: רחל! רחל!
— זיי ווילען עפּיס עסען. — מאַכט צו איהר דער אַלטער און הערט ניט אויף צו פּאַטשען דעם מאַטראַץ.
— עפּיס עסען? — רופט זיך אָן דאָס ווייבעל מיט אַ מאָדנע מין געזאַנג, ווי מען איז מעביר די סדרה, און טרייסעלט־אויס דעם פאַרטוך און פערשיט מיר די אויגען מיט מעהל. — וואָס ווילט איהר עסען?
— וואָס האָט איהר? — זאָג איך צו איהר מיט'ן זעלבען ניגון, וואָס זי.
— וואָס ווילט איהר? — זאָגט זי נאָך אַ מאָל מיט'ן אייגע־נעם ניגון.
— וואָס איך וויל? — זאָג איך. — המ... פיש איז דאָ ביי אייך געפילטע?
— נאָכ'ן מארק פיש? — זאָגט זי — אַ שענע מעשה!
— נו, לאָז זיין באָרשטש, — זאָג איך — אז ניט קיין פיש.

— וואו האָט איהר געזעהן — זאָגט זי — נאָך האַלבען טאָג באָרשטש? אַ באָרשטש דאַרף זיך קאָכען — דאָס ווייסט איהר, צי ניין?

— אַלסדינג — זאָג איך — באַדאַרף זיך קאָכען.

— אַבי איהר ווייסט, — זאָגט זי — איז גוט!

— נו, — זאָג איך — איז קיין ראָסעלפלייש אויך ניטאָ?

— פון וואַנעט — זאָגט זי — האָט זיך גענומען אַ ראָסעל־פלייש? ס'איז געווען אַ ראָסעלפלייש, האָט מען איהם אויפ־געגעסען.

— נו, — זאָג איך — לאָז זיין אַ יויך!

— מיט וואָס, — זאָגט זי — ווילט איהר, זאָל זיין די יויך? מיט מאַנעגרייפלעך, מיט אַ מצה'לע, צי מיט מאָנדלען (אַ פּתח פערבייט זיך ביי איהר אָפּט אויף אַ קמץ).

— לאָז זיין — זאָג איך — מיט וואָס איהר ווילט, אַבי אַ יויך!

— אויף ווען, — זאָגט זי — ווילט איהר, זאָל זיין די יויך?

— וואָס הייסט, — זאָג איך — אויף ווען? אויף באַלד!

— וואָס הייסט, — זאָגט זי — אויף באַלד? איהר ווילט דאָך מסתמא אַ יויך זאָל זיין פון עוף? וואָסער טעם האָט אַ יויך אָהן עוף? און איין עוף באַדאַרף מען ערשט חאַפּען, שיקען צום שוחט, אָפּפּליקען, מאַכען, זאַלצען, אָפּגיסען, אויסווייקען און צו־שטעלען. עס קאָן אַרויסקומען הלואי אויף דער נאַכט.

— גיט זשע מיר אַזוי — זאָג איך — וואָס ניט איז: אַ שטיקעל פלייש, אַ ביסעל זופּ, אַ פּרעזשעניצע פון עטליכע אייער, אָדער עפּיס געזאַלצענס, טאָמער האָט איהר?...

— אַ מאָדנער איד! — רופט זי זיך אָן צום אַלטען. — אַלסדינג גלוסט זיך איהם... אַ הערינג, אויב איהר ווילט, קאָן איך אייך מאַכען.

— לאָז זיין אַ הערינג, — זאָג איך — אַבי גיכער.

— ווי אַזוי ווילט איהר? — זאָגט זי. — מיט אַ ציבעלקע?

— מיט אַ ציבעלקע.
— און מיט עסיג אוי־עך?
— מיט עסיג אויך.
— און מיט בוימעל אוי־עך?
— מיט בוימעל אויך.

זי טהוט ווידער אַ טרייסעל דעם פאַרטוך, קאַטשעט־אָפּ די אַרבעל, לאָזט זיך געהן נאָך אַ הערינג און קעהרט זיך אום צוריק.

— ווי אַזוי האָט איהר ליעב אַ הערינג זאָל זיין — מיט אַ מילעך? צי מיט אַ רויג?

— לאָז ער זיין ווי ער וויל זיך, — זאָג איך — אַבי לאָז ער שוין זיין.

— געוויכערטע פישלעך עסט איהר?
— פאַר וואָס ניט? — זאָג איך.
— און אַדעסער קעפּאַליען? — זאָגט זי.
— בכבוד גדול! — זאָג איך.

— איך ווייס אָבער ניט, — זאָגט זי — צי זיי זענען שוין דאָ? מיר דאַכט, אַז זיי זענען נאָך נישטאָ, און אפשר זענען זיי שוין דאָ?... ניין, ס'איז נאָך פריה!... פון דעסטוועגען וועל איך געהן זעהן, טאָמער זענען זיי שוין דאָ...

רחל לאָזט זיך געהן און קעהרט זיך אום צוריק.

— אויף אידישען קאָלבאַס זענט איהר אַ בעלן?

— אָך! — זאָג איך. — אדרבה, קויפט, קויפט קאָלבאַסען, איך האָב ליעב קאָלבאַסען.

— איהר מיינט דאָך אודאי וואַרשעווער קאָלבאַסען?
— נו יאָ! — זאָג איך. — געוועהנליך, וואַרשעווער!

— אַזוי! — זאָגט זי. — וועט איהר מוחל זיין זיך דורכ־פאָהרען קיין וואַרשעוו, וועט איהר דאָרט עסען וואַרשעווער קאָל־באַסען. ביי אונז פאַרקויפט זיך כתרילעווקער קאָלבאַסען, פון אונזער איינענער כתרילעווקער פאַבריקע, באַדאַרף מען האָבען צו זיי אייזערנע ציינער! שניידען מיט אַ מעסער איז אונמעגליך,

סיידען האקען מיט א האק — דער שווארצער יאָהר ווייסט זיי, וואָס זיי שטופּען אַן אהינצו, וואָס ס'איז אזוי הארט? מע האָט אנומעלטען צעהאקט א קאָלבאס, האָט מען געפונען א צוויאָק. אפּנים, זיי לעגען אריין צוויעקעס, סע זאָל געהן גוט אויף דער וואָג?...

— טאָמער וואָלט געווען גענוג רעדען? — רופט זיך אָן דער אַלטער. — געה און ברענג צו טראָגען, און איין עק זאָל דאָס האָבען!

— וואָס הייסט, גלאַט ברענגען צו טראָגען? מע באדארף דאָך וויסען וואָס ברענגען! איטליכער האָט זיך זיין משוגעת! אָט האָסט דו, אשטייגער, ליעב געפּרעגעלטע פיש; און אנדערע האָבען פיינט געפּרעגעלטע, האָבען ליעב באַק־פיש... צי, אשטייגער, פארהאַן אורחים ביי אונז אזעלכע, וואָס הייסען זיך אָפּקאָכען געהירען און עסען דאָס צעהאקטערהייד מיט א ציבעלקע און מיט שמאַלץ... און וויעדער איז פארהאַן אזעלכע, וואָס האָבען ליעב אין מיטען דער וואָך פּעטשאַי מיט צוגעטריקענטע פּענעצלעך מיט קנאָבעל... און פארהאַן אזעלכע פרעסער, וואָס וועלען אייך אוועק־געבען די נשמה פאר איין אָנגעפּילטע קישקע מיט פארפעל... און פארהאַן וויעדער אזעלכע, וואָס איהר זאָלט זיי גילטען, זיי זאָלען אייך נעמען אין מויל אריין איין עסיגפלייש!...

— איך בעט אייך, — זאָג איך — ברענגט מיר וואָס איהר וועט שוין ברענגען, וואָרום איך בין טוידט־הונגעריג!

רחל געהט אוועק, און דער אַלטער רופט זיך אָן צו מיר:

— נייען מאָס רעד!

— ס'איז אייערע א טאָכטער? — פרעג איך איהם.

— וואָסער טאָכטער? — מאַכט ער צו מיר. — ס'איז מיין ווייב, דאָס אנדערע ווייב ביי מיר. עך־עך־עך! אודאי איז דאָס ניט יענע... יענע, עליה השלום, איז געווען א אידינע, וואָס מע קריגט זי נישט!... דאָס הייסט, איך האָב צו דער אויך גאָר ניט; זי האָרעוועט נעבאָך זעהר געטריי. אז אָך און וועה איז איהר!... אָט דאָס שטיקעל מאַטראַץ, וואָס איהר זעהט, איז אונזער גאַנץ

בעטגעוואַנד... און דערצו בין איך אַ קראַנקער און אַ קאַפּריזנער! אויסשטעהן מיין שגעון — באַדאַרף מען זיין שטאַרקער פון אייזען! דאָס הייסט, בטבע בין איך דוקא אַ גוטער, נאָר מיך אַז מע דער׳רגזנ׳ט מיט אַ וואָרט, איז חיות ניט זיכער — וואָס סע קומט מיר אין האַנט פליהט דאָס אין קאָפּ אַריין!... אָט אַזאַ ספּילשלי־ווער בין איך!... איהר מיינט, איך האָב דאָס איהר ניט געזאָגט פריהער, איידער איך האָב זי גענומען? איך האָב איהר געזאָגט, אַז קיין האָניג וועט זי ביי מיר ניט לעקען! זי וועט זיין צופריעדען, אַז עס וועט זיין אַ שטיקעל ברויט אין שטוב. פון פליייש און פון מילך שמועסט מען ניט. און האָרעווען — האָב איך איהר גע־זאָגט פריהער, אַז זי וועט האָרעווען פאַר דריי...

— צוליעב וואָס זשע האָט זי אייך גענומען? — פרעג איך איהם.

— וואָס הייסט — מאַכט ער צו מיר פערוואונדערט — צו־ליעב וואָס? און די שטוב איז ביי אייך אַ הונט?

— וואָסער שטוב? — זאָג איך. — אָט דער מויער איז דען אייערער?

— ניין! — מאַכט ער צו מיר מיט אַ געלעכטער. — איך מיין די „רעסטאָראַציע״, וואָס איך האָב. ס׳איז שוין ביי מיר איין איינגעפיהרט געשעפט פון כמה וכמה יאָהרען. אָט ווי ס׳איז ניט געשלאָגען איצטער די פּרנסה, פון דעסטוועגען איז פאָרט אַ שטוב! ווען איהר טהוט אַ קוק אויף מיין רחל׳ען, אַז זי טהוט זיך אָן און געהט אַרויס אויפ׳ן שפּאַציער, וואָלט איהר געמיינט, ס׳איז אַ גראַפיניע! זי איז טאַקי, קיין עין־הרע, זעהר אַ שענע. איצט איז זי שוין אַ ביסעל „אָפּגעבליאַקעוועט״. איהר זאָלט זי געזעהן פריהער מיט עטליכע יאָהר!...

— וויפיעל קינדער האָט איהר? — מאַך איך צו איהם.

— טע־טע־טע! — מאַכט ער צו מיר. — קינדער! אָט דאָס איז די גאַנצע צרה, וואָס איך האָב קיין קינדער ניט!... אַ ביסעל

בראָנפען וועט איהר נעמען? וועל איך אייך געבען א ביסעל „שפּירעט“.

— אָך, — זאָג איך — מיט׳ן גרעסטען כבוד!

— איך וועל אייך געבען אין א פינסטערער כלי. — מאַכט צו מיר דער אַלטער און שלעפּט־ארוים פון בוזעם־קעשענע א פלעשעל און א קליין גענלייזט טעפּעלע און גיסט מיר אָן א ביסעל „שפּירעט“. דאָס ביסעל „שפּירעט“ מאַכט מיר נאָך א גרעסערען אַפּעטיט, און איך פיהל, אַז עס עקט זיך מיר דאָס חיות.

עס קומט רחל מיט׳ן הערינג און טהוט זיך א פּאַטש מיטביידע הענד איבער׳ן קליידעל:

— אוי, א דונער איז מיר! איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז אין שטוב איז ניטאָ נישט קיין בולקע און נישט קיין ברויט! וואָס פאַר א געבעקס האָט איהר ליעב? אידישען קוילעטש, צי פראַנצאָלים, צי גאָר קאָרן־ברויט?

— וואָס איהר וועט דערזעהן פריהער — זאָג איך — אָט דאָס זאָלט איהר קויפען! איך בעט זעהר, איהר זאָלט מיך מעהר נישט פרעגען וואָס איך האָב ליעב! איך האָב אַלסדינג ליעב!

— א קאַפּריזנער אורח! — זאָגט רחל. — פערעבענדיוועט נאָך מעהר ווי מיין מאַן!... מיין מאַן וואָלט א בעלן געווען אַלע טאָג א פרישען פידפאַלעק... אַלט־געבאַקען ברויט נעמט ער נישט אין מויל אריין... קאָן דען זיין אַלע טאָג פריש געבעקס? דאָס קאָן אויספיהרען סיידען קאָביליאַנסקי...

— נו, געה שוין, געה! — זאָגט צו איהר דער אַלטער. — זעהסט דאָך, אַז זיי חלש׳ען עסען!...

רחל געהט אַוועק נאָך געבעקס און עס קומט אַריין א אידינע א הויכע מיט איין אויג: איין האַנד האַלט זי אין בוזעם און מיט דער אַנדערער האַנד קראַצט זי זיך אין אויהער.

— וואָס טהוט מען, רב משה־יענקעל, גיט מיר איין עצה? — זאָגט די הויכע אידינע צום אַלטען. — ביי מיין שמואל׳קען האָט זיך שוין ווידער צעשפּיעלט איין אויהערעל...

עס קומט אָן רחל מיט'ן געבעקס און מאַכט מיר דעם הערינג, און די הויכע אידינע הערט ניט אויף אויסצומאָהלען, ווי עס רינט ביי איהר שמואל'קען פון איין אויהערעל... זי האָט מורא, זי וועט ווידער מוזען אָנקומען צום רופא — ווייסט זי ניט, צו וואָסער רופא זאָל זי געהן? דען צו וואָסער רופא זי זאָל ניט געהן, ווייסט זי פריהער, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפען, מחמת די כתרילעווקער רופאים, דער רוח זאָל זיי נעמען, זענען גוטע בלוטצאַפּערס! אַ כתרילעווקער דאָקטאָר אַז איהר גיט חלילה ווינציגער פון אַ גילען, טהוט ער אייך אַ שמיץ אין פּנים אַריין! ס'איז איהם קאַרג צו קרענקען, דעם פּראָפּעסאָר!...

— גיט עפּיס אַ נדבה אַ קראַנקען! — מאַכט אַ איד מיט אַ בלוי פּנים און ציהט אויס אַ קליין אויסגעטריקענט הענטעל, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען לכתחילה פאַר אַ סגולה אויף בעטען נדבות.

— גיט עפּיס אַ נדבה אַ ווייסטען קאַליקע! — רופט זיך אָן אַ נפש, וואָס געהט אויף די הענד, מחמת ביידע פיס זענען ביי איהם צענויפגעפלאָכטען און אונטערגעבויגען אונטער זיך.

— גיט עפּיס אַ נדבה אַ חולה־נופל'דיגען!...

איך וואַרף־אַוועק אין מיטען דער „סעודה", איך צערעכען זיך פאַר'ן עסען און אַנטלויף פון דער „רעסטאָראַציע" וואו דער שוואַרצער פעפער וואַכסט!

## .IV

# כתרילעווקער ווײן און כתרילעווקער שכורים.

„נאָך אזא מיטאָג וואָלט געווען גוט פערטרינקען מיט א גלעזעל ווײן“, — אזוי טראַכט איך מיר און דערזעה איין אויפ־שריפט: „בכאן מוכרים יי“ג, מעד וביער למקח השוה“.

איך לאָז מיך אראָפּ אין א פינסטערען קעלער, צווישען פעסער און פעסלעך, צעבערס און פלעשלעך, און דערזעה, ביי דער זייט זיצט א היבשער בחור מיט איין אונטערגעבונדען געשוואָלען פּנים איבער א מולטער און האַקט ראָזינקעס מיט א האַקמעסער.

— וואו איז ערגיץ דער בעל־הבית ? — פרעג איך דעם בחור.

— דער בעל־הבית ? — מאַכט צו מיר דער בחור און נעמט־אָן א פולע זשמעני מיט ראָזינקעס, טהוט א שמיר איבער’ן מויל און חראָמקעט מיט די צייהן גאַנץ געשמאַק. — דער בעל־הבית איז אין קאַמער, ער מאַכט „ווימאָראָזיג“.

— וואָס הייסט — זאָג איך — ער מאַכט „ווימאָראָזיג“ ?

— איהר ווילט וויסען, — מאַכט צו מיר דער בחור — ווי אזוי מע מאַכט „ווימאָראָזיג“ ביי אונז אין כתרילעווקע ? מע נעמט ראָזינקעס און מע האַקט און מע האַקט, און מע האַקט זיי אריין אין א גרויס פאַס אריין, מע בויטעט אָן דאָס איבעריגע מיט וואסער פון דער גנילאָפּיאַטקע און מע מישט אריין האָפּען, הויבט דאָס אָן צו שפּיעלען, און אַז סע צעשפּיעלט זיך, ווערד א גע־שטאַנק, אַז מע קאָן דערוואָרגען ווערען ! נעמט מען א פּאָר עמער „שפּירעט“ און מע האַקט־אריין עפּיס א מין פּראָשעק אזעלכען, וואָס סע קאָסט א גילען א פּוד ; נאָכדעם זייעט מען דורך דעם גאַנצען ווײן דורך א גויישען העמד און מע שרייבט אָן מיט קרייד

אויף דעם פּאַס: „ווימאַראַזיג אַקערמאַן". און אז איהר ווילט, דער וויין זאָל זיין רויט, נעמט מען דעם אייגענעם ווימאַראַזיג און מע פאַרפאַרבט איהם מיט גאַלעש־טינט און מע שרייבט אָן מיט קרייד אויף דעם פּאַס: „זמירער פּעאָדאָסיע", אָדער „אונגערשער מאַלאַגע"... און כתרילעווקער מבינים זשליאָקען די דאָזיגע קאַקאַפּיציע און לעקען די פינגער... שאַ, אָט געהט דער בעל־הבית, ארויסגעהן זאָל פון איהם די פּארע!

דערזעהן דעם בעל־הבית געהן, הויבט דער בחור אָן צו האַקען די ראָזינקעס מיט אַלע כחות.

— וואָס האָט איהר געוואָלט? — מאַכט צו מיר דער בעל־הבית, א רויטער איד, ניט קיין הויכער, מיט א הייזעריג קול און מיט איין אויג איין אָפענעם, וואָס אפילו אז ער שלאָפט, מוז ער דאָס אויך, אפנים, האַלטען אָפען.

— א גלעזעל וויין. — זאָג איך.

— א לאחדים־גלעזעל־וויין? — מאַכט ער צו מיר, דרילעוועט איין אויהער און קוקט אויף דער סטעלי.

— א לאחדים־גלעזעל־וויין. — זאָג איך.

— וואָס זשע — זאָגט ער — האָט איהר זיך אראָפּגעלאָזט אין קעלער? פאַר וואָס זענט איהר ניט ארויפגעגאַנגען אויבען? קריכט־ארויף און נעמט זיך, זייט מוחל, רעכטס!

איך קריך־ארויף און נעם מיך רעכטס און קום־אריין אין א פינסטערען חדר, פול מיט רויך און מיט בלאָטע. עס שטעהען עטליכע טשאַכאָטעטשנע הינקענדיגע בענקלעך, און אידען זיצען, רויכערען פּאַפּיראָסען און טרינקען „ווימאַראַזיג". זיי זינגען ניט, שרייען ניט, שלאָגען ניט מיט די הענד אין טיש אריין און בעווייזען ניט קיין שום מיאוס'ע שטיק; וואָס דען טהוען זיי? זיי זיצען און זויפען דעם „ווימאַראַזיג" פון די גלעזלעך, פעררויכערען א פּאַפּיראָס, זיפצען און קרעכצען און רעדען שטילערהייד. אָט

זיצען צוויי אידען ביי א טישעל, ארױפגעלאָזט די קעפּ. מע זעהט, אז ס'איז ביי זיי אויסגעגאַנגען ווערטער. חאַפּט זיך אויף איינער:

— וואָס זאָגסט דו, שמעון־דוד, אויף דעם „ווימאַראַזיג", הא?

— וואָס זאָל איך זאָגען אויף דעם „ווימאַראַזיג"? — חאַפּט זיך אויף דער אנדערער, ווי פון'ם שלאָף. — ס'איז א „ווימאַראַזיג" פון גאָט! ס'איז שוין איין מאָל א „ווימאַראַזיג"!

— מע באַדאַרף איהם פרעגען, צי וועט ער האָבען פון דעם אייגענעם „ווימאַראַזיג", אם־ירצה־השם, אויף פּסח?

— דו זאָרגסט זיך שוין פאַר פּסח? ביזט שוין, אפּנים, א באַוואָהרענטער מענטש אַרום און אַרום, נאָר פּסח'יגער „ווימאַראַזיג" געהט דיר אָפּ?

— וואָס דען, איך בעט דיך, אז אָך און וועה איז מיר!

— אז אָך און וועה איז טאַקי דיר, אז דו באַדאַרפסט זיצען אָט־אַ־דאָ א גאַנצען טאָג, אויסבאַהאַלטען זיך פון'ם ווייב, זי זאָל ניט מאָנען אויף שבת.

— דערמאָן מיר ניט דאָס ווייב, געב מיר בעסער מיט א פּיסטויל אין הארצען! וואָס קאָן איך איהר געבען? צרות קאָן איך איהר געבען, אז אָך און וועה איז מיר!

— דו מיינסט, מיר איז בעסער? אז אָך און וועה איז מיר אויך!

— איך ווייס, אז דיר איז אויך ניט בעסער, אז אָך און וועה איז אונז ביידען! לחיים! לאָמיר זיין געזונט...

נאָך צוויי אידען זיצען ביי איין טישעל, איינער מיט א גאַנצער קאַפּאָטע, און דער אנדערער מיט א צעריסענער קאַפּאָטע. דער וואָס מיט דער גאַנצער קאַפּאָטע רעדט, און יענער וואָס מיט דער צעריסענער קאַפּאָטע קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין און שאָקעלט־צו מיט'ן קאָפּ.

— פאַרשטעהסט דו שוין, ווי אזוי לוי־יצחק דרעהט־אוים א נעשעפט?... לוי־יצחק קאָן זיך אריינדרעהען און דרעהען און פאַרדרעהען אי זיך, אי יענעם, און סוף־כל־סוף פאַרט אויסדרעהען!

וואָרום איך, אַז איך טרעט־צו צו אַ געשעפט, שמעק איך פריהער, שאַ, פּאַוואָלינקע, נישט געהאַפּט... און אַז איך שמעק גוט אָן וואו עס האַלט, טהו איך מיר אַ פּאָרקע הינטערן־אַרום — דאָס, יענס, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, טאָמער אַזוי, טאָמער אַזוי, וואָס וועט אייך אַהרען, ממה־נפשך, ווי זאָגט ער: גוט איז אַ חיי־שעה!... אי, טאָמער טהוט מיר יענער אַ קוק־אַוועק און איך דערזעה, אַז ס'איז אויף צרות, אויף קידער־ווידער? טרעט איך מיר אָפּ אָן אַ זייט און — שאַ! לאָז זיך עס טהון אָהן מיר!... אויב ס'איז באַשערט, וועט דאָס ניט אַוועק, און אַז מע וועט באַדאַרפען פּאָר־קען, וועט מען פּאָרקען... פאַרהאַן אַ פּייטערבאַרג איז פאַרהאַן!... מיר ווייסען שוין, וואו אַ טיר עפענט זיך, מיר פאַרשטעהען דאָס מין... מיר קענען די עברי וואָס מע דאַרף... טאָמער דאַרף מען שרייבען, געפינט־מען שוין דעם, וואָס ער שרייבט... דער עיקר איז, ס'זאָל זיין שטיל — ששש!!! (ער טהוט זיך אַליין אַ בים דעם קולאַק און ווערד שטיל).

נאָך עטליכע אידען מיט פערשיעדענע קאַפּאָטעס און אַלערליי קאַשקעטען זיצען ביי איין טישעל און רעדען אַלע מיט אַ מאָל, אַזוי, אַז זייערע ווערטער ווערען צענויפגעגאָסען אינאיינעם, און עס קומט אויס אַ מישמאַש פון מסחר, פון פּאָליטיק, פון „ווימאָ־ראָזיג", פון אַמאָליגע יאָהרען, פון היינטיגע קינדער, פון דאָק־טוירים, פונ'ם טראַמוואַי, פון דער טאַקסע, פון אַ רוח־אין־די־כתרילעווקער־נגידים'ס־טאַטען־אריין — ס'איז שווער אַרויפצוחאַ־פּען אויפ'ן פּאַפּיער דאָס, וואָס סע ווערד דאָ גערעדט. און ביי דער זייט שטעהען ווילד־פרעמדע אידען, וואָס טרינקען ניט קיין „ווימאָ־ראָזיג", נאָר זיי זענען אַריינגעגאַנגען אַהער גלאַט אַזוי, הערען וואָס מע רעדט טאַקי, און אין איין וועג זיך אָנוואַרעמען...

נאָך אַ קאָמפּאַניע אידען זיצען אַרום טיש, טרינקען „ווימאָ־ראָזיג" און זינגען אַ ליעדעל, און דוקא אויף גוייש; נאָר שטיל, אָהן געפילדער, מיט זעהר אַ וויינענדיגען נוסח, ווי מע זאָגט סליחות אָדער תהלים:

אברהמניו! אברהמניו!
אבינו טי נאש!
טשעמו טי נע פראסיש
אלהינו נאש!
אלבא נאם וויקאפּיט,
אלבא נאם וויפּראסיט —
לארצנו נאשו,
לזעמליו נאשו!?...

אז עס האלט ביי׳ם „וויקאפּיט״, מאכען זיי דאס מיט א שטורם, מיט א ירגזון, דאס הייסט, מיט שטארקייט; נאר אז עס קומט צום „וויפּראסיט״, ווערען זיי מיט א מאל ווייך, בויגען איין די קעפּ און מאכען מיט די הענד, ווי, להבדיל, א פרומער חזן ימים־נוראים פאר׳ן עמוד. און ביי׳ם „לארצנו נאשו, לזעמליו נאשו״ צעוויינען זיי זיך טאקי מיט טרערען, ווי קליינע קינדער...

— עי־עי־עי־עי! — רופט זיך אן איינער פון דער קאמפּאניע, א איד, וואס דאס קאשקעטעל ליגט איהם שוין אויף יענער האלבע קאפּ, די אויגען זענען ביי איהם ווי שלעפעריג און די צונג פּלאנ־טעט זיך שוין אביסעל צווישען די צייהן. — וואס וואלט געווען, אשטייגער, כדומה למשל, מע זאל אונז אפּגעבען, הייסט דאס, ארץ־ישראל? הא, יענקעל? וואס זאגסט דו, יענקעל? דו ביזט דאך עפּיס א יודע־נגן!

— ארץ־ישראל? — זאגט יענקעל, ציהט־אויס דעם האלז און קראצט זיך אונטער׳ן קאלנער. — ארץ־ישראל? ע! ס׳וואלט אודאי געווען נימ שלעכט... עפּיס טהוען זיי, זאגט מען, דאך אין דעם — ווי אזוי הייסען זיי? די... די... די...

— די ציוניסטען? — חאפּט איהם אונטער נאך איינער. — בלאטע! ס׳וועט גאר ניט זיין פון דעם!

— פאר וואס? עפּים באדארף דאך זיין אלסדינג מיט א טעם!

— אזוי. מסתמא ווייס איך, אז איך זאג. איך האב פיינט רעדען גלאט אזוי. דו ווייסט דאך, אז איך זאג, איז געזאגט!

— איהר זענט אַלע בהמות! — רופט זיך אָן אַ ראַקאָוואַטע אידעל מיט אַ ליוסטרינענער קאַפּאָטע, רעדט פּאַוואָלי, צעהלט די ווערטער, לעגט־אַרויף דעם פינגער אויף דער נאָז, האַלט דאָס מויל אין אַ זייט און שמייכעלט צו זיך אַליין זעהר געשמאַק, און די בעקלעך פלאַמען איהם. — איהר זענט פערד, ווי איך בין אַ איד, אוי, זענט איהר פערד! איך קוק און שווייג און הער זיך צו, וואָס איהר רעדט: ציוניסטען, שמיוניסטען, קעבעבע מיט לאַק־רעץ!... איך זעה־אַרוים, אַז איהר ווייסט קיינער ניט מה דקאמרי רביצין! אויב איהר ווילט, וועל א י ך אייך זאָגען וואָס דאָ ליגט! די מעשה דערפון איז אַזוי... נאָר הערען זאָלט איהר מיט קאָפּ!...

ער נעמט דאָס בערדעל אין מויל אַריין, פערמאַכט די אויגען, טראַכט לאַנג־לאַנג און חאַפּט זיך אויף פונ׳ם שלאָף און טהוט אַ מאַך צום בעל־הבית, קנאַקט־צו מיט׳ן פינגער:

— רב זייט־זשע מוחל! הייסט געבען נאָך אַ פלעשעל „וואָראָזיג״!...

.V

## כתרילעווקער טהעאטער.

ארויסגעגאנגען פונ'ם וויין־קעלער, האב איך דערזעהן איין אפיש מיט גרויסע אותיות, אויף אידיש, אפגעדרוקט די דאזיגע ווערטער:

„דאס ערשטע מאל אין כתרילעווקע!

„דאס אידישע טהעאטער!

„דער אמת'ער אדלער פון אמעריקא!

„דער גרעסטער קאמיקער פון דער וועלט!

„איהר וועט צעגעהן פאר געלעכטער!

„אזא באבע יאחנע איז נאך ניט געווען זינט די וועלט שטעהט!

„אזא האצמאך, ווי ביי אונז, איז נאך גאר ניט געבוירען געווארען!

„היינט שפיעלט מען א שפאגעל־נייע אפערא:

**!קאלדוניא!**

„אידען! פערזעצט וואס איהר האט!

„אידען! געהט אין טהעאטער!

„אידען! איהר וועט זיך מחיה זיין!

„אידען! לויפט!

„בילעטען קויפט!

„גיכער! גיכער!

„ווי א וויכער!"...

אונטען געהט גע'חתמ'עט: דער רעזשיסער, דער דירעקטאר און דער אנטרעפרינער — טאקי אדלער אליין, דער אמת'ער אדלער פון אמעריקא, דער גרעסטער קאמיקער אין דער וועלט.

— איהר ווייסט ניט, וואו איז דאָ ערגיץ דאָס אידישע טהעאַ־טער? — טהו איך אַ פרעג אַ אידען, וואָס לויפט פאַרביי מיר מיט אַ פעקעל סחורה אונטער דער האַנד.

— דאָס אידישע וואָס? — מאַכט צו מיר דער איד מיט'ן פעקעל סחורה און שטעלט זיך אָפּ און בעטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס.

— דאָס אידישע טהעאַטער — זאָג איך.

— וואָסער טהעאַטער? — זאָגט ער.

— דאָס טהעאַטער, — זאָג איך — וואָס מע שפּיעלט דאָרט;

— ווער שפּיעלט דאָרטען? — פרעגט ער מיך.

— אַדלער — זאָג איך — שפּיעלט דאָרטען.

— וואָסער אַדלער? — מאַכט ער צו מיר.

— אַדלער, — זאָג איך — דער אמת'ער אַדלער.

— פון וואַנען איז ער? — מאַכט ער צו מיר.

— פון אַמעריקע — זאָג איך — איז ער.

— פון אַמעריקע? — מאַכט ער צו מיר. — וואָס זשע טהוט ער היע?

— ער שפּיעלט דאָ — זאָג איך — אינ'ם אידישען טהעאַטער.

— וואָס זשע שפּיעלט ער? — זאָגט ער.

— „קאָלדוניאַ" — זאָג איך — שפּיעלט ער.

— וואָס זשע הייסט דאָס „גאָלדוניע"? — מאַכט ער צו מיר. איך וויל אַוועקגעהן, לאָזט ער מיך ניט; ער וויל, איך זאָל איהם נאָר דערצעהלען, וואָס דאָס איז אַזעלכעס „טרעיאַטער", און וואָס הייסט „גאָלדוניע", און ווער איז דער אַדלער, וואָס ער איז געקומען פון אַמעריקע?... איך דערצעהל איהם, און ווי ווייט מעגליך מאַך איך איהם קלאָר, וואָס איז אַזעלכעס טהעאַטער, און וואָס איז „קאָלדוניאַ", און ווער איז אַדלער. מיין איד הערט־אויס אַלסדינג מיט קאָפּ, בויגט זיך אָן, טהוט אַ שפּיי־אויס און געהט־אַוועק אָהן אַ זייט־געזונד.

— חנה־ביילע! וואוהין לויפסטו דו אזוי? — שרייט א ווייבעל צו דער אנדערער איבער דער גאנצער גאס און האַרחעלט, קאַן ניט אויסרעדען קיין „ריש".

— אין טהעיאַטעה אהאַן! — ענטפערט איהר דאס אנדערע ווייבעל אויך מיט א האַרחלען און מיט א קמץ דאַרט, וואו מע דאַרף א פתח. — נו, און דו געהסט גאָה ניט אין טהעיאַטעה אהאַן?

— אחויסגעהן זאָל איהח די נשמה! — מאכט דאס ערשטע ווייבעל. — וואס זאגסט דו צו מיין כתריילעווקעה נגידית? זי וויל, איך זאָל איהח היינט מאכען די גענז, מאכען זאָל זיך איהח א מכה! און פחעגלען שמאלץ, פחעגלען זאָל מען שוין זי, חבונו־של־עולם! די גאנצע וועלט געהט אין טהעיאַטעה, און איך דאַחף זיין געבונדען, בינדען זאָל מען זי שוין אויף אלע פיעה, ליעבעה גאָט!

— וואס העחסט דו זי? — זאגט דאס אנדערע ווייבעל. — פאַח דיין געלט מעגסט דו געהן וואו דו ווילסט.

— איך העח זי ווי המן דעם גחייגעח!... — מאכט דאס ערשטע ווייבעל. — איך לויף אהיים, איך טהו זיך איבעח און געה אין טהעיאַטעה אהאַן, זי זאָל אפילו אויפלויפען ווי א באחג!

ביידע ווייבלעך צעגעהען זיך, און איך האב דערוויל מיט וועמען צו געהן אין טהעאטער. דאס ווייבעל קוקט זיך אלע ווײלע אַרום און זעהט, ווי איך געה איהר נאָך, בלייבט זי שטעהן א ווײלע און נעמט זיך רעכטס — איך געה רעכטס; זי נעמט זיך לינקס — איך געה לינקס; זי געהט פּאַוואָלי — איך איהר נאָך. הויבט אָן דאס ווייבעל לויפען, אזוי ווי מע לויפט אויף א שרפה.

— וואס איז? — פרעגט מען זי. — וואו לויפסט דו? גאָט איז מיט דיר!

— עפּיס א שלים־מזל! — זאגט דאס ווייבעל און ווייזט אָן אויף מיר. — עח געהט מיח נאָך שוין פון א שעה. איך ווייס ניט וועח עח איז!...

גיך ווערד בעשאפפען ארום אונז א גאנץ רעדעל פון אידען, ווייבער און קינדער. מע הויבט־אָן טייטען אויף מיר מיט די פינגער... עס פאָהרט־דורך פאַרביי א בעל־עגלה, חאפּ איך מיר אריין איןביידעל און היים מיך פיהרען אין טהעאטער אריין.

צוגעפאָהרען צום טהעאטער, טרעף איך א גאנצע חאליאסטרע מיידלעך מיט בחורים שטעהען אין דרויסען, רעדען און לאכען און שיטען מיט ווערטלעך.

— לאָזט דורך דעם פּריץ! — שרייט איינער צום אַנדערען.

— פּאַוואָלי, איהר וועט איהם חלילה צעקנייטשען דעם קאַפּעליש! — שרייט נאָך איינער.

קוים מיט צרות, מיט לייד, זיך דורכגעשטופּט דורך דער חאליאסטרע צו דער קאסע, א קליין פענסטערעל, טהו איך א פרעג, צי קאָן איך בעקומען א בילעט, און די חאליאסטרע פון הינטען שטופּט מיך און קוועטשט מיך פון אַלע זייטען.

— וואָסער א בילעט ווילט איהר? — פרעגט מיך דער קאסיר, א דאַרער בחור מיט א לאַנגען גאָרגעל.

— וואָסערע בילעטען האָט איהר? — פרעג איך דעם קאסיר.

— פאַרהאַן — זאָגט דער קאסיר — אויף א גילען און אויף צוויי גילען און אויף דריי גילען.

— און טייערער איז ניטאָ ביי אייך? — פרעג איך איהם, און די חאליאסטרע בשעת מעשה הערט ניט אויף צו פּילדערען.

דערהערט פון מיר אַזעלכע דבורים, חאפּט זיך אויף דער קאסיר פונ'ם בענקעל, שטעקט־ארויס דעם קאָפּ פונ'ם פענסטערעל און שרייט־אויס אויף דער חאליאסטרע מיר גלייך אין פּנים אריין:

— א רוח אין אייער מאמענ'ס טאטען אריין! איהר וועט זיך ניט צעגעהן? אָט שיק איך אייך ארויס רב לאָזער דעם גאָראָדאָוואָי מיט א קישקע וואסער! קומט — מאכט ער צו מיר — אהערצו אין טויער אריין.

די חאליאסטרע טרעט־אָפּ א ביסעל אויף א זייט, און איך שלאָג מיך דורך דורכ'ן טויער אין הויף אריין. אין הויף שטעהט

א גרויסע שטאָהל, אָדער א שאַלאַש, וואָס פון די ברעטער לייכט זיך דורך א פייערעל און עס לאָזט זיך הערען א געשריי פון מענ־שען. א האַלבע טיר פון דעם שאַלאַש שטעהט אָפען, און צוויי געזונדע יונגען שטעהען און געבען אכטונג, מע זאָל זיך ניט אריינ־כאַפּען אין טהעאַטער אָהן א בילעט.

— אידען! איינציגווייז געהט! איינציגווייז! — שרייט א איד מיט איין אויסגעפּליקטער באָרד און מיט א שווערד אויף דער זייט — אפּנים, דאָס מוז זיין רב לאָזער גאַראַדאָוואַי. נאָר דער עולם הערט איהם, ווי דעם קאָטער: מע וויל ניט געהן איינ־ציגווייז; איטליכער וויל פריהער און אַלע שפּארען זיך מיט א מאָל.

— לאָז דורך, דו יון מיט דער שפּאַגע! דו זעהסט ניט, ווער סע געהט? — אזוי שרייט איינער און שטופּט זיך דורך מיט גוואַלד, שיט מיט ווערטער אויף די אַקטיאָרען: „פייפער", „האָ־לעדראַנעץ", „גרינער אַגרעס", „לעדיגע קישקע"!

איך קוק מיך ארום: ווער רעדט דאָס? עפּיס זעהר א קענטליכע שפּראַך. איך קוק מיך צו — איך האָב איהם דער־קענט: ס'איז נח דער שווייצאַר פון מיין סטאַנציע „האָטעל טערקאַליא". נאָך איהם שלעפּט זיך א גאַנץ געזינדעל ווייבער, בחורים און מיידלעך.

— ווער איז דאָס ווייבעל? — פרעגט איהם איינער פון די אַקטיאָרען.

— דאָס איז מיין ווייבעל. — ענטפערט נח. — דו קענסט גיט מיין שרה־פּערעל? און דאָס זענען מיינע קינדער.

— און דאָס?

— דאָס איז מיין שוויעגער.

— און די דאָזיגע?

— דאָס איז מיין ווייב'ס א שוועסטערעל.

— און ווער איז דער יונגערמאַן?

— דאָס איז איהר חתן.

— און ווער איז דאָס מיידעל?
— דאָס איז דעם חתן'ס א שוועסטער.
— און ווער איז דער בחור?
— דאָס איז דעם חתן'ס שוועסטער'ס א חתן.
— און ווער איז אָט דאָס מיידעל?
— דאָס איז זיין שוועסטער, דאָס הייסט, דעם חתן'ס שוועס־טער'ס חתן'ס א שוועסטער.
— א היבשע משפּחה ביי אייך, רב נח!...
— זאָלץ דיר אין די אויגען, שטיינער דיר אין הארצען! — מאַכט צו איהם נח. — זאָג חאָטש „קיין עין־הרע", דו אַקטיאָר־טשיק! דו קאָמעדיאַנטשיק! דו בערענטרייבער! דו גאָרגעל־רייסער! דו בולקעשלינגער!...

תיכף נאָך נח דעם שווייצאַר שפּאַרט זיך דורך דער משרת פונ'ם האָטעל מיט די גרויסע שטיוועל. איינער פון די צוויי אַק־טיאָרען, וואָס שטעהען ביי דער טיר, דערלאַנגט איהם א זעץ פון הינטען און שטופּט איהם אריין אין טהעאַטער אריין.

נאָך איהם דערזעה איך פערשיעדענע פּארשוינען שפּאַרען זיך דורך, מעהרסטענטהייל אָהן בילעטען. צווישען די פּארשוינען דער־קען איך מיין בעל־הבית פון דעם „האָטעל טערקאַליע" מיט עפּים א אידינע זעהר א גראָבע, וואָס געהט, ווי אויף רעדלעך, און קאַ־טשעט זיך, ווי א קאַטשקעלע.

— א? איהר זענט אויך דאָ? — מאַך איך צום בעל־הבית און פערגעס, אז ער איז טויב ווי די וואַנד.
— נישקשה! — ענטפערט ער מיר און שרייט אויף א קול, גלייך ווי איך וואָלט דאָ געווען דער טויבער. — זיי זינגען קיין מעשה ניט!
— איהר זענט דאָ דאָס ערשטע מאָל? — פרעג איך איהם.
— ס'איז רב ליפּע'ס שטאָהל. — מאַכט ער צו מיר. — א גאַנץ יאָהר האַלט מען דאָ בהמות אָדער פערד.
— קום שוין, קום! — רופט זיך אָן צו איהם די גראָבע

אידינע און טהוט איהם א שלעפ ביי דער פאלע, און זיי געהען אוועקביידע און בעזעצען זיך גאנץ אויבען־אן.

— הערט נאר, איהר אקטיארען! וואו זענט איהר ערגיץ? — אזוי רופט זיך אן איינע א דאמע מיט א הוט, מיט א ווייסער פעדער און מיט בריליאנטען, און נעבען איהר שטעהט א קאוואליער מיט א קאפעליש און מיט א געשוירען בערדעל.

עס שפרינגט־אונטער איינער פון די אקטיארען, א בחור מיט א קורץ רעקעל, מיט א קויטיג העמד און מיט א הונגעריג פנים.

— וואס וועט איהר עפים זאגען, מאדאם?

— וואס הייסט, וואס וועל איך זאגען? — מאכט צו איהם די מאדאם. — מיר האבען דאך געקויפט בילעטען. פאר וואס ווייזט מען אונז ניט אונזערע ערטער?

דער לאנגער אקטיאר מיט'ן הונגעריגען פנים נעמט ביי זיי די בילעטען און פיהרט זיי צו גאנץ אויבען־אן און וויל זיי בעזעצען — זענען פערנומען אלע בענקלעך.

— זייט זשע מוחל, איהר האט זיך געזעצט ניט אויף אייערע ערטער! — מאכט דער אקטיאר צו א בחור מיט א מיידעל, וואס זיצען און קנאקען ניסלעך פון א שקארמוצעל.

— ווער האט אייך געזאגט, אז מיר זיצען נישט אויף אונזערע ערטער? — זאגט דער בחור און טהוט זיך זיין ארבייט.

— ווייזט אייערע בילעטען! — זאגט צו זיי דער אקטיאר און נעמט ביי זיי די בילעטען, און ווייזט זיי וואו זיי דארפען זיך זעצען, א סך נידעריגער.

— וואס הייסט — מאכט דער בחור — איהר וועט אונז זאגען דעות, וואו מיר זאלען זיך זעצען? וואס איז דא, להבדיל, א מקום קדוש, א שוהל, צי וואס?

דער אקטיאר לאזט זיך אריין מיט איהם אין א לאנגען שמועס. דער בחור מיט'ן מיידעל ריהרען זיך ניט פון די ערטער און קנאקען ניסלעך. דער לאנגער אקטיאר מיט'ן הונגעריגען פנים פרובט זיך ביי אלע איבעריגע פארשוינען וואס אין טהעאטער, נאר דאס גאנצע

פובליקום זיצט אויף די ערטער גאַנץ פעסט, קיינער וויל ניט אָפּ־טרעטען, חאָטש נעם פיהר אַרויס דאָס גאַנצע טהעאַטער מיט גוואַלד.

די דאַמע מיט דער ווייסער פעדער און מיט די בריליאַנטען בייזערט זיך: „וואָס איז דאָס פאַר פּאַריאַדקעס אין כתרילעווקער טרעיאַטער?“ זי שרייט, מע זאָל איהר אומקעהרען דאָס געלד, וואָס זי האָט בעצאָלט פאַר די בילעטען! וואו איז ערגיץ לאָזער גאָראָדאָוואָי?!...

עס בלייבט, אַז מע זאָל ברענגען עקסטראַ פון איהרעטוועגען צוויי שטוהלען, און עס ווערד אַביסעל שטילער.

ביסלעכווייז ווערען אָנגעצונדען די לעמפּלעך, וואָס רויכערען און לאָזען זיך הערען מיט אַ שאַרפען ריח פון גאַז. איינציגווייז בעווייזען זיך די כלי־זמר ביי דער סצענע, וואָס איז איבערגעצויגען מיט אַ ליילעך. פריהער פון אַלע קומט צו געהן דער באַס, אַ גרויסער איד מיט גראָבע פאות און מיט בייזע אויגען, ווי ביי אַ גזלן. באַלד נאָך איהם בעווייזט זיך דער קעסעלפּויק, אַ האָרבאַטער בחור מיט אויסגעקראָכענע האָר. נאָכדעם קומט דער טראָמייטער, אַ נידעריגער איד מיט גראָבע ליפּען, דער פלייטיסט מיט אַ טשאַחאָטקע־פּנים און אַ טרובאַטש מיט גנבה'שע אויגעלעך, וואָס לויפען אהער און אהין, און צוויי דריי יונגע לייט מיט פיעדלען; און ערשט אויפ'ן סוף — דער ערשטער פיעדלער, דער עלטסטער פון אַלע כלי־זמר, דער דיריזשער, — אַ רויטער בחור מיט אַ ווייסער פּאַפּיערענער מאַנישקע, מיט אַ קורצען פּידזשאַק, מיט שטאַרק־אָנגעפּאָמאַדעטע האָר און מיט אַ גרויסען בלויען שניפּס. ער שטעלט זיך מיט'ן פּנים צום פּובליקום, קנאַקט־אויס אַלע פינגער און שמייכעלט פון דער ווייטען צו עפּיס אַ מיידעל מיט ווייסע הענטשקעלעך. די גאַנצע קאַפּעליע זעצט זיך אויס, און מע נעמט זיך אָנשטעלען די אינסטרומענטען. קודם כל טהוט דער דיריזשער אַ קלאַפּ מיט'ן סמיטשיק איבער'ן פיעדעלע, און דער טראָמייטער מיט די גראָבע ליפּען גיט אַ טאָן, און תיכף נאָך איהם שטעלען אַלע איבעריגע אַ טאָן, און הויבען אָן זיך דורכרעדען אויף זייערע אינסטרומענטען:

דאָס פּיעדעלע פערגעהט זיך, וויינט און חליפעט, דער טראָמייט מאַכט „האָלדיר! האָלדיר!" ווי איין אינדיק, וואָס מע האָט איהם שטארק צערייצט, דער באַס בורטשעט־אונטער, ווי א בער, און די פלייט פייפט זיי אָן אַלעמען. אינאיינעם קומט דאָס אויס א מיש־מאַש, ווי פון עטליכע מאות ווייבער אויף א יריד, און א געפילדער פון א סך גענז און קאַטשקעס.

עס בעווייזט זיך עפּיס איינער א יונגערמאַן מיט א גרינער קאַפּאָטע, טראָגט אין איין האַנד א פּאַק מיט פּאַפּיערען, אין דער אַנדערער האַנד — א האַלבע בולקע מיט א שטיקעל הערינג, און זעצט זיך אַנידער גאַנץ אויבען־אָן אויף א קליין בענקעלע, אַקעגען דער סצענע, און בייסט־איבער.

— ווער איז דאָס? — הער איך, ווי די דאַמע מיט דער ווייסער פּעדער פרעגט ביי'ם קאַוואַליער.

— דאָס איז זייער סופליערער. — ענטפערט איהר דער קאַ־וואַליער.

— וואָס הייסט סופליערער? — פרעגט איהם ווייעדער די דאַמע.

— דאָס הייסט: זייער פּירזאָגער. — זאָגט דער קאַוואַליער.

און פון יענער זייט לייליך רעדען זיך איבער די אַקטיאָרען צווישען זיך פון פערשיעדענע זאַכען:

— וואו איז ערגיץ פּראַדעל די פּרימאַדאָנע, צו אַלדי שווארצע יאָהר?

— זי איז געגאַנגען צום שוסטער. זי האָט ניט אין וואָס אַרויסצוגעהן אויף דער סצענע. אָפּגעשפּרונגען איין אָפּצאַס.

— קראַנק געווען געהן ביי טאָג? א שענע פּרימאַדאָנע!...

— אברהמעל, טהו אויס די הויזען!

— וואָס מאַכען דיר קאָלי מיינע הויזען?

— א שענע באַבע יאַחנע — מיט הויזען!...

— איך געה דאָך אויבען א קליידעל! וואָס מאַכט דאָס אויס?

— איך וויים, אז דו טראָגסט אויבען א קליידעל. וואָס וועט

אָבער זיין, אַז מע וועט דיך ווארפען אין פייער? דעמאָלט פליהסט דו מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, — וועט מען ארויסזעהן די הויזען!...

— געב מיר בעסער אַ ציה טהון פון דיין פאַפּיראָס, דו פּאַרכוץ!...

— האַצמאַך! וואו איז דיין באָרד? פאַר וואָס קלעפּסט די שוין ניט אָן די באָרד?... רבקה! שמיר דיר אָן דאָס פּנים מיט קרייד!... מנשה'קע! מאַך דיר אַ האָרב פון הינטען, בכדי די זאָלסט האָבען מעהר פּנים פון אַ אידען!... וואו זענען ערגיץ די פיס?

— וואָסערע פיס?

— ווער האָט געבראַכט די פיס פון יאַטקע?... טויזענד מאָל האָב איך אייך געזאָגט, אַז מע שפּיעלט „קאַלדוניאַ", באַדאַרף זיין אַ פוס!... דער רוח זאָל אייך נעמען! וועלוועל! וואָס ביזט דו פאַר אַ רעזשיסער, דו יאָלד איינער?!...

פּלוצים ווערד אַ קלאַפּעריי אין טהעאַטער, אַז מע קאָן טויב ווערען. עס פליהט־דורך איינער מיט אַ גלעקעל און קלינגט. עס געהט־אַוועק עטליכע מינוט, דער עולם הויבט אָן ווידער צו שרייען און צו קלאַפּען. יענער לויפט ווידער דורך מיט'ן גלעקעל, און אַזוי עטליכע מאָל, ביז דער רויטער פּיעדלער האַפּט זיך אויף, טהוט אַ מאַך עטליכע מאָל מיט'ן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, מאַכט צו־רעכט דעם קאָלנער מיט'ן בלויען שניפּס, טהוט אַ זעץ מיט'ן שטעקעלע, און די כלי־זמר שפּיעלען־אָפּ אַ „שטיקעל". הויבט דער עולם ווידער אָן צו שרייען און צו קלאַפּען — שפּיעלען די כלי־זמר נאָך „אַ זאַך". עס ווערד ניט שטיל, ביז עס הויבט זיך אויף דער לייליעך, און דאָס שפּיעל הויבט זיך אָן.

צום אַלעם ערשטען געהט־ארויס אַ מיידעל מיט איין אונטערשט קליידעל און מיט צעפלאָכטענע האָר, גלייך ווי עמיצער וואָלט זי נאָר־וואָס אויסגעפּאַטשט, און הויבט אָן זינגען אַ טרויעריג ליעדעל פון איין אָרעמער יתומה מיט'ן נוסח פון „סטאַאיט גאָראַ וויסאָקאַיאַ! וויסאָקאַיאַ!" — „אַ יתומה'לע! אַ יתומה'לע!" —

און דאָס גאַנצע פּובליקום האַלט זי אונטער: „אַ יתומה'לע! אַ יתומה'לע!" — פריהער שטיל, וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער, אַזוי אַז מע הערט שוין מעהר ניט דאָס מיידעל זינגען, נאָר דאָס פּובליקום. שפּרינגט-ארויס איינער פון די אַקטיאָרען אויף דער סצענע און בעט דעם עולם, „עס זאָל זיין שטיל"! דער עולם ווערד שטיל, אָבער נישט אויף לאַנג; דאָס מיידעל הויבט אָן צו זינגען, אַזוי זינגט מיט איהר גאַנץ קהל: „אַ יתומה'לע! אַ יתומה'לע!"...

עס שפּרינגט-ארויס ווידער אַ מאָל דער אייגענער אַקטיאָר, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז ער געהט-ארויס פון די כּלים און זאָגט זיי מיט'ן הארבען וואָרט:

— איהר וועט ניט אַנשטומט ווערען? אָט רוף איך ארויס רב לאָזער גאַראַדאָוואָי מיט דער קישקע, וועט אַ רוח אין אייער טאַטענ'ס טאַטען אריין!...

דער עולם הערט-אויף צו זינגען, נאָר מע זאָגט מבינות, איט-ליכער נאָך זיין פערשטאַנד. דער זאָגט, אַז זי האָט אַ קול פון אַ „ריקבעט", און דער זאָגט, אַז עמיצער זאָל איהר אונטערטראָגען אַ בולקע, וואָלט ער פערדיענט אַ מצוה... די הינטערשטע בענק שרייען, ס'זאָל זיין שטילער! נאָר עס העלפט ניט. ביז עס פליהט-ארויס אויף דער סצענע האָצמאַך, אַ איד מיט אַ מאָדנע שטריימעל, מיט איין האַלבע באָרד, מיט לאַנגע פּאות כמעט ביז'ן גאַרטעל, מיט שיך און זאָקען, מיט איבערגעקעהרטע אויגען און מיט אַ האָרב אויף די פּלייצעס. האָצמאַך טראָגט מיט זיך אַ קאַשעק מיט סחורה, לויפט אַרום איבער דער סצענע, ווי אַ משוגענער, און רעכענט-אויס וואָס ער האָט צו פערקויפען: „בייטשעלעך, שטע-קעלעך, שוועבעלעך, מעסערלעך! זאָקען פּאַפּיערענע! קליידלעך קרישטאָלענע! שפּילקעלעך, בייוועלעך! קויפט עפּיס, ווייבע-לעך!"... און טהוט זיך אַלע מאָל אַ חאַפּ ביי די פּאות, אַ שפּרונג און אַ געשריי:

— האָצמאַך! דער רוח זאָל מיך נעמען!...

דער עולם ווערד אזוי נתפעל פון האַצמאַכען, אז עס ווערד איין איינלעגעניש אויף א האלבע שעה. מע פּאַטשט בראַוואָ, מע שרייט: „האָצמאַך, הוררא!" מע קלאַפּט מיט די שטעקענס איבער די בענק, מע וויל גאָר נישט אויפהערען. האָצמאַך פּרובט זיך איינשטילען דעם עולם. ער שטעלט זיך אוועק און מאַכט מיט די הענד — הויבט מען אָן נאָך מעהר צו שרייען: „האָצמאַך! א טענצעל, האָצמאַך! האָצמאַך!" פּלוצים . . .

פּלוצים האָט עפּיס געגעבען א פּאַטש מיט די פליגעל, א פליה פון אויבען אראָפּ און א פאַל גלייך אויפ'ן הוט מיט דער ווייסער פעדער פון דער דאַמע מיט די בריליאַנטען. די דאַמע הויבט־אָן פאַר שרעק חלש'ען, און אין טהעאַטער ווערד מיט א מאָל א בהלה מיט א געשריי: „גוואַלד, אידען, ראַטעוועט! ראַטעוועט!"... איינער האָט א געשריי געטהאָן: „עס ברענט!" — און מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט. ס'איז געוואָרען א שפּרינגעניש איבער קעפּ צו דער טיר מיט א געשריי: „חאַסי, וואו ביזט דו?"... „יענקעל, אהער!"... „רבקה, האַלט זיך!"... „מאַטעל, איך שטאַרב!"... „ברכה, שריי ניט!"... „בעני, וואו איז יענטעל?"... „מאַמע! אָט בין איך, מאַמע!"...

נאָך איין מינוט וואָלט פון אונז אַלעמען געוואָרען א תל. א גליק, וואָס נח דער שווייצאַר פון מיין האָטעל איז געפאַלען אויף א שכל און האָט אונז אַלע אויסגעלייזט פונ'ם טוידט. ער איז ארויפגעשפּרונגען אויף א בענקעל און האָט זיך אָנגערופען צום פּובליקום אויף א געמבע:

— שוטים! נאַראָנים! לעהמענע גולמס! גלאַטע בהמות! ציעגענע בערד! נאַרישע גאָרגלען! ווייבערשע נשמות! וואָס פּיל־דערט איהר? וואָס שרייט איהר? וואוהין לויפט איהר? אָט ווערד פון אייך באַלד א פּרעזשעניצע! טפּשים! פאַר וועמען האָט איהר אייך דאָ איבערגעשראָקען? פאַר א נאַריש עוף? איהר זעהט דען ניט, אז איין עוף איז אראָפּגעשפּרונגען פון דער „סידעלע"? רב לאָזער, וואָס שווייגט איהר? שטעלט־אָן די קישקע!... כלי־

ומרים! אַ רוח אין אייער טאַטען אריין, אַ פריילילכס — טאַדערי־דעריראַדערידעראַדערידע!...

די כלי־זמר האַפּען אַ פריילילכס, און דער עולם הויבט זיך אָן אויסצוזעצען צוריק אויף די ערטער... איך גנב'ע מיך אַרוים פאַוואַלינקע פונ'ם טהעאַטער, כאַפּ אַביידעל און היים, מע זאָל מיך פיהרען אויף דער סטאַנציע, אין „האָטעל טערקאַליא“. דאָס ביידעל העצקעט מיך איבער די שטיינער און שטעלט זיך אָפּ אַלע ווײַלע און העצקעט ווייטער.

— וואָס שטעלט איהר זיך אָפּ אַלע מינוט? — פרעג איך דעם בעל־עגלה.

— דער רוח ווייסט זיי. — ענטפערט ער מיר. — וויאָ!... עס האָט זיך זיי געגלוסט באַלייכטען אונזער כתרילעווקער בלאָטע, האָבען זיי אויסגעקלעהרט עפּים אַ מין באַלייכטונג — „לאַמטע־דערידעמס“ אַזעלכע, וואָס איבער זיי קאָן מען נישט פאָהרען, מחמת די פערדלעך שרעקען זיך פאַר די סטאָיפּעס. זיי זענען ניט גע־וואָהנט געוואָרען ביי אונז, מע זאָל זיי באַלייכטען. וויאָ!... אַלע מאָל, אַלע מאָל, קלעהרט מען צו אַ נייע צרה: פריהער אַ טראַמ־בעליק, איינגעזונקען זאָל ער ווערען! וויאָ!... נאָכדעם לאַמטע־דערידעמס אויף צו שרעקען די פערד. און איצטער, זאָגט מען, וועלען זיי שוין פאַרוועהרען דאָס וואַסער פון דער גנילאָפּיאַטקע. וויאָ!... עס וועט זיי, מאָהלט אייך, העלפען, ווי אַ טוידטען באַנ־קעס, מחמת די וואַסערפיהרערס זאָגען, אַז זיי זאָלען וויסען דער טוידט זאָל זיי זיין, ווען זיי ניט דערלאָזען, אַז כתרילעווקע זאָל טרינקען ברונען־וואַסער! וויאָ!... זיי ווייסען שוין גאָר ניט וואָס אויסצוטראַכטען, די נגידים, ברענען זאָלען זיי! מע זאָגט, אַז עס וואַכסט יאַקבי פון יעהופּעץ. די יעהופּעצער נגידים פעהלט, אפּנים, נאָר קאַפּוועהטיג? וויאָ!... זיי זיצען און ברעכען זיך די מוחות, ווי אַזוי נעמט מען צו ביי אידען פּרנסה, אויסרייסען ביי'ם אָרעמאַן דעם לעצטען ביסען ברויט פונ'ם מויל... אַ מיתה מהומה זאָל אויף זיי קומען דאָרטען אין יעהופּעץ! וויאָ. קינדער, וויאָ!...

## VI.

# כתרילעווקער שרפות.

געלעגען אויף דער סטאַנציע אין „האָטעל טערקאַליא“, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געהאַט מלחמה מיט בייזע חיות, וואָס האָבען מיך בעפאַלען, זיך נוקם געווען אין מיר, דערפאַר וואָס איך האָב ניט געוואָלט זיך לעגען מיט זיי אין בעט און האָב זיך אויסגעבעט אויף דער קאַנאַפּע.

— וואָס האָסט דו גע'פועל'ט? — האָבען זיי זיך מיט מיר געררייצט. — אי מיר וועלען דיך בייסען, אי עס וועט דיר זיין האַרט צוקאָפּענס, וועסט אויפשטעהן פון דער קאַנאַפּע אָהן אַ האַלז־און־נאַקען...

פלוצים דערהער איך אַ משונה־מאָדנע קלונג: באַם! באַם! באַם!!! און תיכף נאָך דעם לאָזט זיך הערען אַ לויפעריי פון מענשען מיט אַ קול: „עס נעצט! עס נעצט!“ איך שטעה־אויף. איך געה־צו צום פענסטער. איין האַלבער הימעל איז רויט, ווי אַ פייער, די אַנדערע האַלבע איז חושך! איין האַלבע שטאָדט איז משונה־מאָדנע בעלייכט, די אַנדערע האַלבע שטאָדט איז פערזונקען אין אַ מורא'דיג פינסטערניש. איך חאַפּ אויף זיך דאָס אָנטהון און לויף אַרויס אין דרויסען. עס לאָזט זיך הערען פון דער ווייטען אַ מאָדנע געשריי, אַ הילך אָהן ווערטער, און מענשען ציהען זיך אהינצו שלעפעריג, געהען און געהניצען און ציטערען פאַר קעלט און דערצעהלען איינער דעם אַנדערען נסים ונפלאות: ווער עס האָט פריהער דערהערט, און ווי אַזוי ער האָט דערהערט. און זיי זענען זיך משער איטליכער בעזונדער, ווער דאָס ברענט. דער זאָגט: „ס'איז יוסיל!“ דער זאָגט: „ס'איז מנשה!“ דער זאָגט: „ס'איז ניט יוסיל און ניט מנשה — ס'איז שרה־זיסעל!“

— ווי קומט אהער שרה־זיסעל? — שפּאַרט איהם איבער נאָך איינער. — אַז שרה־זיסעל׳ס שטוב איז אויף דער יאַרדיגע, און דאָס איז גאָר אויף דער אַלטער שטאָדט?

— ס׳איז אַזוי אויף דער אַלטער שטאָדט, ווי איך בין אַ רביצין! — ענטפערט איהם נאָך איינער. — זעהסט ניט, אַז ס׳איז נעבען דער באָד?

— שאַ, וואָס דאַרפט איהר זיך שפּאַרען? — גלייכט זיי אוים נאָך איינער. — אַמעהר קומט אַהין, וועלען מיר וויסען אַקוראַט.

זיי געהען, און איך געה זיי נאָך און הער מיך צו וואָס מע רעדט.

— עמיצער האָט שוין דאָ געמאַכט „בורא־מאורי־האש“.

— וואָס איז די ראיה?

— מחמת ס׳איז געווען געסטראַכירט.

— פון וואַנען ווייסט דו?

— וואָס דען? ס׳זאָל ניט זיין געסטראַכירט, וואָלט ניט געברענט. אַ שטוב ברענט ניט פון זיך אַליין.

— וואָס זאָגסט דו, יענקעל, ווי שען עס ברענט? מחיה נפשות!

ווי אַ הבדלה ברענט אַ שטיבעל, וואַרפט־אַרוים עטליכע שטאַרק־רויטע צונגען. דער דאַך איז שוין ניטאָ. עס קנאַקען די קראָקוועס, עס טרישטשען די פענסטער, און אַ געדיכטער רויך מיט שוואַרצע קנוילען קייקעלט זיך און ציהט זיך ווייט, ווייט, איבער הייזער און הייזלעך. עס הערט זיך אַ קול פון ווייבער, וואָס בעקלאָגען זיך אויף דעם שלאַק, וואָס זיי האָט געטראָפען אין מיטען האַלבע נאַכט, און אַ געוויין פון קליינע נאַקעטע קינדער, וואָס ציטערען און וואַרעמען זיך ביי׳ם פייער. דאָרט זיצט אַ גאַנץ געזינדעל אויף איין איבערבעט מיט עטליכע קישענס, וואָס זיי האָבען קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דער שרפה, און דאָ שטעהט אַ אידינע, אַ מעוברת׳ע, מיט אַ טעפּעל אין האַנד און מיט אַ פלעדערוויש און דערצעהלט דער אַנדערער אידינע, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבען.

— אָנגעהויבען האָט זיך עס אָנגעהויבען, וועה איז מיר, פון שמעון דעם סטאָליר. מען איז געגאַנגען, אפּנים, מיט א לעמפּעל, וויסט איז מיר, ביי נאַכט. סטרוזשקעס איז פּארהאַן א סך, פינ־סטער איז מיר, און אפשר א שוועבעלע, אָדער א פּאפּיראָס, און אפשר האָט דער בעל־הבית אַליין, גדליה מיין איך, דאָס געטהאָן — ווייס איך ניט; איך בין דערביי ניט געווען... נאָר דערוויל זענען נעבאַך, אוי איז מיר, אָרעמע לייט בדיל־הדל געוואָרען, ארויס אזוי ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, וועה איז מיר! פּרעגט מיך בחרם, וואָס טראָג איך עפּיס א טעפּעל מיט א פלעדערוויש — ווייס איך אַליין ניט...

— אוי איין אומגליק!? אוי א שלאַק!? — וויינט א ווייבעל מיט א ניגון פון „אקדמות" און ברעכט די הענד. — וואָס וועל איך איצטער טהון? נישט ארויסגעראַטעוועט אפילו קיין פּאַדע־עם, וואו וועל איך נעמען א טאָג איבערצוקומע־ען? וואו וועל איך מיך אהינטהון מיט מיינע קליינע קינדע־ער?...

ווי שדים, ווי רוחות, לויפען ארויס און אריין יונגע לייט פון'ם געברענטען שטיבעל, שפּרינגען אין פייער אריין, ראַטעווען וואָס זיי קאָנען, האַפּען־ארויס פון דאָרטען דער א פּיסעל פון א בענקעל, דער איין אומרוה פון א זייגער, דער א בעזעם.

— וואו איז ערגיץ אלי מיט דער קישקע? — שרייט איינער פון דער חברה לעשערם און קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען.

— איך בין דאָ, איך בין דאָ! — רופט זיך אָן אלי, אַ קליין אידעל, און באַברעט זיך ביי דער קישקע.

— וואָס טהוסט דו דאָרטען? וואָס באַברעסט דו זיך אזוי לאַנג?

— איך פּאַרנעה די קישקע, זי האָט זיך צעטרענט! — זאָגט אלי.

— וואו איז ערגיץ פּישעל מיט די עמערם? — שרייט איינער א שוואַרצער איד מיט א צעפּליקטען טלית־קטן, מיט א פּעררויכערט פּנים און מיט א הייזעריג קול.

— פישעל! פישעל!!! — העלפען איהם שרייען אלע אי־בעריגע.

— וואס פישעלט איהר? — רופט זיך אן איינער, אפנים, פישעל אליין טאקי. — זעה־נאר, ווי זיי האבען זיך דאס אביסעל צעפישעלט! פישעל־פישעל! פישעל־פישעל!

— וואו זענען די עמערס דיינע? — פרעגט מען איהם.

— די עמערס זענען דא, — זאגט פישעל, — נאר וואס וועט איהר מאכען מיט זיי, אז ס'איז נאך נישטא גרונם מיט'ן פעסעל?

— טאמער וואלסט דו זיך מטריח געווען, פישעל, דערווייל‎ע האפען ערגיץ א פאר עמער וואסער צווישען די שכנים?

— וואס איז עפּיס איך? — זאגט פישעל. — לאז געהן אלי!

— אלי! האפּ איין עמער און טהו א שפּרונג נאך וואסער!

— ווי קאן איך? זעהסט דאך, אז איך בין פארנומען מיט דער קישקע! לאז געהן מאטעל.

— מאטעל! געה קריג ערגיץ איין עמער וואסער.

— וואוהין זאל איך געהן, אז איך קען דא קיינעם ניט? לאז געהן אנשעל!

— אנשעל! אנו, טהו־נאר א לויף נאך וואסער!

— איך? איך ווייס ניט וואו א טיר עפענט זיך אפילו! לאז געהן דוד!

— שא, שא! אן פאהרט גרונם מיט'ן פעסעל! ער פאהרט! ער פאהרט! — און אלע טהוען זיך א ווארף צו גרונמ'ען נאך וואסער, און פריהער פון אלעמען — אלי מיט דער קישקע. גרונם, א איד מיט א גלאנצענדיג פנים, וואס סע שיילט זיך, געהט זיך גאנץ רוהיג, נישט געהאפּט, די פאלעס ארונטערגעשטעקט ארונטער, און נאך איהם שלעפּט זיך נאך איין איינגעדארט פערדעל, קוים וואס סע שלעפּט די פיס פון דער בלאטע. ביידע, אי גרונם, אי דאס פערדעל להבדיל, זענען שטארק פערשלאפען.

— ברוך־הבא א איד! און מיר האבען געמיינט, אז איהר וועט שוין היינט ניט זיין חלילה.

— אַ שענע מעשה נאָר אַ קורצע! — זאָגט גרונם. — ווער דען וועט זיין, אַז ניט איך? וואָס בין איך, עפּיס אַ יונגעלע? איך האָב דערהערט דעם ערשטען קלונג, בין איך שוין געווען ביי'ם פּערדעל. מיין אַלטע האָט מיך אפילו געוואָלט אָפּהאַלטען: וואָס וועסט דו זיך שלעפּען, זאָגט זי, אין אַזאַ בלאָטע? אַ רחמנות נעבאַך, זאָגט זי, אויפ'ן פּערדעל, ס'איז אויסגעמוטשעט פונ'ם טאָג... נאָר ווער האָרכט זי ווער? איך האָב ליעב אַ מצוה, ובפרט נאָך דאָרט, וואו עס געהט אין דעם נפש — אָרעמע לייט נעבאַך ברענען! אַ קליינינקייט?

— לאַנג לעבען זאָלט איהר, רב גרונם! מיר געהען דאָ אוים פּאָר אַ ביסעל וואַסער — ביי אַלע שכנים נישטאָ אַ לעק!

און די חברה לעשערס טהוען זיך אַ לאָז מיט די לעדיגע עמערס צום פּעסעל, און פריהער פון אַלע — אַלי מיט דער קישקע. חברה נעמען זיך אָנפּאָמפּען וואַסער, צאַפּען אין די עמערס אריין — עס צאַפּט זיך ניט.

— וואָס איז דאָס, רב גרונם? איהר זענט משוגע, צי חסר־דעה? איהר זענט געקומען מיט אַ לעדיג פּעסעל.

— וואָס הייסט מיט אַ לעדיג פּעסעל? — זאָגט גרונם. — אַ פול פּעסעל, ווי איין אויג, — זאָגט איהר גאָר דאָס!

— געהט זעהט! — רופט זיך אָן איינער. — דאָס פּעסעל איז לעדיג, ווי אַ באַראַבאַן!

— וואָס הייסט ס'איז לעדיג? — זאָגט גרונם און בעטראַכט דאָס פּעדעל. — עפּיס רעדט איהר מיר פּדרוך, תרגום־לשון, נאַ דיר גאָר לעדיג! לאָז מיינע שונאים זיין לעדיג אין בויך און אין די קישקעס!

און גרונם קלינגט מיט'ן פינגער אין פּעסעל אריין, דרעהט זיך אַרום פון אַלע זייטען און דערזעהט, אַז ס'איז אָהן אַ צאַפּען.

— יאַ, ווי איך בין אַ איד, אַ לעדיג פּעסעל! — און ער חאַפּט זיך ביי'ם קאָפּ און הויבט אָן צו שעלטען — מע ווייס ניט ווע מען:

— א חלירע! א מיתה־משונה! איין אויסלויפעניש! איין איינטריקעניש! איין איינשרומפעניש! ווען האט געקאנט ארויס דער צאפען, איינגעזונקען זאל ער ווערען? און וואו איז ער אהינ־געקומען? א, ברענען זאלסט דו, שלים־מזל, אויפ'ן פייער!

און גרונם לאזט־אוים זיין גאנץ ביטער הארץ צום פערדעל געבאך, דערלאנגט דעם א רוק מיט'ן בייטש־שטעקעל אין זייט אריין. דאס פערדעל טהוט א פינטעל מיט די אויגען, לאזט־אראפ די מארדע, קוקט אן א זייט און טראכט זיך: „פאר וואס קומט מיר, אשטייגער, אט דער זעץ? גלאט גענומען און געבוכעט זיך! ס'איז ניט קיין קונץ נעמען א פערד, א שטומע צונג, און שלאגען איהם אומזיסט און אומנישט!"...

— האב דיר אכציג שווארצע פינסטערע יאהר! — זאגט גרונם צו זיך אליין. — איך זעה וואס דאס איז: איך גים און גים, און גים און גים! אצינד פארשטעה איך שוין: דאס פעסעל איז, אפנים, פון דער לכתחילה געווען אהן א צאפען? קומען זאל אויף דיר א פאהיבעל היינטיגע נאכט! זאלסט צעפאלען ווערען אויף שטיקלעך, רבונו־של־עולם!

— וואסער! וואסער! — שרייען די וואס ראטעווען פון דער שרפה. — גיכער! גיכער! טראגט אהער די עמערם! דאס וואסער!

— וואסערע עמערם? וואסער וואסער? — ענטפערען זיי ז'י לעשערם. — איהר זעהט דאך, אז ס'איז נישטא קיין טראפען וואסער!

— וואס הייסט, עס איז נישטא קיין וואסער?

— נישטא קיין וואסער הייסט, אז ס'איז נישטא קיין וואסער!

— וואו איז אהינגעקומען דאס וואסער?

— אויסגעלאפען ביי גרונמ'ען דאס גאנצע פעסעל וואסער — און געה שריי חי וקיים!...

פלוצים לאזט זיך הערען ווידער א מאל יענער מאדנער קלונג: באם! באם!! באם!!! — און עס ווערד בעלייכט די אנדערע האלבע שטאדט.

— נאָך אַ שרפה! אויף דער נייער שטאָדט!! — שרייען עטליכע קולות מיט אַ מאָל, און דער גאַנצער עולם מיט דער חברה לעשערס לאָזען זיך לויפען אויף דער נייער שטאָדט.

— צוויי שרפות אין איין נאַכט — זאָגט גרונם צו זיך אַליין — בין איך שוין ניט מחויב! איך האָב אַליין אַ ווייב און קינדער! קיין געצאָהלט דערפאַר נעם איך דאָך נישט, וויל איך — פיהר איך, וויל איך ניט — פיהר איך ניט! און דאָס פערדעל איז אויך נישט פון אייזען! אַ צער בעלי־חיים, עס האָרעוועט זיך געבאָך אָן געגוג דורכ׳ן טאָג, באַדאַרף עס נאָך אַרומשלעפען זיך גאַנצע נעכט! עס האָט מעהר נישט וואָס צו טהון!... מע וועט מיך ניט נויטען פון קהל!... לאָזען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנט!... קום, ברודער, — זאָגט ער צום פערדעל — לאָמיר פאָהרען אהיים.

.VII

## כתרילעווקער באַנדיטען.

געקומען אהיים פון די שרפות שוין פארטאָגליך און אויפגע־עפענט די טיר פון מיין חדר, בין איך נבהל ונשתומם געוואָרען: איך האָב דערזעהן דריי מאָדנע פארשוינען, נישט קיין בעקאנטע פנים׳ער, דרעהען זיך ארום מיט א ליכט. דאָס בעט איז צעוואָר־פען, די שאפע איז אָפען, מיין טשעמאָדאנטשיק ליגט אין מיטען שטוב, און מיינע פאַפּירען, מיינע כתבים, וואלגערען זיך אויף דער ערד.

— וואָס איז דאָס? ווער זענט איהר? וואָס טהוט איהר דאָ? — טהו איך א פרעג ביי איינעם, א אידען מיט א רויטער באָרד און מיט א בלויער בראָדעווקע אויף דער נאָז.

— זייוו איהם א סעמער, לאָז איהם סארוי די נמשה! — רופט זיך אָן איינער אויף א משונה־מאָדנע לשון צום רויטען מיט דער בלויער בראָדעווקע.

דער רויטער ענטפערט ניט דאָס אנדערע וואָרט; ער פער־שליסט די טיר, בויגט זיך אָן און שלעפט־ארוים פונ׳ם שטיוועל א גרויסען, א שארפען, א קאָלאָדאטשמעסער און טהוט אָ מאך מיט׳ן מעסער מיר איבער׳ן פנים הין און צוריק, ארויף און אראָפּ, ווי א כישופמאכער.

— ווער מיר זענען? מיר זענען היגע באנדיטען! — רופט זיך אָן צו מיר איינער פון דער חברה, א שווארצער איד מיט א בעלמע אויף איין אויג, און בשעת ער רעדט אוים דאָס וואָרט „באנדיטען", טהוט ער מיט׳ן געזונדען אויג א מורא׳דיגען גלאַנץ און א קריץ מיט די צייהן, ווי א רוצח.

— טהו איהם אַ לייסטער ביי די שעקענים! — רופט זיך אָן יענער אויף זייער איבערגעקעהרטער שפּראַך.

— דענגי! דאוואי דענגי!! — שרייט־אויס דער דריטער פון דער חברה, אַ הויכער איד מיט אַ הייזעריג קול, און חאַפּט מיך אָן ביי דער לאַץ פון דער קאַפּאָטע און טרייסעלט מיך, ווי אַ לולב.

— געלט — זאָג איך — ווילט איהר? ביי מיר ווילט איהר נעמען געלט? ווי קום איך צו געלט? גאָט האָט מיך אויסגעהיט פון געלט.

— גאָז איהם, אַז ער גיילט! — רופט זיך אָן יענער אַלץ אויף זייער לשון.

— דו לייגסט! — מאַכט צו מיר דער וואָס מיט דער בעל־מע. — די מינוט זאָלסט דו אָפּגעבען דאָס גאַנצע געלט, וואָס דו האָסט, אַניט — געזעגען זיך אָפּ מיט'ן לעבען. מיר שענקען דיר צוויי מינוט אויף צו באַטראַכטען זיך און איין מינוט אויף זאָגען ודוי...

און בכדי איך זאָל ניט מיינען, אַז מע טרייבט מיט מיר קאַטאָוועס, נעהט צו מיר צו דער רויטער, וואָס מיט דער בראָדעווקע, און בעווייזט מיר מיט'ן מעסער ארויף און אראָפּ, אהין און אהער, עטליכע מאָל, ווי מע מאַכט מיט'ן לולב סוכות צו הלל.

— וואָס טהעשט איהר, ווי די מיילענע לוגמס? לאָז מען איהם ניבדען די טהען מיט די סיף! — רופט זיך אָן דער הייזע־רינער אויף זייער פערשטעלטער שפּראַך און לאָזט אוים אויף אונ־זער לשון:

— וואו זענען ערגיץ די שטריק? לאָמיר איהם בינדען!

— למאי זאָלט איהר זיך מטריח זיין? — זאָג איך. — אמעהר, נאַט אייך אָפּ מיין גאַנץ פאַרמעגען, דאָס בייטעלע מיט די עטליכע קערבלעך, און לאָזט מיך אָפּ. וואָס האָט איהר צו מיר? איך בין אַ טאַטע פון קינדער, קיין עין־הרע, פיער מיידלעך מיט צוויי יונגלעך, דאָס קלענסטע איז נאָך נישט אַלט קיין חודש...

אלע דריי באנדיטען רעדען זיך איבער איינער מיט'ן אנדערען אויף זייער גנבה'שער שפראך, צעהלען איבער די עטליכע קערבלעך, וואס ביי מיר אין בייטעלע, און נעמען מיך אויפ'ן צימבעל. זיי פרעגען מיך און איך ענטפער זיי.

— פון וואנען איז א איד?

— פון יעהופעץ.

— מה שמכם?

— שלום־עליכם.

— עליכם שלום. ווי אזוי איז אייער נאמען?

— שלום־עליכם.

— עליכם שלום. מיר פרעגען אייך, ווי אזוי רופט מען אייך?

— שלום־עליכם — אזוי רופט מען מיך טאקי.

— א טשודנער נאמען! וואס איז אייער טהועכץ?

— איך בין א שרייבער.

— מע שמועסט, וואס איז אייער טהועכץ, אייער פרנסה?

— איך בין א שרייבער.

— וואס זשע שרייבט איהר? פראשעניעס? פאפיערען? מסירות?

— פעליעטאנען, מעשה־ביכלעך פאר אידישע קינדער.

— זענט איהר, הייסט דאס, א מוכר־ספרים'ניק, א בעל־מחבר?

— א מחבר.

— וואס זשע טהוט איהר היע?

— נעקומען אנקוקען בתריל'עווקע.

— און מעהר גאר נישט?

— מעהר גאר נישט.

— קיין שום געשעפט?

— קיין שום געשעפט.

— און לעגט הוצאות?

— און לעג הוצאות.

— צו וואָס נוצט דאָס אייך?
— בכדי איך זאָל האָבען וואָס צו באַשרייבען.
— וואוהין שרייבען?
— אין די גאַזעטען.
— וואָסערע גאַזעטען?
— אידישע גאַזעטען.
— פאַרהאַן אידישע גאַזעטען?
— ווי דען?
— וואָס טהוען זיי?
— זיי דרוקען זיך.
— וואו דרוקען זיי זיך?
— אין וואַרשאַ.
— אויף וואָס דאַרף מען זיי?
— אויף צו לייענען.
— ווער לייענט זיי?
— אידען.
— עמיצער צאָהלט אייך עפּיס דערפאַר, וואָס איהר שרייבט?
— געוויינטליך.
— אָט אזוי זשע רעדט! וואָס, אשטייגער, האָט איהר דער־פון? וויפיעל פאַרדיענט איהר אַ וואָך?... איהר רויכערט? וואו זענען אייערע פּאַפּיראָסען?

איך נעם־ארוים מיין פּאַפּיראָסקאַסטען און טראָג זיי אונטער אַלעמען, זיי זאָלען זיך נעמען צו פּאַפּיראָסען.

— גרעף איהם, צי ס'איז פון ביזלער... — רופט זיך אָן איינער אויף זייער שפּראַך.

— אַ זילבערנער? — מאַכט צו מיר דער, וואָס מיט דער בעלמע, און וועגט דעם פּאַפּיראָסקאַסטען אויף דער האַנד. — אַ זילבערנער, צי אַ פּראָסטער חי־וקיים?

— אַ פּראָסטער שלש־סעודות פון צוויי גילען! — זאָג איך, און מיר פעררויכערען אַלע צו פּאַפּיראָסען.

— טהו איהם א פאַט ביי'ם גייזער! — רופט זיך אָן איינער אויף גנבה'ש לשון.

— וואו איז אייער זייגער? — מאַכט צו מיר דער, וואָס מיט דער בעלמע, און בעזוכט מיר אַלע קעשענעס. — איהר האָט גאָר נישט קיין זייגער?

— איך האָב — זאָג איך — א זייגער, און דוקא א גוטען זייגער, א גילדענעם, איז ער פאַרזעצט אין לאָמבארד אין יעהופּעץ...

— איין עבירה! — זאָגט דער הייזעריגער. — ער וואָלט אונז שטאַרק צונוץ געקומען אצינד!... מיר דאַרפען טאַקי איצט א גילדענעם זייגער, ווי אין לעבען אריין!

— אויף וואָס דאַרפט איהר דאָס אַזוי — זאָג איך — א גילדענעם זייגער?

— א גילדענעם זייגער — זאָגט ער — קאָן מען פאַרקויפען און אָפּלעזען גוטע געלט!

— פּאַחט איהם דער טאַוועטכאַמער! — רופט זיך אָן איינער אויף זייער לשון. — ער איז א מאַרענאַם גלייך מיט אונז!...

— א גוטע נאַכט! — מאַכען צו מיר די באַנדיטען און לאָזען זיך געהן. — דאָס אַנדערע מאָל, אז איהר געהט אוועק, זאָלט איהר פאַרשליסען די טיר, נישט פאַרלאָזען זיך אויפ'ן אויבערשטענ'ס נסים און אויפ'ן יושר פון כתרילעווקער גנבים... האָט קיין פאַראיבעל ניט, וואָס מיר האָבען אייך אפשר דעקוטשעט.

— אדרבה! — זאָג איך. — האָט איהר קיין פאַראיבעל ניט, וואָס אַזוי ווינציג... — און איך וויל זיי אַרויסבעגלייטען אויף יענער זייט טיר, רופט זיך אָן צו מיר דער הייזעריגער, לעגט־צו א פינגער צום מויל און ציהט־אויס מיט'ן ניגון פון „קאַלדוניא“:

— פּתח שין — ששששאַ־אַ־אַ־אַ!...

און דער רויטער, וואָס מיט דער בראָדעווקע, נעמט־אַרויס דאָס מעסער און טהוט א מאַך מיט דעם איבער'ן קאָפּ עטליכע

מאָל, ווי איינער רעדט: „טאָמער טהוסט דו חלילה א פּיפּס, איז דיין לעבען קיין לעבען ניט!“...

. . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

— גוואלד! גוואלד! גוואלד! אידען, ראטעוועט! — האָב איך מיך צעשריגען ניט מיט מיין קול, ווייבאלד די באנדיטען זענען אוועק, און איך האָב אויפגעוועקט די גאנצע שטוב. מען איז זיך צעגויפגעלאָפען פונ׳ם גאנצען האָטעל; ווייבער זענען אראָפּגע־שפּרונגען פון די בעטען אין אונטערשטע קליידלעך, און מאנס־בילען — מחילה, אין איינע תחתונים. מע האָט געמיינט, אז עס ברענט.

— וויעדער א שרפה?

— וויעדער געברענט?

— וואו ברענט?

— ווער ברענט?

— שאַ, שאַ, קיינער ברענט ניט! — איז ארויס נח דער שווייצאר מיט זיין שפּראך און רופט זיך אָן צו מיר:

— וואָס האָט איהר זיך, למשל, צעשריגען, ווי א משוגען קעלבעל? וואָס גוואלדעוועט איהר, ווי אין א מאהנהויז? איהר וועט חלילה אויפוועקען אלע אקטעיורען!...

— גזלנים! — זאָג איך. — רוצחים! באנדיטען זענען מיך באפאלען נאר־וואָס און מיך באנומען!

דערהערט „גזלנים“, פאלט־אָן אויפ׳ן גאנצען עולם א פּחד, און עס ווערד א ליארעם, א גערעדעריי פון אלע מיט א מאָל:

— גזלנים?

— וויפיעל גזלנים?

— דריי גזלנים!

— וואָס פאר א פּנים האָבען זיי?

— צוויי יונגע, איינער איין אלטער!

— נעגאַננען מיט מעסערס?

— למאי האָט איהר געשוויגען?

— איהר האָט מורא געהאַט שרייען?

— נאָט אייך גזלנים! גאָט זאָל שומר ומציל זיין!...

— נעכטען געווען אינ׳ם אַנדערען הויף אויך גזלנים... גע־שטיקט אַ אידינע, אַרויסגעטראָגען די בריקלעך, געפונען אין אייזען...

— מסוכן איבערבלייבען איינער אַליין אין שטוב...

— מע וועט שוין באַלד דאַרפען אַנטלויפען פון כתרילעווקע!

— נאַ דיר גאָר גזלנים, טאָמער איז קאַרג!...

— חאַפּט זיי! חאַפּט זיי! חאַפּט זיי! — הערט זיך פּלוצים פון דרויסען אַ קול פון אַ נקבה און אַ געלויף מיט אַ קלאַפּעריי פון אַ סך מענשען. — חאַפּט זיי! חאַפּט זיי!

— געחאַפּט!

— איינעם געחאַפּט! צוויי געחאַפּט!...

— בינדט זיי! האָסט שוין דעם דריטען אויך? בינדט איהם! בינדט איהם!...

— פּאַוואָלי בינדט, ניט פאַר׳ן קאָפּ, פאַר די פיס, פאַר די פיס!...

— זעלדע! גיב מיר דיין פאַטשיילע, זעלדע!

— אָה, איהר האָרכט? מע האָט זיי געחאַפּט! — רופט זיך אָן צו אונז נח דער שווייצאַר און לאָזט זיך לויפען מיט אַ לאַנ־טערנע אין דרויסען אַרויס, און מיר אַלע — נאָך איהם.

— נו, וואָס הערט זיך? — שרייט נח אין דער פינסטער אַהין, פון וואַנען עס געהען די קולות. — שוין געחאַפּט?

— געחאַפּט, געחאַפּט! — ענטפערט איהם אַ קול פון אַ נקבה אין דער פינסטער.

— און געבונדען?

— געבונדען, געבונדען!

— אַלע דריי?

— אַלע דריי, אַלע דריי!

— אנו, לאָמיר זיי חאָטש אָנקוקען, וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבען! — מאַכט נח דער שווייצאַר און רופט מיט זיך דעם גאַנ־צען עולם, און מיר געהען־צו נאָהענט מיט דער לאַנטערנע צו די געחאַפּטע גזלנים, און מיר דערזעהען אויף דער ערד ליגען דריי געפּענטעטע... אינדיקעס!

די אינדיקעס האָבען אַראָפּגעלאָזט די בלויע שנאָבלען, בלאָזען מיט די נעזער און בליצלען מיט די אויגלעך אויף דער שיין פון אונזער לאַנטערנע, און די ווייבער, האַלב־נאַקעטע, דערצעהלען אונז נסים ונפלאות, ווי אַזוי די אינדיקעס זענען אַרויס פון שטייג, מע ווייסט ניט ווי אַזוי: צי גנבים, צי אַ טחויר איז דורכגעלאָפען און האָט זיי איבערגעשראָקען, — נאָר דאַנקען גאָט, וואָס מע האָט זיי געחאַפּט, אַניט — וואָלט געווען חלילה אַ היזק פון מי יודע וויפיעל!...

— טפו זאָלט איהר ווערען, כתרילעווקער קורעלאָפּניצעס! — זאָגט נח און בטל'ט־אויס אויף זיי אַלע בייזע וויסטע חלומות. — אַ רוח אין אייער אינדיטשקעס־גענז־קאַטשקעס־פלעדערווישען אַריין!...

און נח דער שווייצאַר הערט ניט אויף צו שיטען מיט זיינע געקליבענע, שאַרפע, פערשפּיצעלטע ווערטער, און דער עולם הויבט אָן ביסלעכווייז זיך צעגעהן, מיט אַ געהניץ, איטליכער אין זיין רוה אַריין.

איך בלייב שטעהן איינער אַליין, אין מיטען דער בלאָטע, פער־טומעלט פון דער נאַכט מיט איהרע פּחדים, מיט איהרע בהלות. אַ נאַסע קעלט נעמט דורך מיין לייב, דורך־און־דורך. ערטער־ווייז בעווייזט זיך אַ פייערל אין די פענסטער. פון אַ פּאָר קוימענס

ציהט זיך א בלוי רויכעל. פון א זייט הימעל בעווייזט זיך א העלער פאס. פון עטליכע ערטער הערט זיך א קרעהען פון העהנער, וואס שטעלען־אן זייערע העלזער און שרייען אויף אלערליי קולות און פערשיעדענע נוסחאות: קו־קו־רי־קו־או!...

עס שאריעט אויף טאג.

## כתרילעווקער מושב־זקנים

געשריבען אין יאהר 1910.

# כתרילעווקער מושב־זקנים

אלסדינג פראגרעסירט אויף דער וועלט, געהט פארווערטס. עס פראגרעסירט אויך אונזער כתרילעווקע.

כתרילעווקע האט זיך א שטארקען רוק געטהאן די לעצטע צייט. אזוי, אז איהר וועט קומען צו פאהרען אהין אצינד, וועט איהר זיין ערשטוינט. איהר וועט קוקען און וועט זיך נישט קאנען זאט אנקוקען. איהר וועט דערזעהען אין מיטען שטאדט, סאמע אין דער רעכטער בלאטע, א גרויסען, א ברייטען, א הויכען מויער פון געלע ציגעל, מיט אייזען געדעקט און מיט א סך, א סך פענס־טער, מיט א שענער הויכער געשניצטער טהיר, און אויבען, איבער דער טהיר, צוגעשלאגען א ווייסער מארמאר־שטיין, אויסגעקריצט מיט גרויסע גאלדענע אידישע בוכשטאבען:

מ ו ש ב ־ ז ק נ י ם.

איהר שטעהט און קוקט אויף דאס דאזיגע בילד, און עס דאכט זיך אייך אויס, אז עס האט דעם אנבליק פון א טייערער סאמעטע־נער לאטע אויף איין אלטער פערגרינטער ליוסטרינענער צעריסע־נער קאפאטע. וואס איז דאס פאר א מין פרעכטיגער „מושב־זקנים" אין מיטען דרינען אין דעם ארעמען־ארעמען כתרילעווקע? וואס איז דאס — עמיצען אויף צו־להכעים? אדער א ליצנות? אדער גאר עמיצענ'ס א טעות? אט וואס מע האט מיר דערצעהלט דאס לעצטע מאל, אז איך בין געוועזען דארט אויף קבר־אבות.

דאס איז געוועזען אין דער צייט, וואס מע האט געזאלט דורכ־פיהרען דורך כתרילעווקע א באהן. עס זענען אראפגעקומען פון

מאָסקווע מיני מאָדנע בעשעפענישען: אינזשענערען, גאַסענמעס־טערס, ערדשניידערס וכדומה אַזעלכע פּאַרשוינען, און ועל כולם — איינער אַ פּאָדראַטשיק, אַ יונג מיט ביינער, און דווקא אַ „אונזעריגער". דעם נאָמען זיינעם ווייסט מען עד היום נישט. אפשר איז דאָס פּאָליאַקאָוו'ס אַ „מענטש", און אפשר טאַקי פּאָליאַקאָוו אַליין. נאָר אַז ער איז אַ גביר אַדיר, אַ מיליאָנשטשיק — דאָס האָט אַ מינדסטע קינד אויך געקאָנט אַרויסזעהען. וואָרום ווער וועט זיך עס פערגינען שטעהן איין מענש אַליין אין צוויי חדרים, פרעסען היהנער, זשליאָקען וויין אין מיטען מיטוואָך און מאַכען קוצעניו־מוצעניו מיט'ן בעל־אכסניה'ס יונגערע שנור, די הולטייקע? (זי טראָגט אייגענע האָר בפרהסיה און האָט פיינט דעם מאַן — אַלע ווייסען דאָס).

אין יענער צייט האָט זיך אונזער אַלטער בעקאַנטער, דער רב רב יוזיפעל, ארומגעטראָגען מיט אַ מחשבה: אוועקשטעלען אין כתרילעווקע אַ „מושב־זקנים" פאַר אַלטע קראַנקע אָרעמע לייט. וואָס עפּיס גראָד אַ „מושב־זקנים"? פאַר וואָס נישט קיין „בקור־חולים"? הויבט זיך אָן אַ מעשה פון קשיות פרעגען! ער זאָל זיך געוועזען נעמען פאַר אַ „בקור־חולים", וואָלט איהר פרעגען: פאַר וואָס נישט קיין „מושב־זקנים"? איך בין אייך ערב, אַז אַ זייטיגע מחשבה: טאָמער האָט דאָ חלילה רב יוזיפעל געהאַט אַ מיין, אַ טובת־הנאה פאַר זיך אויף דער עלטער — איז דאָ זיכער נישט געווען. רב יוזיפעל איז געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז אויף איין אַלטען מאַן און אַ קראַנקען איז מעהר רחמנות, ווי אויף אַ יונגען. דאָס הייסט, אַ יונגער חולה איז אויך אויף גרויסע צרות. נאָר אַז מען איז קראַנק און נאָך אַלט דערצו, איז מען גאָר איבעריג ביי דער וועלט. איבעריג און נמאָס. אַ מענש האָט פיינט איין אַלטען מאַן אַ זקן — דאָס איז בדוק ומנוסה.

הכלל, ס'איז ביי איהם געבליבען איין מאָל פאַר אַלע מאָל: כתרילעווקע מוז האָבען אַ „מושב־זקנים". אַ „מושב־זקנים" איז בילבער פון אַלסדינג. און בכדי אַלע זאָלען פערשטעהן, ווי ווייט

ס'איז נויטיג א „מושב־זקנים" אין כתרילעווקע, האט רב יוזיפעל שבת בייטאג אפגעהאלטען א דרשה אין שוהל, דערצעהלט זעהר א שענעם משל: „אמאל איז געווען א מלך, האט ער געהאט א בן־יחיד..." נאר וויל מיר האלטען אין מיטען א שמועס, ווילט זיך מיר ניט אריינמישען איין מעשה אין דער אנדערער. לעגען מיר אפ רב יוזיפעל'ס משל אויף איין אנדערש מאל. איך קאן אייך נאר זאגען, אז דער משל איז אפשר נישט געווען אזוי גלייך צום נמשל, נאר דער עולם האט געלעקט פון איהם די פינגער, ווי פון אלע משלים, וואס רב יוזיפעל פלעגט זיי דערצעהלען. הלואי וואלט רב יוזיפעל געווען אזא בריה אויף צו פערדיענען זיך דאס שטיקעל ברויט, ווי ער איז געווען א מאדים אויף צו זאגען משלים.

אויסגעהערט דעם משל, רופט זיך אן צו איהם איינער א בעל־הבית, — פון די נכבדים, געוועהנליך, וואָרום ווער דען וועט זיך איינשטעלען ארויסטרעטען קעגען א רב פאר איין עדה מיט אידען?

— יא, רבי, איהר זענט אודאי זעהר גערעכט. דער משל איז זעהר א שענער משל. די קשיא איז נאר: וואו נעמט מען געלט? א „מושב־זקנים" דארף קאסטען געלט, און כתרילעווקע איז א שטאדט פון סאמע כתריליקעס, ארעמע לייט, קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים...

— ע! איך וועל דיר דערצעהלען, קינדעניו, דערויף אויך א משל. אמאל איז געווען א מלך... האט ער געהאט א זוהן א בן־יחיד...

הכלל, וואס דער מלך האט געטהאן מיט זיין בן־יחיד — דאס איז נישט וויכטיג. וויכטיג איז דאס, וואס אונזער רב יוזיפעל האט אויף מארגען, זונטאג, גענומען צוויי בעלי־בתים פון די „פאר־נעמסטע" און איז ארויסגעקומען מיט א פעטשיילע אין מארק, גענומען געהן פון קלייט צו קלייט, פון שטוב צו שטוב — דער אלטער מנהג אין כתרילעווקע אויף צו „מאכען געלד". פערשטעהט זיך, אז קיין גרויסע קאפיטאלען קאנען דערפון נישט ווערען. רב יוזיפעל האט אבער צייט. ער קאן בעשטעהן, עס זאל געדויערען

נאָך אַ וואָך. רוים איז נישט געבוירען געוואָרען אין איין טאָג. וואָס זאָל מען טהון: געבאַך אַ שטאָדט פון קבצנים! דער גאַנצער ארויסקוק איז אויף די פּרעמדע, די סוחרים, וואָס קומען אַראָפּ קיין כתרילעווקע, אָדער גלאַט אַזוי דורכפאָהרער, וואָס שטעלען זיך אָפּ אויף די אכסניות. דאָרט אַז מע דערטאַפּט אַמאָל אַ פויגעל, פליקט מען איהם אַרום אַזוי, אַז ער פערזאָגט אַ צעהנטען: „אַז איהר וועט פאָהרען פערביי כתרילעווקע, זאָלט איהר דאָס אויסמיידען אַ מייל אַרום און אַרום — ס'איז נישט אויסצושטעהן פון די דאָרטיגע אָרעמע לייט!“...

דערהערט, אַז ס'איז געקומען צו פאָהרען פון מאָסקווע אַ איד אַ פּאָדראַטשיק, פּאָליאַקאָוו'ס אַ „מענטש“, אָדער אפשר פּאָליאַקאָוו אַליין, אַ גרויסער מיליאָנשטשיק, — האָט זיך רב יוזיפעל אָנגעטהאָן שבת'דיג, גענומען אויף זיך דעם טיזליק מיט'ן שטריימעל, וואָס האָט זיך עפּיס נישט געפּאַסט צום גרויסען וואָכעדיגען שטעקען, וואָרום ממה־נפשך: איז דאָס שבת — ווי קומט אַהער אַ שטעקען? איז דאָס אין דערוואָכען — וואָס עפּיס אַ שטריימעל?... פערענטפערט איז די קשיא געוואָרען ערשט דעמאָלט, אַז רב יוזיפעל האָט מיטגענומען מיט זיך די צוויי פיינסטע בעלי־בתים און איז אַוועק מיט זיי גלייך אויף דער אכסניה, צום רייכען פּאָדראַטשיק.

איך ווייס נישט, ווי אַזוי זענען די איבעריגע מאָסקווער פּאָדראַטשיקעס. נאָר דער פּאָדראַטשיק, וואָס איז געקומען קיין כתרילעווקע דורכפיהרען אַ באַהן, איז געווען אַ מאָדנער פּאָדראַטשיק. אַליין אַ קליינינטשקער, אַ פּוכלינקער, מיט פעטע בעקלעך, מיט פליישיגע ליפּען און מיט קורצע הענטלעך, — איז דאָס געווען אַ בריאה אַ ריהרעוודיגע, וואָס אַז סע געהט, לויפט עס, און אַז סע רעדט, שרייט עס און לאַכט מיט אַ צעשאָטען געלעכטערעל: „העהע־העהע!“ און די אויגלעך זענען ביי איהם תמיד בענעצט מיט טרערען, און אַלסדינג איז ביי איהם גיך, חאַפּענדיג, אויף איין פוס, און נערוועז — מיט סכנת־נפשות! איהם נישט צו־טרעפען, וואָס ער וויל, אָדער איהם זאַטשעפּען מיט אַ וואָרט — איז חיות

נישט זיכער. באלד צינדען זיך איהם אָן די אויגלעך און ער איז קאַפּאבל אייך דורס זיין, צערייסען אויף צווייען. אַ מאָדנער, אַ מאָדנער פּאָדראַטשיק!

איינגעפיהרט האָט ער אויף דער אכסניה, אַז ווער סע זאָל צו איהם נישט קומען, יהיה מי שיהיה, מעג זיין דער גובערנאַטאָר אליין (אַזוי טאַקי מיט דעם לשון האָט ער אָנגעזאָגט), דאַרף מען איהם פריהער אַ קלאַפּ טהון אין דער טהיר, און אַז ער וועט הייסען אריין, דאַרף מען ערשט דעמאָלט איהם מעלדען, ווער עס וויל מיט איהם רעדען — איז אָדער ער בעט אריינקומען, אָדער ער הייסט קומען מאָרגען.

פערשטעהט זיך, אַז אין כתרילעווקע האָט מען זיך גענוג אָנ־געלאַכט אויף דעם דאָזיגען פּארשוין און אויף זיינע נארישע געננג. האָט איהר געהערט אַ השגה פון אַ מאָסקוועד פּאָדראַטשיק? לאַ־די, וואָס איך האָב מיך מטריח געווען און קום צו דיר אהיים, דאַרף איך נאָך שטעהן אַ היבשע ווײַלע אויף יענער זייט טהיר און אויס־וואַרטען ביז דו וועסט מיר „פּאָזוואָליען" אריינקומען צו דיר, אָדער אניט — וועסט דו מיר הייסען קומען מאָרגען? ניין, דאָס קאָן נאָר אַ מאָסקווער פּאָדראַטשיק. דאַכט זיך, מע דאַרף נישט קיין גרעסערען מענשען, ווי רב יוזיפעל דער רב, אַ איד אַ למדן און אַ גרויסער ירא־שמים. פון דעסטוועגען איז ביי איהם אַלע מאָל, צו יעדער צייט, אָפען טהיר און טויער, כל דכפין — מיר זענען דאָך עפּיס אידען אויף דער וועלט!

דערזעהן פאַר זיך רב יוזיפעל דעם רב בכבודו ובעצמו און נאָך שבת'דיג אָנגעטהאָן, איז דער בעל־אכסניה, אַ איד מיט אַ ליולקע־ציבעק, מיט אַ היבשען בויך און מיט אַ צעשפּילעטען פונ־פּאָרענט, ממש מבולבל געוואָרען: „ברוכים הבאים! סקאַצעל קומט! אַזאַ גאַסט! דער רב אליין ביי מיר אין שטוב! אַזאַ זכיה! רבי, זיצט... וואָס? צום אורח דאַרפט איהר? מיט'ן גרעסטען כבוד!"...

און דער בעל־אכסניה האָט גאָר פערגעסען פונ׳ם „יהיה מי שיהיה“ און פונ׳ם „גובערנאַטאָר“, אוועקגעלעגט דעם ליולקע־ציבעק, פערשפּילעט דעם פונפאַרענט און האָט צוגעפיהרט דעם רב מיט די צוויי פיינסטע בעלי־בתים צום אורח׳ם טהיר, און אַליין איז ער נעלם געוואָרען.

מיט וואָס דער אורח איז דאָרט געווען אין דער מינוט בעשעפטיגט — איז שווער צו זאָגען. אפשר האָט ער געהאַלטען סאַמע אין מיטען רעכענונג וועגען אייזענבאהן, וואו מע זאָל ציהען די רעלסען און וואו מע זאָל אוועקשטעלען דעם וואָקזאַל? אָדער אפשר איז ער געלעגען ביי זיך אין צווייטען צימער אָנגעשפּאַרט און נעדרימעלט? אָדער אפשר איז ער דאָרט געזעסען גלאַט אַזוי און געשמועסט, געפּלוידערט מיט׳ן בעל־אכסניה׳ס יונגער שנור די הולטייקע, וואָס טראָגט אייגענע האָר און האָט פיינט דעם מאַן — אַלע ווייסען דאָס? ווער קאָן עס וויסען, וואָס אַ איד אַ פּאַדראַטשיק פון מאָסקווע, אַ יונג מיט ביינער און אַ מיליאָנשטשיק דערצו, טהוט ביי זיך איין מענש אַליין אין צוויי צימערען? נאָר אַז די כתרילעווקער דעפּוטאַציע איז אריינגעקומען צו איהם אינ׳ם ערשטען חדר, האָבען זיי איהם נישט געטראָפען. זיי האָבען נאָר בעמערקט, אַז די טהיר פונ׳ם צווייטען חדר איז אָפען און ס׳איז דאָרטען זעהר שטיל. געהן ווייטער האָבען זיי נישט געוואָלט. ס׳איז נישט קיין דרך־ארץ — טאָמער שלאָפט ער? זענען זיי געפאַלען אויף אַ המצאה און האָבען אַלע דריי געגעבען אַ הוסט (אַזוי איז דער מנהג אין כתרילעווקע). האָט דער פּאַדראַטשיק דערהערט, איז ער ארויסגעלאָפען נישט טוידט, נישט לעבעדיג. דערזעהען אומבעקאַנטע געסט, איז ער באַלד געוואָרען מלא כעס וחמה און האָט זיך צעשריגען אויף זיי אויפ׳ן מאָסקווער אופן:

— ווער איז? וואָס דאַרפט איהר, אַזעלכע און אַזעלכע? ווער האָט אייך אריינגעלאָזט? איך האָב דאָך טויזענד מאָל אָנגעזאָגט, אַז „אָהן אַ דאָקלאַד“ זאָל מען צו מיר נישט געהן!

ס'איז א סברה, אז ער האָט אויסגענוצט דערבײַ, זאָגט מען, דאָס וואָרט „זשידי"... ס'איז אפילו נישט צו גלויבען אזעלכעס אויף א אידען, נאָר א מענש, און א מיליאָנשטשיק דערצו, אז מע ברענגט איהם אריין אין גרים־צאָרן, קאָן ער אפּטהון נאָך א סך ערגערע זאכען...

אונזער לעזער, וואָס איז שוין בעקאַנט געגנוג מיט'ן כתרילעווקער רב, ווייסט גאַנץ גוט, וואָס פאַר א איד איין עניו אָט דער רב יוזיפעל איז. ער וועט אייך קיינמאָל נישט זיין קיין קופּץ בראש. ער האָט תמיד ליעב זיין בעסער דער לעצטער, וואָרום ער געהט מיט דעם גאַנג, אז א בשר־ודם דאַרף זיך נישט האַפּען. ער האָט נישט וואָס אַנצוווערען און וועט קיינמאָל נישט פערשפּעטיגען. נאָר דאָ האָט ער געמוזט אַרויסטרעטען מיט איין פּום פריהער, ווייל יענע „פּאַרנעמסטע בעלי־בתים" האָבען זיך פּשוט איבערגעשראָקען פאַר'ן מיליאָנשטשיק, וואָס האָט זיך צעלאָזט אויף זיי מיט די הענד און צוגעטופּעט מיט די פּיס. ווער ווייסט, וואָס ער איז? אפשר איז ער פאָליאַקאָוו'ס א „מענטש", און אפשר איז דאָס פאָליאַקאָוו אליין? האָבען זיי שוין בעל־כרחם געמוזט אביסעל אָפּרוקען זיך צוריק, זיין אביסעל נעהענטער צו דער טהיר. א קשיא, וואָס סע מאַכט זיך... נאָר איין רב יוזיפעל האָט זיך עפּיס איצטיגס מאָל גראָד נישט דערשראָקען. ער איז געגאַנגען מיט א ממה־נפשך: איז דער מענש א גרויסער מענש, דאַרף איך פאַר איהם קיין מורא נישט האָבען. אלא וואָס דען? ער איז א קליין מענשעלע, — האָב איך אודאי פאַר איהם נישט וואָס מורא צו האָבען!... איז ער אַרויסגעטרעטען קעגען איהם מיט שטאַרקייט און רופט זיך אָן צו איהם אזוי צו זאָגען:

— זייט זשע מוחל, איהר שרייט... אפשר זענט איהר גערעכט... האָט קיין פּאַראיבעל נישט, וואָס מיר האָבען אייך אפשר געשטעהרט... מיר זענען זיך אָבער עוסק אין א מצוה, און שלוחי־מצוה, שטעהט ביי אונז געשריבען, אינן ניזוקין — דער וואָס איז

איין עוסק במצוה — דעם קאָן נישט שאַדטען... מיר זאַמלען נדבות, פאַרשטעהט איהר מיך, אויף אַ גרויסע זאַך, אויף אַ „מושב־זקנים“...

דער פּאַדראַטשיק פון מאָסקווע איז גאָר געבליבען אָהן ווער־טער. דאָס אַריינרייסען זיך צו איהם „אָהן אַ דאָקלאַד“ פון אָט די דריי אידען פּלוצים אין מיטען דריגען און דאָס האַלטען זיך פון אָט דעם דאָזיגען אַלטען מיט'ן שטריימעל, וואָס האָט איהם אויס־געוויזען אַ נאַריש, אַ פּרעך, האָבען אונזער אורח אַזוי אויפגע־בראַכט, אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט דערפיהלט, ווי עס האָט איהם דערלאַנגט אַ קיצעל אין נאָז און אַ הויב־אויף דעם מח און דאָס גאַנצע בלוט איז איהם אריין אין פּנים אריין. ער איז פּשוט ארויס פון די כלים און אַזוי שטאַרק פערלוירען זיך, אַז ער געדענקט אַליין נישט, וואָס מיט איהם איז געוועזן. עס האָט זיך עפּיס ווי קענגען זיין איינענעם ווילען אויפגעהויבען ביי איהם די האַנד, און ער האָט מיט'ן גאַנצען כח אַראָפּגעלאָזט דעם אַלטען אַ הילכיגען פלאַמ־פּייעריגען פּאַטש.

— נאַט אייך! אָט האָט איהר אייך אַ „מושב־זקנים“!...

פונ'ם דאָזיגען פּאַטש זענען ביי'ם אַלטען אַראָפּגעפלויגען פון קאָפּ דאָס שטריימעל מיט דער יאַרמעלקע אינאיינעם, און דער כתריל‏עווקער רב איז געבליבען שטעהן אַ ווייל‏ע בגלוי־ראש — דאָס ערשטע מאָל אפשר אויף זיין לעבען... עס האָט אָבער גע־דויערט נישט מעהר ווי אַ רגע כמימרא, האָט דער רב רב יוזיפעל קודם זיך איינגעבויגען, אויף דער גיך אויפגעהויבען דאָס שטריימעל און צוגעדעקט דעם נאַקעטען קאָפּ. דערנאָך האָט ער פּאַוואָלינקע זיך אַ טאָפּ געגעבען ביי דער באַק און אַ קוק געטהאָן אויף דער האַנד, צי איז ער חלילה נישט צע'דמ'ט? און טאַקי באותה שעה רופט ער זיך אָן צום אורח שטיל און בנעימות'דיג, מיט אַ מאָדנעם שמייכעלע, און דאָס פּנים איז איהם טוידט, ווי ביי אַלע טוידטע:

— נו, מילא, דאָס האָט איהר, הייסט עס, געגעבען מ י ר. וואָס זשע וועט איהר עפּיס געבען, רב איד, פאַר די אַלטע קראַנקע נעבאַך, איך מיין טאַקי אויף'ן „מושב־זקנים" מיין איך?

. . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . .

וואָס ווייטער איז געווען — לאָזט זיך נישט דערצעהלען. קיינער ווייסט נישט, וואָרום די „פאַרנעמסטע בעלי־בתים", אַז זיי האָבען דערהערט פונ'ם פּאָדראַטשיק די מאָסקווער שפּראַך, האָבען זיי שוין נישט געסטייעט... און דער רב רב יוזיפעל האָט גלאַט נישט געוואָלט רעדען דערפון... אַז ער איז ארויסגעגאַנגען פון דאַר־טען, האָט איהם דאָס פּנים מאָדנע געשיינט. איין באַק (די לינקע) האָט געשיינט מעהר פון דער אַנדערער... און ער האָט מיט זיין בנעימות'דיג שמייכעלע געזאָגט:

— מזל־טוב, אידען, איך קאָן אייך אָנזאָגען אַ בשורה: מיר האָבען מיט'ן אויבערשטענס הילף אַ „מושב־זקנים", אָבער אַ „מושב־זקנים", הערט איהר, אַז גאָט און לייט וועלען זיך פרעהען...

די „קליינע מענשעלעך" וואָלטען אפשר דעם רב נישט אינ־גאַנצען געגלויבט, ווען זיי זאָלען נישט הערען פונ'ם פּאָדראַטשיק אליין מיט זייערע אויהערען, ווי ער זאָגט און קלאַפּט זיך מיט די קורצע פינגער אין דער ווייסער מאַנישקע:

— אידען, איך שטעל אייך אַוועק אַ „מושב־זקנים". איך, איך!... — און נישט נאָר געהערט מיט די אויהערען, נאָר מע האָט געזעהען מיט די אויגען אין גיכען, ווי דער פּאָדראַטשיק געהט־אום מיט'ן רב אין שטאָדט, מעסט מיט'ן שטעקען: „אָט דאָ וועט שטעהן דאָס הויז. אָט אַזוי פיעל וועט זיין די לענג, און אָט אַזוי פיעל די ברייט"... און אָט האָט מען שוין געבראַכט צו פיהרען ציגעל, געהילץ און אַנדערע מאַטעריאַלען — און עס געהט אַ גאַנג.

אמת, עס האָבען זיך געפונען בעלנים, וואָס האָבען גענומען אויספרעגען ביי'ם רב, אויסטאַפּען, ציהען ווערטער: „רבי! ווי

אזוי איז געווען די מעשה? ווי אזוי האָט אייך דער דאָזיגער מפיים געווען פאַר די האַרטע רעד?... וואָס האָט איהר איהם געזאָגט און וואָס האָט ער אייך געענטפערט?"... רב יוזיפעל האָט אָבער אַלסדינג דורכגעלאָזט פערביי און פערערדט דעם עולם די צייהן, געשמייכעלט דערביי מיט זיין שטענדיג בנעימות'דיג שמייכעלע:

— אָבער אַ „מושב־זקנים" וועלען מיר, אם־ירצה־השם, האָבען, הערט איהר, אַז גאָט און לייט וועלען זיך פרעהען!...

* * *

איין עבירה — דאָס „מושב־זקנים" שטעהט נאָך עד היום לעדיג: רב יוזיפעל איז שוין עליו השלום — נישטאָ מיט וואָס צו פיהרען. די כתרילעווקער קליינע מענשעלעך האָבען שוין אזא מזל: חלומ'ט זיך זיי איינגעמאַכטס — פעהלט זיי אַ לעפעל; אָנגעגרייט אַ לעפעל — חלומ'ט זיך זיי נישט קיין איינגעמאַכטס

# א פסח'יגע עקספּראָפּריאַציע

געשריבען אין יאָהר 1908.

# א פסח׳יגע עקספּראָפּריאַציע

## א.

כתרילעווקע האָט פון תמיד אָן נאָכגעמאַנצט אדעס; נאָר פון זינט עס האָבען זיך אָנגעהויבען די בהלות, טרעט כתרילעווקע נישט אָפּ פון אדעס אויף קיין האָר: אין אדעס א סטרייק — אין כתרילעווקע א סטרייק; אין אדעס קאָנסטיטוציע — אין כתרי־לעווקע קאָנסטיטוציע; אין אדעס א פּאָגראָם — אין כתרילעווקע א פּאָגראָם. איינער א לץ האָט ארויסגעלאָזט א קלאַנג, אז אין אדעס האָט מען אָנגעהויבען זיך אָפּשניידען די נעזער, האָט מען אין כתרילעווקע גענומען שארפען מעסערס; א גליק, וואָס אין כתרילעווקע גופא האָט מען ליעב קוקען אויף יענעם, דעריבער האָט יעדער געוואַרט, ביז דער ערשטער וועט זיך אָפּשניידען די נאָז. און מע וואַרט נאָך עד היום...

נאָך אזא מין הקדמה וועט שוין קיינעם קיין וואונדער נישט זיין, וואָס עס געהט נישט אוועק כמעט א טאָג, מע זאָל נישט לייענען אויף די גאזעטען אַלע מאָל איין אנדער אומגליק פון כתרילעווקע: ווי אזוי „חברה" האָבען זיך ארייגעכאַפּט צו א בעקער און האָבען עקספּראָפּריאירט דאָס גאַנצע געבעקס, אָדער ווי אזוי א שוסטער האָט שוין געהאַט כמעט געענדיגט א פּאָר שטיוועל — ס׳איז געבליבען נאָר ארויפצוזעצען א פּאָר פּאָדעש־וועס מיט די אָפּצאַסען, — איז מען איהם בעפאַלען אין מיטען העלען טאָג, אָפּגעזאָגט דעם געוויסען פסוק „שאו ידיכם" — „רוקי

ווערך!" — און צוגענומען די שטיוועל. אָדער אַ איד איין אָרע־מאַן איז געגאַנגען איבער די הייזער — דאָנערשטאָג איז געוועזן די מעשה — האָט מען איהם זאַסטעמפּעט ערגיץ אין אַ געסעל, צו־געשטעלט איהם אַ פּיסטויל גלייך אין פּנים אריין און אויסגעטריי־סעלט ביי איהם וואָס ער האָט געהאַט. אָדער הערט אַ מעשה, וואָס אַ אידינע דערצעהלט... נאָר וואָס אַ אידינע דערצעהלט וויל איך אייך נישט איבער'חזר'ען; אַ פרוי האָט שוואַכע נערווען, די צייט איז איין אומרוהיגע, עס קאָן זיך איהר אויסווייזען אַ קוצע קוה פאַר אַ בארנבוים... איך וויל נישט נעמען אויף זיך „די פער־אנטוואָרטליכקייט פאַר דער געזעלשאַפט"...

בקיצור, עס איז אוועק אין כתרילעווקע אַ סדרה עקספּראָ־פּריאַציעס, איינע שרעקליכער פון דער אַנדערער. עס איז געוואָרען אַ מורא צו לעבען אויף דער וועלט, און מע האָט אָנגעהויבען בענקען נאָך די אַלטע גוטע יאָהרען, ווען איין פּריסטאַוו, וואָס פלעגט נעמען אַ קערבעל, האָט געקאָנט האַלטען אַ גאַנצע שטאָדט ביי זיך אין זשמעני, און מע האָט אָנגעהויבען בעטען גאָט און תפלה טהון:

— גוואַלד, רבונו־של־עולם, השיבנו נאַזאַד, הארצעדיגער פאָ־טער, חדש ימינו כקדם!...

דאָס איז אָבער נאָך אַלץ נישט מעהר ווי אַ הקדמה. די מעשה הויבט זיך ערשט אָן.

## ב.

בנימין לאַסטעטשקע איז דער גרעסטער גביר אין כתרילעווקע. אויסרעכענען זיין גרויסקייט האָט נישט קיין שיעור. ערשטענס, האָט ער מחותנים רייכע אויף דער גאַנצער וועלט. די מחותנים זענען שוין איצט נישט אַזוי רייך, ווי זיי זענען געוועזן אַמאָל, איבער היינטיגע צייטען מיט היינטיגע אָנזעצען — ס'איז נאָר קיין חידוש נישט; אַ חידוש איז נאָר, ווי אידען האַלטען זיך נאָך, און ווער שמועסט די כתרילעווקער אידען — זענען שטאַרקער

ווי אייזען! ווי הערינג אין אַ פּאַס האָבען זיי זיך צונויפגעפּאַקט אַלע אויף איין אָרט, און זיי פרעסען איינס דאָס אנדערע לעבע־דיגערהייד. אַ שטיקעל גליק אָט דאָס אַמעריקע, וואָס נעמט־צו פון דאָרטען אַלע יאָהר כמעט צוויי מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל עס שטאַרבען־אויס פון הונגער, פון פּאָגראָמען און פון אַנדערע שלעק... פון דעסטוועגען, זעהט איהר דאָך, אַז גאָט וויל, איז נאָך דאָ אין כתרילעווקע אַ איד אַ נגיד, וואָס הייסט בנימין לאַסטעטשקע, וואָס אַלע זענען איהם מקנא, וואָס ער דאַרף נישט אָנקומען צו קיינעם, אחוץ צו זיינע רייכע מחותנים. מאַהלט אייך, אָנקומען צו אַ רייכען מחותן איז עפּיס אויך נישט אַזאַ זיס שטיקעל ברויט, מחמת דאָס רוב רייכע מחותנים זענען בטבע, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, גרויסע חזירים... פון דעסטוועגען איז בנימין לאַסטעטשקע פּאַרט דער נגיד אין כתרילעווקע. אַז מע דאַרף אַ מאָל אַ טובה, וואוהין געהט מען? צו בנימין לאַסטעטשקע. און בנימין לאַסטעטשקע הערט אויס, העלפט אַ מאָל מיט איין עצה, אַ מאָל מיט אַ גוט וואָרט, אַ מאָל מיט אַ קרעכץ — גוט איז אויך דאָס, וואָרום אָהן דעם וואָלט דען געווען בעסער? אַלץ איין שוואַרץ יאָהר.

וואָס איז דער חילוק פון אַ כתרילעווקער נגיד ביז, למשל, אַ נגיד אין יעהופּעץ? די יעהופּעצער נגידים האָבען ווייכע הערצער, קאָנען נישט צוזעהן דעם צער פון די אָרעמע לייט. האַלטען זיי פערמאַכט די טהיר, שטעלען־אוועק אַ שווייצאַר ביי דער שוועל, לאָזען נישט צו קיין בן־אָדם, וואָס געהט נישט אָנשטענדיג אָנ־געטהאָן. און אַז עס קומט דער ליעבער זומער, הויבען זיי זיך אויף ווי די שוואַלבען און פּאַהרען־אוועק קיין אויסלאַנד — געהט זוכט זיי! אנו, זאָל פּרובען אַ כתרילעווקער נגיד אַזוי טהון, וועט מען איהם די ביינער צעטראָגען! צי ער וויל, צי ער וויל נישט — בנימין לאַסטעטשקע איז ראש וראשון אין קהל. אין אַלע צדקה־זאַכען איז ער דער ערשטער, נישט נאָר אויף צו געבען די ערשטע נדבה, נאָר אויף צו נעמען דאָס שטעקעל, מחילה, און געהן פון שטוב צו שטוב צונויפנעמען נדבות פון אָרעמע לייט פאַר אָרעמע לייט...

היינט ווער שמועסט ערב פסח ביי׳ם צונויפנעמען „מעות חטים“ — אָ! דעמאָלט מעגט איהר זיך פערגינען אַ קוק טהון אויף בנימין לאַסטעטשקע חאָטש פון דער ווייטען. איך וויים נישט, אויב דער גרעסטער כלל־טהוער פון דער גאַנצער וועלט האָט פאַר דעם ברענענדיגסטען וואהל־קאמפף אַמאָל אַזוי געשוויצט, ווי אונ־זער לאַסטעטשקע שוויצט גאַנצע פיער וואָכען פאַר פסח! ער שווערט, אַז פון פורים ביז פסח שלאָפט ער אין אַנטהון! לאָמיר איהם גלויבען אויף נאמנות, ווארום וואָס קומט איהם ארוים פון דעם? קיין געלד פאַדערט ער נישט פאַר זיין טרחה. אַי, איהר וועט זאָגען, ער טהוט עס צוליעב כבוד? זאָל זיין אַזוי. וואָס קאָן עס אייך אהרען? יעדער מענש וויל כבוד; אפילו שררות האָבען עס נישט פיינט. מיר וועלען די נאַטור פונ׳ם מענשען נישט איבערמאַכען — פארפאלען!

### ג.

דער מנהג פון צונויפנעמען מעות־חטים פאַר אָרעמע לייט אויף פסח איז זעהר איין אַלטער מנהג, זעהר אַ קאָנסערוואַטיוו מיטעל פון „פילאַנטראָפּיע“; דאָך, מיין איך, איז ער נישט אַזוי ביטער, ווי די היינטיגע ווילען אונז איינרעדען. זיי זאָגען, אַז „פילאַנטראָפּיע איז אַ שחיטה פאַר דער געזעלשאַפט“. איך וויל מיך מיט זיי אין חקירות און אין פּאָלעמיק נישט אריינלאָזען. איך וויל נאָר זאָגען, אַז נאָך מיין מיינונג, איז דאָ נאָך אַ פיעל ערגערער מנהג: וואָס די נגידים ווילען נישט געבען, און וואָס מע דאַרף ביי זיי רייסען פון די צייהן. און נאָך טויזענד מאָל ערגער איז דאָס, וואָס די שענע מענשען, וואָס ווילען נישט געבען, ווילען אייך איינרעדען אַ קינד אין בויך, אַז דערפאַר געבען זיי נישט, ווייל ס׳איז פאַרהאַן ביי זיי אַ „פּרינציפּ“... פאַר אַזעלכע מענשען זאָלט איהר אַנטלויפען; אַזעלכע מענשען זענען טרוקען, ווי אַ טרוקען פישעל, און אומעטיג, ווי אַ קאַץ... דאַנקען גאָט, וואָס אין כתרילעווּ־

קע איז דער „פּרינציפּ“ נאָך נישט אַריין אין דער מאָדע. די וואָס געבען נישט, געבען נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבען נישט... ערב פּסח אָבער, אַז עס קומט צו מעות־חטים, איז דאָס אויך קיין תירוץ נישט. אין כתרילעווקע געהט אַ שפּריכוואָרט: „יעדער איד איז מחויב אָדער ג ע ב ע ן מעות־חטים, אָדער נ ע מ ע ן מעות־חטים...

מאָדנע מענשען די כתרילעווקער אידען! טויזענדער יאָהרען זענען אַוועק, זינט זייערע עלטער־עלטער־זיידעס האָבען זיך בעפרייט פון גלות־מצרים, קאָנען זיי זיך נאָך עד היום נישט אָפּגעוועהנען פון צו עסען מצות אַכט טאָג דורכאַנאַנד אַלע יאָהר, און איך האָב זעהר מורא, אַז דער דאָזיגער טרוקענער מאכל וועט נאָך לאַנג־לאַנג נישט אַרויס פון דער מאָדע... אַ גאַנץ יאָהר וועט אייך אַ כתרילעווער איד שוואַלען פון הונגער, און קומט פּסח, מעג זיך איבער־קעהרען די וועלט, מוז ער זיין פערזאָרגט מיט מצות! עס איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז אַ איד זאָל דאָרט שטאַרבען פּסח פון הונגער. און טאָמער מאַכט זיך אַ מאָל אַזאַ פאַל, דאַרף מען איהם פערשרייבען אויפ׳ן חשבון פונ׳ם יאָהר. דאָס הייסט, ער איז גע־שטאָרבען נישט חלילה מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט די אַכט טאָג פּסח קיין מצה, נאָר מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין ח מ ץ אין די 357 טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. עס איז, פערשטעהט איהר מיך, אַ גרויסער אונטערשיעד!

## ד.

נישטאָ אַיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט האָבען קיין אויסנאַהם. דאָס יאָהר, וואָס מיר בעשרייבען אונזער געשיכטע, איז געווען פאַר כתרילעווקע אַזאַ יאָהר, וואָס מע האָט אַזעלכעס קיינמאָל נישט געהערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז נ ע־מ ע ר ס אויף מעות־חטים זענען מעהר ווי ג ע ב ע ר ס. מע זאָל זיך נישט שעמען פאַר לייטען, וואָלטען כמעט אַלע אידען דאָרטען זיך נישט אָפּגעזאָגט פון צו נעמען מעות־חטים... אַ צער־בעלי־חיים

געוועז אָנצוקוקען אונזער נגיד בנימין לאַסטעטשקע, ווי ער זיצט אין „קאָמיטעט" דעם לעצטען טאָג וואָס פאַר פּסח און האַלט אין איין אָפּזאָגען:

— נישטאָ קיין געלט!... אויסגעגאַנגען!... האָט קיין פאַר־איבעל נישט!...

— דערלעבט איבער אַ יאָהר, — האָבען איהם געענטפערט די „אָפּגעזאָגטע" אָרעמע לייט און צוגעלעגט אונטער דער נאָז: — און איהר זאָלט קומען צו אונז נאָך מעות־חטים...

איינס נאָך דאָס אַנדערע זענען די אָרעמע לייט ארויס פון „קאָמיטעט" מיט לעדיגע הענד און מיט רויטע פּנימ'ער, ווי פון אַ שוויץ־באָד, געשאָלטען די נגידים אויף וואָס די וועלט שטעהט — ס'זאָל פאַלען אין ים אריין.

צווישען די לעצטע „אָפּגעזאָגטע" איז געווען אַ גאַנץ בינטעל בחורים, ארבייט־יונגען, וואָס דרעהען זיך אום אַ גאַנץ ווינטער אָהן אַ שטאָך ארבייט. מע האָט שוין פערקויפט פון זיך אַלץ, וואָס מע האָט געהאַט. איינער האָט פערזעצט אַ זילבערנעם זייגער און פאַר'ן געלד געקויפט פּאַפּיראָסען, און אַלע בחורים האָבען גע־רויכערט, אום צו שטילען דעם הונגער אַלע בחברותא — מעשה קאָמונע... געקומען אין „קאָמיטעט", האָט דאָס בינטעל בחורים ארויסגעשטעלט פאַר'ן גענעראַל־רעדנער איינעם, אַ דאַמסקי שניי־דער, מיט'ן נאָמען שמואל־אבא פינגערהוט. און חאָטש שמואל־אבא פינגערהוט איז געווען דער גענעראַל־רעדנער, פון דעסטוועגען האָט איהם דאָס גאַנצע בינטעל מיטגעהאָלפען, און אַלע האָבען גע־רעדט, גע'טענה'ט, אז זיי געהען־אויס פון הונגער, ממש זיי פאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד. דער גבאי ראשון פון „קאָמיטעט", בנימין לאַסטעטשקע, האָט זיי געלאָזט רעדען, און אז זיי האָבען אויסגעלאָזט, האָט ער אָנגעהויבען בזו הלשון:

— האָט קיין פאַראיבעל נישט, אייערע רעד זענען ארויסגע־וואָרפען. ערשטענס, זענט איהר נישט קיין באַווייבטע, און מיר געבען מעות־חטים נאָר פאַר באַווייבטע; צווייטענס, זענט איהר,

קיין עין־הרע, יונגע לייט, וואָס קאָנען געהן ארבייטען און פאַר־דיענען אויף פּסח. דריטענס, איז היינטיגס יאָהר ביי אונז א גע־רעטעניש אויף אָרעמע לייט, פאַרהאַן מעהר נעמערס, ווי געבערס; פיערטענס — ס׳איז א בזיון צו זאָגען, מיר האָבען שוין נישט פון גאַנץ פריה אָן א צעבראָכענעם גראָשען אין דער קאַסע. טאָמער גלויבט איהר נישט, נאָט זעהט.

און דער גבאי ראשון פון קאָמיטעט האָט זיי איבערגעקעהרט זיינע אַלע קעשענים אויף דער לינקער זייט, בעוויזען אויג־אויף־אויג, אַז ער איז נקי, ריין ווי גאָלד. דאָס בינטעל איז געבליבען אָהן לשון, נאָר דער לידער, שמואל־אבא פינגערהוט, האָט א פה קדוש — מע דאַרף איהם די צונג נישט פּיקען. ער האָט זיך אָנ־גערופען צום גבאי מיט א גאַנצער דרשה האַלב אידיש, האַלב רוסיש:

— זשאַל, וואָס איהר האָט נישט אָנגעהויבען פון׳ם סוף, וואָלט איהר פאַרשפּאָרט טראַטיען אַזוי פיעל פּאָראָך פּאָנאַפּראַסנאָ. נאָר איך וועל אייך געבען א וואָזראַזשעניע אויף אַלע אייערע דאָ־וואָדען. וואָפּערוויך, וואָס מיר זענען חאַלאַסטיאַקעס — איז דאָס פאַר אייך א מעלה: ווינציגער אָרעמע לייט אין שטעדטעל. וואָ־ווטאָריך, וואָס איהר זאָגט: אַרבייטען — סדיעלאַיטע אַדאָלזשע־ניע! גיט אונז אַרבייט, וועלען מיר אייך איבערקעהרען די וועלט! ווטרעטיך, וואָס איהר זאָגט: אָרעמע לייט, איז אין דעם שולדיג דער קאַפּיטאַליזם ס׳אָדנאָי סטאָראָני און די עקספּלאָאַטאַציע פון׳ם פּראָלעטאַריאַט ס׳דרוגאָי סטאָראָני. א וטשעטוויאָרטיך, וואָס איהר וויוואָראַטשעוועט די קעשענים אויף דער לינקער זייט, איז דאָס נישט קיין דאָקאַזאַטעלסטוואָ. מיר סאָמניעוואַיען זיך נישט, אַז ביי אייך אין דערהיים, נאַפּרימער, זענען די שאַפעס אָנגעפּאַקט מיט מצות, אייער, ציבעלעס און קאַרטאָפלים און גענזענשמאַלץ און טאָמו פּאָדאָבנאָיע, און ווייַן אויך אויף ארבע כוסות... איהר זענט אַלע בורזשוקעס און בעזסאָוועסטנע עקספּלאָאַטאַטאָרעס — און באָלשע ניטשעוואָ! טאָווארישטשי, קומט לאָמיר געהן!...

מיר מוזען נאָכגעבען, אַז כתרילעווקע, וואָס טאַנצט־נאָך אַדעס און אַלע אַנדערע גרויסע שטעדט, איז נאָך אַזוי ווייט נישט פאַר־געשריטען, אַז אַזאַ עקספּלאָאַטאַטאָר, ווי אונזער נגיד בנימין לאָס־טעטשקע, זאָל עפענען די שאַפעס, צעטיילען פאַר די אָרעמע לייט די מצות מיט די אייער מיט די ציבעלעס מיט די קאַרטאָפּלים מיט'ן גענזענשמאַלץ און מיט'ן ווײַן אויף ארבע כוסות, און אַליין זאָל ער בלייבען מיט ווייב און קינדער אָט אַזוי אַ... איך בין אָבער איבערצייגט, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אַז מיינע כתרילעווקער עקספּלאָאַטאַטאָרס וועלען דאָס זיכער טהון, זאָל נאָר פריהער בע־ווייזען אַדעס, אָדער יעהופּעץ, אָדער אַנדערע גרויסע שטעדט אַזאַ מין ביישפּיעל. כתרילעווקע, מיינע ליעבע פריינד, איז נישט מחויב צו זיין די ערשטע אויפ'ן יריד...

ה.

מיט אַ ריינעם געוויסען, איין אויסגעבאָרענער, אַ יום־טוב־דיגער, האָט זיך בנימין לאַסטעטשקע אוועקגעזעצט מיט ווייב און קינדער די ערשטע נאַכט פּסח צום סדר, רוהיג און אויפגעלעגט, טאַקי ווי איין אמת'ער מלך, וואָס פיהלט זיך גוט אין זיין מלוכה. אין דער רעכטער האַנד האָט ער די מלכה, שרה־לאה זיין ווייב, אויסגעפּוצט יום־טוב'דיג מיט אַ נייער זיידענער פאַטשיילע, פון וועלכער עס קוקען־אַרויס צוויי לאַנגע באַמבעלדיגע אויהרינגלעך פון עכט זילבער 84טע פּרובּ, און אַרום און אַרום טיש די קינדער, די פּרינצען מיט די פּרינצעסינס — אַ גאַנצער בוקעט פון אויסגע־צוואָגענע קעפּלעך, רויטע בעקלעך, בלישטשענדיגע אויגלעך. אפילו זלאַטקע די דיענסטמויד, וואָס אַ גאַנץ יאָהר איז זי איינגעשפּאַנט אין יאָך און אַרבייט ווי איין עזעל, האָט זיך אויסגעצוואָגען און אָנגעזייפט מיט פּאַטשולי־זייף און אַריין אין אַ ניי סיצען קליידעל מיט נייע „באָטינקעס" און מיט אַ ברייטער רויטער סטענגע אויפ'ן שווארצען גלאַנצענדיגען שטערן. אַלע פיהלען זיך גוט, מחיה, פריי,

גלייך ווי זיי אַליין זענען נאָר־וואָס אַרויס פון מצרים. מיט אַ קנאַק האָט דער יונגסטער פון די פּרינצען אָפּגעקלאַפּט די פיער קשיות, און דער פאָטער דער מלך, בנימין לאַסטעטשקע, האָט גע־נומען לאַנגזאַם, מיט זעהר אַ שענעם ניגון, אויף אַ הויך קול, ענט־פערען איהם אַ תירוץ, דעם אַלטען תירוץ: עבדים היינו — קנעכט זענען מיר געוועזען, לפרעה במצרים — ביי פּרעה׳ן אין מצרים, האָט אונז גאָט אַרויסגעצויגען פון דאָרטען מיט אַ שטאַרקער האַנד און מיט גרויסע וואונדער, בעצאָהלט פּרעה׳ן מיט צעהן שענע מכות... און האָט גענומען אויסרעכענען אויף אַ קול און מיט אַ ניגון די שענע מכות. פּלוצים...

ו.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טהיר, און נאָך אַ קלאַפּ, און נאָך צוויי קלעפּ. ווער זאָל דאָס זיין?... „עפענען, אָדער נישט עפענען?"... און עס איז געבליבען, אַז יאָ עפענען, ווארום דאָס קלאַפּען איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און דער מלך און די מלכה און די פּרינצען זענען אַלע געבליבען שטיל, און זלאַטקע די דיענסטמויד האָט געעפענט די טהיר, און אין שטוב זענען אריין דאָס גאַנצע בינטעל בחורים מיט זייער לידער, שמואל־אבא פינגערהוט, בראש, מיט אַ ברייטען „גוט יום־טוב!"... אונזער נגיד בנימין לאַסטעטשקע, חאָטש די נשמה איז איהם שוין געווען אין די פּיאַטעס, האָט זיך אָנגענומען מיט האַרץ און האָט אַ זאָג געטהאָן צו דער חברה:

— אַ גוט יום טוב, אַ גוט יאָהר. סקאַצעל קוממט. וואָס וועט איהר זאָגען גוטס?

איז אַרויסגעטראָטען שמואל־אבא פינגערהוט, דער גענעראַל־רעדנער, מיט אַ דרשה, ווי זיין שטייגער איז, אויף דער געמישטער האַלב־רוסישער שפּראַך, און האָט אַזוי געזאָגט:

— איהר זיצט דאָ אין דער ליכטיג ביי א גלאָז וויין און פּראַזדניוועט דעם הייליגען יום־טוב, און מיר, אָרעמע פּראָלעטאַריער, פּראָפּאַדאיען פון הונגער. איך געפין, אַז ס'איז ניעספּראַוועדליווע. איך פּריקאַזעווע אייך, איהר זאָלט הייסען אונז אָפּגעבען אייער יום־טוב'דיגע וועטשערע און איהר זאָלט נישט סמעיען ארויסלאָזען א פּיפּס, נישט עפּענען קיין פענסטער, נישט רופען קיין פּאָליציע און טאָמו פּאָדאָבנאָיע, וואָרום מיר וועלען מאַכען פון אייך אַש... חבר משה, וואו איז די באָמבע?...

. . . . . . . . . . . . . . . .

די לעצטע עטליכע ווערטער זענען שוין געווען געזונג, דאָס גאַנצע געזינדעל זאָל בלייבען ווי געלעהמט, ווי צוגעקאָוועט צו די ערטער. נאָר אַז דער „חבר משה", א שווארצער שוסטער־בחור מיט א שווארצער פּאטלע און מיט שווארצע פינגער, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט געגעבען א שטעל־אַוועק עפּיס א הויכע זאַך און א קיילעכיגע, איבערגעדעקט מיט א שמאַטע, — איז פון'ם גאַנצען הויזגעזינד געוואָרען דאָס, וואָס ס'איז אַמאָל געוואָרען פון לוט'ס ווייב, אַז זי האָט זיך אויסגעדרעהט, געוואָלט זעהן, וואָס איז געוואָרען פון די שטעדט סדום און עמורה...

און זלאַטקע די דיענסטמויד האָט מיט קלאָפּענדיגע צייהן אונטערגעטראָגען צום טיש פריהער די הייסע פּעפּעריגע פיש, נאָכדעם די יויך מיט די פעטע קניידלעך, לאַטקעס און פּאַלירטשי־קעס מיט אַלע אַנדערע גוטע זאַכען, און חברה האָבען דאָס אויפ־געקלאַפּט מיט אַזאַ אַפּעטיט, גלייך ווי זיי האָבען טאַקי באמת שוין לאַנג נישט געגעסען, און האָבען אַלע מאָל פערטרונקען מיט וויין, און האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט, נישט איבערלאָזען קיין טראָפּען, אפילו דאָס איי מיט דער זרוע מיט'ן כרפס מיט'ן מרור מיט'ן חרוסת האָבען זיי צורעכט געמאַכט, נישט איבערגעלאָזט קיין זכר, קיין סימן פון'ם סדר, אחוץ די הגדות. און בשעת מעשה האָט דער גענעראַל־רעדנער, שמואל־אבא פינגערהוט, נאָך געמאַכט

חוזק פון׳ם כתרילעווקער גביר, דעם עקספּלאָטאַטאָר בנימין לאַס־טעטשקע. ער האָט צו איהם אזוי געזאָגט:

— אַלע מאָל זאָגען מ י ר די הגדה און א י ה ר עסט די קניידלעך; נאָר וו׳נאַסטאַיאַשטשעיע ווראָמיא זאָגט א י ה ר די הגדה און מ י ר עסען די קניידלעך... לחיים, בורזשוי, זאָל גאָט געבען, איהר זאָלט ווערען א פּראָלעטאַרי אזוי ווי מיר!... לשנה הבאה בקאָנסטיטוציע!...

---

## דער עפּילאָג פון דער טראַגעדיע.

עס איז שוין געווען ארום האַלבע נאַכט, און דער אָרעמער נגיד בנימין לאַסטעטשקע מיט זיין הויזגעזינד זענען נאָך אַלץ געזעסען ארום טיש, נאָך אַלץ אין איין שרעק! אויפ׳ן טיש איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס „אומגליק" — דאָס הויכע, דאָס קיילע־כיגע, מיט דער שמאַטע איבערגעדעקט. די „חברה־לייט" האָבען אָנגעזאָגט פאר׳ן אוועקגעהן, זיי זאָלען בלייבען זיצען צוויי שעה אויף די ערטער, אַניט — וועט זיין שלעכט... יענע נאַכט איז אין דער שטוב קיינער נישט געשלאָפען; מ׳ע האָט געדאַנקט גאָט, וואָס מען איז ארוים מיט׳ן לעבען...

— נו, און וואָס איז געוואָרען מיט יענעם הויכען קיילעכיגען „אומגליק", וואָס אויפ׳ן טיש, מיט דער שמאַטע איבערגעדעקט?... אזוי פרעגט דער נייגיעריגער לעזער. און מיר בערוהיגען איהם: א בלעכענע פּושקע פון שוהוואַכס, אָנגעפּילט מיט מצה־מעהל, איז נישט געפעהרליך. זי מעג שטעהן טויזענד יאָהר, וועט זי נישט אויפרייסען, סיידען חלילה... א גוטען יום־טוב!

# מילכיגס

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ כתרילעווקער פרעסער).

געשריבען אין יאָהר 1903.

# מילכיגס

א חכם, הערט איהר, איז געווען דער, וואָס האָט איינגעפיהרט א מנהג, אז שבועות אין דער פריה זאָל מען עסען מילכיגס. וואָרום, לאָמיר זיך ניט נארען, וואָס קאָן זיין בעסער און פרישער און זיסער און געשמאַקער און וועלוועלער פון מילכיגס? אמת, צו מילכיגס באַדאַרף מען אויך האָבען געלט, נאָר ווי קומט דאָס צו פלייש? ביי פלייש איז פאַרהאַן פלייש און פאַרהאַן ביינער; און מילכיגס האָט אין זיך מילך, און קעז, און פוטער, און סמע־טענע, און פיד־סמעטענע און זויערמילך און סיראָוועטקע... היינט נעמט די מאכלים, וואָס מע קאָן מאכען פון מילכיגס. פון פלייש האָט איהר א יויך, א ראָסעלפלייש, און עסיגפלייש, א געבראָ־טענס — און שוין... פון מילך אָבער האָט איהר קאַשע מיט מילך, לאָקשען מיט מילך, רייז מיט מילך, און טייגלעך מיט מילך, און באַלאַבעשקעס מיט מילך, און פאַרפעל מיט מילך, און גלאַט מילך; היינט די מאכלים פון קעז און פוטער האָבען דען א שיעור? באַ־רעכענט נאָר: קרעפּלעך, און וואַרעניקעס, און וואַרניטשקעס, און א קוגעל, און א מאַהינע, און א טייגעכץ, און קנישעס, און מנישקעס, און בלינצעס, און צרות־קניידלעך, און קאַשניקעס, און ווערטליקעס, און ווערטוטען. און וויפיעל איז פאַרהאַן מאכלים, וואָס מע קאָן זיך ניט אָנגעדענקען! למשל: קאָרזש מיט קעז, מאַסליטש־קענע קאַשע, און פיש געפּרעגעלטע אויף פוטער, און א באָרשט א מילכיגער, און ראַזשענקע, און מאַסלינקע — אַלץ אַזעלכע פּאָט־ראַוועס, וואָס קיינער זאָגט זיך פון דעם ניט אָפּ, סיידען שוין

נאָר איין אָפּגעריסענער נאַר, וואָס מע באַדאַרף איהם געבען קיינע שטרוי...

וואָרום איך, מע זאָל מיך אויפוועקען אין מיטען נאַכט און מיר דערלאַנגען מילכיגס, איז אַבי איך בין נאָר ניט פליישיג, איז מיט'ן גרעסטען כבוד! למאי זאָל איך לייקענען? איך האַלט פון מילכיגס. און ניט אַזוי איך, ווי „זי". ביי אונז אין כתרי־לעווקע הייסען מיר „די פרעסערס", חאָטש עסען עסען מיר גלייך מיט אַלע אידען, דאָס הייסט: קדחת אין אַ קליין טעפּעלע. אַי, די קשיא: פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען „פרעסערס"? לאָז מיך אַזוי ווּיסען בייז! עס קאָן זיין, עס נעמט זיך דערפון, וואָס מיר האָבען ליעב רעדען פון עסען. למשל, איך אַליין האָב ליעב אַרויסצוגעהן אין מאַרק און שטעהן ביי די פיש. פיש איז ביי מיר דאָס חיות. פאַר פיש וואָלט איך אָוועקגעגעבען מי יודע וואָס! און אפשר נעמט זיך עס פון דעם, וואָס מען עסט ביי אונז אַ סך ברויט. למשל, ביי מיר געהט אָוועק, קיין עין-הרע, אַ סך מעהל אויף שבת, וואָרום ס'איז פאַראַן ביי מיר, ניט צו פאַרזינדיגען, ווער ס'זאָל קייען. איך האָב, זיי זאָלען לעבען און געזונט זיין, דריי פערטעל טוץ, און אַלע, ברוך השם, האָבען אַפּעטיט צום עסען, מע דאַרף מיט זיי חלילה צום רבי'ן ניט אָנקומען, ביי'ם דאָקטאָר קיין עצות ניט פרעגען. הלואי וואָלט נאָר געווען וואָס צו עסען, וואָרום איך בין, לא עליכם, נישט פון די גרויסע נגידים, דאָס הייסט, חלילה נישט קיין אָרעמאַן, נאָר קיין גביר אודאי ניט! איך בין אַליין אַ קרעמער בין איך; מאַהלט אייך, אַ קראָם ביי מיר אויף אַלע אידישע שונאים! ס'איז נאָר איין אויסרעד, ניט קיין קראָם; איך באַדאַרף זי האַלטען צוליעב דעם קרוב, די קראָם הייסט עס. איך האָב, פאַרשטעהט איהר מיך, מיין אייגענם אַ קרוב אַ רייכען, פון „איהר" צד: זיין פאָטער און איהר מוטער'ס מוטער זענען געווען אייגענע געשוועסטער־קינדערלעך; אפילו אַ ווייטליכער קרוב, נאָר דאָך אַ קרוב. ער איז אַ יאַמפּעלער איז ער, דאָס הייסט, ער זיצט אין יאַמפּעלע

און רעכענט זיך דאָרט צווישן די גבירים, דאָס הייסט, אַמאָל האָט ער זיך גערעכענט גאָר צווישן די גרויסע גבירים, היינט איז ער אביסעל דאָסיג, איך מיין פאַרדרעהט... נאָר פון דעסט־וועגן געהער זיך ניט אָן איינס מיט'ן אנדערן, זיין שאָדען אויף מיר געזאָגט געוואָרען. וואָס ער צאָהלט איבער נאָך היינט א יאָהר פראָצענט — וואָלט געוועזן גענוג פאַר אונז ביידען.

קומען מיר, הייסט עס, א מאָל צו איהם אויף קבר־אָבות — א מאָל איך, א מאָל „זי". מע וויינט זיך אויס אביסעל, בייזערט ער זיך אפילו, וויל ניט ליידען, נאָר עס העלפט איהם, ווי דער פאַראיאָהריגער שניי. ער מוז, ער מוז געבען, נישט געלט — איז סחורה, נישט סחורה — איז א וועכסעל. ער האָט דען איין אנדער ברירה? וואָרום „זי", אז זי צעוויינט זיך, איז מען גערן, אז זי הערט־אויף: „נא דיר, הייסט דאָס, אבי וויין ניט!"... אז זיי דערזעהען זי פון דערווייטען, ווערד זיי צעהן לעבער אין הארצען. זיי פרובען זיך מיט תירוצים: „מען איז ניטאָ אין דערהיים, אוועקגעפאָהרען פון יאמפעלע, שטאַרק פאַרנומען — בלאָטע! ווי א טוידטען באנקעס! „אונזערס" מוז אָפּגעגעבען ווערען גאָר אָהן א שום תירוץ!... נאָר וואָס זאָלט איהר קלערען? ס'איז אודאי נישט גוט, אז מע דאַרף אָנקומען צו־נ־א מענטשען, נאָר וואָס זאָל מען טהון? ווי זאָגט מען דאָס: כל זמן שהנשמה בקרבי — איז רייב, מאָטי! א מענטש, כל זמן ער לעבט, דאַרף ער עסען!...

שייך זאָגען עסען? נישט צוליעב דאָס עסען לעבט א מענטש. א מענטש איז דאָך ניט קיין בהמה. א בהמה איז א בהמה, און א מענטש איז א מענטש; און א מענטש, אז ער וועט ניט עסען, פון וואַנען וועט ער לעבען? אָט דערפון אליין קאָנט איהר שוין פאַרשטעהן, אז מע האָט א ווייב מיט, קיין עין־הרע, נייען פיקערס, באַדאַרף האָבען א שען פנים א ברויט אָדער א בולקע, אז מע לעגט אוועק אויפ'ן טיש. און אפילו א שיסעל קאַרטאָפעל, זי מעג

זיין מיט א בארג, איז נענוג איין פערטעל שעה, ס'זאל ניט בלייבען קיין שריד ופליט, גלייך ווי ס'איז גאר קיינמאל קיין קארטאפעל ניט געווען אויף דער וועלט אפילו! ס'איז א מחיה צו קוקען, זאג איך אייך, ווי מען עסט, קיין עין־הרע, ביי מיר. איך האב ליעב צו זעהן ווי זיי עסען, איך האב דערפון פארגעניגען. און ווער שמועסט פרייטאג, אז מע נעמט־ארוים די פרישע שמע־קענדיגע חלה פונ'ם אויווען, רוף איך צונויף מיין חברה און זאג זיי: „קינדער, ראטעוועט!" — זאלט איהר זעהן, ווי מע ראַ־טעוועט — מחיה נפשות! און אז גאט העלפט, ס'איז פארהאן צו דער פרישער חלה א ראסעלפלייש, א הייס, מיט קנאבעל און מיט „סאוועסט", מיט יויך הייסט עס, געוויינטליך, מעהר יויך ווי פלייש, מע קאן זאגען כמעט סאמע יויך, דעמאלט קאן מען טונקען און טונקען — און, נישקשה, מען איז, ברוך השם, גאנץ צופריעדען. ווארום וואס טהוט מען חלילה, אז ס'איז דאס אויך נישטא? האט מען א ברירה דעמאלט עסען חלה מיט ברויט, דאס הייסט, איך האב געוואלט זאגען ברויט מיט חלה. א ביס ברויט, א ביס חלה, און גלויבט מיר — פאר א הונגעריגען מאגען איז דאס אויך א מאכל. והראיה, נעמט לימאנאד — איהר האט ווען געגעסען ברויט מיט לימאנאד? קיינמאל ניט? פארזוכט א מאל אויף א ציקאוועסט, נאר בתנאי, איהר זאלט זיך פריהער רעכט אויסהונגערען, אזוי, אז ס'זאל אייך חלש'ען דאס הארץ, ציטערען די הענט און ציהען די אדערען פון די פיס, וועט איהר דעמאלט בנאמנות פיהלען טעם גן־עדן. אזוי שטיפעלט דאס אפילו ביי דער צונג, ווי, געוויינטליך, לימאנאד, נאר אז מען איז הונגעריג, און מען עסט דאס מיט ברויט, איז דאס א מאכל־מלכים!

איך זעה, איהר חידוש'ט זיך, וואס איך בין אזוי קלאר אין „הלכות אכילה"? איך האב דאך אייך געזאגט, אז ביי אונז אין כתריליעווקע הייס איך פון די „פרעסערס", דערפאר, פארשטעהט איהר מיך, וואס איך געה מיט דעם גאנג, אז א מענטש לעבט איין מאל, ניט קיין צוויי מאל, און אז מען עסט א גאנצע וואך

מכות און שבת קרחת, דאַרף מען זעהן חאָטש יום־טוב זיך אָנ־טהון אביסעל וואוילטאָג. וואָס זאָגט איהר, ניט אזוי? דעריבער אז עס קומט ביי מיר שבועות, מעג זיך איבערקעהרען די וועלט. פאַרהאַן פאַר וואָס, צי ס'איז ניטאָ פאַר וואָס, — א מילכיגע סעודה דאָס מוז זיין, גאָר אָהן א שום תירוץ! קודם כל — ציקאָריע מיט מילך; דאָס איז שוין א חוק ולא יעבור, וואָרום „זי", אז עס קומט שבועות־צייט, הויבט איהר שוין אָן צו ציהען, זאָגט זי, דאָס הארץ נאָכ'ן גלעזעל ציקאָריע! דאָס גלעזעל ציקאָריע איז ביי איהר, זאָגט זי, טייערער פונ'ם גאַנצען מילכיגס! מאָהלט אייך, לאָז זיך אייך דאַכטען, אז ס'איז נאָר גערעדט אזוי; וואָרום נאָכ'ן גלעזעל ציקאָריע ווילט זיך נאָך עפּיס — למשל, באָרשט. איך מיין דעם שענעם גרינעם מילכיגען שבועות'דיגען באָרשט, וואָס מיט באָטווינע, מיט ציבעלקעלעך און מיט יונגע בורעקלעך פאַרבראָקט און מיט סמעטענע פאַרווייסט. א כפרה, הערט איהר, אלע עסענס פאַר איין מילכיגען באָרשט א גוטען! ביי אונז, אין געמיינעם גראַד, ווען עס זאָל חלילה נישט זיין קיין באָרשט, וואָלט מען געוויס נישט אויסגעהאַלטען אידישקייט, ניט פּסח, ניט שבועות! דער חילוק איז נאָר אין דעם, וואָס צום פּסח'יגען באָרשט מוז מען האָבען א שטיקעל פלייש, אָדער אביינדעל, אָדער א לעפעל שמאַלץ, און צום שבועות'דיגען באָרשט באַדאַרף מען נישט האָבען גאָרנישט ניט! איז פאַרהאַן א קאָפּ מילך אויף צו פאַרווייסען דעם באָרשט — איז גוט, אלא ניט — מוז מען זיך באַגעהן דערמיט, וואָס ער איז געקאָכט אין א מילכיגען טאָפּ. וואָרום מיין חאַליאַסטרע, קיין עין־הרע, מע זאָל זיך צו זיי וועלען צולאָזען און געבען חליעפּטשען ריינע מילך, איז ניט שייך צו זאָגען א ציעג, — דריי ציעגען וואָלט געווען ווינציג, און מיר בסך הכל פאַרמאָגען אונזער אייגענס א האַלבע ציעג, מיר האָבען, הייסט דאָס, בשותפות מיט א שכן א ציעג האָבען מיר. א ווילדע זאַך, זי געהט ביי אונז אלע מאָל אין שאָדען, און מיר האָבען פון איהר אָפּגעשניטענע יאָהר! ניט לאַנג האָט זי זיך מיישב געווען, די

ציעג הייסט עס, און הערט זיך נאָר אויף צו מעלקען, דאָס הייסט, מעלקען מעלקט זי זיך, נאָר קיין מילך גיט זי ניט; הײַנט נעמ ציה ארוים פון אזא חיה קרעפּלעך מיט וואַרעניקעס! „אוי, זאָג איך צו מיין ווייב, קרעפלעך! איך וואָלט אוועקגעגעבן, זאָג איך, פאַר מילכיגע קרעפלעך אָדער וואַרעניקעס איך ווייס אַליין ניט וואָס! טאָמער וואָלסט דו טאַקי געזעהן, שרה־זיסעל, ס'זאָל זיין, זאָג איך, קרעפּלעך, אם ירצה השם, אויף שבועות?"... מאַכט זי צו מיר: „פון וואָס, למשל?" זאָג איך: „דערויף ביזט דו דאָך עפּים אַ בעל־הבית'טע ביי מיר". זאָגט זי: „צו קרעפּלעך באַדאַרף זיין אייער — דאָס ווייסט דו?" זאָג איך: „איך ווייס, פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען? אַ קונץ, זאָג איך, צו מאַכען קרעפּלעך מיט אייער? ווייז אַ בריה'שאַפט אָהן אייער!" זאָגט זי: „חכם בלילה! וואָס זשע טהוט מען מיט קעז?" זאָג איך: „מיט קעז וואָלט שוין געווען נישקשה, שלעכט איז, וואָס אָהן קעז!" זאָגט זי: „הײַנט וואָס זשע ווילסט דו?" זאָג איך: „וויל איך, זאָלסט חאָטש מאַכען רעטשענע וואַרניטשקעס". זאָגט זי: „צו וואַרניטשקעס דאַרף מען פּוטער". זאָג איך: „וואו שטעהט דאָס געשריבען? אין ספר פּראַלניק?" זאָגט זי: „דו דאַרפסט בעסער וויסען וואו עס שטעהט געשריבען, דו האָסט געלערענט אין חדר". זאָג איך: „ווייסט דו וואָס, מיין ווייב, וואָס איך וועל דיר זאָגען? אזוי ווי מיר האָבען נישט קיין אייער, און נישט קיין קעז, און נישט קיין פּוטער, טאָ לאָמיר חאָטש אזוי אביסעל רעדען פון מילכיגס. וואָס וואָלסט דו, כדומה למשל, געמאַכט אויף שבועות צו דער סעודה, ווען דו זאָלסט, אשטייגער, האָבען מיט וואָס?" זאָגט זי: „צייט איך לעב האָב איך ניט געזעהן, אַ מענטש זאָל אזוי זיין אריינגעטהאָן אין דער אכילה!" זאָג איך: „וואָס וועט דיך אהרען, אז מיר וועלען אביסעל רעדען? עס קאָסט דיך געלט? לאָז זיך דיר דאַכטען, עלעהיי דו האָסט אַלסדינג, אי קעז, אי פּוטער, אי אייער — וואָס פאַר אַ מילכיגע סעודה וואָלסט דו מיר דעמאָלט מאַכען?"... זאָגט זי: „וואָס

וואָלסט דו וועלען, איך זאָל מאַכען?" זאָג איך: „אַ טייגעכץ"... זאָגט זי: „אַ זולל־וסובא'ניק דאָס איז! אַ טייגעכץ נעמט צו די גאַנצע פּוטער"... זאָג איך: „לאָז זיין אַ מאַהינע"... זאָגט זי: „וואָס עפּיס אַ מאַהינע?"... זאָג איך: „ווילסט ניט קיין מאַהינע — לאָז זיין קנישעס"... זאָגט זי: „מיט וואָס? מיט קאַשע?"... זאָג איך: „ס'אַ משל! מיט קאַשע איז דאָך עס שוין קאַשניקעס!"... זאָגט זי: „ווערליג דיין מאַנסבילשער קאָפּ פאַרטראָגט, קומט אויס ביי דיר קאַשניקעס". זאָג איך: „מסתמא פאַרשטעהסט דו בעסער, איך וויל זיך מיט דיר ניט שפּאַרען. איך האָב פאַרגעסען, זאָג איך, רעכענען פיש געפּרעגעלטע אויף פּוטער. ווי מיינסטו דו?"... זאָגט זי: „אַלסדינג ווילט זיך איהם! מיינסט אודאַי קאָרעשלעך?"... זאָג איך: „עס מעג זיין קאָרפּ, און עס אַהרט מיך ניט קיין שלייען, און מיט העכטלעך, זאָג איך, וועט מען זיך אויך ניט סמ'ען, און אפילו טאָמער חלילה פּלאָטוויצעס, וועל איך דיר אויך קיין גט נישט געבען, אַבי ס'זאָל זיין, זאָג איך, גוט געפּרעגעלט"... זאָגט זי: „אַ טרפה'נער האַלז דאָס איז! איך האָב מורא, דו וועסט זיך ניט אָפּזאָגען פון געקאָכטע פּעפּעריגע רויג מיט קאַרטאָפּעל"... זאָג איך: „אָך! מיט'ן גרעסטען כבוד! אַבי ס'זאָל זיין, זאָג איך, נאָכדעם גוטע מנישקעס"... זאָגט זי: „אַ קישקע אָהן אַ דנאָ! בלינצעס קערסט דו מיינען?"... זאָג איך: „ניין, בפירוש מנישקעס! בלינצעס איז זיך בלינצעס, און מנישקעס איז מנישקעס! מנישקעס — דאָס איז אַזאַ מין מאכל, זאָג איך, וואָס האָט אַ טעם פון צרות־קניידלעך. וואָלסט מאַכען צרות־קניידלעך, זאָג איך, צי אפשר, גלאַט קניידלעך מיט מילך?"... זאָגט זי: „איהם איז קנאַפּ די וועלט! איך וואָלט דיר אפשר מאַכען אַ מילכיגען קאָליש?"... זאָג איך: „מיינסט אודאַי, מיט האָלעשקעס אָדער מיט באַלאַבעשקעס?"... זאָגט זי: „באַלאַבעשקעס? פּע! אַ קבצנישער מאכל!" זאָג איך: „ביזט דו די גרויסע גביר'טע, אפּנים?"... זאָגט זי: „קיין גביר'טע בין איך ניט, האָב איך חאָטש אַ משפחה אַ רייכע"...

זאָג איך: „אַ סך האָסטו דו פֿון דיין משפּחה!”... זאָגט זי: „מעהרער ווי דו פֿון דיין משפּחה אודאי!”...

בקיצור, מיין משפּחה, דיין משפּחה — אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ווי געוויינטליך מאַן און ווייב, אַז זיי צעוועטלען זיך; מע צע־קריגט זיך און מע בעט זיך גיך איבער, וואָרום עס איז דאָך יום־טוב, שבועות אויף דער וועלט! און שבועות איז דאָך דער בעס־טער ליעבסטער יום־טוב פֿון אַלע ימים־טובים, וואָרום וואו האָט איהר נאָך אַזאַ ליעבע, זיסע, געשמאַקע זאַך, ווי אַז מען איז פריהער אַ גאַנצע נאַכט אויף, מע זאָגט זיך אָן, ווי אַ פּויק, מיט תקון־שבועות, מע געהט־דורך פּאַוואָלינקע אַלע תרי״ג מצוות, די גאַנצע תורה הייסט דאָס, און מע שטעהט־אויף גאַנץ פריה פֿונ׳ם תקון־שבועות און גלייך אין שוהל אריין, און דאָרטען, אויף׳ן ניכטערען האַרצען, הערט מען זיך דאָס אָן אַביסעל פֿונ׳ם שענעם „אקדמות” יענע טייערסטע מאכלים, פֿונ׳ם לויתן מיט׳ן שור־הבר, וואָס הקדוש־ברוך־הוא האָט אַליין אָנגעגרייט פאַר זיינע אידעלעך אין גן־עדן, וואָס טייכען וועלען דאָרטען פליסען בוימעל, און דער אַלטער טייערסטער ווין שטעהט שוין דאָרטען פֿון ווען־אָן פאַרקאָרקעוועט אין די פלעשער און וואַרט, וואַרט אויף אונז... ס׳איז דאָך ניט שייך צו זאָגען! וואו האָט איהר נאָך אַזאַ אומה ולשון, ווי אידען, מיט אַזוי פיעל גוטע זאַכען, ווי ביי אידען?... ס׳איז נאָר אַ גרי־זאָטע, כלעבען, וואָס מיר האָבען מעהר ניט ווי איין מאָל אין יאָהר שבועות!... האָט איהר ניט ביי זיך אַ סיגאַרעטעל?...

# אַ גרינגער תענית

אַ בילד לכבוד תשעה־באָב.

געשריבען אין יאָהר 1903.

# אַ גרינגער תענית

דאָס, וואָס ס'האָט נישט געקאָנט אויספיהרען דער בעריהמ־טער דאָקטער טאַנער, האָט דורכגעפיהרט חיים חייקין, אַ קליין אָרעם אידעל פונ'ם קליינעם אָרעמען כתרילעווקע.

דער דאָקטאָר טאַנער האָט געוואָלט ווייזען, אַז אַ מענש קאָן פאַסטען פערציג טעג, און האָט זיך אָפּגעמוטשעט בסך־הכל אויב נישט אַ טאָג אַכט און צוואַנציג, נישט מעהר, שיער נישט געשטאָר־בען. אי דאָס, האָט מען איהם אונטערגעגאָסען מיט לעפעלעך וואַסער, געגעבען שלינגען שטיקלעך אייז, צוגעהאַלטען דעם דופק — אַ גאַנצער טאַרעראַם!

חיים חייקין האָט בעוויזען, אַז מע קאָן פאַסטען אַ סך מעהר ווי פערציג טעג, געוויינטליך נישט רצופים, נישט איין טאָג נאָכ'ן אַנדערען, נאָר דורכ'ן יאָהר זאָל זיך אָננעמען אַ מאה טעג — אויב נישט מעהר.

נאָר פאַסטען!

וואָס מיר טראָפּענס וואַסער? ווער מיר שטיקלעך אייז? פאַסטען הייסט: נישט געגעסען, נישט געטרונקען אַ מעת־לעת, אמת'ע פיער און צוואַנציג שעה.

און קיין דאָקטוירים זיצען נישט ביי דער זייט, און האַלטען נישט ביי'ם דופק. שאַ, שטיל!

וואָס איז די מעשה?

חיים חייקין איז נעבאַך אַ גרויסער אביון און אַ מטופל מיט קינדער — און פון זיי, פון די קינדער, איז ער זיך מפרנס.

קינדער האָט ער, מיינסטענס, מיידלעך, און זיי זענען אויף דער „פאַבריקע", זיי ארבייטען גילזען, און פערדיענען ווער א גילדען און ווער א האלבען גילדען א טאָג. אי דאָס — נישט אַלע טאָג: וואו איז שבתים? ימים-טובים? וואו זענען די טעג פון „שטרייק"? דאנקען גאָט, אומעטום, אפילו דאָ אין כתרילעווקע, ווייסט מען שוין: שטרייק!

און דערפון דאַרף מען צאָהלען דירה-געלד — א נאַס ווינקעל ערגיץ אין א קעלער.

און דערפון דאַרף מען קליידען אַלעמען און שוכען, משטיינס געזאָגט! קליידלעך האָבען אַלע, נאָר שיך — א פּאָר אויף צווייען.

און דערפון דאַרף מען עסען, משטיינס געזאָגט! מכות עסט מען; ברויט א שטיקעל, אָנגעשמירט מיט קנאָבעל, אמאָל א קרופּ-ניק, אמאָל טאראַן א שטיקעל, וואָס ברענט-ארויס דאָס הארץ, קאָן מען נאָכדעם טרינקען, טרינקען א גאַנצע נאַכט.

קומט צום עסען, דאַרף מען טיילען, אַלעמען ארויסטיילען דאָס שטיקעל ברויט, ווי לעקאַך.

— אוי דאָס עסען! אוי דאָס עסען זייערס!

אזוי זאָגט חייקע, חיים חייקין'ס ווייב, א קראַנקע נעבאָך, הוסט, הוסט גאַנצע נעכט.

— קיין עין-הרע! — זאָגט דער פּאָטער חיים חייקין, און ער קוקט, ווי די קינדער שלינגען גאַנצע שטיקער ברויט, און אליין וואָלט ער אויך עפּיס א בעלן זיין נעמען אין מויל אריין, נאָר אז ער וועט נעמען — וועלען די צוויי קלייניטשקע, פריידקע און ביילקע, בלייבען אָהן ווטשערע.

און ער צעשניידט זיין חלק ברויט אויף צווייען און גיט אוועק די צוויי קלייניטשקע, פריידקען און ביילקען.

— פריידקע! ביילקע! נאַט אייך נאָך צו שטיקלעך ברויט, וועט זיין אויף ווטשערע.

פריידקע און ביילקע ציהען-אויס די דאַרע שוואַרצע הענט-לעך, קוקען דעם פּאָטער אין די אויגען אריין, גלויבען נישט:

אפשר טרייבט ער דאָס קאַטאָוועס?... קינדער זענען נאַשערס: שפּיעלען זיך מיט'ן טאַטענ'ס חלק ברויט אַזוי לאַנג, ביז זיי בייסען־אָפּ אַלע מאָל אַ שטיקעל. דערזעהט די מוטער און הויבט אָן שרייען און הוסטען בשעת מעשה:

— רק מען עסט, רק מען עסט!

דער פאַטער קאָן דאָס נישט האַרבען, וויל איהר אָפּענטפערען, נאָר ער שווייגט; ער קאָן נישט רעדען, ער טאָר נישט רעדען. וואָס איז ער דאָ? אַ צעבראָכענער שאַרבען. ער איז דאָ דער לעצטער שבלעצטער, איבעריג ביי אַלעמען, איבעריג ביי זיי, איבעריג ביי זיך אַליין.

וואָס, משטיינס געזאָגט, אַז טהון טהוט ער גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט; נישט מחמת ער וויל נישט, אָדער מחמת עס שטעהט איהם נישט אָן, נאָר ווייל ס'איז נישטאָ וואָס צו טהון! נישטאָ און געגוג! דאָס גאַנצע שטעדטעל קלאָגט זיך, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טהון! צונויפגעטריבען, קיין עין־הרע, אַביסעל אידען, אַ שמחה, נו־נו!

„גם זו לטובה!" — אַזוי טראַכט חיים חייקין. גוט, וואָס ער האָט חאָטש קינדער, אַנדערע האָבען דאָס אויך נישט. נאָר ארויסקוקען אויף קינדער!?

הערט איהר? נישט גוט, אַז מע דאַרף ארויסקוקען אויף קינדער. נישט מחמת זיי זשאַלעווען איהם — חלילה! נאָר ער אַליין קאָן נישט. ער קאָן נישט!

ער ווייסט, ווי אַזוי די קינדער האָרעווען זיך אָן דעם טאָג; ער ווייסט, אַז מע קוועטשט פון זיי אַרוים דעם שוויים ביז'ן לעצטען טראָפּען. ער ווייסט!

יעדער ביסען ברויט איז ביי איהם אַ טראָפּען בלוט; ער טרינקט די קינדער'ס בלוט. איהר הערט? ער, חיים חייקין, טרינקט זייער בלוט. ער קאָן נישט!

— טאַטע, פאַר וואָס עסט דו נישט? — פרעגען איהם די קינדער.

— ביי מיר איז היינט... א תענית. — ענטפערט זיי חיים חייקין.

— ווידער א תענית? וויפיעל תעניתים האָסט דו דאָס?

— ווינציגער, וויפיעל טעג אין וואָך.

און חיים חייקין זאָגט נישט קיין ליגען. ביי איהם איז אָפט א תענית. און דאָך איז פארהאַן טעג אזעלכע, וואָס ער עסט.

און דער טאָג, וואָס חיים חייקין פאַסט, איז ביי איהם דער בעסטער טאָג.

ראשית, איז דאָך דאָס א מצוה פאר גאָט. מעהר מיט א שטי־קעל עולם הבא, וואכסט פּראָצענט, ווערד גרעסער דאָס קאַפּיטאַל...

והשנית, געהט נישט אוועק אויף מיר קיין פּרוטה, איך דארף פאר קיינעם נישט אָפּגעבען קיין דין וחשבון. אמת, קיינער פרעגט טאַקי נישט ביי מיר; נאָר צו וואָס דארף איך דאָס, אז איך קאָן זיך בעגעהן אזוי?...

און וואָס איז ווערטה אָט דאָס, וואָס איך פיהל זיך עטוואָס העכער פון א בהמה? א בהמה עסט אַלע טאָג, איך קאָן מיך בע־געהן א טאָג איבער א טאָג. א מענטש דארף שטעהן העכער פון, להבדיל, א בהמה.

— אך, ווען א מענטש זאָל קאָנען דערגעהן צו דער מדרגה, אז מע זאָל זיך באַגעהן גאָר אָהן עסען!... איז אָבער די קישקע, צו אַלדי שווארצע יאָהר! — אזוי זאָגט חיים חייקין צו זיך אַליין, און מחמת הונגער הויבט ער אָן צו חקירה'ן, זיך ארייַנלאָזען אין פילאָזאָפיע.

— איבער דער קישקע, איבער דער תאוה פון עסען, נעמען זיך אַלע צרות אויף דער וועלט. איבער דער קישקע, איבער דער תאוה פון עסען, בין איך א קבצן און מיינע קינדער באַדאַרפען האָרעווען מיט'ן בלוטיגען שוויס, ריזיקירען מיט'ן לעבען פאר'ן שטיקעלע ברויט.

„וואס וואלט זיין, למשל, ווען א מענטש זאל נישט באדארפען עסען? אי־אי־אי! מיינע קינדער וואלטען דעמאלט זיין אלע אין דערהיים! אויס הארעווען! אויס שוויצען! אויס סטרייקע־ווען! אויס ריזיקע! אויס פאבריקען! אויס פאבריקאנט! אויס נגיד! אויס קבצן! אויס קנאה! אויס שנאה! אויס, אויס, אויס! — א גן־עדן! א גן־עדן!"...

אזוי טראכט זיך חיים חייקין און פערטיעפט זיך ווייט אין חקירות און בעדויערט די וויסטע וועלט, און עס טהוט איהם באנג, זעהר באנג, פאר וואס גאט האט בעשאפען אזוי דעם מענשען, אז ער איז גאר נישט ווייט פון, להבדיל, א בהמה...

---

דער טאג, וואס חיים חייקין פאסט, זאג איך אייך, איז דער בעסטער טאג פאר איהם, און דער טאג פון איין אמת'ען תענית, פון תשעה־באב, למשל, — איז פאר איהם (ער שעמט זיך מודה זיין) א יום־טוב!

איהר פערשטעהט? אי נישט געגעסען, אי נישט קיין בהמה, אי נישט נהנה געווען די קינדער'ס בלוט, אי פערדיענט א מצוה, אי רעכט אויסגעוויינט זיך אויף חורבן בית־המקדש.

ווארום ווי קאן מען וויינען, אז מען איז זאט? ווי קאן א זאטער פיהלען צרות? אום צו פיהלען צרות בעדארף חלש'ען דאס הארץ!

— דער גוטער יאהר ווייסט זיי! געבען נאך דער קישקע, האבען מורא פאסטען, שענקען זיי חאבאר דעם רבונו של עולם — א גראשען!

אזוי פלעגט זאגען חיים חייקין און האט געפייערט אויף די, וואס קויפען זיך אויס פון תענית און ווארפען־אריין אין צדקה־פושקע א הארטען דרייער.

דער שווערסטער פון אלע תעניתים איז תשעה־באב. אזוי זאגט די וועלט.

חיים חייקין פערשטעהט נישט, פאַר וואָס? דער טאָג איז גרויס? איז די נאַכט קלענער. ס'איז הייס אין דרויסען? ווער הייסט אייך אַרומדרעהען זיך אויף דער זון? זיצט אין שוהל און זאָגט. פאַרהאַן, דאַנקען גאָט, וואָס צו זאָגען.

— און איך זאָג אייך, — אַזוי דרינגט חיים חייקין — אַז תשעה־באָב איז דער גרינגסטער פון אַלע תעניתים, ווייל ער איז דער בעסטער. דער בעסטער תענית!

למשל: יום־כפור א תענית. „ועניתם את נפשותיכם" שטעהט געשריבען: „און איהר זאָלט פייניגען אייערע ליבער". בכדי וואָס? בכדי איהר זאָלט אייך אויסבעטען א גוט קוויטעל, א גוט יאָהר.

תשעה־באָב שטעהט נישט, איהר זאָלט פאַסטען, נאָר איהר פאַסט אַליין, וואָרום ווי קאָנט איהר עסען דעם טאָג, ווען ס'איז חרוב געוואָרען דאָס בית־המקדש און אידען האָט מען גע'הרג'עט, ווייבער צעשניטען, קינדער געקוילעט?...

תשעה־באָב שטעהט נישט, מע זאָל וויינען, נאָר עס וויינט זיך אַליין, וואָרום ווי קאָן מען זיך איינהאַלטען פון טרערען, אַז מע דערמאָנט זיך, וואָס מיר האָבען יענעם טאָג פערלוירען?...

— איין עבירה, וואָס נאָר א י י ן תשעה־באָב! — זאָגט חיים חייקין. — איין עבירה, וואָס נאָר א י י ן יום־כפור...

— נו, און שבעה־עשר־בתמוז? — רופט זיך אָפּ איינער פון דער זייט.

— מעהר נישט איין שבעה־עשר־בתמוז! — ענטפערט איהם חיים חייקין מיט א זיפץ.

— נו, און צום־גדליה? און אסתר־תענית? — פרעגט איהם יענער ווייטער.

— מעהר נישט, אַז איין צום־גדליה! איין תענית־אסתר! — ענטפערט חיים חייקין ווידער מיט א זיפץ.

— ע, רב חיים! איהר זענט דאָך עפּיס גאָר א זולל־וסובא'ניק אויף תעניתים!

— קארג תעניתים, קארג תעניתים! — זאָגט חיים חייקין, און ער נעמט אויף זיך פון איצט אָן און ווייטער פאַסטען ערב תשעה־באָב אויך, צוויי טאָג רצופים, איינס נאָכ׳ן אַנדערע.

א וואוילע זאַך צוויי טאָג כסדר פאַסטען. הערט איהר? מחיה נפשות!

שווער איז נאָר דאָס טרינקען! דאָס הייסט: שווער איז דאָס, וואָס מע קאָן נישט טרינקען! חיים חייקין נעמט זיך אונ־טער: מיט איין גלאָז וואסער אַלע טאָג פאַסט ער אייך א גאַנצע וואָך ביז שבת.

איהר מיינט, ס׳איז נאָר געזאָגט? בלאָטע! חיים חייקין איז א מענש, וואָס ביי איהם איז אומר ועושה — געזאָגט און געטהאָן.

די גאַנצע וואָך, וואָס פאַר תשעה־באָב, האָט ער שוין אויפ־געהערט עסען, געלעבט מיט א ביסעל וואסער.

ווער האָט זיך אויף איהם ארומגעקוקט? אז חייקע זיין ווייב איז געבאַך קראַנק, די עלטערע קינדער זענען ביי די גילזעס, די קלענערע פערשטעהען נאָך נישט. פריידקע און ביילקע ווייסען נאָר, אז זיי זענען הונגעריג (און הונגעריג זענען זיי תמיד), ציהט זיי געבאָך דאָס הארץ און זיי ווילען עסען.

— היינט האָט איהר נאָך א חלק ברויט. — זאָגט זיי דער פאָטער און צעשניידט זיי אויף צווייען זיין חלק ברויט, און פראַדקע און ביילקע ציהען אוים די דאַרע שוואַרצע הענטלעך און קווּעלען.

— טאַטע, דו עסט נישט? — זאָגען איהם די עלטערע אויף ר׳ערנאַכט בשעת וועטשערע. — היינט איז דאָך נישט קיין תענית!

— אָסור אויב איך פאַסט! — זאָגט זיי דער פאָטער און טראַכט זיך: „אי אָפגענאַרט, אי קיין ליגען נישט געזאָגט. וואָרום וואָס איז א טרונק וואסער? וואסער איז נישט געגעסען און נישט געפאַסט“.

און אז ס'איז געקומען ערב תשעה־באב, פיהלט זיך חיים אזוי גוט און אזוי גרינג, ווי נאך קיינמאל נישט. ער פיהלט, אז נישט נאר ער דארף פארפאסטען זיך, אז נישט נאר ער וויל עפּיס נעמען אין מויל אריין, פערקעהרט — ער פיהלט, אז ווען ער נעמט עפּיס א הארטע זאך, קריכט דאס נישט אין האלז. עס קריכט נישט — נו!

דאס הייסט: עס חלש'ט טאקי דאס הארץ זעהר גוט, און הענד און פיס ציטערען טאקי; עס ציהט, עס ציהט צו דער ערד, די כחות געהען אויס, און עס מלאסנעט, און עס נודעט אויף צו חלש'ען. נאר פע! וואס הייסט? א גאנצע וואך געפאסט און געקומען ערב תשעה באב — נישט אויסגעהאלטען!?

און חיים חייקין נעמט זיין חלק ברויט מיט בולבעס, רופט צו די קליינע פריידקע מיט דער קליינער ביילקע און זאגט זיי שטי־לערהייד:

— קינדער, נאט אייך, עסט, און די מאמע לאז נישט זעהען.

און פריידקע און ביילקע נעמען דעם טאטענ'ס חלק ברויט מיט בולבעס, קוקען אויפ'ן פאטער'ס פנים, ווי ס'איז טוידט, און אויף די הענד, ווי זיי ציטערען און טרייסלען זיך.

און חיים קוקט, ווי די קינדער חאפּען, עסען, שלינגען, און ער שלינגט די שליים, מאכט־צו די אויגען, הויבט זיך אויף פון ארט, קאן זיך נישט דערווארטען אויף די קינדער, וואס זענען ביי די גילזעס, נעמט מיט זיך די קינות, טהוט אויס די שיך, געהט־אוועק אין שוהל, קוים וואס ער שלעפּט די פיס.

---

אין שוהל איז ער כמעט דער ערשטער. פערחאפּט ער איין ארט נעבען חזן, אויף דער איבערגעקעהרטער באנק, וואס ליגט מיט די פיסלעך ארויף, בעוואהרענט זיך מיט א שטיקעל שנויץ, וואס ער שמעלצט דאס צו צום פיסעל פון דער באנק, און אליין שפּארט ער זיך אן צום ווענטעל פון דער בימה, עפענט אויף די קינות:

„אלי ציון ועריה — קלאָג, ציון, מיט אַלע אַלע שטעדט"... און ער פערמאַכט די אויגען און זעהט: „ציון", אַ פאַרשוין, אַ בילד פון אַ נקבה, שטעהט אָנגעטהאָן אין שווארצען, מיט אַ שווארצען שלייער אויפ'ן פּנים, קלאָגט און וויינט און ברעכט די הענד, בעדויערט איהרע קינדער, וואָס פאַלען אַלע טאָג, אויף פרעמדע ערדען, פאַר פרעמדע זינד.

. . . . . . . . . . . . . . . .

צי ווילסט דו, ציון, דען ביי מיר נישט פרעגען
אויף דיינע עלענדע, וואָס זיפצען אַזוי שווער?
אַט טראָג איך זייערע גרוסען דיר אַקעגען —
דיין רעשטעל, וועה! דו האָסט דאָך שוין נישט מעהר!...

און ער עפענט־אויף די אויגען און זעהט שוין נישט מעהר ציון, די בילד־שענע נקבה. ער דערזעהט:

פונ'ם פערפאַראָשעטען שטויביגען פענסטער מיט די פערברו־דיגטע שויבען קוקט־אריין אַ שאַרפער שטראַהל פון דער זון, וואָס האַלט ביי אונטערגעהן אויף יענער זייט שטעדטעל. און חאָטש ער מאַכט די אויגען צו, דאָך זעהט ער דעם שטראַהל, און נישט נאָר דעם שטראַהל אַליין — די גאַנצע זון, די שענע ליכטיגע זון, וואָס קיינער קאָן זי נישט זעהען, קיינער, נאָר ער אַליין! חיים חייקין קוקט אויף איהר און זעהט זי — און גאָרנישט! פאַר וואָס? דערפאַר, אפּנים, וואָס ער איז אויסגעטהאָן פון דער וועלט מיט אַלע איהרע תאוות... איהם איז גוט... איהם איז גרינג... ער קאָן שוין אַלץ איבערטראָגען... ער וועט האָבען אַ גרינגען תענית... איהר ווייסט, ער וועט היינט האָבען אַ גרינגען, גרינגען תענית!

און חיים חייקין האַלט די אויגען צו און זעהט פאַר זיך אַ מאָדנע וועלט, אַ נייע וועלט, אַזעלכע, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל, קיינמאָל נישט געזעהען. מלאכים עפּיס שוועבען איהם פאַר די אויגען, און ער קוקט אויף זיי און דערקענט אין זיי זיינע קינדער,

אלע, די גרויסע און די קליינע, און ער וויל זיי עפּיס זאָגען, און ער קאָן נישט רעדען... ער וויל זיך פערענטפערען פאַר זיי, אַז ער איז נישט שולדיג... נישט ער איז שולדיג!... וואָס איז ער, חיים, שולדיג, אַז, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל אידען האָבען זיך צונויפגע־קאָמפּאַניעט אַלע אויף איין שטיקעל אָרט, קוועטשען, דריקען, עסען איינס דאָס אַנדערע? וואָס איז ער שולדיג, אַז מענשען דאַרפען יענעמ'ס שוויים, אַז מענשען דאַרפען מענשען־בלוט? וואָס איז ער שולדיג, אַז מענשען זענען נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה, אַז אַ מענש אַ מענשען זאָל נישט טרייבען, ווי מע טרייבט אַ פערד צו דער אַרבייט? אַז אויף אַ פערד איז אויך אַ רחמנות — גאָט'ס בעשעפעניש, צער בעלי־חיים?...

און חיים חייקין האַלט־צו די אויגען און זעהט, זעהט אַלס־דינג, די גאַנצע וועלט, אַלע וועלטען, און אַלץ איז העל און גרינג, און עס קויקעלט זיך ווי אַ רויך, און ער פיהלט, אַז עס געהט עפּיס פון לייב ביי איהם, פון אינוועניג, פון האַרצען, און ציהט זיך, ציהט זיך גלייך אַרויף, און טיילט זיך אָפּ פון גוף, און ער פיהלט זיך גרינג, זעהר־זעהר גרינג, און לאָזט אַרויס אַ טיעפען זיפץ, אַ לאַנגען, לאַנגען קרעכץ. און עס ווערד איהם גרינג. און נאָכדעם פיהלט ער — גאָרנישט, גאָלע גאָרנישט...

---

אַז בערע דער שמש, אַ רויטקאַלטענוואַטע אידעל מיט אַ בולבעװאַטער ליפּ, איז געקומען צו געהן אין שוהל אַריין אין די זאַקען מיט די אויסגעטרעטענע פּיאַטעס און דערזעהען, ווי חיים חייקין זיצט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַרויף, די אויגען אָפען, האָט דאָס איהם פערדראָסען. געדעבענט, אַז ער דרימעלט, און האָט אָנגעהויבען וואָרטשען, בייזערען און וואַרפען זיך:

— איין עזות פון אַ אידען... זיך צעלעגט אַביסעל... דער גראַף פּשאַנגוצקי דאַרף אַזוי נישט זיצען... אַפּנים, רעכט פאַר־

ביסען... אהער געקומען שלאָפּען... רב חיים, זייט זשע מוחל, עי, רב חיים!... רב ח־יי־ם!...

---

די לעצטע שטראַהלען פון דער זון האָבען אריינגעשאָסען דורכ׳ן שוהל־פענסטער און געפאַלען גלייך אויף חיים חייקינ׳ס רוהיג פנים מיט די שוואַרצע גלאַנצענדיגע גרייזעלדיגע האָר, מיט די שוואַרצע געדיכטע ברעמען, מיט די האַלב־אָפענע גוטע, שוואַרצע, הונגעריגע אויגען, און האָבען דורכגעלייכט דאָס טוידטע, בלאַסע, שטענדיג הונגעריגע פנים דורך און דורך.

* *
*

יאַ, חיים חייקין האָט געהאַט אַ גרינגען־גרינגען תענית.

# צוויי טוידטע

(לכבוד פורים)

געשריבען אין יאָהר 1909.

# צוויי טוידטע

(לכבוד פורים).

---

## פארערע.

„טוידטע“? „לכבוד פורים“? אין אזא יום־טוב, וואס איז א מצוה, אז א איד זאל זיך מאכען שכור און א מחבר זאל זיך מאכען נאריש, פערשטעלען זיך פאר א מארשעלאק?! איך וויים, לעזער, אז ס'איז היינט פורים און אז דו דארפסט זיך מאכען שכור און אז איך דארף זיך מאכען נאריש — און איך געב דיר פארט א מעשה פון צוויי טוידטע — פערפאלען! דאס איינציגע, וואס איך קאן דיר העלפען, איז נאר מיט איין עצה: אויב דו האסט שוואכע נערוועז, זאלסט דו אקעגען נאכט די מעשה ניט לייענען.

---

## קאפיטעל איינס.

חלאוונע, א שווארץ, א נידעריג־געוואכסען און גוט־געפאקט אידעל, איז געווען א מענש, וואס האט ליעב געהאט דעם טרונק. א גליק, וואס ער איז געבוירען פון א אידען מיט א אידינע, אניט וואלט ער זיכער געווען א שכור. איך וועל אייך ניט ערב זיין, אז ווייל ער איז געווען א איד, האט איהם די אידישקייט ניט געלאזט טרינקען א סך. עס קאן זעהר שען געמאהלט זיין, אז טרינקען וואלט ער אפשר געקאנט פאר דריי גויים, האט ער אבער ניט גע־האט פאר וואס. זיין ווייב גיטעל האט געפיהרט זיינע פינאנסען,

ניט געלאָזט, ס'זאָל אריינפאַלען צו איהם אין די הענד אריין אַ מזומנ'ער גראָשען. אומעטום, וואו ס'איז נאָר געווען שייך צו געלד, האָט זיך ארויסגעשטעלט גיטעל. ארבייטען האָט טאַקי גע־רבייט ער, חלאָוונע, הייסט עס (ער איז געווען, ער זאָל מיר מוחל זיין, אַ שוסטער), נאָר אָפּטראָגען די ארבייט און אָפּנעמען דאָס געלד — דאָס פלעגט שוין זי אַליין, גיטעל, הייסט עס. פערשטעהט זיך, אַז חלאָוונען איז אזא מעשה ניט אָנגעשטאַנען.

— וואָס בין איך עפּיס ביי דיר, אַ גנב, צי וואָס?

אזוי האָט געזאָגט חלאָוונע צו זיין ווייב גיטעל און בעקומען פון איהר אַ קלאָרע תשובה אויפ'ן אָרט:

— חלילה! ווער זאָגט דען אַ גנב? ביזט נאָר אַ שכור. זאָג אפשר, אַז ניין?

איינגאַנצען אָפּלייקענען און זאָגען ניין — איז חלאָוונען איבער דער טבע. און ווידער צוריק, נעמען און מודה זיין זיך, אַז ער האָט ליעב דעם ביטערען טראָפּען, איז איהם אָבער אויך ניט זעהר איינגענעמען. פאַלט ער אויף אַ שכל און וויל אָפּקומען מיט אַ ווערטעל, ווי זיין שטייגער איז, מחמת חלאָוונע דער שוסטער האָט ליעב ניט נאָר אַ ביסעל בראָנפען — ער האָט ליעב אויך אַ ווער־טעל, ווי אַלע כתרילעווקעס אין כתרילעווקע. ער קראַצט זיך אין באָרד, קוקט אויף דער סטעלי און זאָגט צו זיין ווייב גיטעל:

— בראָש ווערד אַלסדינג אָנגערופען ביי איהר מיט'ן נאָמען שכור! האָסט מיך געזעהן, איך זאָל עמיצען שיקען? איך, אַז איך וויל אַ ביסעל בראָנפען, געה איך און קויף.

— מעגסט שוין געהן טאַקי אין דער ערד אריין.

— אַך! אבי מיט דיר — אין פייער און אין וואַסער!

— נאַ דיר און ווער אנשטומט!

דאָס זאָגט גיטעל צו איהר מאַן דעם שוסטער און איז איהם מכבד פון יענער זייט ווארסטאַק מיט אַ פליהענדיגען שטיוועל, וואָס איז שוין כמעט אינגאַנצען פאַרטיג, נאָר עס פעהלט איהם אַ קאָ־רעק מיט צוויי ציילען פלעקלעך אין דער פּאָדעשווע. חלאָוונע

געמט־צו די מתנה מיט א געלעכטער און מיט א גלייכווערטעל, ווי אלע מאל. און ווער שמועסט, אז גיטעל קומט מיט געלד פאר זיין ארבייט און איז איהם אויך מנדר א פאר מזומנ'ע גראשענס, אויף פאדעם און אויף וואכס און אויף חזיר־האר, דעמאלט איז ער גאר ווייך ווי פוטער און זיס ווי האניג, און האט פון זיין ווייב גיטעל און פון אלע ווייבער פון דער גאנצער וועלט בעת־מעשה איין אונגעהייער הויכע מיינונג. ער גלעט זיך דעם הויכען ווייסען שטערן (אלע שוסטערס האבען הויכע ווייסע שטערנס) און רעדט פערטראכט, מעשה פילאזאף:

— איך וויים נישט, וואס האט דער שלמה המלך, זאל מיר מוחל זיין, געהאט צו די ווייבער, וואס ער פלעגט זיי אזוי לעגען אין דער ערד אריין? דו ווייסט דאך, וואס שלמה המלך האט גע־זאגט אויף אייך, צי ניין?

— וואס דיין „שלמה־מלך" האט דארטען געזאגט — וויל איך גאר ניט וויסען. דו בעסער געה אין מארק אריין נאך פאדעם און נאך וואכס און נאך חזיר־האר, און זעה נאר, פארבלאנזע ניט אין שענק אריין.

חלאוונע האט זיך אזש צעלאכט פון אזא ווילדען געדאנק.

— א משל! עס האט אזא פנים, אשטייגער כדומה, ווי מע זאל זאגען פרייטאג צונאכטס יקום־פורקן, אדער שבת אינדערפריה לכה־דודי... וואו איז דער מארק און וואו איז דער שענק! און וואס איז דאס גלאט פאר איין עובדה אין מיטען מיטוואך שבת־צונאכטס אין א שענק אריין?...

בעת מעשה צעהלט חלאוונע די גראשענס און לעגט איבער די מטבעות פון איין האנד אין דער אנדערער, קוקט פילאזאפיש אויף דער סטעלי מיט איין אויג, רעכענט אוים פינקטליך, וויפיעל געלד ער בעדארף האבען אויף פאדעם, וויפיעל אויף וואכס און וויפיעל אויף חזיר־האר, און מיט א טיעפען־טיעפען זיפץ און מיט שטילע טריט לאזט ער זיך אוועק גלייך אין שענק אריין.

## קאפיטעל צוויי.

ווי אזוי האָט געהייסען יענער חכם, וואָס האָט דערקלערט מיט זיין שכל, אז פורים זענען אלע שכורים ניכטער? איך וואָלט איהם געזאָגט, אז ער איז מחילה א בהמה. פאר וואָס זאָל א שכור דורכ־לאָזען אזא טאָג ווי פורים, ווען ס'איז א מצוה, אז א איד זאָל זיך אָנטרינקען ווי א גוי און זאָ? זיין שכור ווי לוט? דער ערשטער וואָלט פראָטעסטירט קעגען דעם חלאָוונע דער שוסטער. איידער ער האָט דערלעבט דעם הייליגען פורים, זענען איהם שיער די אויגען ארוים. און אז ס'איז געקומען פורים, איז ער קודם אוועק אין שוהל צו דער מגילה, זיך אָפגערעכענט מיט המנ'ען, איהם אויפ־געהאַנגען אויף א בוים פופציג איילען די הויך אינאיינעם מיט זיינע צעהן בנים, און אָנשטאָט דעם, ער זאָל געהן אהיים פער־זוכען דעם יום־טוב'דיגען המן־טאַש, האָט ער זיך אריינגעחאַפּט אויף א ווייַלע צו א פּאָר בעקאַנטע שוסטערס, גוטע ברידער, און האָט מיט זיי גענעבען א לעק און געטרונקען לחיים: „גאָט זאָל געבען, אז המן מיט זיינע צעהן בנים זאָלען דערלעבען איבער־א־יאָהר, און מיר זאָלען זיי וויטער אויפהענגען אין שוהל אלע אויף איין תליה פופציג איילען די הויך, בכדי מיר זאָלען ווידער א מאָל קאָנען נעמען צו ביסלעך בראָנפען, ונאמר אָמן"... פון אָט די לחיימס איז אונזער העלד געוואָרען אזוי בגילופין, אז וויפיעל ער איז ניט געגאַנגען און געגאַנגען, האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט טרעפען צו זיך אהיים. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דאָס געסעל, וואו ער וואָהנט, שפּיעלט זיך מיט איהם אין „בעהעלטער־לעך": אָט שטעהט דאָס, דאַכט זיך, אקעגען איהם און ווינקט צו איהם מיט א סך פייערלעך פון די קליינע פענסטערלעך, אָט טהוט ער זיך א לאָז און אָט טרעפט ער מיט'ן שטערן אין וואַנד אריין. פון וואַנען האָט זיך גענומען אהער א וואַנד? פון זינד חלאָוונע איז צו זיין שכל געקומען, געדענקט ער ניט, אז דאָ זאָל זיין א וואַנד; ניט אַנדערש, אז דאָס האָט עמיצער אוועקגעשטעלט א

סוכה. א פּאַטעפּאַלנאַסט פון א אידען נעמען אוועקשטעלען אין מיטען שטאָדט א סוכה! דאָס דאַרף זיין רב יאָסי דעם נגיד'ס ארבייט. וואָס א נגיד קאָן איינפאַלען — איז דיר גאָר קיין קאַ־טאָוועס ניט! עס וועט אָבער א רוח אין זיין שוויעגער'ס טאַטען אריין!...

— זאָל מיין נאָמען ניט הייסען אחשורוש!...

און חלאַוונע דער שוסטער נעמט זיך אָן מיטביידע הענד אָן וואַנד, טהוט א ציה צו זיך, וויל אומוואַלגערען רב יאָסי דעם נגיד'ס „סוכה" און טהוט א פּראַל אין דער ערד אריין און ציהט זיך אויס ווי א גראָף איבער דער בעריהמטער כתרילעווקער בלאָטע. און דאָרט לאָזען מיר איהם ליגען א ווײַלע, ביז מיר וועלען אראָפּברענגען דעם צווייטען העלד פון אונזער געשיכטע, וואָס ער הייסט מיט א גלענצענדיגען גבירישען נאָמען — רויטשילד.

## קאַפּיטעל דריי.

מיט דעם נאָמען רויטשילד האָט איהם כתרילעווקע געקרוינט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אין שטאָדט דער גרעסטער קבצן, דאָס הייסט, אזעלכע קבצנים, ווי ער, זענען אין כתרילעווקע פאַר־האַן אזוי פיעל, וויפיעל שטערען אין הימעל, נאָר אזא איין אומ־גליקליכער קבצן, אזא קבצן א שלים־מזל, — איז שוין אפילו אין כתרילעווקע ניט געווען צו איהם דער צווייטער. עס געהט ארום אויף דער וועלט א ווערטעל (שטאַמט געוויס פון כתרילעווקע), אז „צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבען מזל". זאָלט איהר טאַקי וויסען: א גלייכווערטעל איז, להבדיל, א תורה.

ווער איז געווען אָט דער רויטשילד און פון וואַנען האָט ער זיך גענומען, — קאָן איך אייך ניט זאָגען. ער איז געווען איין אָרעמאַן — דאָס ווייסט איהר שוין, און זיין עובדה איז געווען — געהן. איהר מיינט, איבער די הייזער? בעטען נדבות? האָט איהר א טעות. זיין גאַנג איז געווען גלאַט אזוי א מין שפּאַציער־

איבער דער בלאָטע, נאָר מיט דריבנע טריט, און גיך־גיך, ווי אַ מענטש, וואָס טהוט עסק און האָט קיין צייט ניט. אָפּשטעלען פלעגט ער זיך נאָר דעמאָלט, ווען מע האָט איהם אָפּגעשטעלט.

— שלום עליכם, וואוהין געהט עס אַ איד רויטשילד?

רויטשילד בלייבט שטעהן, ווישט זיך אָפּ מיט דער פּאָלע דעם שוויס, קוקט מיט מאָדנע איבערגעשראָקענע אויגען, און דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים פערקנייטשט זיך ביי איהם אין אַ מין שמייכעלע, און ער טהוט אַ זאָג שטיל, קוים וואָס מע הערט:

— גלאַט אַזוי זיך, מע געהט, טאָמער וועט דער אויבערשטער עפּיס צושיקען...

אָפּגעזאָגט, לאָזט זיך רויטשילד געהן ווייטער מיט זיינע דריבנע טריט, און דער, וואָס האָט איהם אָפּגעשטעלט, בלייבט שטעהן, קוקט איהם נאָך אַ ווײַלע, פערציהט מיט די פּלייצעס, צעלאַכט זיך און טהוט אַ שפּיי:

— טפו! נאָט אייך אַזאַ שלים־מזל!

זינט אָט דער שלים־מזל הייסט רויטשילד, געדענקט קיינער ניט אין כתרילעווקע, אַז ער זאָל עמיצען אָנמוטען מיט אַ בקשה וועגען עסען, בעטען אַ טרונק, אָדער איין אָרט אויף איבערצונעכטיגען, חאָטש וויסען ווייסען אַלע, אַז רויטשילד איז געווים הונגעריג און אַז ער האָט געוויס ניט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען. אויף אַ הונגעריגען איז מען אין כתרילעווקע גרויסע מבינים, מע קאָן זאָגען, ספּעציאַליסטען. זיי וועלען אייך דערקענען אין דער פינסטער נאָכ'ן קול אַליין, ווער ס'איז גלאַט אַזוי הונגעריגליך און וואָלט אַ בעלן געווען, מהכתיתי, עפּיס איבערבייסען, און ווער ס'איז טאַקי שטאַרק הונגעריג, אַזוי אַז ממש עס געהט איהם אויס דאָס חיות! מסתמא האָבען זיי שוין דערויף אַזעלכע סימנים, ווי, להבדיל, די דאָקטוירים, וואָס וועלען אייך טרעפען נאָכ'ן דופק, וועלכער חולה איז גלאַט אַזוי ניט־געזונד און וועלכער איז מסוכן חלילה אויף צו שטאַרבען.

אויב מיר זאָלען קאָנען איינטיילען די מענשלעך, וואָס הונ־גערען, אויף אזעלכע, וואָס זענען גלאַט הונגעריג, און אויף אזעלכע, וואָס זענען טוידט־הונגעריג, וואָלטען מיר מיט רעכט געקאָנט זאָ־גען, אז אונזער העלד רויטשילד געהערט צו די טוידט־הונגעריגע, מחמת ביי איהם איז אָפטמאָל אוועקגעגאַנגען גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט, וואָס ער האָט אין זיין מויל ניט געהאַט. און ער וואָלט געוויס אַזוי אויסגעגאַנגען אין מיטען גאַס, ווען אַ גוטע נשמה זאָל זיך ניט אַרומקוקען, אז אָן געהט דער שלים־מזל רויט־שילד. אז מע גיט איהם עפּיס, זאָגט ער זיך ניט אָפּ, און אז מע פרעגט איהם, צי ער איז הונגעריג, שווייגט ער, און אז מע פרעגט איהם, צי איז ער שטאַרק הונגעריג, ענטפערט ער אויך ניט, נאָר דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים זיינס קנייטשט זיך צונויף אין אַ מין שמייכעלע, און די איבערגעשראָקענע אויגען קוקען אַראָפּ, אפּנים, פאַר בזיון, וואָס אַ מענש קאָן זיין אַזוי הונגעריג, און אַ שטילער זיפץ רייסט זיך אַרויס ביי איהם ניט־ווילענדיג — ווער ווייסט, וואָס דער זיפץ קאָן בעדייטען!...

די כתרילעווקער לייט, וואָס האָבען ליעב אַ שפּאַס, געבען איהם פריהער עפּיס עסען און נאָכדעם טרייבען זיי מיט איהם אַ ביסעל קאַטאָוועס:

— פּאַני רויטשילד, זאָגט דעם אמת, וויפיעל געלט פאַרמאָגט איהר און וואו ליגען פאַרבאָרגען אייערע אוצרות?

רויטשילד לאָזט־אַראָפּ די איבערגעשראָקענע אויגען, קנייטשט צונויף דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים אין אַ מין שמייכעלע און שווייגט... יונגע לייט, עזות־פּנים'ער, שטעהען־צו צו איהם נעהענ־טער, טהוען איהם אַ ציה ביי'ם אַרבעל:

— שלום עליכם, וואָס מאַכט אַ איד רב רויטשילד? וואָס הערט זיך עפּיס ביי אייך דאָרט אין פּאַריזש?

רויטשילד לאָזט־אַראָפּ די איבערגעשראָקענע אויגען, קנייטשט צונויף דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים אין אַ מין שמייכעלע און שווייגט. חדר יונגלעך, יונגע צוצעקלעך, קליינוואַרג — די לאָזען

איהם די גאס נישט דורכגעהן. זיי האבען געמאכט אויף איהם א ליעדעל:

רויטשילד איז איין עושר,
איז א גביר א גרויסער,
אנגעשטאפט מיט געלט
און מיט שאלעמויזען.
ווייסט איהר, וואס איהם פעהלט?
מעהר ניט א פאר הויזען.

פאר קליינוואַרג האט רויטשילד מורא, נעמט ער די פיס אויף די פלייצעס און מיט זיינע דריבנע טריט לאזט ער זיך לויפען אין דער וועלט אריין. קליינוואַרג לויפט איהם נאך און זיי הערען ניט אויף צו זינגען... דערזעהען די עלטערע און שרייען אן אויף זיי:

— א, ניט געדאכט זאלט איהר ווערען, שקצים, הולטייעס, ימח־שמו'ניקעס! אין חדר אריין, ממזרים, אין חדר אריין!

פאר דעם שלים־מזל רויטשילד וואלט אפשר געווען אין כתריל־עווקע אלע מאל ווער ס'זאל זיך אננעמען זיין קריוודע, און הונגערען וואלט מען איהם אפשר אויך ניט געלאזט אזוי שטארק. נאר ווער איז זיי שולדיג, אט די שלים־מזל'ען, וואס וועלען אייך גיכער שטארבען, איידער אויסציהען א האנד?... און אויסערדעם, לאמיר שמועסען על־פי יושר: איז דען די שטאדט כתרילעווקע טאקי מחויב צו טראגען אויפ'ן קאפ יעדען שלים־מזל? קארג האט מען אייגענע צרות מיט אייגענע וועהטיגען מיט דאגות פרנסה? מע דאנקט גאט, אז מע קומט אליין דורך דעם טאג און מע לעבט איבער ווי עס איז די וואך מיט ווייב און קינדער.

דערפאר אבער — וואס אמת איז אמת — אז עס קומט דער הייליגער שבת, איז רויטשילד א בעוואהרענטער מענש. אלע אידען זענען דאך דעמאלט אין שוהל, און רויטשילד איז פאר די אויגען.

וועט דען א שטאָדט דערלאָזען, אז א איד זאָל שבת הונגערען? מילא, וואָס גאָט גיט, אבי אינאיינעם, און איין איבעריגער מענש צום טיש איז דאָך, אייגענטליך, נישט מעהר, ווי איין איבעריגע לעפעל... האָט קיין יסורים ניט, ער וועט הונגעריג ניט אוועק־געהן, און טאָמער אפילו איז די סעודה ניט אזוי פויגעלדיג, איז אויך אָהן איין אומגליק, די קישקע וועט מוחל זיין, אבי מע זיצט מיט אידען ביי'ם טיש, אויפ'ן טיש זענען פארהאַן סימנים פון שבת'דיגער חלה, ביינדלעך פון פיש און א פּאָר מעשענע לייכטער פון די נעכטיגע בענש־ליכט... דאָס אלסדינג, אינאיינעם גענומען, ווען עס ווערד בעזונגען מיט די שענע זיסע שבת'דיגע זמירות, האָט דאָך דאָס טאַקי דעם זיבעטען חן, און א כפרה אלע מאכלים מיט אלע פּאָטראַוועס און נאַשערייען, וואָס דעם מענשענ'ס יצר־הרע האָט אויסגעטראַכט, בכדי אריינצונארען אונז וואָס טיעפער אין גיהנם...

גרויס איז דער כח פון דעם הייליגען אידישען שבת! איהר וועט ניט דערקענען דעמאָלט ניט דעם כתרילעווקער בעל־הבית, ניט דעם אורח זיינעם, דעם שלים־מזל רויטשילד.

## קאַפּיטעל פיער.

אָפּגעפּאַסט אזא טאָג, ווי אסתר־תענית, קוים דערלעבט פאַר־נאַכט געהן אין שוהל הערען די מגילה, רעכט גוקם געוועזן זיך אין המנ'ען און אָפּגעהאַפּט אויף איין פוס דעם „הרב את ריבנו” מיט די איבעריגע זאַגעכצען, — האָבען זיך די אויסגעהונגערטע כתרי־לעווצעס אין איין אימפּעט געלאָזט לויפען אהיים וואָס גיכער אָפּ־צופּאַסטען זיך, איטליכער „אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים”, מיט א פרישען, א הייסען, א פּורים'דיגען המנ־טאַש מיט מאָהן. און מחמת גרויס אימפּעט, הונגער און איילעניש, האָט מען גאָר פערגעסען אָן רויטשילדען, גלייך ווי עס וואָלט קיין רויטשילד גאָר אויף דער וועלט ניט געוועזען. און רויטשילד,

דערזעהען, אז דער עולם לויפט, האָט זיך אויך געלאָזט לויפען מיט זיינע דריבנע טריט, גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין, איבער די בלאָטיגע גאַסען און געסלעך פון דעם געבענשטען כתרילעווקע.

געלאָפען פארביי די האלב־איינגעפאַלענע און האלב־בעלויכטענע הייזער און הייזלעך, האָט אונזער הונגעריגער העלד פון צייט צו צייט געחאַפּט א קוק אריין אהין, דורך די פענסטער, און געזעהן קייענדיגע מיילער און שלינגענדיגע העלזער. וואָס האָבען די דאָזיגע מיילער געקייעט אזוי געשמיידיג, וואָס האָבען די העלזער אזוי געשמאַק געשלונגען — איז איהם שווער געווען צו זעהן, נאָר פערשטאַנען האָט ער על־פּי סברא, אז דאָס בעדאַרפען זיין פרישע, זיסע דרייעקעכיגע המן־טאַשען, אָנגעפילט מיט זיסען, צוקערדיגען מאָהן. וואָס צעגעהט זיך אין מויל — טעם גן־עדן. און עמיצער האָט זיך אויפגעחאַפּט ביי רויטשילדען אינווענינג אין מאָגען און האָט איהם געגעבען א ציה ביי׳ם הארצען און א זאָג אין אויהער אריין: „נאַר איינער, וואָס דרעהסט דו זיך ארום אין עולם־התוהו? עפען־אויף א טיר, געה־אריין און זאָג: „א גוט יום־טוב, אידען! אפשר איז פארהאַן ביי אייך מיט וואָס אָפּצופאַסטען זיך? שוין דעם דריטען טאָג אין מיין מויל ניט געהאַט”... און רויטשילד דערשרעקט זיך פאַר זיך אליין. עס איז איהם נאָך קיינמאָל אזא געדאַנק ניט געקומען — אריינרייסען זיך צו יענעם אין שטוב אריין מעשה גזלן! און בכדי דער יצר־הרע זאָל איהם ניט ארויספיהרען דער שווארץ יאָהר ווייסט אויף וועלכע זאַכען, לאָזט ער זיך געהן אין מיטען גאַס, סאַמע אין דער רעכטער בלאָטע, און שלאָגט זיך אָן אין דער פינסטער אויף עפּיס א ווייכס, א גראָבס און א לעבעדיגס, און גיט א פאַל־אנידער אין בלאָטע אריין, גלייך אויף אונזער העלד נומער איינס — אויף חלאוונע דעם שוסטער.

לאָמיר לאָזען ליגען א ווייל́ע רויטשילדען און געוואָהרע ווערען, וואָס מאַכט עפּיס חלאוונע דער שוסטער.

## קאפיטעל פינף.

חלאוונע דער שוסטער (מיר בעטען ביי איהם הונדערט מאל מחילה, וואס מיר האבען איהם געלאזט ליגען אזוי לאנג אין דער בלאטע) האט זיך געפיהלט גאר ניט אזוי שלעכט אין זיין נייער לאגע, ווי דער לעזער שטעלט זיך פאר. עס ליגט שוין אזוי אין דער טבע פונ'ם מענשען, ער זאל זיך צופאסען צו יעדער לאגע, ווי ביטער און פינסטער זי זאל ניט זיין. קוים איז איהם בעשערט געווען, אז די בלאטע, די בעריהמטע כתרילעווקער בלאטע, זאל זיין זיין געלעגער, האט ער געזעהען אנווענדען כל המעגליכקייטען, אז ער זאל ליגען ווי א מענש, און נישט גלאט אזוי לעדיג, אהן א שום ארבייט. ער האט געפייערט אויף די נגידים און האט אויסגעלאזט כל חמתו אויף רב יאסי דעם נגיד, ער זאל נישט מיינען, אז ער, חלאוונע דער שוסטער, איז חלילה שכור. ער האט איהם געשוואוירען, ער זאל אזוי דערלעבען פיהרען ויזתא'ן צו דער חופה, ווי ער הויבט ניט אן צו זיין שכור. ווער האט דאס אויסגעטראכט אויף איהם, אויף חלאוונען, אז ער איז א שכור? דאס וואכסט אודאי פון איהר, פון זיין ווייב ושתי, איינגעזונקען זאל זי ווערען!...

ארויסגעלאזט דעם נאמען ושתי, בלייבט חלאוונע דער שוסטער שטיל און פערטראכט זיך. דער נאמען ושתי איז אריין צו איהם אין מוח, ווי א פלעקעל, וואס מע זעצט דאס אריין אין א שטיוועל אריין. ער געדענקט, דאכט זיך, גאנץ גוט, אז אמאל האט זיין ווייב געהייסען גיטעל, פלוצים נא דיר גאר „ושתי״!... ווי אזוי איז דאס געווארען פון גיטעל — ושתי? און ניט נאר דער נאמען — זי אליין האט זיך איבערגעביטען, גאר נישט דאס ווייב, וואס פריהער. אנגעטהאן געהט זי, ווי א קייסערינע, מיט א גילדענעם ספאדעק, און איז אינגאנצען איינגעטונקען פון קאפ ביז פיס אין גינגאלד. ער בעטראכט זיך, אז ס'איז גאר קיין פלאן ניט פאר איהם אצינד מיט איהר זיך צו קריעגען. אדרבה, מיט

אזא יפהפיה דארף מען שלאָגען בלאָט. און ער רוקט זיך צו צו איהר נעהענטער און נעהענטער, נאָר זי רוקט זיך אָפּ... זי וויל איהם ניט. אפנים, דערפאַר, וואָס ער האָט ליעב אָט דאָס, וואָס מע מאַכט דערויף שהכל נהיה בדברו... א מכה דער מאַמען, עס שטעהט ניט אָן דעם טאַטען איהרען, טאָמער וועט מען זאָגען אין שטאָדט, אז ושתי האָט אַ מאַן אַ שכור!

— זאָל איך ניט דערלעבען אויפשטעהן פון דעם אָרט, אויב ס'וועט קומען אַמאָל אַ טראָפּען בראָנפען אויף מיינע ליפּען! ושתי, דו הערסט, צי ניין? טאָמער גלויבסט דו מיר ניט, נא דיר אַ האַנט תקיעת־כף...

און חלאוונע ציהט אויס זיין פעטקע גראָבע האַנד מיט די קורצע שוואַרצע פינגער אין דער בלאָטע אריין, און ס'איז איהם אַ חידוש, וואָס ושתי האָט אזא קאַלטע נאַסע האַנד מיט אזעלכע קאַלטע גליטשיגע פינגער. ס'איז אוממעגליך זי אָנצוגעמען פאַר דער טאַליע אַזוי, אַז די נשמה זאָל איהר ארויס! און ער צע־נעמט די הענד און חאַפּט ארום... דעם שלים־מזל רויטשילד!

## קאַפּיטעל זעכס.

די מחקרים זאָגען, אַז פון אַ דערשרעק קומט אַלסדינג. פון אַ דערשרעק איז חלילה אַ מעוברת'ע מפּיל, פון אַ גוטען איבער־שרעק קאָן אַ מענש אַראָפּ פונ'ם זינען, און אַמאָל, די שעה זאָל ניט זיין, בעקומען אַפּאָפּלעקסיע און שטאַרבען. זיי זענען דער־גאַנגען מיט'ן שכל, אַז פון איין איבערשרעק קאָן אַ שכור זיך אויסניכטערען אין איין מינוט. אַזוי זאָגען די מחקרים. און דעריבער וועט אונז קיין חידוש ניט זיין, וואָס אונזער העלד, חלאוונע דער שוסטער, וויבאַלד ער האָט ארומגעחאַפּט דעם שלים־מזל רויטשילד, אַזוי האָט ער פאַר שרעק זיך שוין אויסגעניכ־טערט, דאָס הייסט, ניט אויף אַזוי פיעל, ער זאָל קאָנען אויפ־שטעהן פון דער בלאָטע און ווערען אַ מענש, ווי מע רופט עס, אַ

זעלבסטשטענדיגער; נאָר אויף אַזוי פיעל האָט ער אָנגעהויבען קומען צו זיך, אַז איינציגווייז האָבען זיך אומגעקעהרט צו איהם כמעט אַלע זיינע חושים. קודם כל איז ער דערגאַנגען דורך זיין הוש המשוש, אַז ושתי איז אַ איד מיט אַ באָרד. נאָכדעם האָט ביי איהם אויפגעוואַכט דער חוש השמיעה, און ער האָט דער־הערט ריינע, קלאָרע דבורים: „שמע ישראל, גוואַלד, אידען, ראַ־טעוועט!" דער חוש הריח האָט איהם געזאָגט, אַז זייביידע ליגען אין דער בלאָטע, אין דער בעריהמטער כתרילעווקער עיפּוש־דיגער בלאָטע. נאָר וויפיעל ער האָט ניט אָנגעווענדעט זיין חוש הראיה אויף צו דערזעהען, ווער איז אָט דער דאָזיגער נפש, האָט זיך עס איהם בשום אופן ניט איינגעגעבען, מחמת די לבנה האָט זיך בעהאַלטען אין די געדיכטע וואָלקענס, און די פינסטערע נאַכט האָט פערשפּרייט איהרע שוואַרצע פליגלען איבער גאַנץ כתרי־לעווקע.

אויך רויטשילד האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז קומען צו זיינע געדאַנקען, און דער שרעק, פון וועלכען ס'איז איהם געווען אַ מינוט צום טוידט, איז שטילערהייד אַוועק פון איהם, און ביידע אונזערע העלדען האָבען בעקומען לשון. אָט וואָס פאַר אַ מין געשפּרעך צווישען זיי איז פאָרגעקומען. מיר געבען איהם איבער פּינקטליך, וואָרט אין וואָרט:

ח ל א ו ו נ ע: ווער ביזט דו?

ר ו י ט ש י ל ד: ס'איז איך.

ח ל א ו ו נ ע: וואָס טהוסט דו דאָ אין דער בלאָטע?

ר ו י ט ש י ל ד: גאָרניט.

ח ל א ו ו נ ע: וועלכער רוח האָט דיך אַהער געבראַכט?

ר ו י ט ש י ל ד: כ'ווייס ניט.

ח ל א ו ו נ ע: טפו זאָלסט דו ווערען! וואָס ביזט דו? אַ בעל־מלאכה, א שוסטער?

ר ו י ט ש י ל ד: ניין.

ח ל א ו ו נ ע: וואס־זשע, א בעל־הבית?

ר ו י ט ש י ל ד: ניין, ניין.

ח ל א ו ו נ ע: וואס זשע דען ביזט דו, צו אלדי שווארצע יאהר?

ר ו י ט ש י ל ד: איך בין... איך בין... טוידט־הונגעריג.

ח ל א ו ו נ ע: אזא מעשה! דו ביזט טוידט־הונגעריג? המ... און איך בין טוידט־שכור... שא! אויב איך האב קיין טעות ניט, ביזט דו נישט אפממאל רויטשילד? יא, ווי איך בין א איד! איך האב דיך באלד דערקענט, אז דאס ביזט דו... וויבאלד אזוי, טאמער וואלט געווען א סברא, ברודער רויטשילד, אז דו זאלסט מיר העלפען ארויסקריכען פון דער דאזיגער בלאטע, און אויב דו פיהלסט, אז דו האסט פיס, וואלטען מיר ביידע זיך דורכגעגאנגען צו מיר אהיים עפיס נעמען אין מויל אריין, ווארום עס באמבעלט מיר אין קאפ, אז מיר האבען היינט יום־טוב אויף דער גאנצער וועלט. שמחת־תורה? פורים? — איך קאן דיר ניט זאגען אקור־ראט, נאר יום־טוב האבען מיר געוויס. לאזען קומען כל מלכי מזרח ומערב און זאגען מיר, אז ניין, וועל איך זיי אנשפייען אין פנים!

עס האט גענומען א קליינע ווילע, ביז די צוויי האבען זיך ארויסגעקראטשקעט פון דער בלאטע און האבען זיך מיט גרויס מיה געלאזט אין וועג אריין, איינער אנגעלעהנט אויפ'ן אנדערען, דאס הייסט, רויטשילד האט אונטערגעהאלטען חלאוונען, ער זאל ניט פאלען. מחמת אויסגעניכטערט האט זיך ביי'ם שוסטער נאר דער קאפ — די פיס אבער האבען זיך איהם נאך אלץ געפלאנטעט. און אז זיי זענען געקומען צו...

דא האבען מיר ברעה איבערלאזען אונזערע ביידע העלדען אויפ'ן שפאציער און אריינקוקען אויף א מינוט צו חלאוונע דעם שוסטער אין שטוב אריין, זעהן, וואס מאכט זיין וייב גיטעל.

# קאפיטעל זיעבען.

וויפיעל די קריטיקער זאָלען ניט קריטיקירען, וויפיעל די אָפשפּעטער זאָלען ניט לאַכען און חוזק מאַכען — אַ ווייב בלייבט אַ ווייב. עס האָט נאָר אָנגעהויבען נאַכט ווערען, האָט גיטעל שוין געגומען רעכטען זיך אויף איהר מאַן, אַז אָט קומט ער פון דער מגילה אָפּפאַסטען זיך. צוליעב דעם האָט זי איבערגעדעקט דעם טיש יום־טוב'דיג און אוועקגעשטעלט קודם דאָס, וואָס איהר חלאָוונע האָט ליעב — אַ פלעשעל מיט אַ גלעזעל. עס קאָן זיין, אַז איין פלעשעל איז מעהר ניט געווען ווי איין גלעזעל, נאָר אפשר איז דאָרט צוליעב יום־טוב געווען צוויי גלעזלעך. דערפאַר איז געזעסען אויפ'ן טיש אַ דרייעקעכיגער המן־טאַש מיט מאָהן, אַ מורא'דיגער, אַ גרויסער, אַ ברייטער, איין אמת'ער, אַ שוסטערשער המן־טאַש. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי דער המן־טאַש וואָלט גערעדט ווערטער: „חלאָוונע, וואו ביזט דו? קום עס מיך!" נאָר חלאָוונע האָט ניט געהערט; ער איז גאָר געווען בשעת־מעשה ביי זיינע חברים די שוסטערס און געמאַכט מיט זיי דעם גרויסען טרונק לכבוד דעם הייליגען פורים.

אומזיסט האָט די שוסטערקע נעבאך געקוקט דורכ'ן פענ־סטערעל, זיך צוגעהערט צו דער טיר. יעדער שאָרך האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז דאָס געהט חלאָוונע. נאָר חלאָוונע איז ניט גע־גאַנגען; ער איז גאָר געלעגען בעת־מעשה איינער אַליין אין דער בלאָטע און האָט זיך אויסגעשמועסט מיט ושתי'ן. גיטעל האָט איבערגעטראַכט אויף איהר מאַן אַלסדינג, וואָס אַ ווייב קאָן איבערטראַכטען, און אַז ס'איז געוואָרען רעכט שפּעט, האָט זי געחאַפּט די יופּע אויף די פּלייצעס און איז אַוועק זוכען איהר מאַן חלאָוונע. זי האָט איהם ניט געפונען. די שוסטערס, מיט וועלכע חלאָוונע האָט אויסגעטרונקען לכבוד יום־טוב, האָבען איהר געשוואָרען, זיי זאָלען אַזוי דערלעבען איבער־אַ־יאָהר פורים, אַז חלאָוונע איז גלייך פון שוהל אַוועק צו זיך אַהיים און קיין טראָפּען

איז צו זיי קיינעם אין מויל נישט געקומען. סיידען אפשר — אזוי האָבען געזאָגט די שוסטערס — ער האָט זיך ערגיץ בעגעגענט מיט שמעון־וואָלפען.

ביי דעם נאָמען שמעון־וואָלף האָט גיטעל אזש א ציטער געטהאָן. אָט דער שמעון־וואָלף קאָסט איהר נעבאך געזונד געזונד.

שמעון־וואָלף איז אויך א שוסטער, אזוי ווי איהר מאן חלאָווגע, און האָט אויך ליעב דאָס, וואָס איהר מאן חלאָוונע האָט ליעב. נאָר ווי קומט חלאָוונע צו איהם! יענער האָט א שם אויף דער גאַנצער וועלט — מע רופט איהם גאָר אנדערש ניט, ווי שמעון־וואָלף דער שכור. ס'איז א סברא, אז זיין טאַטע איז דערפון געשטאָרבען: איינמאָל שמחת־תורה האָט ער זיך אָנגעטרונקען, און עס האָט זיך אָנגעצונדען אין איהם דער בראָנפען און ער איז פערברענט געוואָרען, אזוי ווי א ליכט. מיט שמעון־וואָלפען האָט זיך שוין אויך איינמאָל געטראָפען די אייגענע מעשה, האָט מען איהם אָפגעלאָשען. גיטעל האָט אָבער ניט געגלויבט, אז איהר מאן זאָל זיך ווידער א מאָל צונויפגעהן מיט דעם שכור'ניק, נאָכדעם ווי ער האָט איהר געגעבען א האַנד תקיעת־כף און געשוואוירען ביי א פּאָר תפילין, אז צייט ער וועט לעבען, וועט ער זיך מיט איהם קיינמאָל ניט בעגעגענען. איבער דעם איז ארויס אין יענער צייט א גרויס מחלוקת צווישען חלאָוונע'ס וויב גיטעל און שמעון־וואָלפ'ס וויב חנה־זיסעל. דאָס מחלוקת האָט זיך אָנגעהויבען מיט ווערטער און מיט ווערטלעך, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס זעהר מיאוס: ביידע ווייבער האָבען זיך אריינגעפלאָנטעט איינע דער אַנדערער אין די שלייערס, און מע האָט זיי קוים צעגומען. פון דעמאָלט אָן רעדען ניט צווישען זיך אָט די צוויי ווייבער, און אז זיי בעגעגענען זיך, כּרעטען זיך אָפּ איינע דער אַנדערער דעם וועג און שפּייען־אויס דריי מאָל.

גיטעל האָט זיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה, וואָס זאָל זי טהון: צי זאָל זי געהן צו אָט דער הולטייקע חנה־זיסעל געוואָהרע ווערען וועגען איהר מאן, צי ניין? זי האָט מורא געהאַט,

ס׳זאָל ניט אַרויס דערפון קיין נייער סקאַנדאַל — און עפּיס טאַקי נאָר ווי גאָט אַליין האָט זיך אַרײנגעמישט און איז איהר געקומען צו הילף. נאָך איידער זי האָט זיך אַ ריהר געטהאָן, דערזעהט זי, עפּיס אַ נפש, אײנגעהילט אין שוואַרצען, געהט איהר אַקעגען. זי קוקט זיך אײַן אין דער פינסטערניש און זי דער־קענט חנה־זיסלען. ביידע ווײַבער זענען גרייט געווען אָפּשפּרינ־גען איינע פון דער אַנדערער און אויסשפּייען דריי מאָל, ווי תמיד. נאָר עפּיס אַ פערבאָרגענער כח האָט זיי ביידע אָפּגעהאַלטען, און זיי האָבען ביידע מיט אַ מאָל אָנגעהויבען רעדען. זייער געשפּרעך איז געווען אַ קורצער, נאָר זעהר אַ פערשטענדליכער:

— וואוהין איז אַזוי שפּעט?

— און איהר וואוהין?

— איך זוך מיין מאַנסביל.

— דאָס איינענע, וואָס איך.

— וואו קאָנען זיי זיין?

— איך זאָל אַזוי וויסען פון איהם.

— מיינער איז געווען אין שוהל צו דער מגילה.

— מיינער אויך דאָרטען.

— זענען זיי, אַפּנים, פון דאָרטען אוועק ביידע?

— אַזוי ווייזט דאָס אויס.

און ביידע ווײַבער לאָזען־אַרויס אַ טיעפען זיפץ און צע־געהען זיך די אַהער, די אַהין.

## קאַפּיטעל אכט.

פערוויסט און פערפינסטערט איז נעבאַך גיטעל געקומען אַהיים, געחאַפּט אַ קוק פאַרבייגעהענדיג אויפ׳ן המן־טאַש, און עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז ער קוקט אויף איהר און זאָגט צו איהר: „וואָס איז די מעשה מיט חלאָוונען?" פאַר צרות גיט זי זיך אַ וואָרף אין בעט אַריין און ליגט אַזוי לאַנג, ביז זי ווערד

אנשלאָפּען. זי װערד אנשלאָפען און עס חלום'ט זיך איהר, אַז מע קלאַפּט אין פענסטער און מע רופט זי אָן ביי'ם נאָמען. זי וויל אויפהויבען דעם קאָפּ און קאָן ניט. פרעגט זי ליגענדיג פון בעט אַרוים: „ווער איז דאָרטען?“ און בעקומט תשובה, אַז דאָס איז חנה־זיסעל די שוסטערקע מיט'ן שמש פון חברה־קדישא גע־קומען צו איהר נאָך תכריכים. גיטעל פערשטעהט ניט, פון וואַנען עס נעמט זיך צו איהר אַזוי פיעל כח צו רעדען וועגען אַזאַ זאַך, און זי פרעגט ביי חנה־זיסלען גאַנץ קאַלטבלוטיג, גלייך ווי עס רעדט זיך וועגען אַ דייזשע ברויט אָדער וועגען אַ פערטעל עופ אויף שבת: „זיי זענען פארברענט געוואָרען?“ — „פארברענט געוואָרען“. „ביידע אינאיינעם?“ — „ביידע אינאיינעם“. פאַר פּחד פּאַלט גיטעל שיער ניט אַראָפּ פונ'ם בעט, זעצט זיך אויף און דערהערט, ווי עטליכע הענד מיט אַ מאָל שאַרען אין דער טיר, און עס שטעלען זיך איהר די האָר קאַפּויר. קוים־קוים וואָס זי רעדט אַרוים:

— ווער איז?

— ס'איז מיר.

— ווער איז דער מיר?

— עפען אויף די טיר, וועסט דו וויסען, ווער איז דער מיר.

— די טיר איז אָפען.

— מיר קאָנען ניט געפינען די קליאַמקע.

נאָכ'ן קול האָט גיטעל באַלד דערקענט, אַז דאָס איז איהר מאַן, און זי חאַפּט זיך אויף געשווינד און זי עפענט אויף די טיר און דערזעהט צוויי נפשות, אויסגעשמירטע, ווי די שדים, און טהוט אַ שפּרונג־אָפּ צוריק.

— אַ גוט יום־טוב דיר, גיטעל! — אָט אַזוי רופט זיך אָן צו איהר חלאַוונע און קאַטשעט זיך אריין אין שטוב אריין אינ־איינעם מיט רויטשילדען. — זאָל מיין נאָמען ניט הייסען חלאַוונע, אויב דו ווייסט, ווער צו דיר איז געקומען! צו דיר זענען געקומען צו־גאַסט לכבוד פּורים צוויי טוידטע... גאָט איז מיט דיר. וואָס

האסט דו זיך אזוי דערשראָקען? צוויי טוידטע זענען מיר טאקי, נאָר ניט פון יענער וועלט... איינער איז טוידט־שכור, דער אנ־דערער איז טוידט־הונגעריג... ווער איז דאָ טוידט־שכור און ווער איז טוידט־הונגעריג — דאָס דאַרפסט דו שוין אליין פארשטעהן, אויב דו ביזט אַ קלוגע... וואָס קוקסט דו אזוי? האָסט איהם ניט דערקענט? ס׳איז דאָך רויטשילד. איינגעזונקען זאָל ווערען רב יאָסי דער נגיד מיט דער כתרילעווקער בלאָטע אינאיינעם! רויט־שילד האָט זיך נעבאָך אזוי אויסגעשמירט, אַז ס׳איז איהם ניט צו דערקענען. מע וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער האָט זיך דאָרט גע־קאטשעט מיט אלע חזירים... הערסט דו, גיטעל, ביזט טאקי אַ אידינע אַ חכמה! ושתי מעג זיין פאר דיר די כפרה! איך זעה ביי דיר דאָס שבת׳דיגע פלעשעל אויפ׳ן טיש. דאָס הארץ האָט דיר, אפנים, געזאָגט, אַז מיר האָבען היינט יום־טוב אויף דער גאנ־צער וועלט און מע דאַרף מאַכען קידוש און פארבייסען מיט אָט דעם דרייעקעכיגען ממזר, ס׳זאָל אויף איהם קומען אַ מיתה משונה, אזוי ווי אויף זיין טאטען המנ׳ען!... לחיים, רויטשילד! לאָז גאָט געבען, המן זאָל דערלעבען איבער־אַ־יאָהר, און מיר זאָלען איהם ווידער אַ מאָל אויפהענגען אין שוהל מיט זיינע צעהן בנים אלע אויף איין תליה, פופציג איילען די הויך! וואָס שווייגסט דו, גיטעל? זאָג אָמן!

חרוסת

געשריבען אין יאָהר 1909.

# חרוסת

א.

— מויד! מע וועט אמאָל דערלעבען זעהען דיך אָנגעטהאָן, צי ניין? נעם דאָס גלעזערנע טעלערעל און געה זיך דורך צום פעטער יאָסי'ן, וועסט דו ברענגען חרוסת. אז דו וועסט אריינקומען צום פעטער יאָסי'ן, זאָלסט דו זאָגען: „דער בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע האָבען אייך געשיקט זאָגען, איהר זאָלט דערלעבען איבער־א־יאָהר, און געבעטען, איהר זאָלט זיי געבען חרוסת. וועסט שוין געדענקען, וואָס מע זאָגט דיר אָן? צי מע דאַרף מיט דיר איבער'חזר'ען נאָך א מאָל צוואַנציג?

— ס'איז ניט אזוי שווער, מע זאָל דאָס ניט געדענקען אויף אויסוועניג.

און לאה די מויד (אזוי האָט מען זי גערופען אין דער דיענסט, חאָטש ביי זיך און ביי איהרע בעקאַנטע האָט זי געהייסען „ליזא") האָט זיך געאיילט אָנטהון יום־טוב'דיג, און חאָטש דער גאַנצער אָנטהון איהרער איז בעשטאַנען ניט מעהר ווי אין א ציצען קליידעל מיט א קאָפּטעל, נייע שיך און א סטענגע אויף די האָר, פון דעסטוועגען באַברעט זי זיך שוין ווייס איך וויפיעל צייט און איז נאָך אַלץ ניט פאַרטיג. ס'איז תמיד אזוי: אז מע וויל גיך, געדרויערט עס, און אז מע שלאָגט האַלז־און־נאַקען, פאַלט פון די הענד. ליזא (לאָמיר איהר טהון צוליעב און רופען זי אזוי, ווי איהר געפעלט) האָט זיך אָנגעטהאָן יום־טוב'דיג און איז צוגעגאַנגען צו דער בעל־הבית'טע ווייזען, אז זי איז פאַרטיג. די בעל־הבית'טע (א ביסעלע שפּעטער וועלען מיר זיך מיט איהר בעקענען נעהענטער) האָט געגעבען א פּליעסק מיט די הענד:

— זעה־נאַר, ווי זי האָט זיך אויסגעסטראָצעלט! אַ ריינע פּרינצעסין! פּסנו! קיין עין־הרע! קיין בייז אויג! פּאַרניץ גע־זונט און געב האַטש אַכטונג אויף די שיך, זאָלסט נישט אריין מיט זיי אין אַ קאַליזשע! און דאָס קליידעל, נישקשה, מעגסט דו אויך אונטערהויבן אין דער בלאָטע. ס'איז פאַר מיין געלט, וואָס דו האָסט ביי מיר פאַרדיענט, מעג איך דיר, דאַכט זיך, זאָגען אַ דעה, צי ניין?

ליזאַ האָט גענומען דאָס גלעזערנע טעלערעל און איז אַוועק־געגאַנגען נאָך חרוסת אָהן ווערטער. וואָס וועט זי איהר ענט־פערען, אַזאַ „פערעוואַריכע", אַז זי פערשטעהט אפילו ניט, אַז דאָס געלד, וואָס די דיענסט האָט ביי איהר פערדיענט, געהער צו דער דיענסט, ניט צו איהר? איהר מאַקס זאָל דאָ זיין — ער וואָלט שוין וויסען וואָס צו ענטפערען אַזאַ בורזשויקע!... אַ רעכ־טער יאַט, אָט דער מאַקס! ערשט היינטיגען פאַר־פּסח האָט זי זיך מיט איהם בעקענט, געהענדיג פון פּאַדריאַד איינמאָל פאַרנאַכט אהיים. דעם גאַנצען וועג האָט ער מיט איהר גערעדט פון אַזעלכע זאַכען, וואָס זי האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט, נאָר באַלד גע־חאַפּט מיט'ן שכל. פון בעלי־בתים האָט ער מיט איהר גערעדט און פון אַרבייטער. ביז אַהער האָבען געוועלטיגט זיי, די בעלי־בתים; אָט באַלד וועלען אָנהויבען געוועלטיגען מיר, אַרבייטער.

שוין אַז זיי זענען געווען ביי דער טיר, האָט ער זי אַ פרעג געטהאָן, צי זי קאָן לייענען אַ ביכעל?

— אַ וואָסערס? אַ אידיש?

— פאַרשטעהט זיך, אַ אידיש.

— פאַר וואָס ניט? איך נעם אַלע פרייטאָג ביי רב אַלטערען אַ מעשה־ביכעל אויף איבערלייענען. אַז איך לייען איבער דאָס ביכעל, גיט ער מיר איבעראַכטאָג פרייטאָג איין אַנדערס, דאָס הייסט, טאַקי די אייגענע מעשה, נאָר אין איין אַנדער ביכעל. מחמת די מעשה איז אַ לאַנגע מעשה, זי ציהט זיך פון סוכות אָן...

מאַקס הערט זי אויס מיט אַ האַלבען שמייכעל:

— ניט די ביכלעך דאַרף מען לייענען. אַט וועל איך אייך געבען אַ ביכעל, וועט איהר וויסען „פּאָקראַנימיר"...

און ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, ציהט אַרויס פון דער חאַליווע פון די שטיוועל אַ קליין פערשמאַלצעוועט ביכעלע און גיט דאָס איבער איהר, ווי עפּיס אַ הייליגע זאַך, בעט, זי זאָל דאָס ניט האַלטען אויבען־אויף...

— וואָס איז דען?

— אַז מע זאָגט אייך, זאָלט איהר ניט פרעגען פאַר וואָס...

ליזא האָט דאָס ביכעל ביי איהם צוגענומען מיט דעם אייגענעם רעספּעקט, ווי ער האָט דאָס איהר געגעבען, און אַז זי איז געקומען מיט דעם אהיים, האָט זי געחאַפּט אַ מיאוסען פּסק פון דער בעל־הבית'טע, דערפאַר, וואָס זי, אַז זי געהט אַוועק, פערגעסט זי דעם זיי־געזונד. און אַז אַלע האָבען זיך געלעגט שלאָפען, האָט זי אַרויסגעדרעהט דאָס לעמפּעל און האָט זיך אַוועקגעזעצט לייענען דאָס ביכעל, וואָס מאַקס האָט איהר געגעבען. אויפ'ן ערשטען בלעטעל, גאַנץ אויבענאַן, איז געשטאַנען מיט גרויסע אותיות: **אַרבייטער פון אַלע לענדער, פעראייניגט אייך!...**

## ב.

פון דעמאָלט אָן זעהט זיך ליזא מיט מאַקסען אַלע פאַרנאַכט, און זי קאָן זיך ניט דערמאַנען, פון וואָסער אַ מאָמענט זיי זענען אַריבערגעגאַנגען פון „איהר" אויף „דו". זי ווייסט נאָר, אַז ווען זי זעהט איהם ניט, ציהט דאָס זי צו איהם, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, און אַז זיי בעגעגענען זיך, ווייסט זי ניט, וואוהין די צייט געהט אַוועק. זיי האָבען אַזוי פיעל צו רעדען, אַז עס וועט, דאַכט זיך, ביי זיי קיינמאָל נישט אויסשעפּען זיך, און אַלץ, וואָס ער רעדט, איז צוקער־זיס. אַ נייע וועלט האָט ער פאַר איהר אויפגעעפענט מיט זיינע רעד. ביז אַהער האָט זי געוואוסט, אַז ווייל זי, ליזא, איז אַ דיענסט, און „פערעווואַריכע" איז אַ נגידית,

דאַרף זי, ליזאַ, זײַן בײַ „פּערעוואַריכען“ אין גלות, דאַרף קאָכען און באַקען און וואַשען און רייניגען אויף דער גאַנצער שטוב. איצט לאָזט זיך אויס אַ מעשה גאָר פּערקעהרט: אַז ווייל די גאַנצע שטוב שטעהט אויף איהר, אויף ליזאַ'ן, דאַרף „פּערעוואַריכע“ די נגידית וויסען דרך־ארץ. וואו איז געוועזען איהר שכל ביז אַהער? ניט געוועזען מאַקס, איז ניט געוועזען קיין שכל; געקומען מאַקס, איז געוואָרען גאָר אַנדערש. דאָס הייסט, דערווייל איז נאָך אַלץ אַזוי ווי פריהער: ליזאַ איז אַ דינסט, און „פּערעוואַריכע“ — אַ נגידית. ליזאַ קאָכט און באַקט און וואַשט און רייניגט אויף דער גאַנצער שטוב, און פּערעוואַריכע שעלט און קאַרעניעט, דאָס מויל מאַכט זיך איהר ניט צו. ס'איז אָבער אַלסדינג נאָר דערווייל, ביז אַ צייט. עס געהט אַ צייט, אַ גאָלדענע צייט!...

אַזוי טראַכט זיך ליזאַ, געהענדיג מיט'ן גלעזערנעם טעלערעל צום פעטער יאָסי נאָך חרוסת, און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, טאָמער וועט זי בעגעגענען מאַקסען. זי זעהט גאָר ניט, ווי די רויטע זון האַלט ביי אונטערגעהן אויף יענער זייט שטאָדט און בעפאַרבט מיט גינגאָלד אַ גאַנצען שטיק הימעל. זי זעהט גאָר ניט, ווי אידען לויפען מיט פולע פלעשלעך ווייַן אויף ארבע־כוסות, געקויפט ביי מאָטי ווימאַראַזיג. דער וויין פינקעלט זיך אָפּ אויף דער פערגעהענדיגער זון און שפּיעלט און צעגיסט זיך אין אַלערליי קאָלירען. ליזאַ בעמערקט דאָס אָבער ניט. וואָס איז איהר די זון? וואָס איז איהר כתרילעווקע מיט איהרע אידען און מיט זייער וויין אויף ארבע־כוסות, אַז ס'איז ניטאָ דער, וועמען זי זוכט? נאָר אָט דערהערט זי אַ קול פון הינטען:

— ליזאַ!

— מאַקס!

און זיי שטעלען זיך אַוועק אַ ביסעל שמועסען, היטען זיך, מע זאָל חלילה ניט בעמערקען, וואָרום כתרילעווקע קאָן נאָך אַלץ ניט ליידען, אַז אַ בחור מיט אַ מיידעל זאָלען שטעהן פראַנק און

פריי אין מיטען גאָס און רעדען... און אַזוי פליהען די מינוטען, ביז ליזא טהוט זיך אַ כאַפּ:

— אוי! אַ מכה דער פּערעוואַריכע מיינער! איך דאַרף דאָך גאָר געהן צו איהר פעטער יאָסי נאָך חרוסת!

— געה, געה, איך וועל דאָ צוּוואַרטען אַ ווײלע, ביז דו וועסט זיך אומקעהרען, וועל איך דיך שוין באַגלייטען ביז אַהיים.

און ליזא לאָזט זיך לויפען צום פעטער יאָסי נאָך חרוסת.

## ג.

„דער פעטער יאָסי" — אַזוי האָט מען איהם גערופען אין כתרילעווקע דערפאַר, וואָס ער איז געוועזן אַ שענער איד און איין אַלטער און אַ בכבוד'ער און אַ נגיד און האָט קיין קינדער ניט געהאַט, אחוץ פּלימעניקעס און פּלימעניצעס אָהן אַ שיעור. כמעט אַ האַלבע שטאָדט זענען געווען זיינע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, און אַלע האָבען זיי אַרויסגעקוקט אויף איבער הונדערט און צוואַנ־ציג יאָהר...

וויפיעל פערמאָגט דער פעטער יאָסי — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט, און דער פעטער יאָסי אַליין אויך ניט. אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטאָדט. געזאָגט האָט מען, אַז דער פעטער יאָסי איז אָנגעשטאָפּט ממון־קרח; מע ווייסט אפילו, אַז ער האָט אַ צוואה און דאָרט איז ביי איהם אויסגערעכענט ביז דער לעצטער פּרוטה. אַלע יאָהר, אַז ס'איז געקומען ערב ראש־השנה, פלעגט ער איבערשרייבען די דאָזיגע צוואה, צונויפרופען אַלע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, און נעמען ביי זיי „תקיעת־כף", אַז טאָמער חלילה שטאַרבט ער, זאָל מען זאָגען נאָך זיין נשמה אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר קדיש און לערנען אַלע טאָג אַ פּרק משניות. נאָכ'ן תקיעת־כף האָט ער זיי אָנגעגאָסען צו גלעזלעך בראָנפען און געגעבען צו שטיקלעך לעקאָך. די פּלימעניקעס האָבען געטרונקען לחיים, די פּלימעניצעס האָבען איהם געוווּנשעוועט, ער זאָל דערלעבען משיח'ן,

און דער פעטער יאָסי האָט געשמייכעלט מיט זיינע שטענדיג נאַסע אויגען, געשאָמקעט מיט די ליפּען און געענטפערט: אָמן, אָמן.

אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגען פון יאָהר צו יאָהר. די פלי־מעניקעס מיט די פלימעניצעס האָבען ארויסגעקוקט מיט סכנת־נפשות, נאָר דער פעטער יאָסי האָט זיך עפּיס ניט אַזוי געחאַפּט. געהוסט האָט ער דוקא גאַנץ געשמאַק, א זאַדישקע, א מין אסטמע האָט ער געהאַט, וואָס אַז ער פלעגט זיך פערהוסטען, האָט מען געמיינט, ס'איז איין עק, אַז מע דאַרף שוין געהן נאָכ'ן שמש פון חברה־קדישא. צום סוף — גאָרניט, א נעכטיגער טאָג... אַלע פלימעניקעס און פלימעניצעס פלעגען אין אַזא צייט ניט אָפּטרעטען פון זיין בעט:

— ווי פיהלט איהר זיך, פעטער, אצינד?

— א דאַנק גאָט, פיעל בעסער, פיעל בעסער, איהר זאָלט נאָר קיין יסורים ניט האָבען, קינדערלעך; מיין טאַטע, זכר לברכה, האָט אויך געהאַט דעם אייגענעם הוסט, וואָס איך, מיר צו לענ־גערע יאָהר, און האָט געלעבט פון דעסטוועגען הונדערט מיט דריי יאָהר, נאָך מיט א האַלבען. און מיין מאַמע, עליה השלום, — די האָט געלעבט נאָך מעהר מיט אַנדערהאַלבען יאָהר... אונזער שטי־קעל גליק איז, וואָס מיר היטען זיך; מיר עפענען קיינמאָל קיין טיר און קיין פענסטער, און אפילו קיין קוואַטירעל פון א פענסטער אויך ניט, מחמת ס'איז א פשוטע זאַך: לופט איז פאַר א הוסט א שחיטה, און פאַר א זאַדישקע — סם־המות...

אָט אַזוי האָט זיי אויסגערעדט דאָס הארץ דער פעטער יאָסי און אָפּגעשיקט זיי אהיים, פאַר'ן אוועקגאַנג געדאַנקט, וואָס זיי פערגעסען איהם ניט...

איהם פערגעסען? ווי קאָן מען פערגעסען אָן אַזא געטרייען פעטער, וואָס טראָגט אויפ'ן קאָפּ, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל פלימע־ניקעס מיט פלימעניצעס? איין אייגענער טאַטע דאַרף ניט מעהר טהון, ווי דער פעטער יאָסי טהוט פון זייערטוועגען אַלע יום־טוב. למשל, סוכות בענשען זיי אַלע אויף זיין אתרוג. חנוכה גרייט

ער אָן פון זייערע קינדער׳ס וועגן דריידלעך, איטליכען בעזונדער א דריידעל. פורים מוזען די פלימעניקעס מיט די פלימעניצעס קומען צו איהם אַלע מיט קינד און קייט האָרכען די מגילה. טאָמער חלילה פערפעהלט א קינד צו דער מגילה — איז חיות ניט זיכער! דער פעטער יאָסי גיט אכטונג. איהם וועט איהר ניט נארען. נישקשה, ער ווייסט, ווער ס׳איז געווען צו דער מגילה און ווער ניט. און אז ער האָט דערטאַפּט דעם, וואָס איז ניט געווען, האָט ער איהם אָנגעכאַפּט פאר איין אויהער: „פוסטע־קראַט מיינער! וואו ביזט דו געווען צו דער מגילה?״ און יענער האָט געמוזט זיך פערענטפערען, אויסזוכען עפּיס א רעכטען תירוץ, ווארום דעם פעטער יאָסי׳ן טאָר מען ניט דער׳רגז׳ענען...

נאָר מעהר ווי אַלע יום־טובים האָט ער זיך מפקיר געווען צוליעב זיי, אז ס׳איז געקומען פּסח. דעם גאַנצען טאָג ערב־פּסח האָט איהר געקאָנט זעהען דעם פעטער יאָסי זיצען אין שטוב און שטויסען צימערינג, רייבען עפּעל מיט ווין און מיט וועלישע ניס. דער פעטער יאָסי האָט אַליין געמאַכט חרוסת פאר אַלע זיינע פלימעניקעס און פלימעניצעס. אזוי איז שוין געווען ביי איהם דער מנהג אַלע ערב־פּסח — אָנמאַכען א פולע שיסעל מיט חרוסת און אויסטיילען זיי איינציגווייז אויף טעלערלעך. און אויף מאָר־גען נאָכ׳ן טיש, אז די פלימעניקעס מיט די פלימעניצעס זענען געקומען צום פעטער גוט יום־טוב בעטען, פלעגט מען ניט רעדען פון קיין זאך, נאָר פונ׳ם חרוסת. זיי פלעגען זיך גאָר ניט קאָנען זאַט אָפּלויבען פונ׳ם חרוסת:

— דער חרוסת איז אייך היינטיגס יאָהר אָפּגערעטען, פעטער, מעהר ווי אַלע יאָהר.

— פון אייער חרוסת איז מיר ניט איבערגעבליבען צום אַנ־דערען סדר, איהר זאָלט זאָגען, פעטער, אויף א רפואה.

— מיט אייער חרוסת האָבען מיר זיך, פעטער, געטיילט, ווי מיט קרעפּעל־פלייש.

— וואָס טהוט איהר אריין, פעטער, אזעלכעס אינ׳ם חרוסת, וואָס ער קומט ארוים ביי אייך אזוי בא׳טעמ׳ט?

דער פעטער יאָסי האָט אויסגעהערט די דאָזיגע אלע זיסע רעד און ניט געענטפערט גאָרניט, נאָר געשמאַקט מיט די ליפּען. ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט זייער ווערטה, און דאָך פלעגט ער אָנקוועלען פון זיי, ווערען ברייטער ווי לענגער.

געהט, טענה׳ט, ווערד הייזעריג רעדענדיג — ס׳איז א פער־פאלענע זאַך: חניפה איז א זיסער ביסען, מענשען האָבען עס ליעב, ווי צוקערלעקאך.

## ד.

צוויי אינטערעסאנטע פּאַרשוינען, מיט וועלכע מיר וועלען אייך באלד בעקענען, זענען ליזא׳ם בעלי־בתים: „פּערערווע" און „פּערעוואריכע".

„פּערערווע" — איז א צונעמעניש, וואָס לאָזט זיך ניט איבער־זעצען אויף קיין אנדער לשון, סיי׳דען אויף אונזער אידיש, זאָל לעבען. אויף אונזער אידיש וועט דאָס הייסען אזוי גרוים, ווי „א קישקע אָהן א דנא". מיט איינעם וואָרט, „פּערערווע" איז א מענש, וואָס ס׳איז איהם קארג די וועלט — און אָט אזעלכער איז ער טאַקי. די גרעסטע קראַם אין כתרילעווקע איז זיינע, און דער גרעסטער פדיון איז ביי איהם. וואָס ער קאָן אמאָל אפּלייזען אין איין שעה, וועלען דאָס דריי קרעמער ניט לייזען אין א וואָך — און ס׳איז איהם נאָך קארג. ער שלעפּט קונים, שלעפּט זיי ביי די פּאָלעס, שעמט זיך ניט ארויסשלעפּען זיי פון יענעמ׳ס קלייט, חאַפּט אָפּטמאָל פון די קרעמער א מיאוסען פּסק — מיט א נאַסען בעזים איבער׳ן פּנים, אָדער מיט א קאַנאַווקע קאַלט וואַסער איבער׳ן קאָפּ: „א איד א פּערערווע זאָל ניט האָבען קיין טבע שטעקען די נאָז, וואו מע דאַרף ניט!"... אזעלכע סקאַנדאַלען פלעגען זיך אויסלאָזען אמאָל נאָך מיט א גרעסערען סקאַנדאַל ביי׳ם מיראָוואָי. דער מיראָוואָי, אונזער אלטער בעקאַנטער פאַן מיליניעווסקי, פלעגט

אויסהערעןביידע צדדים מיט די עדות, אויס׳מוסר׳ען דעם בעל־דבר אליין:

— נאָווישטשע טי טאָקי פּערערוואַ? (וואָס ביזט דו אַזוי זשעדנע?) חיבאָזש בעזדיטנעי יאָסיקאַ טובי ניע דיאַדיקאַ? (איז דען דער אַהנקינדערדיגער יאָסי דיר קיין פעטער?)

און כדומה אַזעלכע רעד פּלעגט אַריינזעצען אין איהם דער מיראָוואָי, און די גאַנצע שטאָדט האָט געמאַכט פון איהם חוכא וטלולא. און פּערערווע זאָל זיך עס אַפילו פערקרימען. גאָרניט, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען. אָט אַזאַ נפש איז פּערערווע. אצינד וועלען מיר אייך פאָרשטעלען זיין ווייב הצנועה מרת „פּערעוואַריכע״ שתחיה.

יעדער מאָן פערמאָגט פונקט אַזאַ ווייב ווי ער איז ווערטה. פּערערווע האָט אַ ווייב, דאַרף זי הייסען פּערעוואַריכע. דאָס הייסט, הייסען הייסט זי ראַצעל, נאָר אַ נאָמען האָט מען איהר געגעבען פּערעוואַריכע, איבער איהר כאַראַקטער. זי איז אַ ביסעל איין אייגנגעסענע. איטליכען בעזונדער קאָכט זי אויס דאָס וואַסער. מע קען זי אומעטום, ווי אַ בייזען שילינגער: „אָט איז זי שוין דאָ, די פּערעוואַריכע!״ — אַזוי זאָגט מען אויף איהר אין מאַרק, אַז מע דערזעהט זי פון דער ווייטען. פּערעוואַריכע, אַז זי וויל עפּיס קויפען, דינגט זי זיך אַזוי לאַנג, ביז מע זאָגט איהר אין די אויגען, אַז זי איז אַ פּערעוואַריכע. און דאָס האָט זי דוקא פיינט:

— מיט וואָס בין איך אַ פּערעוואַריכע? דערמיט, וואָס איך וויל ניט איבערצאָהלען? פאַר מיין געלט מעג איך מיך, דאַכט מיר, אַ ביסעל דינגען, צי ניין? זאָגט אפשר, אַז ניין? אָדער אפשר איז ביי מיר גנב׳יש געלט? אָדער אפשר מיינט איהר, אַז מיר האַנדלען מיט פאַלשע סיגנאַציעס? אָדער אפשר איז גלאַט אַ מצוה ביי מיר נעמען טייערער?...

פּערעוואַריכע איז אַ אידינע, וואָס לעגט ניט קיין כבוד אויף קיינעם. אפילו איהר אייגענער פעטער יאָסי (ער איז איהר

פעטער, ניט איהר מאנ׳ס), וואס אלע האבען פאר איהם דרך־ארץ, האט מורא מיט איהר אנצוהויבען. און אז עס מאכט זיך אמאל, ער פערטשעפּעט זי מיט א ווארט, קאן ער זיך פון איהר ניט אויס־באדען אין צעהן וואסערען. דער פעטער יאסי חאפּט זיך דעמאלט מיטביידע הענד ביי די אויהערען, לויפט־ארויס אין דרויסען מיט א גוואלד:

— רבונו של עולם! שטראף מיך מיט כף־הקלע, מיט גיהנם, מיט וואס דו ווילסט, אבי לייז מיך אויס פון פערעוואריכע׳ס מויל!

דער פעטער יאסי האט שוין געפּרובט א פּאר מאל סטראשען זי מיט דער צוואה — האט דאס אויך ניט געהאלפען. אדרבה, ס׳איז נאך געוועזן פיעל ערגער. זי האט זיך אין איהם אזוי איינ־געגעסען אין די ביינער, אז ער האט געשווארען פאר א גאנצען מנין אידען, אז זיי זאלען וויסען, אז טאמער חלילה געהט ער פון דער וועלט, איז דאס נאר איבער איהר, איבער אט דער פערע־וואריכע!

אצינד וועלען מיר לערנען א קל־וחומר: מה־דאך דער פעטער יאסי, וואס אלע קוקען־ארויס אויף זיין ירושה, האט פון איהר אפּגעשניטענע יאהרען, היינט לא־כל־שכן א מאן, און נאך אזא מאן, ווי פערערווע, על אחת כמה וכמה — מעג מען דאך אודאי בעגראבען נייען איילען אין דער ערד, ער זאל קיין תחית־המתים ניט אויפשטעהן! איך בין נישט פערעוואריכע׳ס מליץ־יושר, נאר איך געב איהר אפּ דעם געראכט: א מצוה אויף פערערוועען. ער האט געוואוסט נאך פאר דער חתונה, אז זי איז א שלאק פון זיין ליעבען נאמען, און האט געהאט ביד נאך דער חתונה דרייסיג מאל זי אפּ׳גט׳ען; נאר ער האט דאס ניט געטהאן צוליעב׳ן פעטער יאסי׳ס ירושה. כן יאבדו — אזא סוף מעגען האבען אלע זשעדנע נשמות, וואס פערקויפען זיך פאר געלד!

מיר לאזען איבער פערערוועען מיט פערעוואריכען און קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער ליזא׳ן מיט איהר געליעבטען מאקס.

ליזא איז ארויסגעגאנגען פונ'ם פעטער יאָסין מיט'ן חרוסת און האָט נאָך נישט געמאַכט קיין פינף טריט, איז שוין אויסגע־וואַקסען מאַקס, און דאָס פּאָרעל האָבען זיך געלאָזט ביידע שפּאַ־ציערען איבער דער בעריהמטער כתרילעווקער בלאָטע, וואָס בע־ווייזט זיך ארויס מיט איהר גאַנצען חן, אַז עס קומט פּסח. אַלטע לייט דערצעהלען, אַז זיי געדענקען ניט, ווען ס'זאָל זיין אַמאָל אין כתרילעווקע אַ טרוקענער פּסח. אידען, זאָגען זיי, האָבען שוין אַזא גליק, אַז עס קומט פּסח, ווערד אַ דערטרינקעניש איבער דער גאַנ־צער שטאָדט. נאָר ערגער ווי אומעטום איז דער גרויסער פּלאַץ, אָדער דער שוהל־הויף, דאָרט, וואו עס שטעהען אַלע שוהלען, בתי־מדרשים און קלייזלעך. די כתרילעווקער בעלי־עגלות, וואָס זענען שאַרף אויף צונעמענישען, האָבען דאָס אַ נאָמען געגעבען „דאָס טינטורעל". אהין, זאָגען זיי, אַז מע פאָהרט אריין מיט אַ וואָגען ערב־פּסח, דאַרף מען זיך אָפּגעזעגענען מיט ווייב און קינדער ביז העט נאָך שבועות.

פון דעסטוועגען — לעבען זאָלען די כתרילעווקער אידען! איהר זאָלט זעהען, ווי מע געהט אין שוהל אריין, אַז עס קומט די ערשטע נאַכט פון פּסח, און דוקא אָנגעטהאָן יום־טוב'דיג, און דוקא מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, און דוקא אַטלעסענע. אַ סך האָבען זיך פערשפּעטיגט, לויפען זיי אין איין אָטהעם, האָטש פערחאַפּען אַ ברכו. נאָר איין מאַקס חאַפּט זיך עפּיס ניט אַזוי אין שוהל אריין. מאַקס איז פערנומען מיט ליזא'ן. ער האַלט מיט איהר אין מיטען אַ שמועס נאָך פון פריהער. זיי געהען האַרט ביי די ווענד, זוכען אַ סטעזשקע, און האָבען זיך אַזוי פערטיעפט אין זייער געשפּרעך, אַז זיי האָבען גאָר ניט בעמערקט, וואו די צייט איז אַהינגעקומען. פּלוצים האָבען זיך אַ שאָט געטהאָן אידען פון די שוהלען, און ליזא האָט זיך אַ חאַפּ געטהאָן מיט אימפּעט:

— אוי, אַ מכה אויף פערעוואַריכען! מע געהט שוין פון שוהל, און דער חרוסת, משטיינס געזאָגט...

ליזא האָט נישט געענדיגט די פראַזע. עס האָט זיך געטראָ־פען מיט איהר דאָס, וואָס עס טרעפט זיך גאַנץ אָפט מיט אַ מיידעל אין כתרילעווקע: זי האָט זיך אויסגעגליטשט און האָט אַרויס־געלאָזט דאָס טעצעל מיט'ן חרוסת גלייך אין בלאָטע אַריין. אַזאַ־אַן־אומגליק! ליזאַ איז געוועזען אויס מענש! סע פערשטעהט זיך, אַז וויפיעל ס'איז דאָ קללות אויף דער וועלט — זענען זיי גע־פלויגען אויף פערעוואָריכע'ס קאָפּ. מאַקס האָט זי אָבער גיך בע־רוהיגט:

— האַפּט זיי בעני, דיינע בורזשוקעס! לעג זיי אָן אַ פול טעלערעל מיט בלאָטע און לאָז דאָס זיין זיי פאַר חרוסת! נישקשה, זיי האָבען גוטע מאַגענס. זיי וועלען דאָס פאַרדייען...

פאַר אַזאַ מין עצה האָט זיך ליזאַ פריהער ווי דערשראָקען: וואָס הייסט, זי וועט אָנהאָדעווען איהרע בעלי־בתים מיט בלאָטע? נאָכדעם איז דער געדאַנק איהר אַזוי געפעלען, אַז זי האָט זיך אויש צעלאַכט פון דער דאָזיגער המצאה און האָט געטהאָן אַזוי, ווי מאַקס האָט איהר געהייסען, און האָט זיך געלאָזט לויפען אַהיים וואָס גיכער, זיך דריי מאָל געזעגענט מיט מאַקסען, שטאַרק געקוועטשט ביי די הענד.

## ה.

עס ליגט שוין עפּיס אַזעלכעס אין דער טבע פון אַ מענשען, אַז גאָט שיקט אונז צו עפּיס אַ גוטע זאַך, טיילען מיר זיך דערמיט געהרן מיט'ן צווייטען. ובפרט אַזאַ זאַך, וואָס איז אַ מצוה און סע קאָסט קיין געלד ניט. אונזער העלד פערערווע, ווי דער לעזער ווייסט שוין, איז עפּיס ניט אַזאַ מילדער נדבן, וואָס זאָל זיך מפקיר זיין לטובת הכלל; נאָר אַז עס קומט די ערשטע נאַכט פון פּסח, דערוועקט זיך אין איהם אַ געפיהל פון צדקה, עס דערוואַרעמט זיך ביי איהם דאָס האַרץ, די האַנד ווערד ביי איהם אויפגעבונדען און ער פערזאָרגט אַלע זיינע נאָהענטע שכנים מיט'ן פעטער יאָסי'ס

חרוסת, איטליכען צו ביסלעך. בעת מעשה שיינט ביי איהם דאָס פּנים, ווי ביי אַ מלאך, און אַז מע ווינשט איהם, ער זאָל דערלעבען איבער־אַ־יאָהר און זיין רייך (דאָס האָט ער דוקא ליעב!), ענט־פערט ער מיט אַ זיס שמייכעלע, וואָס איז זעלטען אויף זיינע ליפּען: „גם אתם! גם אתם!"...

איצטיגס מאָל האָט זיך פערערווע אַ ביסעל פערשפּעטיגט מיט'ן חרוסת אויסטיילען. און איבער ועמען? איבער דער דיענסט. זי איז שפּעט געקומען. איין עזות פון אַ דיענסט! אַ תירוץ האָט זי צוגעטראַכט אפילו זעהר אַ קלוגען: דער פעטער יאָסי האָט זיך פערהוסט, זאָגט זי, מיט סכנת־נפשות. אלע האָ־בען, זאָגט זי, געמיינט, אַז ס'איז שוין איין עק, אוים פעטער יאָסי!

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס־זשע איז געווען?

— וואָס זאָל זיין? געזונט און שטאַרק, אויף אַלע אידישע קינדער...

דער מלך מיט דער מלכה, דאָס הייסט, פערערווע און פערע־ווואריכע, קוקען זיך איבער אָהן ווערטער, לאָזען ארויס אַ טיעפען זיפץ און מע זעצט זיך אַוועק צום סדר.

דער „סדר" איז שוין אַזוי פיעל מאָל בעשריבען געוואָרען פון מיר און פון מיינע קאָלעגען, אַז אַלץ, וואָס איך וועל אייך איצטער זאָגען, וועט זיין ניט מעהר, ווי איבערגעקייט פון פאַר־אַ־יאָהרען. דאָס, וואָס איך וואָלט יאָ וועלען זאָגען איצט, איז נאָר איין זאַך: וואָס פאַר אַ כח ליגט אין דעם ליעבען הייליגען יום־טוב פסח, אַז אפילו אַזאַ קאַלטע זאַך, אַזאַ טרוקענע בריאה, ווי פערערווע — אָסור, אויב איהר וועט איהם דערקענען! און פערעוואריכע? וואו איז אַהינגעקומען איהר מויל, וואָס קאָן זיך קיינמאָל ניט בערו־היגען? פון וואַנען האָט זיך גענומען צו זייביידע אַזאַ מילדע זוייכקייט, אַזוי פיעל פריינדליכקייט און יום־טוב'דיגער חן אויף זייערע פּנים'ער? עס איז, כלעבען, כדאי צו שטעהן פון דער־

ווייטען און צוזעהן, ווי אזוי עס געהט צו ביי זיי דער סדר. ווי אלץ איז ניי, אלץ איז ריין, אלץ גלאנצט, ווי גינגאלד, און אלץ זיצט ביי'ם טיש מיט רעשפעקט, און אלע אויגען קוקען אהין, אויף איין מענשען, אויפ'ן גוטען ליעבען קעניג פון דער דאזיגער נאכט, אויף פערעראווען, ווי ער טיילט־אויס פון זיין פולער האנד איט־ליכען בעזונדער אויף א שטיקעל מצה זיין חלק מרור און חרוסת. פריהער פון אלע בעקומט איהר חלק, ווי דער עטיקעט פאדערט עס, די קעניגין (פערעזוואריכע). נאך דער קעניגין בעקומען צו ביסלעך מרור און חרוסת די פרינצען (די קינדער זייערע), וואס קוקען ארויס אויף דעם, ווי אויף עפיס רעכטס. נאך די קינדער בעקומט אויך די דיענסט א היבשען חלק (דאס איז שוין מחמת גוטסקייט), און ערשט אז די גאנצע קעניגליכע פאמיליע איז שוין ארומגעטיילט מיט מרור און חרוסת, נעמט דער קעניג (פערערווע) און לעגט זיך אן אליין אויך א היבשע פארציע, זאגט דעם „הנני מוכן ומזומן" מיט א שענעם ניגון, מאכט די ברכה און עסט אנ־געלעהענט, מיט ברייטקייט, ווי עס פאסט פאר א מלך. אויף איהם קוקענדיג, נעמט זיך די מלכה אויך צום עסען, ווי דער עטיקעט פאדערט עס, און אויף זיי קוקענדיג, טראגען אויך די קינדער צו צום מויל דעם חרוסת און פערקרימען זיך:

— אוי! וואס איז דאס פאר א מין חרוסת?... קריצט אונ־טער די צייהן און שמעקט מיט... פע!

איין אנדערס מאל וואלטען חברה קליינוואַרג זיך ניט געגארט פאר אזא איין עזות: זאגען אויף חרוסת „פע"!... איצטיגס מאל אבער איז זיי אפגעלאפען גלאט, ווייל דער מלך מיט דער מלכה זענען אליין אויך געבליבען זיצען מיט פולע מיילער, ניט אהין, ניט אהער: איינשלינגען — קאן מען ניט, אויסשפייען — טאר מען ניט... נאר איין ליזא איז געזעסען און געקייעט, ווי א קאלב, איהר חלק מצה (דעם חרוסת האט זי בעצייטענס אראפגעלאזט אונטער'ן טיש...). מיט א שענעם חרוסת האט זיי היינטיגען פסח דער פעטער יאסי מכבד געווען! וואלט האטש דער פעטער יאסי

געווען זיין פעטער, ניט איהרער, וואָלט שוין פערעוואָריכע אָפּגעשפּיעלט פערערוועט א סדר, אז עס וואָלט איהם פינסטער גע־וואָרען די וועלט און נמאס דאָס קעניגען... היינט די בזיונות פון די שכנים — וואָס וועלען די שכנים זאָגען? און כך הוה — אזוי ווי דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט: זיי זענען נאָך ניט פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן ערשטען האלבען סדר, האָט זיך געעפענט די טיר און עס האָבען אָנגעהויבען געהן שלוחים פון די שכנים איינס נאָך דאָס אנדערע:

— נאָט אייך אָפּ צוריק אייער חרוסת...

— דער טאַטע האָט אייך געשיקט זאָגען א דאנק פאר׳ן חרוסת...

— אזא חרוסת עסט שוין בעסער איהר אליין געזונטערהייד...

אויף מאָרגען פסח נאָכ׳ן טיש זענען אלע פלימעניקעס און פלימעניצעס מיט זייערע קינדער געקומען, ווי דער מנהג איז, צום פעטער יאָסי גוט יום־טוב בעטען. דער פעטער יאָסי האָט זיי אָנגעגרייט א טיש פון כל־טוב: דעם בעסטען ראָזינקעס־וויין (צע־מישט מיט פסח׳יגען וואסער), א סך וועלישע ניס (צום מיינסטען, פוסטע) און זילבערנע כוסות מיט פסח׳יגע גלעזלעך אָהן א שיעור. דער פעטער יאָסי, אין זיין יום־טוב׳דיגען צעריסענעם, נאָר זיידע־נעם אויסגעניייהטען חאַלאַט, מיט דער געשטיקטער יארמעלקע אויפ׳ן קאָפּ, האָט אויסגעזעהען ווי א טערקישער פּאשא, וואָס האָט אזוי ליעב געסט, אז ער וואָלט זיי אוועקגעגעבען די נשמה. ער האָט נישט גערוהט, נישט געקאָנט זעהען, טאָמער זיצט איינער אָהן ארבייט, און האָט אלץ געבעטען:

— קנאַקט, קינדערלעך, קנאַקט ניס און פארטרינקט מיט וויין, נאָר ווערד ניט שכור... פארגעסט ניט, אז מיר האָבען היינט ביי־נאכט נאָך א סדר מיט נאָך א מאָל ארבע־כוסות, מיט נאָך א מאָל מרור און חרוסת...

— דער חרוסת איז אייך היינטיגס יאָהר אָפּגעראָטען, פעטער, מעהר ווי אלע יאָהר.

— פון אייער חרוסת איז מיר ניט איבערגעבליבען צום אנ־דערען סדר, איהר זאָלט זאָגען, פעטער, אויף א רפואה.

— מיט אייער חרוסת האָבען מיר זיך, פעטער, געטיילט, ווי מיט קרעפּעל־פלייש.

— וואָס טהוט איהר אריין, פעטער, אזעלכעס אינ׳ם חרוסת, וואָס ער קומט ארויס ביי אייך אזוי באַ׳טעמ׳ט?

אָט אזעלכע קאָמפּלימענטען זענען געפלויגען פון אלע זייטען, פונקט ווי אלע יאָהר. נאָר איין פערערווע מיט פערעוואריכען האָבען געשוויגען, געקוקט איינס אויף דאָס אנדערע און געקאָכט זיך שטילערהייד אינוועניג, אזוי לאנג, ביז פערעוואריכע האָט דער־פיהלט, אז עס פּלאצט אין איהר די גאַל, אז טאָמער וועט זי שווייגען נאָך איין מינוט, איז איין עק פון איהר לעבען! — און זי האָט אויפגעעפענט איהר מויל און האָט אוועקגעלעגט א מענה־לשון, אזוי ווי זי קאָן, און האָט זיי אלעמען אָנגערופען מיט׳ן אמת׳ען נאָמען, וואָס זיי האָבען פערדיענט:

— פארשטאָכענע אויגען! פאלשע מענטשען! פארקויפטע נשמות! חאליפּאָסניקעס! טעלערלעקער!... מע גיט אייך א ביסעל וויים איך וואָס, א ביסעל גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאר די רעד, און מע זאָגט אייך, ס׳איז חרוסת, — לעקט איהר די פינגער!?...

א באָמבע זאָל געווען אראָפּפאלען פון סטעלי און פּלאצען ביי׳ם פעטער יאָסי׳ן אין שטוב, וואָלט זי ניט בעדארפט אָנמאכען אזא רעש, ווי עס האָבען געמאכט פערעוואריכע׳ס ווערטער. סטייטש! זאָגען אויף דעם פעטער יאָסי׳ס חרוסת, אז ס׳איז „א ביסעל וויים איך וואָס", „א ביסעל גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאר די רעד", און נאָך וואו? ביי׳ם פעטער יאָסי׳ן אין שטוב, פאר׳ן פעטער יאָסי׳ן אין די אויגען! ניט אנדערש, אז פערעוואַ־ריכע איז געריהרט, ניט ביי אלע געדאנקען.

— ראצעל! וואָס רעדט איהר דאָס? גאָט איז מיט אייך! איהר זענט משוגע? צי חסר־דעה?

אזוי זענען אָנגעפאַלען אויף איהר אַלע איבעריגע פלימעניקעס און פלימעניצעס, און פערעוואַריכע איז געוואָרען נאָך מעהר אויפ־געבראַכט און האָט זיי אָוועקגעגעבען בכפל־כפלים:

— משוגע מעגט איהר שוין אַלע ווערען פאַר מיר און פאַר מיין מאַן און פאַר מיינע קינדער! איך בין אַ מענטש, וואָס קאַ־טאָרי כ'האָב ליעב זאָגען דעם אמת — איך וועל ניט געהן לעקען די פינגער פון אזא, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ ביסעל...

— אַ ביסעל וואָס?

— אַ ביסעל דאָס!...

— פעטער! איהר הערט, וואָס זי זאָגט? זי זאָגט אויף אייער חרוסת, אז ס'איז, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ ביסעל דאָס!...

ווער איז דאָ אים שטאַנד אָפּמאָהלען דעם פעטער יאָסי'ס געקנייטשט פאַרמעט־פּנים, מיט'ן פעטער יאָסי'ס נאַסע אויגען, מיט'ן פעטער יאָסי'ס אומגעלומפּערט שמייכעלע, וואָס האָט זיך אויסגעלעגט אויף זיינע האַלב־טוידטע ליפּען? ער האָט זיך עפּיס מאָדנע איינגעבויגען, געוואָרען מיט אַ מאָל קלענער, און אַ זאָג געטהאָן צו אַלעמען און צו קיינעם ניט, נאָר אין דער לופט אריין:

— אלה תולדות פערעוואריכע!...

מעהר האָט מען ניט בעדאַרפט. פערעוואַריכע, אז זי האָט דערהערט איהר אמת'ען נאָמען, האָט דאָס זי אזוי אויפגעטראָגען, אז זי האָט אָנגעהויבען שיטען פעך און שוועבעל, ניט נאָר אויף די קרובים, נאָר אפילו אויפ'ן פעטער יאָסי'ן אַליין. וואָס ס'איז איהר געקומען אויפ'ן מויל — דאָס האָט זי איהם געזאָגט. עס האָט ניט געהאָלפען פערערוועס אריינמישען זיך און פערערוועס צוהאַלטען זי פאַר די הענד:

— לאָז מיך! איך בין אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי איך האָב ליעב זאָגען דעם אמת! — האָט זי געשריגען און געריסען זיך

צום פעטער יאָסי'ן און האָט איהם אָנגערופען מיט א סך מאָדנע נעמען: „אָפּגאָט!" „גאָלדענער זאַק!" „קול שטרוי!" „ציעגענע ביבקע!" „אַלטער תרח!" „אויסגענייהטע יאמפּערקע!" „חרוסת־פאַבריקאַנט!"...

איך וויים ניט, וועלכער פון די דאָזיגע שונד־נעמען האָט אויף איהם אממעהרסטען געווירקט, נאָר דעם פּעטער יאָסי'ן איז מיט א מאָל געוואָרען שטאַרק שלעכט און ער האָט זיך פערהוסט אויף א גאַנצער שעה — די „זאַדישקע" האָט זיך אין איהם צע־שפּיעלט מיט סכנת־נפשות. מען איז געלאָפען און מע האָט גע־בראַכט דעם דאָקטאָר און מע האָט געטהאָן וואָס מע האָט געקאָנט. נאָר ס'איז געווען אַרויסגעוואָרפען: דעם זעלבען אויפדערנאַכט, פונקט צום אנדערען סדר, האָט דער פּעטער יאָסי אָפּגעגעבען גאָט די נשמה.

## עפּילאָג.

תכף נאָך פּסח האָבען זיך צונויפגעקלויבען ביי'ם פּעטער יאָסי אין שטוב אַלע זיינע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, און מע האָט איבערגעלייענט די צוואה, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער פּעטער יאָסי (זאָל ער מיר מוחל זיין אויף יענער וועלט!) האָט זיי אַלע געפּיהרט אין באָד אַריין. זיין גאַנץ עשירות, אַז מע האָט דאָס איינגעטיילט צווישען אַלע קרובים, האָט זיך אָנגענומען אַרום און אַרום בסך־הכל עטוואָס מעהר, ווי א הונדערטער אויף א פּאַרשוין. ווער עס האָט נישט אָנגעקוקט יענע צייט אונזער העלד פערערוועין, דער האָט קיינמאָל אויף זיין לעבען קיין אמת'ען צער ניט געזעהען. א שענערען לעגט מען אין דער ערד אַריין. און פערעוואַריכע? — פערעוואַריכע האָט אויסגעלאָזט איהר גאַנץ ביטער הארץ מיט אַלע צרות אויף פערערוועין. עד היום נאָך פּיילט זי איהם און פּיעדעלט איהם אויף וואָס די וועלט שטעהט, און פערערוועע נעבאָך מוז דאָס שטילערהייד אַראָפּשלינגען. א ברירה האָט ער? ס'איז, זאָג איך אייך, א גאָטס רחמנות אויף דעם אידען!...

ליזא האָט ניט חתונה געהאַט פאַר מאַקסען, ווייל ער איז געפאַלען, ווי א סנאָב, אינ׳ם ערשטען גרויסען שטרייק נאָכ׳ן ער־שטען גרויסען שאָס... איז זי אין אַמעריקאַ. זי אַרבייט דאָרטען מיט איהרע צוויי יונגערע שוועסטערלעך אין א „שאָפּ“ און נעהט מיט זיי אויף אַלע „מיטינגען“. און חאָטש זי איז נאָך א „גרינע“ און ווערד פערשוואַרצט, ווי די אידען אין מצרים, פון דעסטוועגען, אַז איהר פרעגט זי, וואָס זי מאַכט, ענטפערט זי אייך, אַז זי איז „אָלרייט“ און האָפט נאָך אַלץ אויף דער גאָלדענער צייט... מיר וועלען זיך נאָך מיט איהר אַמאָל בעגעגענען. זי האָט אונז וואָס צו דערצעהלען... דערווייל ווינשען מיר אייך א גוטען, א פרייליכען, א כשר׳ען פסח.